STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00223

PIONERN UN BOYER

John Mill

Permanent preservation of this book was made possible by
Dr. Carol Spafford
in honor of
all of the non-Jews who died in the Holocaust helping others to live

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דזשאָן מילל

פּיאָנער און בויער

מעמואַרן

פאָרוואָרט פון פ. קורסקי

באַנד II

פאַרלאַג דער וועקער

175 איסט־בראָדוויי, ניו־יאָרק

1949

JOHN MILL

PIONEERS
and
BUILDERS

Volume II

Published by
"DER WECKER"
175 East Broadway
New York 2, N. Y.

Futuro Press, 476 Broadway, New York 13, N. Y.

200

Printed in U. S. A.

צווייטער באַנד

פּיאָנערן און בויער

אינהאַלט:

זייט

פאָרוואָרט פון פראַנץ קורסקי — — — — — — — — — — — — — — — XI

אין ווין. — דער ווינער אַנטיסעמיטיזם — — — — — — — — — — — — — 1

דער „בונד" לעבט, דער „בונד" וועט לעבן! די גרינדונג פון אויסלענדישן קאָמיטעט — 6

די עוואָלוציע פון אויסלענדישן קאָמיטעט. — זיינע באַציאונגען צום צענטראַל־קאָמיטעט — 10

טאַראַס. — — דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון בונד. — זעלדאָוו — — — 15

די אידישע סטודענטן אין אויסלאַנד. — נייע צייטן, נייע לידער — — — 19

די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן אין אויסלאַנד. — מחלוקת צווישן די „יונגע" און די „אַלטע". — די ראָלע פון „בונד" אין דער מחלוקת — — — — — 25

ווי אַזוי עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן דער „טראַנספּאָרט". — בוכהאָלץ. — „דער קאָמוניסטישער מאַניפעסט". — דער „אידישער אַרבעטער" דער־שיינט ווידער — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 30

ציוניזם אָדער סאָציאַליזם? — זשיטלאָווסקי און דער „בונד" — — — — — 35

בערלין. — די רוסישע און אידישע קאָלאָניעס. — טיפּן און כאַראַקטערן — 42

טאַראַס אין בערלין. — די אַנשטייאונג פון די „לעצטע נאַכריכטן". — גרינדונג פון בונדישן אַרכיוו — — — — — — — — — — — — — — 47

דער טומל אַרום דעם „נאַציאָנאַליזם" פון אויסלענדישן קאָמיטעט — — — 51

איך פאָר קיין קאָוונע — — — — — — — — — — — — — — — — — 57

דער דריטער צוזאַמענפאָר. — מאַקסים קלעוואַנסקי. — שמאי וויסנבלום. — רחמיאל ווײַנשטיין. — פינאַי ראָזענטאַל — — — — — — — — — — 61

די נאַציאָנאַלע פראַגע אויפן דריטן צוזאַמענפאָר — — — — — — — — — 66

דער וועג צוריק קיין בערלין — — — — — — — — — — — — — — 68

אַ טור —האַללע, קאַרלסרוע, בערן — — — — — — — — — — — — 71

זייט

דער פּראָוואָקאַטאָר אַזעף — — — — — — — — — — — — — — — — — 74

די עוואָלוציע פון נאַציאָנאַלן געדאַנק — — — — — — — — — — — — 80

דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס אין פּאַריז. — די דרייפוס־
געשיכטע. — געד און זשאָרעס. — די בונדישע דעלעגאַציע — — — 86

נח פּאָרטנאָי און זיין אַלזייטיקע השפּעה. — זאַסלאַווסקי. — לענין און
זיינע פריינט אין אויסלאַנד. — דער קאַמף קעגן דער „ראַבאָטשעיע
דיעלאָ“. — דעם „בונד'ס“ שטעלונג — — — — — — — — — — — 99

„איסקראַ“ קעמפט פאַר העגעמאָניע — — — — — — — — — — — — 104

„מאַקסימאַלע אומפאַרשעמטקייט“. — לענין בייזערט זיך — — — — — — 107

די צעשיידונג. — מאַרטאָוו אין פיינטלעכן לאַגער. — אַקימאָוו'ס רעדע — — 113

דער גט מיט דער פּאַרטיי. — צוויי פּאַרטייען אין די ראַמען פון איין פּאַרטיי:
מענשעוויקעס און באָלשעוויקעס — — — — — — — — — — — — — 119

די אידישע „אומאָפּהענגיקע“ אַרבעטער־פּאַרטיי“. — מאַניאַ ווילבושעוויטש.
טעראָריסטישע טענדענצן — — — — — — — — — — — — — — 125

פּאָגראָמען און זעלבסטשוץ. — מיר שטעלן צו געווער — — — — — — 129

קאַרל קאַוטסקי און די אידן־פראַגע. — זיין פריינטשאַפט צום „בונד“ — — 133

קראָקע. — דזיערזשינסקי. — לודוויג קולטשיצקי. — סינאַי. — קובאַ
פירסטענבערג־האַנעצקי. — איגנאַץ דאַשינסקי — — — — — — — — 143

אַ זעלבסטשטענדיקע אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי אין גאַליציע — 148

דער רעוואָלוציאָנערער אויפקום — — — — — — — — — — — — — 156

אַמסטערדאַם. — דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס. —
דער קאַמף פאַר אָרטאָדאָקסאַלן מאַרקסיזם — — — — — — — — — 160

דער אויסלענדישער קאָמיטעט אין דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע — — 169

ווינאָקור און קאַיגען. — מעדעם און גראָסער — — — — — — — — — 173

ביי דער אַרבעט אין אויסלענדישן קאָמיטעט — — — — — — — — — — 178

אַן אָרעם לעבן — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 187

הענריק ערליך, אסתר ריסקינד, ליעסין — — — — — — — — — — — 190

דער פּראָוואָקאַטאָר „פּאַוועל פּאָלסקי“ — — — — — — — — — — — 197

אַ מאָדנער צוזאַמענפאַר. — דובנאָוו און דער „בונד“. — מעדעם און די
ציוניסטן — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 201

אויפן וועג צו אייניקייט — — — — — — — — — — — — — — — 206

די סטאָקהאָלמער באַשלוסן — — — — — — — — — — — — — — 211

זייט

לעמבערג. — וולאַדעק. — ציוניסטן בייזערן זיך — 214

די „לעגאַליזירונג" פון דער אַרבעט — 220

בונדישע טרייד־יוניאָנס — 224

דער חורבן נאָך דער מפלה — 227

די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי (פּ.פּ.ס.) שפּאַלט זיך — 230

דער „בונד" בלייבט גאַנץ — 234

ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה — 239

פּוילישער אַנטיסעמיטיזם, רוסישער „אַסעמיטיזם" — 242

די פּוילישע סאָציאַליסטן אויף אַ פאַלשן וועג — 248

זשאַרעס דערמאָרדעט — 254

געצוואונגענער אויפהאַלט אין ווישי — 257

זשענעווע אין דער צייט פון מלחמה — 261

דער קריזיס אין צווייטן אינטערנאַציאָנאַל. — צימערוואַלד. — 265

דער „בונד" פאַר רעוואָלוציאָנערן קלאַסן־קאַמף און אינטערנאַציאָנאַליזם. — פאַלשע באַשולדיקונגען — 269

אין דער איבערגאַנג־צייט — 272

„דער גורל דרייט זיך ווי אַ ראָד"... איך פאָר קיין אַמעריקע. — אַ ירושה — 275

עפּילאָג — 280

זוכצעטל פון נעמען — 285

פאָטאָגראַפיעס:

זייט

וולאַדימיר מעדעם — 289

מאַרק ליבער — 289

בראָניסלאַוו גראָסער — 290

ר. אַבראַמאָוויטש (פאָטגראַפירט אין 1903) — 290

פּאַוועל אַקסעלראָד — 291

געאָרגי פּלעכאַנאָוו — 292

ווערא זאַסוליטש — 292

עדואַרד בערנשטיין — 293

קאַרל קאַוטסקי — 294

סאַראַ קאַסוואָן — 295

מאַרקוס קאַסוואָן — 295

דר. ק. איינאייגלער — 295

סינאַי — 295

פּראָפ. ליבמאַן הערש — 296

אַלבערט לוריע, אַנאַ און פּאַוועל ראָזענטאַל, טאַראַס (פאָטאָגראַפירט 1906 אין בערן בשעת דער 7טער קאָנפערענץ) — 296

אסתר ריסקינד, זאַקהיים (אומגעקומען אין ביאַליסטאָק) — 297

פראַניאַ גראַבעלסקאַ — 297

ב. וולאַדעק — 298

הענריק ערליך — 299

וויקטאָר אַלטער — 299

דזשאַן מילל און זיין פרוי אויף דער עלטער — 299

פאָרוואָרט

דער צווייטער באַנד „פּיאָנערן און בויער" נעמט אַרום די יאָרן 1898 ביז 1917. דער מחבר שילדערט אונדז אין דעם באַנד דעם גערוואַלטיקן פּאַרנעם פון דער באַוועגונג ערב דעם שטורעם־יאָר 1905, דעם באַרג־אַראָפּ פון דער באַוועגונג אין די יאָרן 1908 ביז 1911 און די פאַרשטאַרקונג פון דער באַוועגונג, וואָס הויבט זיך אָן אין 1912 און דערגייט ביז צום אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אויגוסט 1914.

האַלב־פאַרגעסענע איבערלעבונגען פרישן זיך אויף אין אונדזער זכרון ביים לייענען דאָס בוך. מיר לעבן איבער פון דאָסניי די פרייד פון מאַנכע דערגרייכונגען, דעם ווייטיק פון מאַנכן דורכפאַל. ביי אונדז פון עלטערן דור וואָלט דער גרעסטער טריאומף פון דער סאָציאַליסטי־שער באַוועגונג ניט געקאָנט איינשטילן דעם ווייטיק וועגן די לעבנס, וואָס דער קאַמף האָט געקאָסט. וויפיל וואונדערבאַרע לעבנס זיינען אין אונדזערע רייען פאַרשניטן געוואָרן אין ערשטן אויפבלי פון זייער יוגנט! צווישן די שורות פון מאַנכן בלאַט באַווייזן זיך אונדז אויף אַ רגע אומפאַרגעסלעכע געשטאַלטן, וואָס האָבן שענער און ליכטיקער געמאַכט אונדזער לעבן און פון אונדז אויף אייביק אַוועק . . . פון בלאַט צו בלאַט פאַרשטאַרקט זיך דאָס געפיל פון דאַנקבאַרקייט צום מחבר, וואָס האָט פאַראייביקט אין זיינע זכרונות אַ לעגענדאַרע באַוועגונג, וועלכע איז פאַר דריי דורות סאָציאַליסטישע קעמפער געווען דער זין און דער אינהאַלט פון זייער לעבן.

* * *

מיר לעבן איבער, ביים לייענען, צווישן אַנדערעס, די לעגאַליזי־רונג פון דער בונדישער פּרעסע און פון די בונדישע ביכער־פאַרלאַגן, סוף 1905, ווי איינע פון די דערגרייכונגען פון „קאָנסטיטוציאָנעלן" רעזשים, און די לעגאַליזירונג פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג—

פאָרוואָרט

בשעת די פּאַרטיי גופא בלייבט ווייטער פונקט אַזוי אומלעגאַל, ווי פאַר דער „קאָנסטיטוציע“. די טוערס פון דער פּאַרטיי, וואָס האָבן זיך אין די פריערדיקע יאָרן געהאַט גרינטלעך באַקאַנט מיט די צאַרישע טורמעס און מיט די קאַטאָרזשנע קאַזעמאַטן און פּאַרשי־קונגס־ערטער אין סיביר, ווערן ווייטער אַרעסטירט, זיי קומען אָבער, אמת, אָפּ מיט לייכטערע שטראָפן: אַרויסשיקונגען אין אויסלאַנד אנשטאָט, ווי פריער, פאַרשיקונגען אין סיביר.

די אַרעסטן פון די טוערס פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און די רדיפות קעגן די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס שטייען אין אַ שרייענ־דיקער סתירה צו דער פרייהייט פון דער אַרבעטער פּרעסע. הגם גערודפט דורך קאָנפיסקאַציעס, געלט־שטראָפן און פּראָצעסן, איז די פּרעסע פאַרט אין אַ גאַנץ גרויסער מאָס פריי. די בונדישע טעג־לעכע ציַיטונג (צוערשט „וועקער“, שפּעטער „פאָלקסצייטונג“, צו־לעצט „האָפנונג“) גייט אַרויס אין ווילנע פון דעצעמבער 1905 ביז הערבסט 1907 לעגאַל און פאַרשפּרייט זיך אָפן איבער גאַנץ רוס־לאַנד. די רעדאַקציע גופא פירט אָבער אַן אומלעגאַלע עקזיסטענץ; אירע זיצונגען האַלט זי אָפּ געהיים אויף פרעמדע קוואַרטירן און אייניקע פון אירע מיטאַרבעטער לעבן אויף פאַלשע נעמען.

די רעדאַקציע פון בונדישן רוסישן זשורנאַל („נאַשע סלאָוואָ“, שפּעטער „נאַשאַ טריבונאַ“) ציט זיך אַרויס פון דער טומלדיקער ווילנע און באַזעצט זיך שטרענג קאָנספּיראַטיוו אין קאָוונע. די מאַנוסקריפּטן ווערן געבראַכט אין ווילנע לויט אַלע כללים פון דער אַלטער קאָנ־ספּיראַציע, אָבער דער זשורנאַל, וואָס דרוקט די מאַנוסקריפּטן, גייט אַרויס לעגאַל און ווערט אַן שטערונגען פאַרשפּרייט.

* * *

דער מחבר פירט אונדז אַריין אין אויסקריסטאַליזירונגס־פּראָ־צעס פון דער בונדישער גייסטיקער פיזיאָנאָמיע. ער באַנוגנט זיך אָבער ניט דערמיט און ווייזט אונדז אויך די עטאַפּן, וואָס די רוס־לענדער סאָצ.־דעמ. פּאַרטיי און אויך די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָבן דורכגעמאַכט אין זייער היסטאָרישער אַנטוויקלונג.

ער גיט אונדז אייניקע ידיעות וועגן דעם צווייטן בונדישן צו־

פאַרוואָרט

זאַמענפאַר (קאָוונע, סעפּטעמבער 1898), וואָס איז צונויפגערופן געוואָרן צוויי חדשים נאָך דעם מוראדיקן חורבן, וועלכן דער בונד האָט געליטן פון די מאַסן־אַרעסטן סוף יולי 1898. ער גיט אונדז אַ באַריכט וועגן דעם דריטן צוזאַמענפאַר (קאָוונע, סוף דעצעמבער 1899), צו וועלכן ער איז געקומען אומלעגאַל פון בערלין אַלס דעלעגאַט פון אויסלענדישן קאָמיטעט, און גיט אונדז איבער זיינע איינדרוקן פון פינפטן, זעקסטן און זיבעטן צוזאַמענפאַר, וועלכע זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין אויסלאַנד.

בעמענדיק אין אַכט די באַזונדערס וויכטיקע ראָלע, וואָס די צוזאַמענפאָרן האָבן געשפּילט אין לעבן פון „בונד", האַלטן מיר פאַר נויטיק זיך אויף דעם דאָ אָפּצושטעלן. מיר גלויבן אויך, אַז עס וועט אפשר ניט איבעריק זיין זיך דאָ צו טיילן מיט אייניקע זכרונות וועגן 5טן צוזאַמענפאַר, דעם ערשטן, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין אויסלאַנד, צו וועלכן דער שרייבער פון די שורות איז געקומען ווי איינער פון די דעלעגאַטן פון רוסלאַנד.

עס מוז דערמאָנט ווערן, אַז די ערשטע פיר בונדישע צוזאַמענפאָרן זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן געהיים אין רוסלאַנד און דורכגעפירט געוואָרן בשלום אָן אַרעסטן (1897 אין ווילנע, 1898 און 1899 אין קאָוונע, 1901 אין ביאַליסטאָק). אויך דער 5טער צוזאַמענפאָר (יוני 1903) האָט געזאָלט אָפּגעהאַלטן ווערן אין רוסלאַנד. צו דעם צוועק זיינען שוין איינגעאָרדנט געווען אין בערדיטשעוו און אין דווינסק פּאַסנדיקע קוואַרטירן און אַנגעמערקט געווען, ווי ווייט איך געדענק, אויך אַ קוואַרטיר אין וויטעבסק. אין לעצטן מאָמענט האָט דער צ. ק. געדאַרפט אויסקלייבן איינע פון די אַנגעמערקטע שטעט.

די קוואַרטיר אין בערדיטשעוו האָט געהאַט איינגעאָרדנט יונה קאַיגען, וועלכער האָט נאָך זיין צוריקקומען פון סיביר (סוף 1901) אַ געוויסע צייט געלעבט אין גראָדנע און נאָכדעם זיך באַזעצט לעגאַל אין בערדיטשעוו. לויט זיין „אַמט" איז יונה געווען אַן „אַגענט" פון צ. ק. און זיין אויפגאַבע איז געווען צו העלפן אין דער אַרבעט די, צו יענער צייט נאָך פאַרהעלטניסמעסיק יונגע, בונדישע אָרגאַניזאַציעס

פאָרוואָרט

אי דרום־רוסלאַנד (אַלס מיטגליד פון צ. ק. איז ער קאָאָפּטירט געוואָרן ערשט אין נאָוועמבער 1903). אויף יונה׳ן, אויף זיין פּראַקטישקייט און גראַדן שכל, האָט מען זיך געמעגט רואיק פאַרלאָזן. פונדעסטוועגן האָט אַ פיר־פינף וואָכן פאַרן באַשטימטן טערמין פון צוזאַמענפאָר דער שרייבער פון די שורות, אויף אַ באַראַטונג ביים צ.ק. אין וואַרשע, באַקומען דעם אויפטראַג זיך צו באַקאַנען מיט דער בערדיטשעווער קוואַרטיר, מיט די גאַסן אַרום דעם הויז, מיטן הויף.
א. ד. גל.

דאָס הויז, אַרום וועלכן איך האָב צוויי טעג שפּעטער אַרומשפּאַצירט מיט יונה׳ן, איז מיר זייער געפעלן. עס איז געשטאַנען אויפן ראָג פון צוויי טומלדיקע גאַסן, געמויערט, צוויי עטאַזשן מיט בוידעם־שטיבלעך. אונטן — אין פראָנט פוןביידע גאַסן — קראָמען, אַ שענק, ווידער קראָמען און קאָנטאָרן. אויפן צווייטן עטאַזש — קוואַרטירן און קוואַרטירלעך, אַ געזשום און אַ לייכטע קלאַפעריי פון מאַשינען (אַ שטאַרקערע קלאַפעריי וואָלט אין דעם פאַל אפשר בעסער געווען . . .) אין הויף ביישטיבלעך, שפּייכלערס און שטאַלן; איין עק הויף אַרומגעצאמט און פאַרנומען מיט פערד, וועגענער, בוידן און בריטשקעס. און פון הויף אין גאַס אַרויס און פון גאַס אין הויף אַריין (3 אָדער 4 דורכגענג!) ציען זיך גרופּקעס אידן און אידענעס, פאַרטאָן אין מסחר — אַ הונדערט־פראָצענטיק אידישער עולם. אַזעלכע הויפן זיינען געווען אויך אין וואַרשע, אויף נאַלעווקעס, גרעסערע, די הייזער העכערע, די קראָמען רייכערע, אָבער דער טומל איז דאָרטן ניט געווען צו דערטראָגן. בערדיטשעוו האָט אומזיסט געהאַט אויף דער וועלט אַ שלעכטן נאָמען. דער עולם, וואָס איך האָב אָבסערווירט (ניט צום ערשטן מאָל אין בערדיטשעוו), איז מיר געווען זייער סימפּאַטיש. און אפשר האָט אַ טייל פון דער סימפּאַטיע דאָס מאָל געדאַרפט געשטעלט ווערן אויפן חשבון פון מיין גרויסער צופרידנקייט מיט יונה׳ס אויסוואַל . . .

ווען איך האָב נאָך מיין צוריקקומען אין וואַרשע איבערגעגעבן נח׳ן מיינע בערדיטשעווער איינדרוקן, האָט ער, ווי זיין שטייגער איז געווען, מיך זייער אויפמערקזאַם און געדולדיק אויסגעהערט און צום

פּאָרוואָרט

סוף מיט אַ שטילן שמייכל באַמערקט, אַז דאָס אַלץ, וואָס איך האָב דערציילט, וועט מען דאַרפן האָבן אין זינען צום זעקסטן צוזאַמענפּאָר . . . צום פינפטן וועט מען זיך לײַדער מוזן לאָזן אין וועג קיין צוריק אין דער שיינער שווייץ. אָבער דורכאויס ניט ווייל דער אויסלענדישער קאָמיטעט האָט עס די גאַנצע צייט אַזוי שטורעמדיק געפּאָדערט, נאָר ווייל די אַרגומענטן, וואָס ער שטעלט אַרויס, זײַנען זייער איבערצייגנד.

דעם פאָרשלאָג אָפּצוהאַלטן דעם פינפטן צוזאַמענפּאָר אין אויסלאַנד האָט אַרקאַדי קרעמער אין אַן אויספירלעכן בריוו פון לאָנדאָן מאָטיווירט, ווי ווייט איך געדענק, אויף אַזאַ אופן: ס'איז טאַקע אמת, אַז אַלע ביז־איצטיקע צוזאַמענפאָרן זײַנען דורכגעפירט געוואָרן אין רוסלאַנד גופא בשלום. וואָס פאַר אַ זין האָט עס אָבער זיך ווייטער שפּילן מיט פייער, ווען מען קאָן עס אויסמײַדן? אויפן פערטן צוזאַמענפּאָר, אין אַפּריל 1901 אין ביאַליסטאָק, זײַנען געווען 24 דעלעגאַטן! אין די צוויי יאָר, וואָס זײַנען זינט דעם אַוועק, איז אונזער באַוועגונג זייער אויסגעוואַקסן. אויב עס זײַנען דאָ ביי אונז אַזעלכע, וואָס פּראָיעקטירן אַן אַנטשפּרעכנד גרעסערע צאָל דעלעגאַטן, דאַרף מען זיי וואָס גיכער אַרײַנגעבן אין אַ דול־הויז. אָבער אויך ווען די צאָל דעלעגאַטן זאָל בלײַבן ווי אין ביאַליסטאָק און אפילו פאַרקלענערט ווערן, מוז דאָך אָבער די צאָל מענטשן, וואָס וועלן אַרײַנגעצויגן ווערן אין די צוגרייטונגען צום צוזאַמענפּאָר, זיך איצט באַדייטנדיק פאַרגרעסערן, און דורך דעם ווערט אויך גרעסער די סכנה.

אין צווייטן טייל פון זײַן בריוו האָט אַרקאַדי קורץ דערמאָנט דעם טרויעריקן גורל פון דער רוסלענדער סאָציאַל דעמאָקראַטישער פּאַרטיי קאָנפערענץ, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן ביי אַ קליינער צאָל דעלעגאַטן אין מערץ 1902 אין ביאַליסטאָק. איך וועל וועגן יענער קאָנפערענץ איבערגעבן לויטן זכרון בלויז דאָס, וואָס האָט געמוזט פאַרשטאַרקן די אַרגומענטאַציע פון אויסלענדישן קאָמיטעט אָפּצוהאַלטן דעם פינפטן צוזאַמענפּאָר אין אויסלאַנד. אַרקאַדי האָט וועגן יענעם דורכפאַל זיך געקאָנט אין זײַן בריוו באַנוגענען מיט איין איינ־

פאָרוואָרט

ציקער שורה, ווארים אַלץ וואָס עס האָט דעמאָלט פּאַסירט, איז נאָך געווען ברענענדיק פריש אין זכרון.

פּראָיעקטירט איז לכתחילה געווען צונויפצורופן דעם 2טן צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדער סאָציאַל דעמאָקראַטישער פּאַרטיי (ר.ס.ד.א.פ.). פּונקט ווי עס האָט אין 1898 דער ערשטער צ. ק. פון „בונד" (קרעמער, קאַסאָווסקי, מוטניק) מיט דער צושטימונג פון די גרעסערע רוסישע סאָציאַל דעמאָקראַטישע קאָמיטעטן אָרגאַניזירט אין מינסק דעם גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פון דער ר.ס.ד.א.פּ., האָט אָנהויב 1902 דער נייער בונדישער צ. ק. *) מיט דער צושטימונג פון דער גרעסטער צאָל רוסישע ס"ד קאָמיטעטן געפּרואווט צונויפ־רופן אין ביאַליסטאָק דעם 2טן צוזאַמענפאָר פון דער ר.ס.ד.א.פ. אַזוי אָבער ווי די צאָל דעלעגאַטן, וואָס איז געקומען קיין ביאַליסטאָק צום באַשטימטן טערמין, איז געווען זייער קליין (אַרום 10), האָבן די דעלעגאַטן באַשלאָסן אָפּצוהאַלטן בלויז אַ קאָנפערענץ וועגן אייניקע אַקטועלע פראַגן און פאַרזעצן די באַמיאונגען וועגן 2טן צוזאַמענפאָר.

דער בונדישער צ. ק. האָט צום פּראָיעקטירטן צוזאַמענפאָר גע־האָט ספּעציעל געדונגען און אויסמעבלירט אַ פּאַסנדיקע קוואַרטיר. די באַלעבאַטישקייט אין דער קוואַרטיר האָט געפירט אַ יונג פּאָר פאָלק (אַלטער עפּשטיין און זיין פאַרשטאַרבענע פרוי), ביידע — פּאַסנדע מענטשן און געניט אין קאָנספּיראַטיווער אַרבעט. די קאָנפערענץ האָט רואיק געאַרבעט און דערפירט אירע זיצונגען ביז צום סוף. די דעלעגאַטן האָבן די גאַנצע צייט, טאָג און נאַכט, פאַרבראַכט אין דער צוגעגרייטער קוואַרטיר, דאָרטן אויך געשלאָפן און געגעסן. אָבער נאָך דער קאָנפערענץ, ווען די דעלעגאַטן זיינען זיך פונאַנ־דערגעפאָרן, זיינען זיי איינציקווייז אַרעסטירט געוואָרן — מאַנכע פאָרנדיק אין דער באַן, אייניקע ביים אָנקומען וואוהין זיי זיינען גע־פאָרן, איינער גלייך ווי ער האָט זיך באַוויזן אויפן ביאַליסטאָקער וואָקזאַל. פּיאָדאָר דאַן, דעלעגאַט פון דער „איסקראַ", איז אַרעסטירט

---

*) ער איז באַשטאַנען צו יענער צייט, ווי ווייט איך ווייס, בלויז פון פיר מיטגלידער: נח, פּאַוועל ראָזנטאַל, דושקאַן און זעלדאָוו.

פּאָרוואָרט

געוואָרן אויפן וואָקזאַל אין יאַראָסלאַוול, זעלדאָוו און ראַדטשענקא ביים אָנקומען אין פּעטערבורג, אַ. קאָגאַן נאָכן אָנקומען אין יעליסאַוועטגראַד, מישעל קאָגאַן אויפן ביאַליסטאָקער וואָקזאַל. באַלד נאָכדעם זיינען אַרעסטירט געוואָרן אין ביאַליסטאָק גופא פּאַוועל און אַנאַ ראָזנטאַל. געראַטעוועט, ווי דורך אַ נס, האָבן זיך בלויז אַרקאַדי און נח. שפּעטער האָט מען זיך דערוואוסט, אַז די אָכראַנע איז איינפאָרמירט געוואָרן וועגן דער קאָנפערענץ דורך איר אַן אַגענט, אַ פּראָוואָקאַטאָר, וואָס האָט געאַרבעט אין דער פּעטערסבורגער אָרגאַניזאַציע און געהאַט זיך אפילו דערוואוסט, אַז די קאָנפערענץ דאַרף פּאָרקומען אין ביאַליסטאָק. די אָכראַנע האָט, פאַרשטייט זיך, גלייך געשיקט אַהין אַ באַנדע געניטע שפּיאָנען. אַרויסגעפינען די קוואַרטיר, וואו די קאָנפערענץ קומט פאָר, איז זיי ניט געלונגען. אָבער שאַרף צוקוקנדיק זיך צו די פּאַסאַזשירן, וואָס זיינען אָפּגעפאָרן פון ביאַליסטאָקער וואָקזאַל, האָבן זיי אַרויסגעפונען צווישן זיי, וועמען זיי האָבן געזוכט. און דאָס איז פאַר אַ שפּיקישער אויג ניט שווער געווען, וואָרים די דעלעגאַטן זיינען געווען טוערס, וואָס זיינען שוין געווען אַרעסטירט, מאַנכע שוין צוריקגעקומענע פון פאַרשיקונג, און זייערע פאָטאָגראַפיעס האָבן זיך געפונען אין די אַלבאָמען פון דער אָכראַנע.

עס מוז דערצו באַמערקט ווערן, אַז די צאָל אומלעגאַלע טוערס אין דער סאָציאַל דעמאָקראַטישער באַוועגונג מיט אַ העכערן סטאַזש איז ביז 1902 נאָך ניט געווען איבעריק גרויס. סטודענטן און שילער אין קרייזלעך, אַרבעטער פון דער מאַסע אַריינגעצויגענע אין דער באַוועגונג, זיינען שוין געווען אין די טויזנטער. אָבער אָנפירנדיקע עלעמענטן (און נאָר אַזעלכע האָבן געקאָנט קומען אין באַטראַכט אַלס דעלעגאַטן צו אַ פּאַרטיי־קאָנפערענץ) האָבן צו יענער צייט אין דער סאָצ. דעמ. באַוועגונג געקאָנט זיין אין גאַנץ רוסלאַנד ניט מער ווי אַ 200. צו אַזאַ אויספיר זיינען געקומען איינציקע, וואָס האָבן געהאַט נאָך דער מערץ־רעוואָלוציע 1917 צוטריט צו די אַרכיוון פון דער אָכראַנע. אָבער שוין אין פאַרלויף פון 1902 און ווייטער איז די צאָל טוערס, אַן אַ גוזמא, פון טאָג צו טאָג געוואַקסן, ביז זי איז אין 1905 דערגאַנגען אין די טויזנטער.

פאָרוואָרט

* * *

אין דער געשילדעטער לאַגע האָט אונדזער צ. ק. נאָך אַ לאַנגן ישוב הדעת, ווי שוין דערמאָנט, באַשלאָסן אָפּצוהאַלטן דעם צוזאַ־מענפאָר אין אויסלאַנד — דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון „בונד". באַלד נאָכדעם ווי דער באַשלוס איז איבערגעגעבן געוואָרן צו די קאָמיטעטן אויף די ערטער, איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין ביאַליסטאָק, גראָדנע, ווילנע און דווינסק, און פאָרן אָפּפאָרן צום צוזאַמענפאָר — אין אָדעס, קישינעוו און בערדיטשעוו, און איך געדענק זייער גוט, וואָס פאַר אַן עגמת נפש דער באַשלוס האָט אַרויסגערופן ביי אַ גרויסן טייל דעלעגאַטן. עס איז געווען אונדזער שטאָלץ, וואָס אונדזער פרעסע דרוקן מיר אין אייגענע געהיימע דרוק־קערייען און וואָס דער „בונד" האָט שוין אָפּגעהאַלטן פיר צוזאַמענפאָרן און פינף קאָנפערענצן אין רוסלאַנד גופא (די פינפטע קאָנפערענץ — אין בערדיטשעוו אין אויגוסט 1902). מיר האָבן געוואוסט, אַז ביי אַלע אַנדערע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס אין רוסלאַנד און פוילן רופט דאָס אַרויס באַוואונדערונג. און מיט אַמאָל ברעכן די טראַדיציע! מיר האָבן געפילט ווי אין דעם פעסטן געוועב פון אונדזער געשיכטע וואָלט זיך עפּעס וואָס געגעבן אַ ריס . . . און זאָל מען ניט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט דעם עלעמענט פון פּרעסטיזש אין לעבן פון אַ יונגער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע! ווער עס פאַרשטייט דאָס ניט, איז קיינמאָל ניט יונג געווען, און מיר זיינען דעמאָלט אַלע געווען יונג.

קיינער האָט ניט געלייקנט, אַז ס'איז דאָ אַ גאַנץשטאַרקע לאָגיק אין דעם באַשלוס, דאָס האָט אָבער דעם עגמת נפש ניט פאַרמינערט. דערביי האָט זיך נאָך אַרויסגעוויזן, אַז מערערע דעלעגאַטן האָבן אַ ספּעציעלן מאָטיוו קעגן אויסלאַנד. דאָס דאַרף פאַרצייכנט ווערן, און דאָס פאַרמינערט דורכאויס ניט די געוואַלטיקע באַדייטונג, וואָס דער אויסלענדישער קאָמיטעט האָט געהאַט אין לעבן פון „בונד". אָט וועגן וואָס עס האָט זיך געהאַנדלט:

די צוויי וויכטיקסטע פונקטן, וואָס זיינען געשטאַנען אין סדר־היום פון צוזאַמענפאָר, זיינען געווען: 1) די נאַציאָנאַלע פּראָגראַם

פאָרוואָרט

פון „בונד״ (מעגלעך, אַז דער פּונקט איז אָפיציעל אָנגערופן געוואָרן עטוואָס אַנדערש; געהאַנדלט האָט עס זיך יעדנפאַלס וועגן דער נאַציאָנאַלער פּראָגראַם. — איך האָב ניט אונטער דער האַנט די נויטיקע מאַטעריאַלן); 2) דער אָרט, וואָס דער „בונד״ דאַרף פאַרנעמען אין דער ר.ס.ד.א.פּ. — ביי דער גרעסטער אַנערקענונג פון דער אַרבעט פון אויסלענדישן קאָמיטעט האָבן מערערע דעלעגאַטן געהאַלטן, אַז אין זיין פּאָלעמיק קעגן דער „איסקראַ״ אַרום דער נאַציאָנאַלער פראַגע טרייבט ער אַביסל איבער די מאָס און אַז די העפטיקייט פון דער פּאָלעמיק קאָן פאַרשאַרפן די קעגנזייטיקע באַציאונגען. אַזאַ שטימונג איז געווען, ווי ווייט איך געדענק, כמעט ביי אַלע דעלעגאַטן פון דרום־רוסלאַנד, און זיי האָט באַאומרואיקט דער אומשטאַנד, וואָס אויף אַ צוזאַמענפאָר אין אויסלאַנד וועט דער אויסלענדישער קאָמיטעט*) האָבן אַ גרעסערן איינפלוס, ווי זיין אַ דעלעגאַט וואָלט געקאָנט האָבן אויף אַ צוזאַמענפאָר אין רוסלאַנד. לויט די סטאַטוטן האָבן אַלע מיטגלידער פון אויסלענדישן קאָמיטעט געהאַט דאָס רעכט זיך צו באַטייליקן אין אַ צוזאַמענפאָר (בנוגע שטימרעכט פלעגט יעדעס מאָל זיין אַ ספּעציעלער באַשלוס); קיין רוסלאַנד וואָלט דער אויסלענדישער קאָמיטעט געשיקט בלויז איין דעלעגאַט; צום פערטן צוזאַמענפאָר האָט ער אין גאַנצן קיין דעלעגאַט ניט געשיקט.

די שאַרפקייט פון דער קעגנזייטיקער פּאָלעמיק אויף די שפאַלטן פון די אויסלענדישע אויסגאַבן איז געווען אַ ספּעציפישער פּראָדוקט פון דער אַטמאָספערע, וואָס האָט געהערשט אין אויסלאַנד ביי אַלע פּאַרטייען, גרופּעס און ריכטונגען; זי איז אגב געווען אַן אַלטע טראַדיציע אין די עמיגראַנטישע אויסגאַבעס. אפילו אַזאַ גרויסע פיגור ווי פּלעכאַנאָוו פלעגט אין זיין אַ פּאָלעמיק אָפּטמאָל דערגיין צו פּשוט'ע זידלעריי. אין דער הינזיכט איז קיין גרונט ניט געווען אומצופרידן צו זיין מיט די אויסגאַבעס פון אויסלענדישן קאָמיטעט.

---

*) ער איז באַשטאַנען צו יענער צייט פון אַרקאַדי קרעמער, קאָסאָווסקי, דזשאַן מילל, קאפּעלזאָן און מוטניק; מעדעם איז קאָאָפּטירט געוואָרן שפּעטער.

פאָרוואָרט

אָבער אין רוסלאַנד, וואו די דעלעגאַטן זיינען געשטאַנען ביי דער אַרבעט, האָט בכלל געהערשט אַ גאַנץ אַנדער אַטמאָספערע. די אָנהענגער פון „איסקראַ" אין ראַיאָן פון „בונד" האָבן צו יענער צייט מיט אידישע אַרבעטער כמעט קיין פאַרבינדונג ניט געהאַט. זייער אַרבעט אין אונדזער ראַיאָן הויבט זיך אָן ערשט סוף 1903, נאָכדעם ווי דער „בונד" האָט זיך צעשיידט מיט דער ר.ס.ד.א.פּ. אגב די אָפיציעלע באַפולמעכטיקטע פון „איסקראַ" אין אונזערע גרעסערע פונקטן זיינען געווען אונזערע אַלטע גוטע פריינט — לעאָן גאָלדמאַן, איינער פון די גרינדער פון „בונד", שפּעטער אַ פאַנאַטישער קעגנער פון בונדישן „נאַציאָנאַליזם" (דאָס איז ביי זיי אַלעמען געווען אַן אמת'ער פּסיכאָז); דער ווילנער אַראָן סאָלץ; גאָדלעווסקי — אַ שול-חבר פון בח'ן אין ווילנער לערער-אינסטיטוט; סערגעי צעדערבוים, מאַרטאָוו'ס אַ אינגערער ברודער — אַלץ גוטע פריינט, מיט אינטימע פעדים פאַרבונדן מיט אונדזערע ווילנער עלטערע חברים. די דעמאַ-גאָגישע פּאָלעמיק פון דער „איסקראַ" קעגן „בונד" איז מאַנכע פון זיי גאָרניט געווען אַזוי צום האַרצן.

דער ערשטער, וואָס איז אַוועק סוף 1903 פון שטאָט צו שטאָט מיט אַ סעריע רעפעראַטן און מיט אַן אמת'ער דעמאַגאָגישער העצע קעגן „בונד", איז געווען ברוך סטאָלפּנער — מיט דריי יאָר פריער אַ בונדיסט, נאָך פריער אַ חובב ציון, און מיט זעקס יאָר שפּעטער אַ רעליגיעזער סאָציאַליסט. און דער אומזיניקסטער אַרטיקל, וואָס איז אין יענער צייט געדרוקט געוואָרן קעגן „בונד" (אין זשורנאַל „זאַ-ריאַ", וואָס האָט געהאַט אַ געמיינזאַמע רעדאַקציע מיט דער „איסקראַ"), שטאַמט אויך פון אַ געוועזענעם בונדיסט, פון אַ געוויסן דאַווידזאָן (פּסעוד. ק. ק.). דאַווידזאָן שרייבט, אַז די נאַציאָנאַל-קולטורעלע אַוטאָנאָמיע, וואָס דער „בונד" פאָדערט, איז בכלל אַן אומזין, ווארים קולטור פאַר די אידישע מאַסן אין רוסלאַנד קאָן זיין נאָר רוסישע קולטור.

* * *

מיר מוזן זיך אָבער אומקערן צום פינפטן צוזאַמענפאָר.

ווען די דעלעגאַטן זיינען זיך צונויפגעפאָרן אין צוריך (אגב

פ אָ ר װ אָ ר ט

איינע פון די צוריכער יאַוקעס וואָס מיר האָבן געהאַט, איז געווען צו אַ סטודענט „דימענט", אַ חבר פון ריגע; דאָס איז געווען דער שפּע־טערדיקער אַבראַמאָוויטש), איז ביי אונז פאָרגעקומען אַ פּריוואַטע באַ־ראַטונג, אַ טאָג פריער איידער עס האָט זיך געדאַרפט עפענען דער צוזאַמענפאָר. צו דער באַראַטונג איז געקומען פון אויסלענדישן קאָ־מיטעט בלויז איינער — קאַפּלזאָן. ער האָט ניט געהאַט ניט די ערנסט־קייט און ניט דעם פּרעסטיזש פון אַרקאַדי קרעמער, אָבער, ווי אַלע אַנדערע מיטגלידער פון קאָמיטעט, געהאַט אַ סך מעלות. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ געוויסן דיפּלאָמאַטישן טאַלאַנט און איז געווען דער איינציקער אין דער קאָלעגיע, וואָס האָט פאַרמאָגט אַביסל הומאָר. זיינע טאַלאַנטן האָט ער מיט אַ פּאָר יאָר פריער געהאַט אַרויסגעוויזן אין אַ סיכסוך מיט טישקאַ־יאָגיכעס. טישקאַ איז גע־ווען אַ האַרטער יונג, און ס'האָט געהייסן, אַז ס'איז אוממעגלעך מיט אים דורכצוקומען, און קאַפּלזאָן האָט זיין דיפּלאָמאַטישע שפּיל אַזוי דורכגעפירט, אַז טישקאַ האָט אים נאָכגעגעבן — אפשר דאָס איינ־ציקע מאָל, ווען טישקאַ האָט וועמען עס איז נאָכגעגעבן.

ביי אונדז איז אָבער קאַפּלזאָן, ליידער, דורכגעפאַלן. זיין פּלאַן איז געווען, אַז אויסער די מיטגלידער פון אויסלענדישן קאָמיטעט, וואָס זיי האָבן לויט די סטאַטוטן דאָס רעכט זיך צו באַטייליקן אין צוזאַמענפאָר, זאָלן איינגעלאַדן ווערן ווי געסט אייניקע חברים פון אינגערן דור, וואָס געפינען זיך אין דער שווייץ. אַנגעהויבן האָט ער מיט אַ קאָנקרעטן פאָרשלאָג: עס שטייט אין טאָג־אָרדנונג די נאַ־ציאָנאַלע פּראָגראַם פון „בונד". מיר האָבן אין דער שווייץ אַ יונגן חבר, וואָס גיט זיך ספּעציעל אָפּ מיט שטודירן די נאַציאָנאַלע פּראַגע. ער האָט נאָך מיט אַ צייט צוריק אָנגעשריבן אויף דער טעמע אַ זייער אינטערעסאַנטע בראָשורע, וואָס מיר וועלן אַרויסגעבן. ער איז בכלל זייער באַהאַווינט אין דער פראַגע. איך גלויב, אַז פאַרן צוזאַמענפאָר קאָן זיין אינטערעסאַנט אים אויסצוהערן; פאַר אים גופא וואָלט געווען זייער וויכטיק צו זיין אויפן צוזאַמענפאָר. זיין נאָמען איז מעדעם. בכלל, וויבאַלד אין אויסלאַנד — צו וואָס זיך פאַרשליסן? פאַראַן נאָך חברים . . .

פאָרוואָרט

דער עולם שווייגט. די אויפנאַמע איז זייער קאַלט. אַ דעלעגאַט (איך גלויב, שניאורסאָן) מאַכט עפּעס אַ באַמערקונג, פון וועלכער עס ווערט נאָך קעלטער. באַריס פרומקין, וואָס האָט געקאַנט מעדעמען פון מינסק און אַ געוויסע צייט מיט אים דאָרטן צוזאַמען געאַרבעט, מאַכט מיט אַ גוטער כוונה אַ קאָמפּראָמיס־פאָרשלאַג: איינלאַדן מעדעמען מיט באַראַטונגס־רעכט צו דער זיצונג, אויף וועלכער עס וועט באַהאַנדלט ווערן די נאַציאָנאַלע פראַגע. צו דעם גיט ווער צו: „בלויז צו דער זיצונג"... קאַפּעלזאָן זעט, אַז מער וועט ער ניט דערגרייכן, און מאַכט ניט קיין ווייטערע פאָרשלאַגן.

צום פונקט „נאַציאָנאַלע פראַגע" איז מעדעם געקומען און גלייך באַקומען אַ וואָרט אַלס אַריינפיר אין דער דיסקוסיע. ער האָט בלויז איבערגעלייענט אַ מאַנוסקריפּט, אַ „זאַפּיסקע" צו דער פראַגע. זיין „זאַפּיסקע" איז געווען צו „אַקאַדעמיש" און צו טרוקן און האָט קיין באַזונדערן איינדרוק ניט געמאַכט. בכלל איז די דיסקוסיע אַרום דער פראַגע געווען זייער כאַאָטיש. געווען צוויי טענדענצן: איינע — עטוואָס אָפּשוואַכן די באַקאַנטע רעזאָלוציע פון 4טן צוזאַמענפאָר; אַ צווייטע — לאָזן די רעזאָלוציע אַזוי ווי זי איז. ביי דער אָפּשטימונג האָט זיך דער צוזאַמענפאָר צעטיילט אויף צוויי גלייכע טיילן. איז באַשלאָסן געוואָרן אַראָפּצונעמען די פראַגע פון טאָגאָרדנונג און די פּראָטאָקאָלן וועגן דער דיסקוסיע, וואָס איז געפירט געוואָרן אַרום דער פראַגע, ניט אַרייננעמען אין באַריכט.

מיט 25 יאָר שפּעטער האָב איך דעם באַטרעפנדיקן טייל פון די פּראָטאָקאָלן אָפּגעדרוקט אין זשורנאַל „אונדזער צייט", וואָס דער צ. ק. פון פּוילישן בונד האָט צו יענער צייט אַרויסגעגעבן אין וואַרשע.

דער באַשלוס וועגן דעם אָרט פון „בונד" אין דער ר. ס. ד. א. פּ. איז אָנגענומען געוואָרן אָן וועלכע ניט איז ספקות און מיט פולער איינשטימיקייט. אָט די אַנטשלאָסענע איינשטימיקייט פון צוזאַמענפאָר אין דער פראַגע האָט דער בונדישער דעלעגאַציע אויפן צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער ר.ס.ד.א.פּ. געגעבן דאָס רעכט צו מעלדן — נאָכדעם ווי אַלע פאָרשלאָגן פון דער בונדישער דעלעגאַציע זיינען אָפּגעוואָרפן געוואָרן, — אַז דער „בונד" טרעט אַרויס פון דער פּאַרטיי,

פֿאָרוואָרט

און ניט, ווי מאַנכע רוסישע דעלעגאַטן האָבן דערוואַרט — אַז די בונדישע דעלעגאַציע פֿאַרלאָזט דעם צוזאַמענפֿאָר און אַז אַן ענטגילטיקן באַשלוס וועט אָנגענומען אַ ספּעציעלער צוזאַמענפֿאָר פֿון „בונד".

אין די דעבאַטן אַרום דער פֿראַגע אויף אונזער פֿינפֿטן צוזאַמענפֿאָר איז פֿאַרשוואונדן די לעצטע שפּור פֿון וועלכע ניט איז מיינונגסדיפֿערענצן צווישן די געקומענע דעלעגאַטן און דעם אויסלענדישן קאָמיטעט.

מעדעם, וועלכער איז איינגעלאַדן געוואָרן צו בלייבן ווי אַ גאַסט אויפֿן צוזאַמענפֿאָר ביז צום סוף, האָט אין די שפּעטערדיקע יאָרן איינינקע מאָל געשריבן וועגן בונדישן פּאַטריאָטיזם, וועגן דער צוגעבונדנקייט צו דער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט שטענדיק געהערשט ביי אונדז. איך גלויב, אַז יענעם ענטוזיאַסטישן פּאַטריאָטיזם, וואָס ער האָט געהאַט אין זינען, האָט ער איבערגעלעבט צום ערשטן מאָל אויפֿן פֿינפֿטן צוזאַמענפֿאָר.

* * *

מיר וועלן דאָ אויסנוצן די געלעגנהייט און פֿאַרצייכענען די ווייטערדיקע קאָנפֿערענצן און צוזאַמענפֿאָרן פֿון „בונד" ביז צו דער מערץ־רעוואָלוציע 1917.

קאָנפֿערענצן זיינען פֿאָרגעקומען: די זעקסטע קאָנפֿערענץ אין פֿעברואַר 1905 אין דווינסק. לויט דער וויכטיקייט פֿון טאָגאָרדנונג און לויט דער צאָל דעלעגאַטן האָט די זעקסטע קאָנפֿערענץ זיך געמעגט אָנרופֿן צוזאַמענפֿאָר. די זיבעטע קאָנפֿערענץ — מערץ 1906 אין בערן. די אַכטע קאָנפֿערענץ — אָקטאָבער 1910 אין לוואָוו. די ניינטע קאָנווערענץ — אויגוסט 1912 אין ווין. די צענטע קאָנפֿערענץ איז שוין פֿאָרגעקומען נאָך דער מערץ־רעוואָלוציע 1917 אין פּעטראָגראַד.

צוזאַמענפֿאָרן: דער זעקסטער צוזאַמענפֿאָר — אָקטאָבער 1905 אין צוריך. זיינע באַשלוסן זיינען שוין פּובליקירט געוואָרן אין דער לעגאַלער בונדישער פּרעסע אין רוסלאַנד. דער זיבעטער צוזאַמענפֿאָר — סעפּטעמבער 1906 אין לוואָוו. די באַריכטן — אין דער לעגאַלער „פֿאָלקסצייטונג" אין ווילנע.

פאָרוואָרט

דער אונטערשיד צווישן קאָנפערענץ און צוזאַמענפאָר איז לויט די פּאַרטיי־סטאַטוטן באַשטאַנען אין דעם, וואָס אַ צוזאַמענפאָר איז געווען די העכסטע פּאַרטיי־אינסטאַנץ, זיינע באַשלוסן — ענדגילטיקע, און פון אים ווערט אויסגעקליבן דורך געהיימער אָפּשטימונג אַ צענטראַל־קאָמיטעט. די באַשלוסן פון אַ קאָנפערענץ האָבן באַקומען גילטיקייט, אויב דער צ.ק. האָט זיי באַשטעטיקט. געווען איין אויסנאַמפאַל (8טע קאָנפ. 1910), ווען דער צ. ק. האָט פאָרגעשלאָגן דער קאָנפערענץ אויסצוקלייבן א צ.ק. די קאָנפערענץ האָט באַשטעטיקט דעם באַשטאַנד פון צ.ק. און האָט אים צוגעגעבן איין נייעם מיטגליד — ליטוואַקן.

אויסער קאָנפערענצן און צוזאַמענפאָרן פלעגן פאָרקומען „באַראַטונגען" ביים צ.ק., אַמאָל קלענערע, אַמאָל גרעסערע. די באַדייטנדסטע פון יענע באַראַטונגען איז פאָרגעקומען אָנהויב 1908 אין גראָדנע.

אין ערשטן באַנד „פּיאָנערן און בויער" איז דאָ אַ קאַפּיטל „דאָס הונגער יאָר 1892" (ז. 118־119). אָט וואָס חבר דזשאָן שרייבט דאָרטן:

„ . . . דירעקט און אומדירעקט האָט דער הונגער (אין 20 גובערניעס אויסערן תחום. פּ. ק.) געפונען אַן אָפּקלאַנג אויך אין אידישן תחום. די שטאָטישע אָרעמעלייט אין תחום האָבן אונטער דעם דרוק פון די הויכע פרייזן (אויף ברויט —פּ.ק.) געמאַכט פּרואוון נישט צו דערלאָזן, אַז תבואות זאָלן אַרויסגעפירט ווערן קיין אויסלאַנד. דאָס האָט אויך פּאַסירט אין ווילנע. דער יקרות . . . איז שרעקלעך געשטיגן. די אָרעמע האָבן אָנגעהויבן שטאַרק צו ליידן. די סטיכישע פּרואוון ניט צו דערלאָזן, אַז מען זאָל עקספּאָרטירן תבואה קיין אויסלאַנד, האָבן אַרויסגערופן אַרעסטן פון די אנטיילנעמער . . . וואָלט אונדזער אָרגאַניזאַציע שוין פאָרגעשטעלט אַ פּאָליטישע פּאַרטיי... וואָלט זי אויסגענוצט די געשאַפענע לאַגע און וואָלט לכל־הפחות אַרויסגעטראָטן מיט אַ פּאָליטישער דערקלערונג פון די סיבות פון הונגער און מיט אַן אָנקלאַגע קעגן דער צאַרישער רעגירונג אַלס דעם שולדיקן אין דער גרויסער קאַטאַסטראָפע".

פאָרוואָרט

אין דעם קליינעם קאַפּיטל פון ערשטן באַנד, פון וועלכן מיר נעמען אַרויס די ציטירטע שורות, רירט דער מחבר אָן דעם שמערצ־לעכסטן פּונקט אין צאַרישן מלוכה־אָרגאַניזם. די מורא׳דיקע הונגער־קאַטאַסטראָפע פון 1891 ביז 1894 עפנט אַ ניי בלאַט אין דער געשיכטע פון רוסלאַנד. די פאָלגן פון דער קאַטאַסטראָפע גיבן אונדז דעם שליסל צום היסטאָרישן פּראָצעס, וואָס האָט זיך אין 1917 פאַרענדיקט מיטן אונטערגאַנג פון דער מאָנאַרכיע. אויף די וויכטיקסטע פאַזן פון דעם פּראָצעס מוזן מיר זיך דאָ אָפּשטעלן.

אין רוסלאַנד פלעגט מען זאָגן: דער הונגער איז ביי אונדז אין לאַנד אַן אָפטער גאַסט. ריכטיקער וואָלט געווען צו זאָגן: ניט קיין גאַסט, נאָר אַ תושב, וואָס קלייבט זיך אויס יעדע פאָר יאָר אַן אַנדער ראַיאָן. אין 19טן יאָרהונדערט זיינען אין דער געשיכטע פון רוסלאַנד פאַרצייכנט פאָלגענדע הונגער־יאָרן: 1820 און 1821, 1833, 1839 און 1840, 1843 ביז 1848. — נאָך דער פּויערים־באַפרייאונג האָט זיך אין דער היינזיכט גאָרנישט געענדערט. די ערשטע הונגער קאַטאַסטראָפע נאָך דער „באַפרייאונג" האָבן מיר איבערגעלעבט — שרייבט אָסיפּ אַפּטעקמאַן, איינע פון די באַדייטנדיקסטע געשטאַלטן אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג *) — אין 1867 און 1868. זי האָט אַרומגעכאַפּט ניין גובערניעס, פינף אין צפון, פיר אין צענטראַל רוסלאַנד. די צווייטע הונגער קאַטאַסטראָפע האָט אַרויס־געבראַכט פאַר דער עפנטלעכקייט לעוו טאָלסטאָי. דאָס איז געווען דער מוראַדיקער הונגער אין סאַמאַרער גובערניע אין 1873 און 1874. אָנהויבנדיק פון די 80ער יאָרן, אין די פינצטערע צייטן פון אַלעקסאַנדער דעם דריטן, גייט זעלטן אַוועק אַ יאָר אָן הונגער. דער מלאך המות פון טריקעניש באַפאַלט אַלץ גרעסערע שטחים לאַנד. די פּויערים פאַלן ווי די פליגן פון הונגער, סקאָרבוט (צינגא), טיפוס, כאָלערא און פון אַנדערע עפּידעמישע קראַנקהייטן, וואָס דער הונגער רופט אַרויס. דער לעצטער יאָרצענדליק פון 19טן יאָרהונדערט צייכנט

---

*) О. В. Аптекман, Общество Земля и Воля 70 г.г., изд. Колос, Петроград, 1924.

פאָרוואָרט

זיך אויס מיט דער גרעסטער הונגער קאַטאַסטראָפע — די טריקע־ניש אין 1891 און 1892, וואָס האָט אָפּגעטויט די פעלדער אין 20 גובערניעס, און די כאָלערע, די שטענדיקע באַגלייטערין פון הונגער, אין 1893—1894. די קאַטאַסטראָפע זאָל האָבן געקאָסט מיליאָנען קרבנות.

ווען מיר באַטראַכטן יאָר נאָך יאָר דעם גאַנג פון דער רעוואָ־לוציאָנערער באַוועגונג אין צאַרישן רוסלאַנד און מיר שטעלן זיך די פראַגע, וועלכע געשעענישן עס האָבן אויפן בולטסטן אופן אויפ־געדעקט אין די אויגן פון דער גאַנצער באַפעלקערונג פון לאַנד די האָפנונגסלאָזע צעפוילטקייט פון צאַרישן רעזשים, קאָנען מיר איצט, ווען די געזעלשאַפטלעכע פּראָצעסן אין רוסלאַנד פאַר די לעצטע 4־5 דורות ליגן פאַר אונדז אָפן אין אַלע איינצלהייטן, מיט זיכערקייט פעסטשטעלן, אַז דאָס זיינען געווען די הונגער־ און כאָלערע־יאָרן 1891־1894. אַלעקסאַנדער דעם דריטן, וואָס איז אַרויף אויפן טראָן אין 1881, איז געלונגען צו פאַרוואַנדלען רוסלאַנד אין אַ פינצטערע טורמע, וואו עס האָט געהערשט אומבאַשרענקט די דרייאייניקייט פון תליון, זשאַנדאַרם און צענזאָר. אָבער שוין נאָכן ערשטן הונגעריאָר, אין 1892, האָט זיך דער רעזשים אַ וואַקל געטאָן, און צוריק זיך פאַרפעסטיקן אין דער פריערדיקער מאָס איז אים שוין קיינמאָל ניט געלונגען. דאָס יאָר 1892 קאָנען מיר באַטראַכטן ווי די גענויע דאַטע, ווען דער צאַריזם האָט באַקומען אַזאַ מעכטיקן קלאַפּ, וואָס האָט, לאַנג־זאַם אָבער ניט אָפּצוהאַלטן, דערפירט צו זיין פאַרדינטן שענדלעכן סוף אין 1917.

די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג האָט זיך אָנגעהויבן אין רוסלאַנד אין די 70ער יאָרן דורך „גיין אין פאָלק". די אינטעליגענץ איז גע־גאַנגען אין דאָרף צום פויערטום מיטן געדאַנק אָנצוצינדן אין דער פויערים־מאַסע דעם ווילן צו אַ מאַסן־אויפשטאַנד קעגן דעם צאַרישן רעזשים. מיט בלוטיקער אכזריות איז דאָס „גיין אין פאָלק" ליק־ווידירט געוואָרן. אין 1892 איז די אינטעליגענץ ווידער אַוועק צום פאָלק — דאָסמאָל מיט דער צושטימונג פון דער צאַרישער רעגירונג. אמת, די צילן ביים צווייטן „גייז אין פאָלק" זיינען געווען הומאַני־טאַרע, ניט רעוואָלוציאָנערע ווי אין די 70ער יאָרן. עס האָבן זיך

פאָרוואָרט

אויסגעליידיקט די אוניווערסיטעטן און די סטודענטן זיינען אַוועק אין די הונגער־ראַיאָנען איינאָרדענען פאַר די פויערים טיי־הייזער און מעדיצינישע הילף. אנשטאָט קאָרן האָבן די פויערים געבאַקן ברויט פון צעמאָלענער קאָרע און קראַפּעווע — און געפאַלן ווי די פליגן. אין די וועלדער האָט זיך פאַרשפּרייט קאַניבאַליזם. קיין הילף פון דער רעגירונג איז כמעט ניט געקומען. דער אַפּאַראַט פון דער מלוכה איז געווען אַזוי צעפוילט און קאָרומפּירט, אַז אפילו אַראָפּ־ברענגען אין די הונגער־ראַיאָנען ברויט פון וויטערע גובערניעס, וואו די גערעטעניש איז געווען אַ גוטע, האָט מען זיך ניט געקאַנט דער־שלאָגן, און צו דערזעלבער צייט האָט זיך דער עקספּאָרט פון קאָרן און ווייץ אין אויסלאַנד ניט אָפּגעשטעלט.

די סטודענטן, קורסיסטקעס, פאָלקסלערערס, פעלדשערס און אקושאָרקעס, וואָס זיינען אַוועק אין די דערפער העלפן דעם פויער־טום, האָבן לכתחילה ניט געהאַט דערביי, ווי געזאָגט, קיין פּאָליטישע כוונות. אָבער קיין שום רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע וואָלט אויף זיי ניט געקאַנט האָבן אַזאַ ווירקונג, ווי דאָס, וואָס זיי האָבן אַליין געזען, אַליין איבערגעלעבט. עס איז פאַר יעדן פון זיי אויך קלאָר געוואָרן, אַז די אייביקע הונגער־קאַטאַסטראָפעס וואָלטן בכלל געקאַנט אויסגעמידן ווערן, ווען די רעגירונג וואָלט רעגולירט די טייכן, ניט געלאָזט אויסהאַקן רוביעריש די וועלדער און געזאָרגט, אַז אין שלעכ־טע יאָרן זאָל דער פויער האָבן מיט וואָס צו פאַרזייען די פעלדער. עס האָט זיך פאַר זיי אויך אַנטפּלעקט די גאַנצע ליגנערישקייט פון דער צענזורירטער פרעסע.

עס וואָלט אונדז צו ווייט פאַרפירט, ווען מיר וואָלטן אַרויס־געבראַכט באריכות ווי דער פּרעסטיזש פון רעזשים איז אַלץ מער און מער געזונקען, ווי דער פאָלקלאָר איז באַרייכערט געוואָרן מיט געפעפערטע גראַמען און ווערטלעך, פול מיט חוזק און פאַראַכטונג צום רעזשים. מיר וועלן בלויז אָנצייכענען די וויכטיקסטע עטאַפּן וואָס האָבן זיך אין דער ניי אנטשטאַנענער אַטמאָספערע אָנגעמערקט אויפן וועג, וואָס האָט פון דאַן אָן געפירט אין אַ גראַדער ליניע צו די שטורעמס פון 1905.

פאָרוואָרט

צום ערשטן מאָל נאָך דעם אונטערגאַנג פון דער הערסאישער פאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ״ באַווייזט זיך אין 1894 אַ נייע רעוואָלוציאָנערע פאַרטיי „נאַראָדנאַיע פּראַוואָ״. די גרינדער זיינען אַמאָליקע רעוואָלוציאָנערע נאַראָדניקעס, צוריקגעקומענע פון סיביר, וואו זיי האָבן פאַרבראַכט לאַנגע יאָרן אין פאַרשיקונג (נאַטאַנסאָן, טיוטשעוו א. א.נד). די פאַרטיי האָט קיין קיום ניט געהאַט, אָבער אירע איניציאַטאָרן לאָזן ניט אָראָפּ די הענט, זיי זאַמלען כוחות אויף די ערטער און גרינדן אין פינף יאָר אַרום דעם „סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן פאַרבאַנד״, פון וועלכן עס וואַקסט אַרויס אין 1901 די פאַרטיי ס״ר.

אין דער פּעריפעריע פון די „נאַראָדאָפּראַווצעס״ געפינען מיר אַ טייל פון די שפּעטערדיקע גרינדער פון דעם ראַדיקאַל־בירגערלעכן פאַרבאַנד „אָסוואָבאָזשדעניע״, פון וועלכן עס וואַקסט מיט יאָרן שפּעטער אַרויס די קאָנסטיטוציאָנעל דעמאָקראַטישע פאַרטיי („קאַדעטן״).

אין דעמזעלבן יאָר 1894 ווערט אַקטיוו אין פעטערבורג אַן ערנסטער קרייז אָנהענגער פון דער אַלטער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ״. דער קרייז באַשטייט הויפּטזעכלעך פון סטודענטן פון טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט, וואָס האָבן דורכגעמאַכט די „הונגער־קאַמפּאַניע״. עס ווערן געמאַכט פּרואוון צו בילדן אַ געמיינזאַמע אָרגאַניזאַציע מיט מאַרקסיסטישע עלעמענטן, עס באַווייזן זיך רעוואָלוציאָנערע אויפרופן, געדרוקט אין אַן אייגענער געהיימער דרוקעריי. מאַנכע מיטגלידער פון יענעם קרייז פאַרנעמען שפּעטער אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער סאָצ. דעמ. באַוועגונג.

עס איז זיכער אויך קיין צופאַל ניט, וואָס אין 1894 הויבט די פּ.פּ.ס. אָן אַרויסצוגעבן אַ פּאָפּולערע אַרבעטער צייטונג — „ראָבאָטניק״ — געדרוקט געהיים אין לאַנד גופא. דער „ראָבאָטניק״ האָט 55 יאָר אָן איבעררייס געשפּילט אַ גרויסע ראָליע אין פּוילישן לעבן און איז ערשט איצט, אין 1949, פאַרשוואונדן צוזאַמען מיט דער פּ.פּ.ס. גופא וואָס האָט זיך אַריינגעגאָסן אין דער פּוילישער קאָמוניסטישער פאַרטיי.

דאָס איז אויך דאָס יאָר, ווען עס פאַנגען זיך אָן באַווייזן אין די רוסישע זשורנאַלן אַלץ מער און מער מאַרקסיסטישע אַרטיקלען, וואו

פאָרוואָרט

מען שרייבט וועגן דער מאַרקסיסטישער לערע אָפן און ניט פאַר־שלייערט, ווי פריער. עס באַווייזן זיך לעגאַל אויך מאַרקסיסטישע ביכער.

די „גרופּע אידישע סאָציאַלדעמאָקראַטן“, די פּיאָנערגרופּע פון „בונד“, גייט אין 1894 אַריבער פון פּראָפּאַגאַנדע קרייזן צו אַ ברייטער מאַסנאַגיטאַציע. זי גיט אַרויס אַ סעריע געדרוקטע בראָשורן, וואָס ווערן גוט פאַרשפּרייט און מערערע מאָל איבערגעדרוקט (אייניקע פון זיי 12 יאָר שפּעטער, אין 1906, לעגאַל).

אין דער ווילנער לאַבאָראַטאָריע פון סאָציאַליסטישן געדאַנק שטעלט זיך אין 1894 צום ערשטן מאָל די פראַגע וועגן פאַראייניקן אַלע סאָציאַל דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס פון רוסלאַנד אין איין פאַרטיי, לויט דעם מוסטער פון דער דייטשער סאָציאַל דעמאָקראַטישער פאַרטיי, וועלכע האָט אין די פיר יאָר, וואָס זיינען דעמאָלט אַוועק נאָכן אָפּשאַפן דאָס שענדלעכע אויסנאַם־געזעץ קעגן סאָציאַליסטן (1878־1890), באַוויזן אויסצואוואַקסן אין אַ מעכטיקער מאַסנפּאַרטיי.

אין צוזאַמענהאַנג מיטן געדאַנק וועגן אַ געאייניקטער ס. ד. פּאַר־טיי אין רוסלאַנד האָט אונדזער פּיאָנערן־גרופּע נאָך אַ פאַרשטענדי־קונג מיטן פּעטערבורגער ס. ד. קאָמיטעט, מיט וועלכן די גרופּע איז געשטאַנען אין אַ שטענדיקן קאָנטאַקט, דעלעגירט דעם חבר יודין־אייזנשטאַט קיין קיעוו און אָדעס. ער שטעלט איין אַ קאָנטאַקט מיטביידע שטעט, באַזונדערס מיט קיעוו, און דער ווילנער פּלאַן גייט שוין ניט אַראָפּ פון טאָגאָרדנונג אין לעבן פון די רוסישע סאָצ.־דעמ. אָרגאַניזאַציעס ביז צו זיין פאַרווירקלעכונג אין 1898.

אָנהויב 1894 שיקט די ווילנער פּיאָנערגרופּע פאַנאַנדער צו די גרעסערע רוסישע סאָצ. דעמ. קאָמיטעטן (פּעטערסבירג, מאָסקווע, קיעוו, כאַרקאָוו, אָדעס א. א.) העקטאָגראַפירטע קאָפּיעס פון אַרקאַדי קרעמער׳ס בראָשורע „וועגן אַגיטאַציע“, אַ בראָשורע, וואָס ווערט אין פולן זין דאָס טעקסטבוך פאַר דער פּראַקטישער אַרבעט אין די גרעסערע צענטערן פון דער רוסישער אַרבעטער־באַוועגונג. וועגן דער ראָליע פון יענער בראָשורע און פון דער ווילנער פּראַקטישער שול בכלל איז אויסערגעוויינלעך אינטערעסאַנט דאָס עדות־זאָגן פון אומ־

פאָרוואָרט

פאַרגעסלעכן פּיאָטר גאַרווי, איינער פון די פּיאָנערן פון דער סאָצ. דעמ. באַוועגונג אין אָדעס. גאַרווי שטעלט פעסט, אַז די אַרבעט אין אָדעס האָט זיך געשטעלט אויף אַ סאָלידן פונדאַמענט ערשט דאַן, ווען דער אָדעסער קאָמיטעט האָט אַלס ריכטשנור אָנגענומען די ווילנער מעטאָדן פון אַרבעט, וואָס האָבן געוויזן דעם וועג צו די מאַסן *).

אין דערזעלבער צייט איז אויך דער פּיאָנערנקרייז פון דער גרוזינישער סאָצ. דעמ. פּאַרטיי אין טיפליס צוגעטראָטן צו אַ סיסטעמאַטישער פּראָפּאַגאַנדיסטישער אַרבעט, וואָס האָט שפּעטער אַרויסגעבראַכט אַ גאַנצן דור פּאָליטישע פירער פאַר דער סאָצ. באַוועגונג ניט נאָר אויפן קאַווקאַז. גענוג צו דערמאָנען די סאָצ. דעמ. פּראַקטיקעס אין אַלע פיר דומעס, וועלכע זיינען אָנגעפירט געוואָרן פון אַזעלכע פיגורן ווי טשכעאידזע, צערעטעלי, דזשאַפּאַרידזע, ראַמישווילי א. אנד.

זאָל נאָך דאָ פאַרצייכנט ווערן, אַז דער ווילנער געדאַנק וועגן אַ פאַראייניקטער סאָצ. דעמ. פּאַרטיי אין רוסלאַנד איז דערגאַנגען קיין טיפליס און האָט דאָרטן געפונען אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם איז סילוועסטר דזשיבלאַדזע, איינער פון די פּיאָנערן פון דער גרוזינישער ס.־ד. פּאַרטיי געפאָרן קיין קיעוו און קיין פּעטערבורג. פון איינער פון די שטעט האָט ער מיטגעבראַכט קיין טיפליס אַ קאָפּיע פון אַרקאַדי קרעמער׳ס בראָשורע. וועגן דער ווילנער גרופּע האָט דזשיבלאַדזע שוין וואָס געהאָט געהערט פון פּויּלישע פּראָלעטאַריאַטשיקעס, וועלכע דער פּאָליציע־דעפּאַרטמענט האָט געהאַט אַרויסגעשיקט אונטער פּאָליציי־אויפזיכט קיין טיפליס. דזשיבלאַדזע האָט זיך באַמיט צו באַקומען אַ פאַרבינדונג מיט דער ווילנער גרופּע, דאָס איז אים אָבער ניט געלונגען.

* * *

אין ווייטערן גאַנג פון די געשעענישן אין פּאָליטישן לעבן, וואָס האָבן געוויזן די פאַרשטאַרקונג פון די כוחות, וואָס שטעלן זיך

---

*) П. А. Гарви, Воспоминания Социалдемократа, Нью-Йорк, 1946, стр. 47, 51, 76 и др.

פאָרוואָרט

קעגן צאַרישן רעזשים, מוז דערמאָנט ווערן דער ריזיקער טעקסטיל סטרייק, זומער 1896, אין פּעטערסבורג. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, ווען עס האָט זיך באַוויזן אויף דער אָפענער אַרענע פון פּאָליטישן קאַמף, אָרגאַניזירט און דיסציפּלינירט, דער רוסישער אַרבעטערקלאַס.

די אַרבעטער פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, אויף די ראַנדן פון דער אימפּעריע, זיינען רייף געוואָרן צום פּאָליטישן קאַמף פריער ווי דער רוסישער אַרבעטער־קלאַס. דער רוסישער גיגאַנט האָט פון צייט צו צייט געלאָזט הערן פון זיך נאָר דורך צאָרנדיקע עקסצעסן און אומאָרגאַניזירטע בונטן. דאָס האָט געהאַמעוועט דעם פאָרמירונגס־פּראָצעס ביי די אַרבעטער פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן און אָפּגע־שוואַכט זייער מוט. דער פּעטערסבורגער מאַסנסטרייק, וואָס איז דורכ־געפירט געוואָרן אין אַ מוסטערהאַפטער דיסציפּלין, האָט אַרויסגערופן ביי די אַרבעטער פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אַ קוואַל פון ענער־גיע. עס דערוואַכט פון דאָסניי די ס.־ד. ק. פּ. ל. (סאָצ. דעמ. פון פוילן און ליטע), וואָס האָט זיך געהאַט געגרינדעט שוין אין 1893 און איז אין גיכן אַראָפּ פון דער סצענע. אין 1896 לעבט זי ווידער אויף און ווערט מיט יאָרן שפּעטער אַ מאַסנפּאַרטיי. עס באַווייזט זיך די ליטווישע סאָצ. פּאַרטיי מיט איר אָרגאַן „דער ליטווישער אַרבעטער", מיט בראָשורן און בלעטלעך. עס אָרגאַניזירט זיך די לעטישע פּיאָנערנגרופּע. אין 1897, ווי מיר ווייסן, גרינדעט זיך דער „בונד", אין 1898 — די רוסלענדער סאָצ. דעמ. אַרבעטער פּאַרטיי.

אָבער מיט דעם מוזן מיר פאַרענדיקן. דאָ פאַנגט זיך אָן דער אוממיטלבאַרער קאַמף פון די אָרגאַניזירטע רעוואָלוציאָנערע כוחות קעגן צאַריזם, און אונדזער אויפגאַבע איז בלויז געווען נאָכצופאָלגן, ווי די פאָרמירונג פון די רעוואָלוציאָנערע כוחות, וואָס האָט זיך גע־האַט אָפּגעשטעלט מיטן אונטערגאַנג פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", האָט זיך אויף פאַרשידענע אופנים באַנייט און פאַרשטאַרקט אין דער אָנגעגליטער אַטמאָספערע, וועלכע האָט זיך באַשאַפן דורך דער הונ־גערקאַטאַסטראָפע פון די יאָרן 1891 ביז 1894.

צווישן אַלע די דערוואַכטע כוחות פאַרנעמט אַ באַזונדערן אָרט

פאָרוואָרט

די פּיאָנערן אַרבעט פון „בונד", זיין איניציאַטיוו און פּאָליטישע רייפקייט. דער דרייפאַך געדרודפּטער אידישער אַרבעטער ווערט איינער פון די מוטיקסטע פרייהייטסקעמפּער.

מיר שטעלן זיך אָפּ ביי דער שוועל פון פּעריאָד, ווען די באַוועגונג האָט אָנגענומען אַלץ מער און מער אַ מאַסנכאַראַקטער. ווי האָט אויסגעזען דער קולטורעלער מצב פון רוסלאַנד צו יענער צייט? לויט דער פאָלקסציילונג פון 1897 זיינען אין רוסלאַנד געווען „גראַמאַטנע" (געקאָנט לייענען און שרייבן) אין עלטער פון 9 ביז 49 יאָר — מענער 39,1 פּראָצענט, פרויען — 13,7 פּראָצענט. אין עלטער פון 50 יאָר און העכער — מענער 20,5 פּראָצענט, פרויען 6,5 פּראָצענט. צו דעם מוז נאָך צוגעגעבן ווערן, אַז רוסלאַנד איז געווען דאָס איינציקע לאַנד אין אייראָפּע, וואו ס'איז מאַנכעס יאָר בראש פון דער שטייערן־הכנסה געשטאַנען דער בראַנפן־אַקציז . . .

* * *

ס'איז דאָ אַן אַלט ווערטל אין דער קלאַסישער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור: רעוואָלוציעס זיינען די לאָקאָמאָטיוון פון דער וועלטגעשיכטע. מען קאָן צוגעבן: מלחמות זיינען די לאָקאָמאָטיוון פון רעוואָלוציעס. די ערשטע וועלט־מלחמה האָט אויף אייביק באַגראָבן דעם צאַריזם. די צווייטע וועלט־מלחמה האָט זיך פּראַקטיש נאָך ניט פאַרענדיקט, אירע לאָקאָמאָטיוון זיינען נאָך אין וועג. וועלן זיי אונדז דערפירן צו אַ וועלט פון פרייהייט און מענטשלעכקייט? ווער עס גלויבט אין סאָציאַליזם, וועט אין דעם ניט צווייפלען.

אָט דעם גלויבן וועלן די ביידע בענד „פּיאָנערן און בויער" פון דזשאָן מילל ביים לייענער פאַרשטאַרקן און פאַרטיפן.

פ. קורסקי

ניו יאָרק, מאַי, 1949.

אין ווין. — דער ווינער אַנטיסעמיטיזם

איך בין ווידער אין ווין. אָבער דאָס מאָל געניס איך ניט פון מיין אויפהאַלט אין דער וואונדערבאַרער שטאָט. צעטראָגן זיץ איך דאָ און וואַרט. כ'ווייס נישט וואָס צו באַשליסן, וואָס זאָל זיין מיין ווייטערדיקער שריט. די אָפּגעריסנקייט פון דער היים און די אומבאַהאָלפנקייט וואָס־נישט־איז צו טאָן אין שיכות מיט דער ניי־געשאַפענער לאַגע דורך די אַרעסטן — דאָס אַלץ דריקט שרעקלעך. אויף וואָס וואַרט איך? אויף אַ נס? אפשר. איך וויל זיך טרייסטן מיט אומבאַגרינדעטע האָפנונגען: אפשר וועט זובאַטאָוו באַפרייען אימיצן פון די אַרעסטירטע, אפשר אַרקאַדי קרעמער'ן אָדער וולאַדימיר קאָסאָווסקי'ן?

ניין, דאָס מאָל געניס איך נישט פון מיין אויפהאַלט אין ווין! ווער האָט דאַמאָלט ניט געטרוימט וועגן דער וואונדערשיינער עסטרייכישער הויפּט־שטאָט? זי איז געווען אַ מעקקאַ פאַר אַ גרויסער צאָל מענטשן פון גאַנץ אייראָפּע, פאַר ליבהאָבער פון קונסט, פון שיינקייט, ראַפינירטקייט, און פון אַ פריילעך־לוסטיקן לעבן.

אויך איך האָב אַלע מאָל ליב געהאַט ווין. יעדעס מאָל, ווען עס פלעגט מיר אויסקומען צו זיין אין אויסלאַנד, פלעג איך מיט גרויס פאַרגעניגן פאַרברענגען דאָרטן אַ לענגערע אָדער קירצערע צייט. אין דער אנגענעמער אַטמאָספערע פון איר פריילעכן און קאָכעדיקן לעבן פלעג איך זיך אָפּרוען גייסטיק און פיזיש און זיך באַפרייען אויף אַ ווילע פון זאָרג און אומרואיקייט. אירע באַרימטע טעאַטערס און קאָנצערטן, אירע פּרעכטיקע פּאַרקן און גאַסן, אירע געמיטלעכע קאַפעהייזער, וואו ביי אַ טאַס קאַווע האָט מען געקענט דורכבלעטערן אַ טוץ צייטונגען אין פאַרשיידענע אייראָפּעאישע שפּראַכן און זיך צוהערן צו לייכטע זיסע מעלאָדיעס פון קליינע אָרקעסטערן — דאָס אַלץ האָט געווירקט באַרואיקנדיק און דערקוויקנדיק. אין דער זעלבער צייט פלעג איך זיך דאָ צוקוקן צו די פּאָליטישע, סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע קאַמפן, מיט וועלכע ווין איז געווען באַרימט און וועגן וועלכע, מען קען זאָגן,

דזשאַן מילל

די גאַנצע וועלט האָט געקלונגען. איך פלעג זיך צוקוקן און אין אַ געוויסער מאָס זיך לערנען מיט דער כוונה אויסצונוצן די געוואונענע דערפאַרונגען אין אונזער אייגענעם קאַמף. די ווינער סאָציאַליסטישע באַוועגונג איז געווען יונג, געברויזט מיט ענערגיע, איניציאַטיוו און אַנטשלאָסנקייט, אירע פירער — אמת'ע פאָלקס־טריבונען, אָן דעם קלענסטן סימן פון פעדאַנטיזם און לאַנגווייליקייט, די אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען און דעמאָנסטראַציעס — אָנגעגליטע און דונערנדיקע וואולקאַנען פון פראָטעסט און קאַמף, אָפט באַגלייט מיט בלוטיקע צוזאַמענשטויסן מיט דער פאָליציי.

אפילו דער אומשטאַנד, וואָס עסטרייך איז דאַן, אין 1898, געווען פאַררעכנט פאַר דאָס קלאַסישע לאַנד פון אַנטיסעמיטיזם, האָט נישט צונישט געמאַכט דעם צויבער פון איר הויפט־שטאָט. ספּעציעל אין ווין האָבן די אידן־שונאים אַרויסגעוויזן זייער פּאָליטישן כוח. אין שטאָטראַט האָבן זיי געהאַט אַ מערהייט, דער שטאָט־פּרעזידענט — דער בירגערמייסטער — איז זינט 1896 געווען זייערער אַ מענטש, דער פּאָפּולערער און איינפלוסרייכער ד"ר. קאַרל לועגער, אַ פּרינציפּלאָזער דעמאַגאָג, אַן אויסגעצייכנטער רעדנער, פאַרגעטערט פון ווינער מיטלקלאַס. שטיצנדיק זיך אויף דער צאָלרייכער קליין־בורזשואַזיע און האָבנדי ברכה און די מעכטיקע הילף פון די טרעגערס פון פּאָליטישן קאַטאָליציזם, האָט זיין קלעריקאַל־אַנטיסעמיטישע פּאַרטיי, די „קריסטלעך־סאָציאַלע", אַריינגעדרונגען אין די העכסטע רעגירנדיקע ספערן און פיל בייגעטראָגן צו דער פאַרפוילטקייט און דער כסדר'דיקער ירידה פון דער האַבסבורגער אימפּעריע. די פינצטערע און קאָרופּטירנדיקע ראָלע, וואָס זי האָט געשפּילט אין דער געשיכטע פון אַזוי אויך שוואַכן עסטרייך, האָט אין אַ גרויסער מאָס פּאַראַליזירט די באַמיאונגען פון די דעמאָקראַטישע עלעמענטן אויפצובויען אַ נייע עסטרייך, אַן עסטרייך פון פּאָליטישער פרייהייט און גלייכקייט, פון סאָציאַלער גערעכטיקייט, פון נאַציאָנאַלער האַרמאָניע. דער עסטרייכישער ליבעראַליזם איז געווען טויט, אָדער אין בעסטן פאַל, קוים זיך געהאַלטן אויף די פיס זינט דער מפּלה פון 1848, ווען דער קאָנטר־רעוואָלוציאָנערער חיל פון פּרינץ ווינדישגרעץ האָט גרויזאַם, מיט אמת'ער רציחה אַטאַקירט און אכזריותדיק אונטערדריקט די רעוואָלטירטע בירגער. און די לאַגע וואָלט אויס־

פּיאָנערן און בויער

געקוקט האָפנונגסלאָז פאַר די פּראָגרעסיווע עלעמענטן אין עסטרייך מיט 50 יאָר שפּעטער, אויב נישט דער אַלץ וואַקסנדיקער כוח און די שטאַרקע השפּעה פון סאָציאַליזם, דעם טויט־שונא פון עסטרייכישן קלעריקאַליזם און פעאָדאַליזם און פון דער עסטרייכישער רעאַקציע. עס איז קלאָר דעריבער פאַר וואָס די קריסטלעך־סאָציאַלע פּאַרטיי איז אַלע מאָל געווען מער אַנטי־סאָציאַליסטיש ווי אַנטיסעמיטיש. צו פאַרהאַלטן דעם כסדר׳דיקן וואוקס פון דעם אָרגאַניזירטן אַרבעטער־קלאַס, פאַרניכטן זיין פּאָליטישע פּאַרטיי — די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע — דאָס איז געוואָרן איר ציל און דער זין פון איר עקזיסטענץ. אויפן צווייטן פּלאַץ איז געווען דאָס באַקעמפן דעם איינפלוס פון אידן. געוויס, צו באַפרידיקן די נידעריקע אינסטינקטן פון די קליין־בירגער, האָבן די אַנטיסעמיטן געשאָטן קללות אויף די קעפּ פון אידן און גערichטעט זייערע גיפטיקע פיילן קעגן דער „רואינירנדיקער השפּעה פון אידנטום״, און קעגן דעם וואָס אידישער קאַפּיטאַל „באַהערשט״ גרויס־אינדוסטריע, האַנדל, און באַנק־וועזן. אָבער אין יענער צייט איז אָט־דער גאַנצער טומל ניט גענומען געוואָרן ערנסט און קיינער האָט זיך פאַר די אַנטיסעמיטישע העצערייען ניט געשראָקן. דער אַנטיסעמיטיזם פון די ווינער איז פון פילע באַטראַכט געווען ווי אַ באַזונדערער, אייגנאַרטיקער, מילדער, „גוטמוטיקער״ סאָרט . . . עס איז נאָך געווען ווייט פון די בלוטיקע געשלעגן אין אוניווערסיטעט, פון די שווערע, דראָענדיקע צוזאַמענשטויסן אויף פאַרזאַמלונגען און אין דער גאַס און פון אַנדערע ווילדע, ברוטאַלע מעשים זייערע אין די שפּעטערדיקע יאָרן. אפילו לועגער אַליין האָט געהאַט אַ סך פּערזענלעכע פריינט־אידן, און אַזוי אויך אַנדערע אַנטיסעמיטישע פירער. די אַנטיסעמיטישע אַקטן פון שטאָט־ראַט האָבן זיך אויסגעדריקט בלויז אין דעם, וואָס מען האָט פאַרקלענערט אָדער אין גאַנצן אָפּגעשאַפט סובסידיעס פאַר אַ פּאָר אידישע פילאַנטראָפּישע און רעליגיעזע אינסטיטוציעס, ווי אויך אין ענלעכע גרעסערע אָדער קלענערע שפּילקעס־שטאָכן.

דער ווינער אַנטיסעמיטיזם האָט זיך אָבער כסדר פאַרשטאַרקט מיטן וואַקסן פון דער אידישער באַפעלקערונג. אַ פּראָצעס אַן ענלעכער צו דעם, וואָס איז פאָרגעקומען אין וואַרשע בעת דער איינוואַנדערונג פון די אַרויסגעטריבענע פון די רוסישע שטעט אידן, האָט זיך אויך אָפּ־

דזשאָן מילל

געשפּילט דאָ. דער חילוק איז געווען, וואָס דאָרטן זיינען די אידן גע־טריבן געוואָרן דורך דער צאַרישער רעגירונג, דאָ זיינען זיי געטריבן געוואָרן דורך די פּרימיטיווע סאָציאַלע פאַרהעלטענישן אין גאַליציע. די אומבאַשרייבלעכע אָרעמקייט פון די מאַסן, דאָס לעבן פון עלנט און נויט האָבן געטריבן די גאַליצישע אידן קיין ווין צו זוכן אַרבעטס־פלעצער און חיונה. און די דראָענדיקע קאָנקורענץ, ספּעציעל די קאָנ־קורענץ פון מענטשן, וואָס זיינען געווען אַזוי פאַרשידן אין זייער רע־ליגיעזן גלויבן, אין זייער שפּראַך, אין זייער אויסזען, אין זייער קולטור, האָט געגאָסן אויל אויפן פייער פון די קליין־בירגער. גאַנצע טיילן פון שטאָט זיינען געוואָרן באַזעצט אויסשליסלעך דורך אידן און האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין אמת׳ע געטאָס, וואו עס איז געווען שווער צו געפינען אַ קריסט אפילו אויף אַ רפואה . . . איינע פון יענע געגענטן איז געווען לעאָפּאָלדשטאָט, וועגן וועלכער אַן אַנטיסעמיטישער וויץ האָט זיך אַרומגעטראָגן איבערן שטאָט. אין צענטער פון יענער געגנט, אויף פּראַטערשטערן, פון וואַנען עס האָבן זיך געצויגן גאַסן און אַלייען אין אַלע ריכטונגען, איז געווען אויפגעשטעלט אַ מאָנומענט פון אַן עסטרייכישן ים־העלד, אַן אַדמיראַל, וואָס איז געשטאַנען מאַיעסטעטיש אויף אַ הויכן פּעדעסטאַל, קוקנדיק דורך אַ טעלעסקאָפּ. פרעגט איין פאַרבייגייער אַ צווייטן:

— וואָס זוכט דאָ דער אַדמיראַל דורך זיין טעלעסקאָפּ?

— אָ, דער אָרעמער אַדמיראַל, — ענטפערט דער צווייטער, — שוין יאָרן־לאַנג שטייט ער דאָ און קוקט און קוקט דורך זיין טעלעסקאָפּ זוכנדיק אַ קריסטלעכע צורה, און אַלץ אומזיסט . . . מער ווי אידן זעט ער נישט! . . .

— — — — — — — — — — — — — — — — —

לאַנגזאַם און לאַנגווייליק ציט זיך די צייט. ביי אַנדערע באַדינ־גונגען וואָלט איך זי אויסגעפילט אויף אַ נוצלעכן און אנגענעמען אופן, אָבער ניט איצט. די שטימונג פּאַסט זיך ניט אַריין. פון האָטעל „פּאָסט", וואו איך האָב זיך אָפּגעשטעלט. גיי איך צוויי מאָל אַ טאָג צו דער דערבייאיקער „פּאָסט־רעסטאָנט" אָפּטיילונג זיך נאָכצופרעגן וועגן בריוו. אומזיסט! יעדעס מאָל קער איך זיך צוריק אַן אַנטוישטער, אַן אומעטיקער. אָבער צום סוף פון דער דריטער וואָך קומט אַ גרויסער

פּיאָנערן און בויער

סיורפּריז, איך קען ניט גלויבן מיינע אויגן — גאַנצע דריי בריוו מיט אַ מאָל!

איין בריוו איז פון וואַרשע, מיר דוכט זיך פון צביה הורוויטש. גאָרנישט! אַביסל מער איינצלהייטן וועגן די אַרעסטן, און אַ פראַגע — צי קלייב איך זיך פאָרן צוריק און, אויב יע, ווען אומגעפער. אַ צווייטער בריוו איז פון „טאַראַס” קאַצ'ן, פון ווילנע. ער וויל וויסן, וואו איך וועל זיך איינאָרדענען און ער בעט מיך צו שיקן אים מיין שטענדיקן אַדרעס. דער דריטער בריוו איז פון פאַוועל בערמאַנ'ען, פון פאָנעוועזש — אַ גרויסע שמערצלעכע אַנטוישונג. אַזוי פיל האָפנונגען זיינען געווען פאַרבונדן מיט זיין נאָמען. ער איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע, וואָס האָט אויסגעמיטן אַן אַרעסט אין דעם אָקאָרשט געשעענעם אַלגעמיינעם דורכפאַל פון „בונד”. ער איז געווען — צוזאַמען מיט טאַראַס'ן — דער לאָגישסטער קאַנדידאַט פאַר אַ נייעם צענטראַלן קאָמיטעט. שרייבט ער מיר אָבער, אַז קיין מינסק וועט ער זיך ניט אומקערן, אַז ער האָט חתונה געהאַט אָדער גייט חתונה האָבן, אַז ער מאַכט באַמיאונגען אַרויסצופאָרן קיין אויסלאַנד, וואו ער וויל אַריינטרעטן אין דאַרמשטאַטער פאָליטעכניקום צו שטודירן פאַר אַן אינזשענער. ער גיט נאָך צו, אַז אימיצער פון ווילנע*) האָט אים באַזוכט אין פאָנעוועזש און זיך באַקענט מיט אַלע מאָטיוון זיינע, פאַר וואָס ער מוז אויף עטלעכע יאָר אויפהערן צו זיין טעטיק אין דער באַוועגונג. מער פרטים און דערקלערונגען זיינען ניט געווען נויטיק: פאַוועל בערמאַן האָט ניט קיין חשק איבערצונעמען די איבערגעלאָזענע ירושה פון דעם אַרעסטירטן צענטראַל־קאָמיטעט.

איך האָב באַשלאָסן תיכף צו פאָרן קיין ציוריך, וואו עס האָט געוואוינט קאָפּעלזאָן („טימאָפעי”).

---

*) דאָס איז געווען לעאָן גאָלדמאַן, וועלכער האָט פון אים געפאָדערט אַריינצוגיין אין צ. ק.

דער „בונד" לעבט, דער „בונד" וועט לעבן ! — די גרינדונג פון אויסלענדישן קאָמיטעט

מיר האָבן מיט קאָפּעלזאָנ׳ען זיך נישט געזען שוין עטלעכע יאָר, און אונזער באַגעגעניש איז געווען אַווירקלעכע פּרייד פאַרביידן. אַזוי פיל מאַטעריאַל זיך אָנגעקליבן וועגן וואָס זיך צו דערמאָנען און וועגן וואָס צו ריידן. אַזוי פיל פּלענער און פּראָיעקטן זיינען געשטאַנען פאַר אונזערע אויגן און עס איז געווען נויטיק צו געפינען אַ וועג ווי זיי צו רעאַליזירן. די לאַגע אין דעם שטאַרק אָפּגעשוואַכטן „בונד" האָט געפאָדערט תיכפ׳דיקע אַקטיווקייט, גיכע גרינטלעכע הילף, ענערגישע האַנדלונג. יעדע מינוט איז געווען טייער. זיי, דאָרטן, אויף יענער זייט גרענעץ האָבן זיך גענויטיקט אין אַלץ: אין ליטעראַטור־טראַנספּאָרטן, געלט־מיטלען, מענטשן. עס איז געווען אונזער חוב צו באַפרידיקן זייערע באַדערפענישן אויף וויפיל די אומשטענדן האָבן נאָר דערלויבט. אַזוי ווי אין אָנהייב האָבן אונז געפעלט אַלע איינצלהייטן וועגן דעם אומפאַנג פון אומגליק, האָבן מיר זיך פאָרגעשטעלט דעם קריזיס, די צערודערונג, דעם כאַאָס נאָך די אַרעסטן אַ סך ערגער, ווי דאָס איז געווען אין דער ווירקלעכקייט. יעדנפאַלס, עס איז געווען קלאָר פאַר אונז, אַז מיר פון אונזער זייט דאַרפן טאָן אַלץ, וואָס מיר קענען, אַז די ערשטע ערנסטע אַטאַקע אויפן „בונד" מצד דער צאַרישער רעגירונג זאָל ליידן אַ מפלה און אַז די טעטיקייט פון „בונד" זאָל זיין פאַרגעזעצט אָן אַן אָפּהאַלט.

און מיר האָבן זיך גלייך גענומען צו דער אַרבעט. פריער פאַר אַלץ האָבן מיר געוואָלט זיך אָפּגעבן אַ חשבון, וואו מיר האַלטן אויף דער וועלט, אויף וועלכע סימפּאַטיעס אין אויסלאַנד און אויף וועלכע הילף מיר קענען רעכענען. מיר האָבן אָנגעהויבן צו זוכן מיטלען און וועגן ווי צו פאַראינטערעסירן די צאָלרייכע אידישע סטודענטישע קאָלאָניעס אין אייראָפּע און די פריינט אין אַמעריקע מיט דער טעטיקייט און

צילן פון „בונד”. אין אייניקע שטעט האָבן עקזיסטירט פּאַרטייאישע און אומפּאַרטייאישע הילפס־גרופּן פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד — מיט זיי האָבן מיר זיך תיכף פאַרבונדן. אויך האָבן מיר אָנגעקניפּט פאַרבינדונגען מיט אַ סך איינצלנע פּערזאָנען, וואָס זיינען געווען ווילִיק אונז צו העלפן אין אונזער אַרבעט. אונז האָט זיך איינגעגעבן אין אַ גאַנצער ריי שטעט צו גרינדן נייע גרופּן, ריין בונדיסטישע, און אין די אַלטע אַלגעמיינע הילפסגרופּן אויסצובילדן ספּעציעלע אָפּטיילונגען, וואָס זיינען געווען בונדיסטיש לויט זייערע פּרינציפּן און אין זייערע פּראַקטישע אויפגאַבן.

באַזונדערס דערפרייענדיק און צוזאָגנדיק איז געווען דער אָפּרוף פון אַמעריקע. די בשורה וועגן העלדישן קאַמף פון אידישע אַרבעטער אין רוסלאַנד איז געווען אַן אומדערוואַרטעטע אַנטדעקונג סיי פאַר אַ סך אַרבעטער, נאָר נאָך מער פאַר דער פּאַרוואָרפענער און בענקענדיקער נאָך דער אַלטער היים אידישער אינטעליגענץ. אונזער ווענדונג צו זיי האָט געפונען דעם סימפּאַטישסטן אָפּקלאַנג. עס זיינען געקומען פון אַלע זייטן צוזאָגן פון מאַטעריעלער און מאָראַלישער הילף.

אונזערע ערשטע שריט זיינען געווען מזל'דיק. דער דערפאָלג האָט איבערגעשטיגן די אָפּטימיסטישסטע דערוואַרטונגען אין אַזאַ מאָס, אַז נאָך צוויי אָדער דריי חדשים האָבן מיר שוין געקענט שיקן באַדייטנדיקע מאַטעריעלע הילף צום „בונד” אין רוסלאַנד.

צווישן מיר און דוד קאַצ'ן — „טאַראַס”, אין ווילנע, וועלכער האָט דערווייל אָנגעפירט מיט דער אַרבעט פון צענטראַלן קאָמיטעט, האָבן זיך איינגעשטעלט נאָרמאַלע און סיסטעמאַטישע פאַרבינדונגען. די נייסן וואָס איך האָב אָנגעהויבן צו קריגן פון אים, האָבן אונז דערמוטיקט און באַפליגלט. איין דערמוטיקנדיקער סיורפּריז נאָך אַ צווייטן; עס איז פּשוט אומבאַשרייבלעך און אומגלויבלעך, נאָך דער גרויסער קאַטאַסטראָפע לעבט דער „בונד” און ער וועט לעבן! דאָס איז געווען דער זין און דער אינהאַלט פון אַלע אינפאָרמאַציעס, וואָס איך האָב געקראָגן. זיי זיינען געווען דער בעסטער עדות פון דער טיפער איינגעוואָרצלטקייט, פון דער געוואַלטיקער השפעה און דעם אומבאַזיגבאַרן כוח פון דעם יונגן „בונד”. אַנשטאָט דער קאָנפיסקירטער דרוקעריי אין באַבּרויסק איז אַוועקגעשטעלט אַ נייע. די „אַרבעטער

דזשאַן מילל

שטימע" גייט ווייטער אַרויס. עס איז דערשינען אַ נייער אָרגאַן, דער „קלאַסן־קאַמף", פון ווילנער קאָמיטעט פון „בונד". אויך דער ביאַ־ליסטאָקער קאָמיטעט האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ בלעטל, דעם „ביאַליסטאָקער אַרבעטער". די בערשטער האַלטן אָפּ זייער זיבעטע קאָנפערענץ; דאָרטן איז באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצוגעבן אַן אייגענע צייטונג — דעם „וועקער". דער ראַיאָן פון „בונד" ווערט ברייטער, זיין אַרבעט אינטענסיווער. עס גרינדן זיך אַ סך נייע אָרטיקע קאָמי־טעטן און אָרגאַניזאַציעס. פראַגן פון פראַקטישער וויכטיקייט, אויך פּאָליטישע פּראָבלעמען ווערן אַרומגערעדט און אויפגעקלערט ניט בלויז אין די אָרגאַנען פון בונד", נאָר אויך אין פּראָקלאַמאַציעס ,וואָס ווערן פאַרשפּרייט אין אַ גרויסער צאָל. קלענערע און גרעסערע סטרייקן ברעכן אויס אין פיל ערטער. מען גרייט זיך צו אַ נייעם צוזאַמענפּאָר . . .

עס ווערט היימלעכער אויפן האַרצן!

איך, פון מיין זייט, אינפאָרמיר דעם צייטווייליקן צענטראַל־קאָ־מיטעט וועגן אונזערע טעטיקייטן אין אויסלאַנד און וועגן די פּלענער וואָס מיר האָבן צוגעגרייט. אויך לאָז אים וויסן, אַז מיר גייען זיך קאָנסטיטואירן אַלס אַן אויסלענדישער קאָמיטעט פון „בונד". איך טייל מיט די מאָטיוון פון אַזאַ באַשלוס. דער כאַראַקטער און די אויסער־אָרדנטלעכע וויכטיקייט פון אונזער אַרבעט אין אויסלאַנד פאָדערן, אַז אַן אָפיציעלע קערפּערשאַפט — און ניט בלויז אַ דזשאַן מילל אָדער אַ קאָפּעלזאָן — זאָל קענען פאַרטרעטן און ריידן אין אויסלאַנד אין נאָמען פון „בונד". אַזאַ קערפּערשאַפט וועט האָבן מער אויטאָריטעט. דער עולם וועט קוקן אויף איר ווי אויף אַ טייל פון צענטראַל־קאָמיטעט אין רוסלאַנד גופא, און די באַציאונגען צווישן איר און די אָרגאַניזאַציעס, וועלכע ווערן דורך איר באַשאַפן, וועלן זיך אַנטוויקלען אויף מער זיכע־רע און געזינטערע יסודות.

לאַנג וואַרטן אויף אַ באַשטעטיקונג האָט מען ניט געדאַרפט. אין צענטראַל־קאָמיטעט האָט מען אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען, אַז די אומ־שטענדן האָבן זיך גרינטלעך געביטן און אַז איינצלנע פאַרטרעטער, ווי געוויסנהאַפט זיי זאָלן ניט אויספירן די אויף זיי אַרויפגעלייגטע פליכטן, וועלן נישט זיין אימשטאַנד נאָכצוקומען די אַלץ גרעסערע פאָדערונגען, בסרט נאָך וואָס נישט היינט־מאָרגן האָט געדאַרפט פאַר־

פּיאָנערן און בויער

ווירקלעכט ווערן דער געדאַנק וועגן אַוועקשטעלן אַ דרוקערײַ אין זשענעווע און עס האָט געזאָלט אויסגעבויט ווערן אַ בראָשורן־ און ביכער־פאַרלאַג אויף אַ גאַנץ ברייטן מאַסשטאַב.

אויף אַזאַ אופן האָט דאָס לעבן אַליין געגעבן אַן ענטפער אויף דער פראַגע, צי דאַרף דער „בונד" האָבן אַן אייגענע אָפיציעלע פאַר־טרעטערשאַפט אין אויסלאַנד.

דער אויסלענדישער קאָמיטעט פון „בונד" האָט אָנגעהויבן צו פונקציאָנירן אין דעצעמבער 1898 און זיין פרעסטיזש איז כסדר גע־וואַקסן.

די עוואָלוציע פון אויסלענדישן קאָמיטעט. — זיינע באַציאונגען צום צענטראַל-קאָמיטעט

דער אויסלענדישער קאָמיטעט פון „בונד" איז געשאַפן געוואָרן. די באַדייטונג פון זיין ראָל און אַרבעט איז פון ערשטן טאָג פון זיין גרינדונג כסדר געוואַקסן. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם האָבן סיי דער צענטראַל-קאָמיטעט סיי די אָרטיקע קאָמיטעטן פון „בונד" אין רוסלאַנד, אַלץ בעסער גענומען „אָפּשאַצן" די ראָל פון אויסלאַנד. עס איז שוין מער ניט געווען די פראַגע וועגן אַביסל טעכנישע הילף דורך אַ צופעליקן פריינט אָדער סימפּאַטיקער, וואָס האָט געוואוינט דאָ אָדער דאָרטן אין מערב אייראָפּע. עס איז שוין אויך מער ניט געווען קיין פראַגע וועגן אַ פּאַרטרעטערשאַפט פאַר פּראַקטיש-טעכנישע ענינים. דער אויסלענדישער קאָמיטעט האָט ביסלעכווייז אָבער אנטשידן גענומען שפּילן אַן אומגעהויערע ראָלע אין לעבן פון „בונד", אין זיינע אינערלעכע און אויסערלעכע באַציאונגען, אין זיין אידעאָלאָגישער אַנטוויקלונג, מיט איין וואָרט — אויף אַלע געביטן פון זיין פּילזייטיקער טעטיקייט. די עטאַפּן פון זיין עוואָלוציע זיינען געווען ענלעך און אין איינקלאַנג מיטן וועג, וואָס דער „בונד" אַלס אַ גאַנצער, האָט דורכגעמאַכט. און וואָס גרעסער און שטאַרקער דער אויסלענדישער קאָמיטעט איז געוואָרן לויט זיין פּערזענלעכן צוזאַמענשטעל, אַלץ מער האָט זיך געענדערט זיין פּאָזיציע און ער האָט זיך ביסלעכווייז פּאַרוואַנדלט אין אַ פּאַראַלעלע אָרגאַניזאַציע מיט'ן צענטראַלן קאָמיטעט, אָדער, ריכטיקער, אין אַ צווייטן צענטראַל-קאָמיטעט. זיין רעאַגירן אויף פּראָבלעמען פון טאָג, זיין שטעלונג וועגן פראַגן פון פּרינציפּ און טאַקטיק, זיין איניציאַטיוו אין אָרגאַניזאַציע-פראַגן, זיין האַנדלונג אין אינטער-פּאַרטייאישע באַציאונגען האָבן געהאַט אָפּטמאָל נישט קיין קלענערן ווערט און אויטאָריטעט, ווי די באַשלוסן און שטעלונג פון צענטראַל-קאָמיטעט גופא. פּאַקטיש האָט דער צ. ק. זעלטן-ווען אָנגענומען באַ-

פיאָנערן און בויער

שלוסן אָן דעם וויסן און אָן אַ פאַרשטענדיקונג מיטן אויסלענדישן קאָמיטעט. מען קען זאָגן, אַז ביידע אינסטיטוציעס זיינען געוואָרן אַזוי פאַרקניפּט, אַז זיי האָבן געבילדעט איין סאָלידע „פאַמיליע" און געשאַפן אַ מין געשלאָסענע איינהייט, געבונדן אפילו דורכן פערזאָנען־צוזאַמענשטעל. יעדנפאַלס איז דאָס געווען ריכטיק ביז 1912־1911.

מיטן אויסנאַם פון טאַראַס קאַץ, נח פּאָרטנאָי, רחמיאל וויינשטיין, ביינוש איזביצקי־מיכאַלעוויטש, פּינאַי ראָזנטאַל און אַ פּאָר אַנדערע, זיינען די מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה אַ קירצערע אָדער לענגערע צייט געווען מיטגלידער פון אויס־לענדישן קאָמיטעט, און פאַרקערט: כמעט אַלע מיטגלידער פון אויס־לענדישן קאָמיטעט זיינען אין דעם אָדער יענעם פּעריאָד געווען מיט־גלידער פון צענטראַלן קאָמיטעט. דורכן אויסלענדישן קאָמיטעט זיי־נען דורכגעגאַנגען כמעט אַלע פון די אָנגעזעענסטע פיגורן פון „בונד": אַרקאַדי קרעמער, וולאַדימיר קאָסאָווסקי, צמח קאָפּעלזאָן, וולאַדימיר מעדעם, בראָניסלאַוו גראָסער, פּאַוועל בערמאַן, פראַנץ קורסקי, ליט־וואַק, גלעב מוטניקאָוויטש, אַבראַמאָוויטש, יונה קאָיגען, מאַרק ליבער, מאַקס ווינאָקור, גאָזשאַנסקי, באָריס פרומקין, ליבמאַן־הערש, אסתר פרומקינאַ. אַ חוץ דעם האָבן מיטגעאַרבעט מיטן אויסלענדישן קאָ־מיטעט: מ. ריינעס, זעלדאָוו, אסתר ריסקינד, עזרא ראָזן, בענסקי, מאַכלין, פּאָזנאַנסקי, שולמאַן א. אַ. וואָס האָבן געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָל אין דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

די פריינטלעכקייט און האַרמאָנישקייט צווישן די ביידע קאָמי־טעטן — דעם אויסלענדישן און צענטראַלן — האָט מען געהאַט צו פאַר־דאַנקען ניט בלויז די פּערזענלעכע אייגנשאַפטן פון זייערע מיטגלידער, נאָר אויך דעם פאַקט, וואָס אין די אייגנאַרטיקע באַדינגונגען פון אַנט־וויקלונג פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד און פּוילן, זיינען אירע פירערס שטענדיק געשטאַנען אונטער דער קאָנטראָל פון דער מאַסן־באַוועגונג און געפילט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר יעדן שריט זייערן. די טאָג־טעגלעכע פּראַקטישע אַרבעט האָט זיי גע־צוואונגען צו שטיין אויף אַ פעסטן, געזונטן באָדן און זיך ניט אַריינלאָזן אין אַלערליי געפערלעכע, שעדלעכע עקספּערימענטן, וואָס זאָלן פירן צו חילוקי־דעות און קריגערייען. אַלע וויכטיקע פראַגן פון פּאַרטיי־

ד ז ש אַ ן   מ י ל ל

לעבן פלעגן דיסקוטירט און באַשלאָסן ווערן פון בײדע צענטראַלע אינסטיטוציעס געמײנשאַפטלעך. עס האָט זעלטן פּאַסירט, אַז אײן צד זאָל װעלן דיקטירן אַ באַשלוס דעם צווייטן צד, אָדער זאָל װעלן אַרויפצווינגען אויף אים זיין שטאַנדפּונקט. אין דער געשיכטע פון „בונד" געדענק איך נאָר דריי קאָנפליקטן — אָדער, ריכטיקער געזאָגט: רייבונגען — צווישן דעם צענטראַלן און דעם אויסלענדישן קאָמיטעט: אין 1902 אין דער פראַגע וועגן אָרגאַניזירטער נקמה, אַלס אַ מיטל פון זעלבסט-פאַרטיידיקונג, אין 1912 וועגן רעאָרגאַניזירונג און וואויןפּלאַץ פון דער רעדאַקציאָנס-קאָלעגיע פון צענטראַלן אָרגאַן פון „בונד", און אין דער ערשטער וועלט-מלחמה וועגן דער שטעלונג פון „בונד" צו די פאַרשידענע פּראָבלעמען, וואָס האָבן זיך דאַמאָלט אַרויסגערוקט. איך דערמאָן דאָ ניט די פראַגע וועגן דעם נאַציאָנאַלן פּראָגראַם. דאָס איז נישט געווען אַ קאָנפליקט, נאָר אַ גרינטלעכע דעבאַטע וועגן ענדערן אָדער דערגאַנצן די פּראָגראַם פאָדערונג — אפשר אַ היציקע, צייטנווייז אויפגערעגטע דעבאַטע, אָבער נאָר דאָס, ניט מער, — ניט קיין קאָנפליקט!

די אויבנדערמאָנטע „קאָנפליקטן" האָבן קיין טרויעריקע פאָלגן ניט געהאַט. ווי תמיד אין „בונד", האָט די געזונטע, לעבעדיקע פּראַקטישע אַרבעט געמאַכט שלום ניט בלויז צווישן פאַרשידענע שטאַנדפּונקטן און אָנשויאונגען, נאָר אויך צווישן מענטשן מיט גאַנץ פאַרשידענע כאַראַקטערס און טעמפּעראַמענטן.

אַ ווענדפּונקט אין מיין לעבן

די גרינדונג פון אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד" איז געווען אַן אמת'ער ווענדפּונקט אין מיין אייגענעם לעבן. דאָס האָט זיך אייגנטלעך אָנגעהויבן אַ ניי לעבן, פאַרשידן אין כאַראַקטער און פאַר־בונדן מיט אַנדערע ווי ביז איצט אינטערעסן און פליכטן. אויף מיר איז געפאַלן אַ לאַסט פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס איך האָב פריער קיין מאָל ניט געהאַט. טיפער און טיפער בין איך אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַלע צווייגן פון דער אויסלענדישער אַרבעט, און זי האָט אויס־געפילט מיין גאַנצע צייט. איך בין אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין צענ־טער פון אַלע פאַרבינדונגען מיטן צענטראַלן קאָמיטעט און מיט כמעט אַלע לאָקאַלע קאָמיטעטן און אָרגאַניזאַציעס פון „בונד". די טראַנס־פּאָרט־פּעדים אויף דער זייט גרענעץ זיינען געווען אין מיינע הענט. דאָס איינאָרדענען אונזער אייגענער דרוקעריי אין זשענעווע, דאָס רע־דאַגירן דעם „אידישן אַרבעטער", דאָס אַרויסגעבן אַ גרויסע צאָל בראָ־שורן און ביכער, קאָרעספּאָנדענץ מיט די הילפס־גרופּן אין אייראָפּע און אַמעריקע און אויך מיט איינצלנע פּערזאָנען — דאָס אַלץ האָט גע־פאָדערט געדולד, שטאַרקע נערוון, צייט און ווידער צייט. איך בין געווען אַזוי פאַרוואָרפן מיט אַרבעט, אַז אָפט פלעג איך קוים קענען אויס־קומען מיט 16־18 שטונדן אַ מעת־לעת.

ביז אַרקאַדי און וולאַדימיר זיינען געקומען קיין אויסלאַנד (אוי־גוסט 1900) זיינען מיר געווען דריי, וואָס האָבן געזאָלט טאָן די אַרבעט פון אויסלענדישן קאָמיטעט, אָבער נאָר געזאָלט!

פּאַוועל בערמאַן איז תיכף אַרויסגעפאַלן פון חשבון. ער האָט זיך געלערנט אין דאַרמשטאַט און דאָס איינציקע וואָס ער וואָלט געקענט טאָן איז צו זיין דער פאַרבינדונג־מאַן צווישן דער אָרטיקער בונדישער גרופּע און דעם אויסלענדישן קאָמיטעט. אָבער, צום באַדויערן, איז אפילו אַזאַ אומבאַדייטנדיקע פונקציע אים געווען ניט באַשערט דורכצופירן: צוליב פּערזענלעכע קריגערייען האָט די גרופּע ניט געוואָלט אים האָבן

דזשאַן מילל

אפילו אַלס אַ פּאַרמיטלער און אָנגעהויבן צו קאָרעספּאָנדירן מיט אונז דירעקט. אַ צוויי יאָר האָט בערמאַן זיך נאָמינעל גערעכנט פאַר אַ מיט־גליד פון אויסלענדישן קאָמיטעט, נישט זייענדיק אימשטאַנד צו אויס־פירן אַ וועלכע ניט איז פליכט פאַר דער קערפּערשאַפט.

צ. קאָפּעלזאָן, אויב ער וואָלט געהאַט חשק און נייגונג, וואָלט ער געקענט אויפטאָן אַ גוזמא. אָבער זיין האַרץ און נשמה האָבן געהערט מער דעם „פאַרבאַנד פון די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן", ווי דעם „בונד". דאָרטן, אַלס זיין סעקרעטאַר, איז ער געווען איינער פון זיינע שטאַרקסטע שטיצזיילן.; דאָ, ביי אונז, האָט ער זיך מער באַגרענעצט מיט דער ראָל פון אַ ראַטגעבער. אמת, האָבנדיק פאַרבינדונגען מיט בערלין, בערן, ציוריך, פלעגט ער פון צייט־צו־צייט זיך ווענדן דאָרטן נאָך פינאַנציעלער הילף פאַרן „בונד" — אָבער דאָס אַלץ.

אויף אַזאַ אופן איז קיין אַנדער אויסוועג ניט געבליבן: איך האָב געמוזט נעמען אויף זיך די גאַנצע אַרבעט פון אויסלענדישן קאָמיטעט.

צו זיין אויפריכטיק, וויל איך דאָ זאָגן, אַז איך האָב גאָרניט געהאַט קעגן דעם. אדרבא, דאָס האָט אָנגעפילט מיין האַרץ מיט צו־פרידנקייט און שטאָלץ. איך בין געווען יונג און פיזיש שטאַרק און קיין מורא ניט געהאַט פאַר שווערע און פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט. וואָס מער, אַלץ בעסער. די הויפּט־זאַך איז דאָך געווען צו באַפרידיקן די באַדערפענישן דאָרטן, אין רוסלאַנד. זייער סאַטיספאַקציע איז מיין סאַ־טיספאַקציע, אַ מין עגאָאיסטיש געפיל.

די לאַגע האָט זיך אַביסל געענדערט מיט קרעמער'ס און קאָסאָוו־סקי'ס אָנקומען קיין אויסלאַנד. בלויז אַ ביסל, נישט אַ סך. זיי האָבן טאַקע איבערגענומען די רעדאַקציע פון „אידישן אַרבעטער" פון 11טן נומער אָן, אויך דעם פאַרלאַג און די פאַרוואַלטונג פון דער דרוקעריי, אָבער דאָס איבעריקע איז געבליבן ווי פריער. מיט דעם וואַקסן פון „בונד", מיט דעם דערשיינען פון די „לעצטע נאַכריכטן" איז נויטיק געוואָרן צו אָרגאַניזירן דעם טראַנספּאָרט אויף אַ גרעסערן און פּיל־זייטיקערן מאַסשטאַב. איך בין דעריבער מער געוואָרן פאַרנומען און פשוט ניט געהאַט אַ פרייע מינוט.

אָבער, ווי שוין געזאָגט, האָב איך גאָרנישט געהאַט קעגן דעם. אדרבא, איך בין געווען העכסט צופרידן!

טאַראַס. — דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון „בונד". — זעלדאָוו

אין דער אומרואיקער, אומקלאָרער צייט גלייך נאָך די ערשטע שווערע צאַרישע רעפּרעסיעס קעגן „בונד„ האָבן די נייע אומשטענדן געבראַכט אין פאָדערגרונט אַ מענטשן, וואָס האָט מיט אַ וואונדערבאַרער שנעלקייט צוריק אַוועקגעשטעלט אויף די פיס די פאַגראָמירטע אָרגאַניזאַציעס און אַרייַנגעבלאָזן אין זיי אַ ניי לעבן און זעלבסט־צוטרוי. דאָס איז געווען „טאַראַס" — דוד קאַץ. אַן אַמאָליקער הענטשקע־מאַכער, האָט ער דורך פלייסיקער זעלבסט־בילדונג און אַ דאַנק די פּראָפּאַגאַנדע קרייזן, דורך וועלכע ער איז דורכגעגאַנגען, דערגרייכט די שטופע פון אַ מיטלמעסיק געבילדעטן מענטשן פון יענעם טיפּ, וואָס מען האָט אין דער פּיאָנערן צייט פון דער באַוועגונג גערופן „האַלב־אינטעליגענץ". אַ טעטיקער טוער אין ווילנער קאָמיטעט, איז ער אַלץ מער און מער צוגעצויגן געוואָרן צו דער פאַרצווייגטער אַרבעט פון צענטראַל־קאָמיטעט. ווען די מיטגלידער פון צ. ק. זיינען אַרעסטירט געוואָרן, האָט ער גענומען אויף זיך די מיסיע ווידער צוזאַמענצובינדן די פאַרבליבענע אָרגאַניזאַציעס און זען צו באַפרידיקן זייערע באַדערפעניש‍ן — אין דער ערשטער ליניע צושטעלנדיק זיי סאָציאַליסטישע ליטעראַטור בכלל און די בונדישע פרעסע בפרט. אין זיין נייער ראָל האָט ער אַרויסגעוויזן אַ סך איניציאַטיוו, ענערגיע, אַרבעטזאַמקייט, איבערגעגעבנקייט. צום באַדויערן אָבער האָט אים געפעלט די נויטיקע טעאָרעטישע צוגרייטונג און דער אויטאָריטעט פון אַ פירער, און ביז נח איז צוריקגעקומען פון סיביר (אָנהייב 1900) און איבערגענומען די פירערשאַפט פון „בונד", האָט זיך אים ניט איינגעגעבן אַרומצורינגלען זיך אויף אַ לענגערע צייט מיט מיטאַרבעטער, וואָס זאָלן קאָאָפּערירן מיט אים אין דער אָנפירערישער און אָרגאַניזאַטאָרישער טעטיקייט פון צענטער.

צוויי חדשים זיינען פאַרביי נאָכן דורכפאַל פון „בונד" און טאַראַס

דזשאַן מילל

רופט צונויף אין קאָווגע, אין סעפּטעמבער 1898, דעם צווייטן צוזאַמענפאָר. דער ציל פון צוזאַמענפאָר איז געווען כמעט אין גאַנצן אַ פּראַקטישער: צוריק אויפבויען דאָס, וואָס זובאַטאָוו און זיין באַנדע האָבן רואינירט, פאַרריכטן דעם חורבן, וואָס די אַרעסטן האָבן אָנגעמאַכט אין אונזערע רייען. קיינע טאַקטישע און פּראָגראַם פראַגן זיינען אויף דעם צוזאַמענפאָר ניט באַהאַנדלט געוואָרן, אפשר מיטן אויסנאַם פון דער פראַגע וועגן עקאָנאָמישן טעראָר, וועלכער פלעגט אָנגעווענדעט ווערן סטיכיש אין אַ סך עקאָנאָמישע קאָנפליקטן. דער צוזאַמענפאָר האָט זיך קאַטעגאָריש אַרויסגעזאָגט קעגן אָט דעם מעטאָד פון קאַמף.

די דעלעגאַטן האָבן אָפּגעגעבן זייער דערמונטערנדיקע באַריכטן פון זייערע שטעט: די אָרגאַניזאַציעס, נאָך דער ערשטער פאַרלעגנהייט, קומען צו זיך, דער נאָכפרעג אויף ליטעראַטור וואַקסט כסדר, אומעטום קוקט מען אויף דער צוקונפט מיט אָפּטימיזם, מיט גלויבן און האָפנונגען.

עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו פאַרשטאַרקן די טעטיקייט פון דעם פּאָליטישן „רויטן קרייץ". די גרויסע צאָל אַרעסטירטע האָט אַרויפגעלייגט אַ הייליקן חוב — צו אונטערשטיצן סיי זיי, סיי זייערע פאַמיליעס.

מען האָט פּרובירט צו דיסקוטירן די פראַגע וועגן דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און וועגן דער אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן, דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן נישט פאַר די כוחות פון די פאַרזאַמלטע. זיי זיינען ניט געווען גענוג באַקאַנט מיט דער פראַגע און ניט צוגעגרייט צו אַזאַ דעבאַטע.

עס איז אינטערעסאַנט צו פאַרצייכענען, אַז כמעט אַלע אָנטיילנעמער פון צוזאַמענפאָר — מיטן אויסנאַם פון דריי — זיינען געווען אַרבעטער: ווילנע איז געווען פאַרטראַטן דורך אַבראַם דעם איינבינדער און טאַראַס'ן, וואַרשע דורך צביה די זעמשערקע און דער בייטערין מאַריאַ זשאַלודסקאַ, ביאַליסטאָק דורכן וועבער מונוועז און מיכאַלעוויטש, לאָדזש דורך דער נייטערין שיינע רייזל סעגאַל, קאָוונע דורך דער נייטערין ליזע עפּשטיין און לעאָן בערנשטיין, דער „בערשטער בונד" דורך אַבראַם אַלעקסאַנדריסקי. עס איז אויך געווען אַ דעלעגאַט פון מינסק.

פּיאָנערן און בויער

אין צענטראַלן קאָמיטעט זיינען אויסגעקליבן געוואָרן טאַראַס, צביה הורוויטש און זעלדאָוו־ניעמאַנסקי. עס האָט זיך אינגיכן אַרויס־געוויזן, אַז די קאָמבינאַציע איז געווען נישט קיין געלונגענע און דער נייער צענטראַל־קאָמיטעט איז ניט געווען אַרבעטספעאיק.

סערגעי זעלדאָוו איז צו יענער צייט שוין געווען אַ גוט־באַקאַנטער טוער אין די אידישע סאָציאַליסטישע רייען אין זיין געבורטסשטאָט, ווילקאָמיר, און נאָך מער אין ווילנע. אפשר אַ דאַנק זיין פאַלקסטימ־לעכקייט און זיין אויסגעצייכנטער קענטעניש פון אידיש איז ער גע־וואָרן פיל נעענטער פאַרבונדן מיט די אַרבעטער, ווי אַ סך אַנדערע פון זיינע חברים. קיין אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן האָט ער ניט אַרויסגעוויזן. אָבער ער איז געווען פאַררעכנט פאַר אַ באַגאַבטן זשור־נאַליסט און אַ גוטן איבערזעצער. מסתמא טיילוויז דערמיט קען מען דערקלערן, פאַר וואָס די גרופּע ווילנער אַרבעטער, וואָס האָט אָוועק־געשטעלט די ערשטע אידישע געהיימע דרוקעריי און אָנגעהויבן אַרויס־צוגעבן די „אַרבעטער שטימע", האָט אים פאַרטרויט איר פּלאַן און צו־געצויגן אים צו מיטאַרבעטערשאַפט אין דער רעדאַקציע.

קיין פיל נחת פון דעם נייעם צענטראַל־קאָמיטעט האָט טאַראַס ניט געהאַט. אומדערוואַרטעט האָט זעלדאָוו באַשלאָסן צו באַזעצן זיך אין פּעטערבורג. דאָרטן איז ער געוואָרן טעטיק אין דעם אָרטיקן קאָ־מיטעט פון דער רוסלענדער סאָציאַל דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און מיט־געאַרבעט אין זיין פּרעסע. נאָך דער פּאַרטייאישער קאָנפערענץ אין ביאַליסטאָק, אויף וועלכער ער איז געווען אַ דעלעגאַט פון פּעטערבורג, אין 1902, ווערט ער אַרעסטירט און פאַרשיקט קיין סיביר אויף זעקס יאָר, אָבער שוין אין 1903 אַנטלויפט ער קיין בערן, שווייץ. דאָ איז ער באַשעפטיקט אין דער „אָרגאַניזאַציע פון די הילפס־גרופּן פון „בונד" אין אויסלאַנד" און נעמט אָנטייל אין דער אַרבעט פון אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד" אויף דעם ליטעראַרישן געביט. צו יענער צייט האָט ער אָנגעשריבן צוויי וויכטיקע בראָשורן: „די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען" און „די געשיכטע פון דער פּאַריזער קאָמונע".

פון 1906 ביז 1908 וואוינט ער ווידער אין ווילנע און דאַן פּאָרט ער אַריבער קיין פּעטערבורג שוין אויף שטענדיק. ער איז געשטאָרבן אין 1924, פאַרבלייבנדיק אַ באַגייסטערטער בונדיסט ביז זיין טויט.

דזשאַן מילל

אויך צביה האָט פאַרלאָזן דעם צ. ק. נאָך אַ טעטיקייט אין אים פון בלויז עטלעכע חדשים. געענוי וועגן די סיבות פון איר אַרויסטריט פון צ. ק. ווייס איך נישט. אויף אַזאַ אופן האָט טאַראַס'ן ניט געגליקט. ער בלייבט ווידער אַליין. אמת, ליטעראַרישע הילף, ספּעציעל אַרטיקלען פאַר דער „אַרבעטער שטימע" קריגט ער פון מאַקס טאָביאַש, פון אַלבערט זאַלקינד אין מינסק, פון מיכאַלעוויטש און פינאַי ראָזענטאַל אין ביאַליסטאָק, אָבער די גאַנצע טעכנישע אָרגאַניזיר־אַרבעט און די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער פּאָליטיק פון צ. ק. פאַרבלייבן אויף זיינע פּלייצעס. און מען דאַרף זיין געערעכט צו אים און געבן אים גרויס קרעדיט: ער האָט געטראָגן די שווערע משא מיט מוט, שטאָלץ און געדולד.

דער אויסלענדישער קאָמיטעט האָט אים זייער פיל געשטיצט אין זיינע אויפגאַבן. פילזייטיקע הילף האָט אָנגעהויבן צו קומען צו טאַראַס'ן פון אויסלאַנד אַלץ אָפטער און אָפטער. מיט פאַראייניקטע קרעפטן האָבן מיר געשטרעבט בייצוקומען דעם קריזיס פון דער שווערער איבערגאַנגס־צייט.

די אידישע סטודענטן אין אויסלאַנד. — נייע צייטן, נייע לידער

דער אויסלענדישער קאָמיטעט פון „בונד" האָט געאַרבעט מיט דערפאָלג צווישן די סטודענטן אין אויסלאַנד. אָבער דער לכתחילה׳דיקער דערפאָלג האָט געהאַט אַ שייכות בלויז צו קליינע גרופּן און איינצלנע פּערזאָנען. מיר אָבער האָבן געזוכט פאַר אונזער ווירקונג אַ מאַסן־באַזע, און פאַר אַזאַ מאַסן־באַזע האָט געקענט דינען נאָר די רוסיש־אידישע און די פּויליש־אידישע סטודענטנשאַפט. הונדערטער און טויזנטער סטודענטן און סטודענטינס זיינען געווען פאַנאַנדערגעוואָרפן איבער אַלע אוניווערזיטעט־שטעט אין די לענדער פון מערב־איראָפּע. די אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק פון דער רוסישער רעגירונג, די אידישע פּראָצענט־נאָרמע אין די רוסישע לער־אַנשטאַלטן האָט זיי געצוואונגען צו זוכן אין אויסלאַנד די מעגלעכקייט צו באַפרידיקן זייער דורשט נאָך בילדונג און וויסנשאַפט, אָבער וואָס האָבן פאָרגעשטעלט אָט־די אידישע סטודענטן — אָדער די גרויסע מערהייט פון זיי — פון פּאָליטישן און קולטורעלן שטאַנדפּונקט? דאָס זעלבע, וואָס די אידישע אינטעליגענץ אין גאַנץ רוסלאַנד: אַסימילירט דורך און דורך, איין טייל רוסיפיצירט, אַן אַנדער טייל פּאָלאָניזירט. אַלץ, וואָס איז געווען רוסיש — אָדער פּויליש — איז זיי געווען נאָענט און טייער. און פאַרקערט: אַלץ, וואָס איז געווען אידיש, איז זיי געווען פרעמד, אָפט אַפילו אָפּשטויסנדיק. דאָס אידיש לעבן איז געווען פאַר זיי אַ פאַרמאַכט בוך. דיליידן און דער קאַמף פון די אידישע פּראָלעטאַריער האָבן ניט געצויגן זייער אויפמערקזאַמקייט. די אידישע אַרבעטער־מאַסן־באַוועגונג איז נאָך געווען יונג. פאַרהעלטנישמעסיק זייער־זייער ווייניק פון זיי האָבן געהאַט אַ ריכטיקן באַגריף וועגן די פּאָליטישע און סאָציאַלע שטרעבונגען פון דער אידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. און אפילו אויך זיי, די דאָזיקע ווייניקע, האָט געפעלט דער גלויבן אין

ד ז ש אַ ן מ י ל ל

דער נויטיקייט און וויכטיקייט פון אַ זעלבסטשטענדיקער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

זיי האָבן געהאַט אַ ווידערווילן צו דער אידישער שפּראַך, און זיי פלעגן זיך שעמען אויף איר צו ריידן. אַפילו אַ טייל פון יענע ווינציקע, וואָס האָבן יאָ פאַרשטאַנען אידיש, פלעגן מאַכן אַן אָנשטעל אַז זיי פאַרשטייען ניט. אַזוי נידעריק איז געשטאַנען דער ווערט פון אידיש! אָט־די אָפּגעריסנקייט פון אידישן לעבן און די אומבאַקאַנטשאַפט מיט אַלץ, וואָס איז אידיש, זיינען געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אין דעבאַטן מיט אונז פלעגט מען אונז כסדר שטעלן די פראַגע: צי זיינען דען דאָ אידן אין רוסלאַנד וואָס פאַרשטייען ניט רוסיש? צו וואָס דאַרפט איר דעם עקלהאַפטן — „אָטוראַטיטעלני" — זשאַרגאָן? איך געדענק, אַז מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, אין דער צייט פון אונזער קאַמף מיט די אַסימילאַטאָרן פון „איסקראַ", האָט טראָצקי נישט אַנדערש געוואָלט אונז איינריידן, אַז אַלע אידן אין רוסלאַנד פאַרשטייען און ריידן גוט רוסיש . . .

אָט־די אַלע אומשטענדן האָבן געשטופּט די אידישע שטודירנדיקע יוגנט אין די רייען פון די רוסישע סאָציאַליסטישע פאַרטייען און גרופּן, במעט די גאַנצע מיטגלידערשאַפט פון די דאַמאָלסטדיקע רוסישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס אין אויסלאַנד איז באַשטאַנען פון אידן.

און מיר האָבן געזאָגט צו זיך אַליין: אָט־די אייזערנע וואַנט פון פיינטשאַפט, אָדער אין בעסטן פאַל, פון גלייכגילטיקייט צו אַלץ וואָס איז אידיש, מוז דורכגעבראָכן ווערן. אונזער ציל איז נישט געווען צו באַקעמפן די אַלגעמיינע פּאָליטישע סימפּאַטיעס פון דער רוסיש־אידישער סטודענטנשאַפט. זיינען מיר דאָך אַליין אויך געווען אַקטיווע מיטגלידער פון דער אַלגעמיין־רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער פאַרטיי, פון וועלכער דער „בונד" איז דאָך, ווי באַוואוסט, געווען אַן אַווטאָנאָמער טייל. האָבן מיר דאָך — קאָפּעלזאָן און איך — זיך געלאָזט אויסקלייבן אין דער עקזעקוטיווע פון „פאַרבאַנד פון די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן" — „סאָיוז רוסקיך סאָציאַל־דעמאָקראַטאָוו" — ער אַלס פאַרטיי־סעקרעטאַר, איך אַלס פינאַנץ־סעקרעטאַר. מיר האָבן דאַמאָלסט געטראַכט: אַ פּאָליטישער טוער דאַרף זיין אַן אמת'ער בירגער פון לאַנד; ער דאַרף קענען די שפּראַך פון דער מלוכה, צו וועלכער ער געהערט, איר געשיכטע, די

פּיאָנערן און בויער

געשיכטע פון אירע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען; די סאָלידאַרע פּאָ־ליטישע און געווערקשאַפטלעכע טעטיקייט פון דער אידישער און רוסי־שער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז איינער פון די לייט־מאָטיוון אין „בונד'ס" אַנשויאונג; הייסט עס, אַז עס איז נאָרמאַל און אפילו ווינ־שענסווערט, אַז די סטודענטן, וואָס סימפּאַטיזירן מיטן „בונד" זאָלן אַריינגיין אויך אין אַנדערע, אונז נישט פיינטלעכע, סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישע אָרגאַניזאַציעס; עס איז היסטאָריש נאָרמאַל און פּאָליטיש נויטיק, אַז די אידישע אינטעליגענץ זאָל נישט זיין אָפּגעריסן פון רוסישן לעבן.

וואָס מיר האָבן אָבער געוואָלט, איז, אַז אויך פון אידישן לעבן זאָלן די אידישע סטודענטן נישט זיין אָפּגעריסן, אַז זיי זאָלן אָנהויבן צו פילן אויך זיין פּולס. אונזער אויפגאַבע איז געווען צו מאַכן זיי באַקאַנט מיטן לעבן און קאַמף פון די אידישע אַרבעטער־מאַסן, מיט זייערע נויטן און זייערע האָפנונגען, אַרויסרופן סימפּאַטיע צו דער שפּראַך, אויף וועלכער די גרויסע מערהייט פון פאָלק דענקט און רעדט, איבערצייגן זיי אַז עס איז זייער מאָראַלישער און פּאָליטישער חוב צו שטיצן די קלאַסנבאַוואוסטע אָרגאַניזירטע אידישע אַרבעטער מאַ־טעריעל און גייסטיק.

די ווייטערדיקע געשעענישן און געוויסע אומשטענדן האָבן גע־ווירקט, אַז אין די מוחות פון די אידישע סטודענטן — באַוואוסטזיניקע סאָציאַליסטן אָדער אַזעלכע, וואָס זיינען געווען גענייגט צו סאָציאַ־ליזם — זאָל פּאָרקומען אַ ראַדיקאַלע איבערקערעניש.

נאָך די אַרעסטן פון די אָנטיילנעמער פון דעם ערשטן אַלגע־מיין־רוסישן סאָציאַל־דעמאָקראַטישן צוזאַמענפאָר, אין יאָר 1898, האָט זיך אָנגעהויבן אַן אומבאַשרייבלעכער תוהו ובהו אין די רייען פון די רוסישע חברים. אַ גרענעצלאָזע אַנאַרכיע איז אויסגעבראָכן אין די פּאַרטיי־גרופּירונגען און פּאַרטיי־באַציאונגען. די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי האָט פּאַקטיש אויפגעהערט צו עקזיסטירן. פיל גרופּן האָבן נישט געוואָלט זי אָנערקענען אפילו פאָרמעל. איר לעבן איז געווען צו קורץ, אַז זי זאָל איבערלאָזן נאָך זיך פּאַרטיי־טראַדי־ציעס און פּאַרטיי־פּאַטריאָטיזם. אייגנטלעך איז דאָס גאָר קיין לעבן ניט געווען. זי איז באַשאַפן און אויפגעהאַלטן געוואָרן הויפּטזעכלעך

ד ז ש אַ ן   מ י ל ל

דורכן „בונד". דער לעצטער האָט זיך דערקלערט אַלס אַן אויטאָ־נאָמער טייל פון אַ פּאַרטיי, וואָס איז פּאַקטיש נאָך נישט געבוירן געוואָרן, און ער האָט מיט אַלע מיטלען געהאָלפן אַרויסרופן זי צום לעבן. נאַטירלעך, האָט דאָס געמוזט זיין ליידער אַ זייער נעבעכדיק לעבן, אַן־און־ווי פון אַ לעבן. און ווען דער ערשטער שטאַרקער ווינט פון דער רוסישער בייזער ווירקלעכקייט האָט אַ בלאָז געטאָן, איז פון דער פּאַרטיי גאָרניט געבליבן. זי האָט זיך צעבראָקלט אין קליינע און אומ־באַדייטנדיקע גרופּעס און גרופּקעלעך, וואָס האָבן אייביק קאָנקורירט צווישן זיך און כסדר זיך קעגנזייטיק באַקעמפט. אין אויסלאַנד איז די צעבראָקלונג געווען נאָך גרעסער און געפילט האָט זי זיך נאָך שטאַר־קער, ווייל דאָס פעלד פון טעטיקייט איז דאָ געווען פיל פאַרענגערט. וואָס פאַר־אַ גרופּן און פראַקציעס זיינען דאָרטן ניט געווען! „די גרופּע פאַר באַפרייען די אַרבעט", „דער פאַרבאַנד פון די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן", די גרופּן „אַרבעטער ביבליאָטעק", „אַרבעטער פאָן", „אַרבעטער געדאַנק" און אַ חוץ דעם: די אַלטע נאַראָדאָוואָלצעס, די יונגע נאַראָדאָוואָלצעס, סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, פאַרשידענע נאַ־ציאָנאַלע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס . . .

אַזאַ צושטאַנד און מישמאַש האָבן געמוזט ווירקן דעמאָראַליזירנ־דיק. און זיי האָבן טאַקע אַזוי געווירקט — נאָך מער, ווען פון רוס־לאַנד האָט מען אויך ניט געהערט קיין באַזונדערס פריילעכע ביים.

אַ גאַנץ אַנדער בילד האָט אָבער מיט זיך פאָרגעשטעלט דער „בונד".

די קאָנטינואיטעט פון זיין אַרבעט, טראָץ די אַרעסטן, — זיינע דרוקערייען, זיין פּרעסע, די סיסטעמאַטישקייט און אָרגאַניזירטקייט פון זיינע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אַרויסטרעטונגען, די צוגעבונדנ־קייט פון די אידישע אַרבעטער צו זייער אָרגאַניזאַציע — דאָס אַלץ האָט אימפּאָנירט. מען האָט אָנגעהויבן וועגן „בונד" פיל ריידן, אַרויס־שטעלן אים אַלס אַ ביישפּיל פון אַ נאָרמאַלער פּאַרטיי מיט אַ נאָרמאַלער פּאַרטיי־טעטיקייט. אין דער אויסלענדישער פּרעסע האָט מען מער און מער געקענט געפינען גינסטיקע נאָטיצן וועגן „בונד". די רוסישע סאָציאַליסטישע פּרעסע האָט אָפּגעגעבן אַ סך פּלאַץ אַרטיקלען און קאָ־רעספּאָנדענציעס, מיט אויסדרוקן פון באַוואונדערונג און אַכטונג צום

„בונד״. מען האָט אָנגעהויבן צו באַטראַכטן דעם „בונד״ אַלס אַ וויכטיקן פאַקטאָר אין דעם רעוואָלוציאָנערן און סאָציאַליסטישן לעבן אין רוסלאַנד. אויפן טרויעריקן טונקעלן הינטערגרונט פון רוסישן לעבן האָט דעם „בונד׳ס״ אַרבעט זיך האָפנונגספול אויסגעטיילט. אַ סימפּאַטישע, פריינטלעכע אַטמאָספערע האָט זיך אויסגעבילדעט אַרום „בונד״. איך רייד שוין ניט וועגן אַזעלכע מענטשן, ווי מ. ווינטשעווסקי און אַ. ליעסין, וואָס האָבן אים אַזוי שיין באַזונגען—זיי זיינען שטענדיק געווען אין קרובה׳שאַפט מיט אונזער באַוועגונג — נאָר אפילו אַ סך פּאַרטיי־קעגנער האָבן זיך ניט געקענט אָפּהאַלטן פון אויסצודריקן זייערע וואַרעמע געפילן צום „בונד״. דער סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער אַנ—סקי, דער מחבר פון די צוויי בונדישע הימנען: „אין זאַלציקן ים״ און די „שבועה״ (ביידע געשריבן אָנהויב 1902), איז איינער פון זיי; אַ צווייטער איז זשיטלאָווסקי, וואָס האָט געזוכט אַ דערנעענטערונג צום „בונד״. און דאָס זיינען נישט געווען בלויז אויסנאַמען.

דער אויסלענדישער קאָמיטעט פון „בונד״ האָט ריכטיק אָפּגעשאַצט די־אַ גינסטיקע לאַגע. אויף פאַרשידענע וועגן האָט ער געזען צו אויסנוצן די פריינטלעכע שטימונג און די וואַקסנדיקע פּאַראינטערעסירונג מיט זיין טעטיקייט. אין אַן אויפרוף צו דער אידישער אינטעליגענץ און די אַרבעטער אין אויסלאַנד האָט ער געשילדערט די טרויעריקע פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און נאַציאָנאַלע לאַגע פון די אידישע אַרבעטער־מאַסן אין רוסלאַנד און פוילן און דעם ביטערן קאַמף זייערן פאַר אַ ראַדיקאַלער פאַרבעסערונג פון זייער לעבן. ער האָט אָנגעוויזן אויף די אַלגעמיינע שטרעבונגען פון „בונד״ און די נאָענטסטע פּלענער פון זיין אויסלענדישן קאָמיטעט. ער האָט אויפגעפאָדערט אַלע יענע, וואָס סימפּאַטיזירן מיט זיינע צילן, צו אונטערשטיצן אים אין זיין שווערער אַרבעט. אַ טור, וואָס איך האָב אונטערנומען דורך אייניקע שטעט, וואו עס זיינען געווען גרויסע סטודענטישע קאָלאָניעס, האָט געגעבן גלענצנדיקע רעזולטאַטן: עס האָבן זיך געגרינדעט אַ סך גרעסערע און קלענערע בונדישע פאַראיינען און עס זיינען אָנגעקניפּט געוואָרן פאַרבינדונגען מיט אַ רייע איינצעלנע פּערזאָנען.

עס איז אַוועק אַ געוויסע צייט און אין גאַנץ מערב־איראָפּע האָבן מיר געהאַט אַ געדיכטע נעץ פון מיטהילפס גרופּן פון „בונד״. געבויט

דזשאַן מילל

אויף ענלעכע יסודות און האָבנדיק די זעלבע צילן, זיינען זיי דורך דעם אויסלענדישן קאָמיטעט פאַראייניקט געוואָרן אין אַן אַלגעמיינער אָר־גאַניזאַציע.

די „פאַראייניקטע אָרגאַניזאַציע פון אַרבעטער־פאַראיינען און מיט־הילפס־גרופּן פון 'בונד' אין אויסלאַנד" איז באַשאַפן געוואָרן אויף אַ קאָנפערענץ אין די לעצטע טעג פון דעצעמבער 1901 אין בערן.

די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן אין אויסלאַנד. — מחלוקת צווישן די „יונגע" און די „אַלטע". — די ראָלע פון „בונד" אין דער מחלוקת

אין שטילן, רואיקן ציוריך האָב איך געטראָפן אַ קאָלאָניע פון רוסישע פּאָליטישע עמיגראַנטן. דאָס רוב פון זיי איז ניט לאַנג צוריק געקומען קיין אויסלאַנד. כמעט אַלע זיינען געווען אַנטוישט און אויפגערעגט. דאָס איז געווען אַ יונגער סימפּאַטישער עולם, מיטגלידער פון „פאַרבאַנד פון רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן אין אויסלאַנד", וואָס האָבן זיך שטאַרק אַנטוישט אין די מיטלען און מעטאָדן, מיט וועלכע עס האָט זיך געפירט די סאָציאַליסטישע אַרבעט אין רוסלאַנד. זיי האָבן געהאַט פאַר זייערע אויגן די גרויסע דערפאָלגן פון דער פּוילישער און אידישער אַרבעטער באַוועגונגען און האָבן געזוכט די סיבות פון דער הינטערשטעליקייט פון די רוסישע אַרבעטער. אין רוסלאַנד פלעגן אין יענער צייט אָפט אויסברעכן גראַנדיעזע סטיכישע סטרייקן. פאַר וואָס ניט אויסנוצן יענע עקאָנאָמישע קאָנפליקטן מיטן ציל אַרויסצופירן די רוסישע אַרבעטער אויף אָרגאַניזירטע וועגן און פאַרוואַנדלען די קאָנפליקטן אין אַ שטויס־קראַפט פאַר אַ פּאָליטישער באַוועגונג? פאַר וואָס ניט געפינען אַ וועג, אַ פאַרשטענדלעכן, איינפאַכן, לייכטן וועג אַריינצוברענגען אין יענע אומצופרידענע אַרבעטער שיכטן ווי אויך בכלל אין די ברייטע אַרבעטער מאַסן קלאַסנבאַוואוסטזיין? און איז דען נישט איינער פון די בעסטע וועגן דאָס צו דערגרייכן — דער וועג פון באַזאָרגן זיי, די דאָזיקע מאַסן, מיט אַ פּאָפּולערער ליטעראַטור, צוגעפאַסט צו זייערע טאָג־טעגלעכע אינטערעסן און באַדערפענישן — סיי פּאָליטישע און סיי עקאָנאָמישע? די רייכע, ערנסטע, ליטעראַטור, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן דורך דער „גרופּע פאַר באַפרייען די אַרבעט" — דורך פּלעכאַנאָוו'ן, אַקסעלראָד'ן און וועראַ זאַסוליטש, — האָט ניט געטויגט פאַר דעם ציל. זי איז געווען צו טיף טעאָרעטיש

און האָט זיך ניט אָפּגעגעבן מיט די רעאַלע עקאָנאָמישע קאַמפן פון אַרבעטער־קלאַס. צוגעפּאַסט בלויז צו דעם גייסטיקן ניוואָ פון דער אינטעלעקטועלער און אַרבעטער אינטעליגענץ, איז זי געווען צו שווער צו פאַרשטיין פאַר דעם ברייטן עולם.

אָט דאָס קליין הייפל מענטשן האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו שאַפן אַזאַ נויטיקן מין ליטעראַטור, פּאָפּולער סיי לויטן אינהאַלט, סיי אויך לויט דער שפּראַך און פאָרם. זיי האָבן אַפּעלירט צו אַלע רוסישע סאָציאַל דעמאָקראַטישע הילפס־גרופּן אין אויסלאַנד און טייל־וויז צו אָרגאַניזאַציעס אין רוסלאַנד און געפונען ביי זיי פאַרשטענד־נישט און סימפּאַטיע. אָבער פּלעכאַנאָוו׳ס אָנהענגער האָבן אויך ניט גע־שלאָפן. כאָטש זייער גרופּע איז געווען אַ טייל פון „פאַרבאַנד״, האָבן זיי זיך אויפגעפירט ווי אַ מלוכה אין אַ מלוכה. זיי האָבן איגנאָרירט די מאַיאָריטעט־באַשלוסן, נישט אַנערקענט די איינפאַכסטע כללים פון דיסציפּלין, און קעגנגעווירקט סיי אָפן, סיי אויך הינטער די קוליסן קעגן די ייִנגערע חברים פון „פאַרבאַנד״. אַן אמת׳ע מלחמה האָט זיך צעפלאַקערט און עס האָט אַ פלייץ געטאָן אויף די „יונגע״ אַ ים פון באַשולדיקונגען : מען האָט זיי פאָרגעוואָרפן אָפּאָרטוניזם, עקאָנאָמיזם, רעפאָרמיזם, און קליין־בורזשואַזע אידעאָלאָגיע. דער אָרגאַן פון די „יונגע״ — „ראַבאָטשעיע דיעלאָ״ — איז געמאָלט געוואָרן ווי אַ שרעק־בילד פאַרן אמת׳ן מאַרקסיזם. אָבער אויב עקאָנאָמיזם האָט גע־דאַרפט באַדייטן צו קאָנצענטרירן דעם גאַנצן פּראָלעטאַרישן קאַמף נאָר אויף קליינע מאַטעריעלע פאַרבעסערונגען, איגנאָרירנדיק דערביי דעם גאַנצן פּאָליטישן קאַמף, האָט יעדער זייטיקער נישט פּראַקציאָנע־לער באַאָבאַכטער געקאָנט אויסגעפינען, אַז דער פאָרוואורף איז נישט באַגרינדעט אין באַצוג צו „ראַבאָטשעיִע דיעלאָ״.

אין פּראָצעס פון אָט־דעם קאַמף האָבן די „אַלטע״ נישט אַנדערש געוואָלט אונטערוואָרפן די „יונגע״ זינד פון עלעמענטן, פאַר וועלכע זיי זיינען לחלוטין נישט געווען פאַראַנטוואָרטלעך. די באַוואוסטע גע־זעלשאַפטלעכע טוערין און רעכטע סאָציאַליסטקע קוסקאָוואַ האָט אָנגע־שריבן אַן אַני־מאַמין : „קרעדאָ״, באַפּוצט מיט אַלערליי רעפאָרמיסטישע בלומען. די אַרויסגעבער פון „ראַבאָטשעיע דיעלאָ״ האָבן קיין שייכות צו דעם ניט געהאַט. קוסקאָוואַ איז אפילו נישט געווען קיין מיטגליד

פון „פאַרבאַנד״. אויך האָט ניט געהערט צום „פאַרבאַנד״ קאָק, דער רעדאַקטאָר פון „ראַבאָטשאַיאַ מיסל״, אָרגאַן פון די פּעטערבורגער אַר־בעטער, וואו דער עקאָנאָמיזם און אָפּאָרטוניזם זיינען אָוועקגעשטעלט געוואָרן אויף אַ פּעדעסטאַל און אַרויסגערוקט געוואָרן אַלס דאָס לעצטע וואָרט פון פּראָלעטאַרישער חכמה און לאָגיק. אָבער וואָס האָט דאָס געהאַט צו טאָן מיט דער „ראַבאָטשעיע דיעלאָ״? דער איינציקער אין „פאַרבאַנד״, וואָס האָט אין זיינע פּריוואַטע בריוו אַרויסגעוויזן אַ נייגונג צו אָפּאָרטוניסטישע טענדענצן איז געווען קאָפּעלזאָן. אָט די בריוו זיי־נען אַריינגעפאַלן צו פּלעכאַנאָוו'ן און פּלעכאַנאָוו'ס גרופּע האָט גערן צוגעשריבן אָט די אנשויאונגען דעם גאַנצן „פאַרבאַנד״. אויך דאָ האָט דער „פאַרבאַנד״ זיך אַנטזאָגט צו נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכ־קייט פאַר די אויסגליטשונגען פון איינעם פון זיינע מיטגלידער.

אויף זיין צוזאַמענפאָר, סוף 1898, האָט דער „פאַרבאַנד״ אָפּי־ציעל זיך אָפּגעגרענעצט פון עקאָנאָמיזם, אַזוי ווי מען האָט אים דאַ־מאָלט פאַרשטאַנען. צו מאַכן אַ סוף צו די טענות, וואָס פּלעכאַנאָוו און זיינע אָנהענגער האָבן געוועןדעט קעגן זיי, האָבן די „יונגע״ דערקלערט, אַז זיי שטייען סיי טעאָרעטיש און סיי פּראַקטיש אויפן באָדן פון איג־טערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם, אַז זיי אָנערקענען פולשטענדיק, אַז אויך פאַר די רוסישע אַרבעטער זיינען גילטיק די אמת'ן—אַז „יעדער קלאַסן־קאַמף איז אין דער זעלבער צייט אַ פּאָליטישער קאַמף״ און אַז „די סאָציאַלע באַפרייאונג קען נישט קומען אָן דער פּאָליטישער באַפרייאונג״. דער צוזאַמענפאָר האָט אויך אויסגעדריקט די איבערצייגונג, אַז די רוס־לענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע וועט קענען אויספירן איר געשיכט־לעכע ראָלע — אַראָפּצוואַרפן די זעלבסטהערשערישע רעגירונג און צו באַפרייען דעם אַרבעטער קלאַס פּאָליטיש און עקאָנאָמיש — בלויז אין כסדר'דיקן קאַמף פאַר די אינטערעסן און רעכט פון אַלע אַרבעט־דיקע און קעגן אַלע פאָרמען פון עקאָנאָמישער, פּאָליטישער, נאַציאָ־נאַלער און רעליגיעזער אונטערדריקונג.

וואָלטן די מחלוקות זיך געדרייט בלויז אַרום פּרינציפּיעלע פראַגן, וואָלט מען מסתמא געקענט גרינג זיך צוזאַמענריידן. אָבער עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס האָט זיך דאָ געהאַנדלט אויך וועגן „מאַכט־פּאָליטיק״, וועגן דעם ווער זאָל זאָגן די הויפּט־דעה אין „פאַרבאַנד״:

דזשאַן מילל

פלעכאַנאָוו׳ס קליינע גרופּע אָדער די גרויסע צאָל פון די איבעריקע מיטגלידער. קיין שלום אויף דעם באָדן איז ניט דערגרייכט געוואָרן.

דער צוזאַמענפּאַר האָט געדויערט אַ גאַנצע וואָך. גלייך פון אָנהייב האָבן זיינע אָנטיילנעמער זיך צעטיילט אויף צוויי לאַגערן: אויף איין זייט זיינען געשטאַנען פלעכאַנאָוו, אַקסעלראַד, זאַסוליטש, קאָלצאָוו און טעסלער, וועמען לעניג׳ן פרוי, קרופּסקאַיאַ, האָט שפּעטער באַשריבן אין איר בוך אַלס אַ נאָענטן פריינט פון לענינ׳ען; אויף דער אַנדער זייט — אַקימאָוו־מאַכנאָוועץ, זיין שוועסטער, טעפּלאָוו און זיין פרוי, איוואַנשין, קורנאַטאָווסקי, אַנאַסאָוו, ישראל פעסקין און זיין פרוי, קריטשעווסקי און נאָך. דעם „בונד״ האָבן רעפּרעזענטירט קאָפּעלזאָן און איך.

פלעכאַנאָוו, אַקסעלראַד און זאַסוליטש, איינגעשפּאַרט, נישט ווילנדיק מאַכן קיין שום הנחות, האָבן זיך קאַטעגאָריש אָנטזאָגט אַריינצוגיין הן אין דער נייער רעדאַקציע, הן אין דער אַדמיניסטראַציע. קאָפּעלזאָן איז דערוויילט געוואָרן אַלס סעקרעטאַר, איך אַלס קאַסירער.

אגב וויל איך דאָ באַמערקן, אַז צווישן די „יונגע״ האָט דער „בונד״ געפונען זיינע איבערגעבנסטע פריינט, זיינע בעסטע פאַרערער. זיי זיינען פשוט געווען פאַרליבט אין אים און האָבן נאָכגעמאַכט יעדן שריט זיינעם, יעדן וואונק. אַ סך פון זיינע אויסגאַבן — קאַסאָווסקי׳ס בראָשור וועגן פּ.פּ.ס., מאַרטאָוו׳ס „נייע עפּאָכע״ און נאָך — זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך זיי. אַקימאָוו האָט מיט עטלעכע יאָר שפּעטער פאַרפאַסט און אָפּגעדרוקט אויף רוסיש אַ ריי עטיודן צו דער געשיכטע פון „בונד״. אייניקע — אַקימאָוו, אַנאַסאָוו, איוואַנשין — זיינען אַזוי געווען באַגייסטערט פאַרן „בונד״, אַז זיי האָבן זיך געלערנט לייענען אידיש מיטן ציל צו באַקענען זיך מיט דער בונדישער ליטעראַטור אין אָריגינאַל.

און וואָס מער די „יונגע״ האָבן אַרויסגעוויזן זייער באַוואונדערונג און באַגייסטערונג פאַרן „בונד״, אַלץ פיינטלעכער איז געוואָרן די באַציאונג צו אים מצד די „אַלטע״. פלעכאַנאָוו און אַקסעלראַד האָבן אפילו געוואָלט אַריינשלעפּן ניו־יאָרק אין דער מחלוקות און אונטערגראָבן דאָרטן די אַלץ־וואַקסנדיקע סימפּאַטיעס צום „בונד״. אויף אַ פאַרזאַמלונג אין ניו־יאָרק האָט דר. אינגערמאַן, אַ פריינט פון דער גרופּע

פיאָנערן און בויער

פון „באַפרייען די אַרבעט", דורכגעלייענט (זומער 1900) אַ בריוו פון אַקסעלראַד'ן, אין וועלכן ער האָט אַפּעלירט נאָך הילף אין זייער קאַמף מיט די „העלדן פון מינסק און ווילנע", וואָס האָבן, לויט זייערע ווערטער, אַריינגעטראָגן אין רוסישן „פאַרבאַנד" דעזאָרגאַניזאַציע און מלחמה. קעגן דעם בריוו זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן פּראָטעסטן אין די ניו־יאָרקער אידישע צייטונגען. אין בריוו צו דעם אויסלענדישן קאָמיטעט האָט מען די „מינסקער און ווילנער" העלדן אויסגעדריקט סימפּאַטיע און צוגעזאָגט הילף.

דאַרף מען דאָ צוגעבן, אַז פּלעכאַנאָוו'ס און אַקסעלראַד'ס באַהויפּטונג איז געווען אין גאַנצן פאַלש, פּשוט אויסגעזויגן פון די פינגער ?! די מינסקער און ווילנער זיינען אין רוסישן „פאַרבאַנד" געווען די ערשטע, וואָס זיינען געשטאַנען פאַר דיסציפּלין, פאַר צענטראַליזירטער טעטיקייט, פאַר שלום . . .

ווי אַזוי עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן דער „טראַנס־פּאָרט". — בוכהאָלץ. — דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט". — דער „אידישער אַרבעטער" דערשיינט ווידער

צווישן קאַפּעלזאָנ'ען און מיר איז דורכגעלאָפן אַ שוואַרצע קאַץ. מיר דוכט זיך, אַז אין אונזער לאַנג־יאָריקער חבר'שאַפט און פריינט־שאַפט איז דאָס געווען דאָס איינציקע מאָל, וואָס מיר האָבן זיך אַביסל געבייזערט איינער אויפן צווייטן. זיך ניט צעקריגט, ניין. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם, ווער פון אונזביידן זאָל זיך באַזעצן אין בערלין. איינער פון אונז האָט געמוזט דאָרטן וואוינען — דאָס האָבן דאַן געפאָדערט די פאַרבינדונגען מיט רוסלאַנד און די טעכניק פון אונ־זער טראַנספּאָרט. דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט אונז אויפמערקזאַם געמאַכט אַז צו קאָרעספּאָנדירן מיט אונז אין דער שווייץ איז נישט באַקוועם — עס דויערט צו לאַנג. אויך, אַז עס איז נישט ראַטזאַם, ווייל די שווייץ איז אין רוסלאַנד פאַררעכנט פאַר אַ פּאָליטיש טריף לאַנד און אַז אויף אַלע בריוו, וואָס ווערן אַהין אַדרעסירט, האַלט מען אַן אויג. מיר האָבן נאַטירלעך דאָס סיי־ווי־סיי אַליין אויך געוואוסט. גראָד דאַן איז בערלין נישט געווען פאַר מיר אַ זיכערער אָרט צו וואוינען. מען האָט געמוזט זיך איינמעלדן אין דער פּאָליציי און די פּרייסישע פּאָליציי פלעגט מיט מענטשן פון מיין שניט זיך ווייניק וואָס צערעמאָניען. מען איז קיין מאָל ניט געווען גאַראַנטירט פון פּלוצלונג־דיקן אַרעסט און פון דעפּאָרטאַציע קיין רוסלאַנד. און איך בין דאָך געווען אויף זובאַטאָוו'ס רשימה. האָב איך גע'טענה'ט מיט קאַפּעלזאָנ'ען, אַז פאַר אַ געוויסע צייט, ביז די בונדישע אַרעסטן אין רוסלאַנד וועלן אַ ביסל פאַרגעסן ווערן און ביז איך וועל געפינען אַ דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע משפּחה, ביי וועלכער איך זאָל קענען וואוינען אַן אַ פּאַס־פּאָרט, זאָל ער אַריבערפאָרן קיין בערלין. אָבער אנשטאָט דעם דער־

פיאָנערן און בויער

וואַרטעטן באַפרידיקנדיקן ענטפער, האָב איך דערהערט פון אים אַ קאַטעגאָרישן אָפזאָג. נאָך מער: ער האָט מיר מיטגעטיילט, אַז מחמת פערזענלעכע סיבות פאַרט ער גאָר אַריבער פון ציוריך קיין בערן!

מילא, עס איז נישט געבליבן קיין אַנדער אויסוועג און איך בין געווען געצוואונגען צו נעמען אויף זיך די מיסיע.

אין בערלין האָבן מיר ביז דאַן געהאַט אַ מענטשן, וואָס איז געווען גרייט צו העלפן אונז אָן קיין שום באַדינגונגען און איז געווען אונז טריי און איבערגעבן. דאָס איז געווען אַ רוסיש־דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַט, וואָס האָט צוזאַמען מיט זיין פרוי, אַ רוסיש אַסימילירטער אידין, זיך באַזעצט אויף שטענדיק אין בערלין. אַן אָריגינעלער מענטש איז ער געווען—אַט דער פריינט אונזערער. אַן איבערגעגעבענער, טרייער סאָציאַליסט, פלעגט אים פונדעסטוועגן אָנקומען שווער צו אָריענטירן זיך אין די אייביקע צווישן־פראַקציאָנעלע רייסערייען און אין די פרינציפיעלע חילוקי דעות הן אויפן באַדן פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם, הן אויפן באָדן פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין רוסלאַנד. ווער איז גערעכט, פלעכאַנאָוו אָדער די „יונגע"? די זשאָרעסיסטן אין פראַנקרייך אָדער די געדיסטן? די בערנשטייניאַנער אָדער די נאָכפאָלגער פון קויטסקי'ן און בעבעל'ן? די איסקראָוועצעס אָדער די אַנטי־איסקראָוועצעס? און פאַרצווייפלט, אָפּהענטיק פלעגט ער זיך אַרומטראָגן מיט זיינע ספקות, טיף ליידנדיק און נישט וויסנדיק ווי און וואו צו געפינען דעם ריכטיקן ענטפער אויף זיי.

אַליין אַ קריסט, האָט ער זיך באַצויגן צום „בונד" מיטן גרעסטן דרך ארץ און מיט אַן אויסעראָרדנטלעכער ליבע, און איז אַלע מאָל געווען גרייט צו קומען צו אים מיט טעכנישער הילף. ביז איך און, שפעטער, פראַנץ קורסקי האָבן איבערגענומען די פאַראַנטוואָרטלעכע שווערע אַרבעט, פאַרבונדן מיט דער טעכניק פון טראַנספאָרט, איז די גאַנצע אַרבעט געווען געטאָן דורך אים. אַט דער פריינט אונזערער הייסט בוכהאָלץ. ער האָט כשר פאַרדינט, אַז זיין נאָמען זאָל אין „בונד" נישט ווערן פאַרגעסן. ער לעבט היינט אַלס אַ פליכטלינג פון היטלער'ס דייטשלאַנד אין ניו יאָרק.

ווי נאָר מיר האָבן אָנגעהויבן צו שיקן גרעסערע טראַנספאָרטן ליטעראַטור, נישט צופעליק און ספאָראַדיש, נאָר אָרגאַניזירט און סיס־

דזשאַן מילל

טעמאַטיש, האָט בוכהאָלץ שוין מער ניט געקענט זיך געבן אַליין אַן עצה מיט דעם גאַנצן אומפאַנג פון דער אַרבעט. די צאָל מענטשן, וואָס פלעגן מסכים זיין מיטצונעמען איבער דער גרענעץ צווידעקיקע וואַליזעס, אָנגעפילט מיט ליטעראַטור, איז שטענדיק געוואַקסן. מען האָט געדאַרפט וויסן וויפיל צו שיקן און וואָס צו שיקן. נישט פאַרשטייענדיק אידיש, פלעגט בוכהאָלץ זיך פאַרלירן, ווען ער פלעגט קריגן אָנווייזונגען פון אונז אַז עס איז נויטיק דורכפירן אַ שטיקל אַרבעט. מען פלעגט דאַרפן אויסזוכן פאַרטרויליכע טשעמאָדאַנען־מאַכער, קאָנטראָלירן צי אַלץ איז אין אָרדענונג, געבן אינסטרוקציעס און אַדרעסן די מיטנעמער. נאָך מער שוועריקייטן פלעגט מען האָבן מיטן רעגולערן טראַנספאָרט, מיטן אַריבערשמוגלען טריפה סחורה איבער דער גרענעץ מיט דער הילף פון קאָנטראַבאַנדיסטן. אַלץ פלעגט גיין פון בערלין צו דער גאַנצער לענג פון דער דייטש־רוסישער גרענעץ, פון איידקונען ביז קאַטאָוויץ. די ליטעראַטור פון שווייץ פלעגט געשיקט ווערן צום ביכער־פאַרלאַג „פאָרווערטס" אָדער צו דעם שאַרלאָטענבורגער אַגענט פון „פאָרווערטס" — שאַרנבערג׳ן. דאָ האָט מען געדאַרפט אויספאַקן, סאָרטירן, ווידער איינפאַקן, נישט אַלס ביכער, נאָר אַלס געוויינלעכע סחורה: זיידנס, אָדער ספירט, אָדער אַלערליי מאַנופאַקטור־זאַכן . . .

די פעקלעך פלעגן געשיקט ווערן דורך פאָסט אין דערפער און שטעטלעך ביי דער דייטש־רוסישער גרענעץ, מיט מאָדנע שווערע נעמען, פון וועלכע איך געדענק איצט — איך ווייס ניט פאַרוואָס — בלויז סטאַלופענ׳ען. קאָנטראַבאַנדיסטן פלעגן די פעקלעך אַריבערשמוגלען און צושטעלן צו אונזערע מענטשן אין אַ גאַנצע רייע שטעט: סואוואַלקי, קאָוונע, וולאָצלאַוועק, פלאָצק, ווילנע, לאָדזש, וואַרשע. פון קאַטאָוויץ פלעגט די ליטעראַטור אַריבערגעשמוגלט ווערן קיין סאָסנאָוויץ דורך אַ לערער פון סאָסנאָווצער גימנאַזיע, אַ רוס, וואָס איז געווען גוט באַפריינדעט מיט אַ סך גרענעץ־באַאמטע. ער האָט אונז אָבער געשטעלט איין באַדינג: מיט יעדן טראַנספאָרט מוזן מיר אים צושטעלן צוויי עקזעמפלאַרן פון אַלע אויסגאַבן פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן.

מיט דער עסטרייך־רוסישער גרענעץ פלעגן מיר זיך אין די ערשטע יאָרן ניט באַנוצן. איך געדענק בלויז איין טראַנספאָרט אין גאַליציע

ניט ווייט פון בוקאָווינע. די הויפּט־סיבה פון דעם איז געווען, וואָס אויף דער אַנדער זייט גרענעץ, אין דרום־רוסלאַנד, האָבן מיר ניט געהאַט קיין פּאָסיקע מענטשן און עס איז געווען צו ווייט צוצושטעלן די קאָנטראַבאַנדע צו יענע צענטערן, פאַר וועלכע די ליטעראַטור איז געווען באַשטימט.

איידער איך האָב זיך אַריבערגעקליבן קיין בערלין, האָבן מיר באַשלאָסן אַרויסצוגעבן דעם זעקסטן נומער „אידישער אַרבעטער" און אויך אָפּדרוקן דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" פון קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס, מיט אַ פאָרוואָרט פון קויטסקי׳ן ספּעציעל אָנגעשריבן פאַר אונז. די איבערזעצונג האָבן געמאַכט מיטגלידער פון אונזער בערנ׳ער גרופּע — עפּראָס, בלומשטיין, און נאָך אימיצער. ווען זיי האָבן געהאַט שוועריקייטןביים איבערזעצן דעם אָדער יענעם זאַץ, פלעגן זיי זיך באַראָטן מיט זשיטלאָווסקי׳ן, אַלס אַן אָנערקענטער אויטאָריטעט אין אידיש. די איבערזעצונג איז פונדעסטוועגן אַרויס זייער ניט קיין געראָטענע, ערטערווייז ניט קלאָר און פינקטלעך. עס איז אין גאַנצן פאַרלוירן געגאַנגען די קראַפט און דער קאָליר פון מאַרקס׳עס און ענגעלס׳עס אויסדרוק און שפּראַך. און דאָך איז דאָס דערשיינען אויף אידיש פון פולן טעקסט פון „מאַניפעסט" פון אַלעמען באַטראַכט געווען אַלס אַן ערשט־קלאַסיקע געשעעניש, אַלס אַ גלענצענדיקער אויפטו פון „בונד".

אין דער „אַרבעטער שטימע" איז דערשינען אַן אָפיציעלע דערקלערונג פון צענטראַל קאָמיטעט, אַז דאָס אַרויסגעבן און רעדאַקטירן דעם „אידישן אַרבעטער" גיט ער איבער דעם אויסלענדישן קאָמיטעט און אַז דער לעצטער נעמט איבער די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן אינהאַלט און כאַראַקטער פון דעם אָרגאַן. נישט אין בריוו און נישט אין דער „אַרבעטער שטימע" האָט דער צ. ק. אונז קיינע אָנווייזונגען ניט געגעבן ווי ווייטער צו פירן דעם „אידישן אַרבעטער", וואָס פאַר אַ כאַראַקטער ער זאָל טראָגן. ער האָט דאָס, ווי עס שיינט, פולקאָם איבערגעלאָזט צו אונז. אַלס דער רעדאַקטאָר, האָב איך אויף אַזאַ אופן געמוזט נעמען די פאַראַנטוואָרטלעכקייט אויף זיך אַליין, נישט האָבנדיק קיין שום קלאָרע ריכטשנור. דאַרף דאָס זיין אַ פאָרזעצונג פון די ערשטע פינף נומערן? און אפשר דאַרף דאָס זיין עטוואָס גאַנץ

דזשאָן מילל

נייעס, און אויב יע, וואָס? עס איז מיר איבערגעבליבן בלויז צו טרעפן . . .

זיינען טאַקע די נומערן זעקס און זיבן אַרויס אין גייסט — פון אומבאַשטימטקייט.

כמעט דער גאַנצער זעקסטער נומער איז געווען אָנגעשריבן פון מיר אַליין. בלויז דריי אַרטיקלען האָבן געהערט צו אַנדערע מחברים. איין אַרטיקל פון יענע דריי, דער גרעסטער, האָט אַרויסגערופן אַן אמת'ן פילזייטיקן שטורעם. דאָס איז געווען ח. זשיטלאָווסקי'ס אַרטיקל: „ציוניזם אָדער סאָציאַליזם?", אונטערגעשריבן „בן־אהוד".

ציוניזם אָדער סאָציאַליזם? — זשיטלאָווסקי און דער „בונד"

קאָפּעלזאָן שרייבט מיר פון בערן, אַז ווי חבר זשיטלאָווסקי האָט זיך דערוואוסט אַז דער „אידישער אַרבעטער" הייבט אָן ווידער אַרויס־צוגייען, האָט ער אָנגעבאָטן אָנצושרייבן פאַר אים אַן אַרטיקל, געריכטעט קעגן ציוניזם. וואָס טראַכט איך וועגן דעם?

איך האָב אים געבעטן דעם דאָזיקן אַרטיקל גלייך מיר צוצושטעלן.

איידער הערצל איז אַרויסגעקומען מיט זיין „יודנשטאַט" האָט די ציוניסטישע, די אַזוי גערופענע פּאַלעסטינאָפילישע, באַוועגונג קיי־נע וואָרצלען אין אידישן לעבן אין רוסלאַנד און אין פּוילן ניט געהאַט. איר ווירקונג האָט אַרומגענומען בלוז אַן אומבאַדייטנדיקע צאָל עלע־מענטן פון מיטל־קלאַס. זיי האָבן אָנגעהויבן זיך צו לערנען העברע־איש, געזוכט זיך בעסער צו באַקענען מיט דער געשיכטע פון אידישן פאָלק און געטרוימט אַריבערצוואַנדערן קיין ארץ־ישראל און בילדן דאָרטן לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס.

אויף דער אידישער אַרבעטער גאַס איז דידאָזיקע באַוועגונג גע־בליבן אַבסאָלוט טויט. קיינער דאָ האָט זיך ניט אינטערעסירט מיט איר. עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז אויף אַלע דריי ערשטע צוזאַמענ־פאָרן פון „בונד" איז די פראַגע וועגן ציוניזם ניט געשטאַנען אויף דער טאָג־אָרדענונג פון די פאַרהאַנדלונגען; ציוניזם איז דאָרטן אפילו ניט דערמאָנט געוואָרן מיט איין־איינציק וואָרט. דאָס איז דאַן באַ־טראַכט געוואָרן אַלס אַן ענין, וואָס איז געלעגן אין אַן אַנדערן, פרעמדן פּלאַן.

נאָך דעם ווי דער „יודנשטאַט" איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן און עס האָט זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן דער געדאַנק וועגן אַן אייגענער אידישער מלוכה אין פּאַלעסטינע ווי דער וועג פון אַ פּאָ־ליטישן און נאַציאָנאַלן „רענעסאַנס" פון אידישן פאָלק, איז געוואָרן קלאָר,

דזשאַן מילל

אַז דער „בונד" קען ניט ווייטער איגנאָרירן די נייע באַוועגונג. ניט היינט, איז מאָרגן וועט ער מוזן קומען צו די אידישע מאַסן מיט אַ סאָציאַליסטישן אַנאַליז פון די נייע שטרעמונגען צווישן דעם אידישן קליינבירגערטום.

זשיטלאָווסקי'ס אַרטיקל האָט געזאָלט זיין דער ערשטער שריט אין אָט־דער ריכטונג.

אָט דעם פּרואוו, נעמענדיק אין באַטראַכט די נייקייט פון דער פראַגע, קען מען באַטראַכטן אַלס אַ געלונגענעם. אַ בונדיסט־מאַרקסיסט וואָלט געוויס צוגעגאַנגען צום פּראָבלעם פון אַן אַנדער קוק־ווינקל, מיט אַ גרינטלעכערן און שאַרפערן אַנאַליז, אָבער אין אַלגעמיין האָט זשיטלאָווסקי אַרויסגעבראַכט אַ סך רייכע געדאַנקען און, אויב מען וויל, אייניקע נביאי'שע פאָרויסזאָגונגען, וואָס זיינען שפּעטער, אין לויף פון צייט, טיילווייז מקוים געוואָרן. מען טאָר ניט פאַרגעסן, אַז דער אַרטיקל איז געווען געשריבן מיט אַרום 50 יאָר צוריק, ווען די צוקונפט פון דער אידישער שפּראַך, פון דער אידישער דערציאונג און קולטור איז נאָך געווען באַדעקט מיט אַ געדיכטן נעפּל. די אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן פון „זשאַרגאָן" זיינען דאַמאָלסט ווייט ניט געווען קלאָר אַפילו פאַר די בעסטע ליבהאָבערס און אַפּאָלאָגעטן פון אידיש פון יענער צייט.

זשיטלאָווסקי'ס באַציאונג צום ציוניזם איז דאַן געווען אַ פול־שטענדיק נעגאַטיווע, אַן עקסטרעם פיינטלעכע.

אויפן ערשטן בליק, האָט ער געשריבן, איז דער ציוניזם ניט מער ווי דער אַלטער גלויבן אין דעם נסים־ונפלאות'דיקן משיח, נאָר אויס־געפּוצט און אויסגעצירט אויף אַן אייראָפּעאישן שטייגער. אָבער ווען מען קוקט זיך מער צו, באַמערקט מען אויפן שטעל, אַז דאָס איז אין אמת'ן אַ נייע באַוועגונג, וואָס האָט אירע וואָרצלען אין דער לאַגע פון די אידישע קליינע און מיטעלערע שיכטן און צום פון זיי יניקה אין די פייערדיקע ציוניסטישע נגונים אויף די ווערטער: „השיבנו נאַזאַד", וואָס אין זיי דאַכט זיך ברויזט דער גרויסער טרערן־ים פון דעם גאַנצן אידישן פאָלק, קען אַ געניטער צוהערער אויפן שטעל דערקענען די קרעכצן און זיפצן פון דעם אידישן מיטל־קלאַס, וואָס אים ווערט ענגער און ענגער אין דער איצטיקער געזעלשאַפט אין אייראָפּע מחמת

פיאָנערן און בויער

דעם וואַקסנדיקן אַנטיסעמיטיזם און וואָס מוז פריער אָדער שפּעטער אַרויסרופן ביי אים בענקשאַפט נאָך אַן אייגן לאַנד, נאָך אַן איי־גענער מלוכה...

דער ציוניזם, זאָגט זשיטלאָווסקי, איז די באַוועגונג פון דער אי־דישער בורזשואַזיע, און אַזוי ווי צווישן דער בורזשואַזיע און די אַר־בעטער קען קיין מאָל ניט זיין שלום, אַזוי קען קיין מאָל ניט זיין שלום צווישן סאָציאַליזם און ציוניזם.

צום אומגליק, זאָגט זשיטלאָווסקי, ווייטער, איז דאָס נאָך ניט גאָר קלאָר פאַר אַ סך מענטשן, וואָס מיינען אדרבא, אַז דער ציוניזם קען גיין האַנט אין האַנט מיטן סאָציאַליזם און אַז צווישן זיי איז גאָר קיין שום סתירה נישטאָ. זשיטלאָווסקי טרעט אַרויס מיט אַ סך אַרגומענטן קעגן די ציוניסטן־סאָציאַליסטן. ער שטעלט זיי עטלעכע האַרבע שאלות. מיט וואָס וועלן זיי פאַרענטפערן די ברידערשאַפט מיט די גרעסטע שונאים פון די אידישע פאָלקס־מאַסן, די רבנים און די גבירים? ווי אַזוי וועלן זיי גוטמאַכן דעם שאָדן, וואָס זיי טוען אַן דעם אידישן פאָלק מיט דעם, וואָס זיי מאַכן אים אַפּהענטיק אין זיין קאַמף פאַר אַ בעסערע לאַגע אין גלות? דעם שאָדן, וואָס זיי טוען אַן דעם אידישן אַרבעטער מיט דעם, וואָס זיי שוואַכן אָפּ זיין קלאַסן־באַוואוסטזיין? דעם שאָדן, וואָס זיי ברענגען דער גאַנצער אידישער סאָציאַליסטישער באַ־וועגונג, פאַרדרייענדיק מיט פאַנטאַסטישע פּראָיעקטן די מוחות פון דעם יונגן געבילדעטן דור, וואָס זיינע בעסערע עלעמענטן וואָלטן געקענט צושטיין צו דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג? . . .

און אויב, גיט צו זשיטלאָווסקי, דער ציוניזם איז אַ פאַנטאַסטישער חלום, אויב זיין פאַרשפּרעכן צו געבן דעם גאַנצן אידישן פאָלק אַן אייגענע מלוכה וועט קיין מאָל ניט קענען מקוים ווערן, איז „שווער צו געפינען אַן ערגערן פיינט פון דעם אידישן פאָלק איידער דער ציוניזם".

מיט כעס ווענדעט זיך זשיטלאָווסקי צו די ציוניסטן, אַנווייזנדיק, אַז זיי ספּעקולירן מיט די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון די אידישע אַר־בעטער, מיט די קולטורעלע אינטערעסן פון די אידן בכלל, מיט די פּאָליטישע אינטערעסן פון דעם גאַנצן אידישן פאָלק אין גלות.

און פאַר זשיטלאָווסקי'ן איז גאָר ניטאָ קיין ספק צו וועמען מען זאָל צושטיין: צום ציוניזם אָדער צום סאָציאַליזם . . .

דזשאַן מיל

אנשטאָט ציוניזם, אַנטוויקלט ער פאַר די אידישע אַרבעטנדיקע מאַסן אַ קעגנוואָרט פּראָגראַם און אַ פּראָגראַם פאַר דער צוקונפט, וואָס ער האָפט וועט מקוים ווערן, ווייל „אַזוי הייסט, אַזוי פאָדערט די קאַלטע און האַרטעווירקלעכקייט".

אַלס סאָציאַליסטן, זאָגט ער, האָפן מיר, אַז דער פּראָלעטאַריאַט פון אַלע לענדער וועט אַראָפּוואַרפן די הערשאַפט פון די קאַפּיטאַליסטן און טיראַנען און וועט אַ סוף מאַכן צו דער איינטיילונג אויף אָרעם און רייך, אויף קאַפּיטאַליסט און אַרבעטער. אויך דאָס אידיש פאָלק וועט פּטור ווערן פון זיינע בלוטזויגער . . .

אַלס איד האָפט ער, אַז די אידישע פאָלקס־ליטעראַטור, וואָס דער יונגער דור האָט אין דער לעצטער צייט באַשאַפן, וועט אַלץ וואַקסן און וואַקסן, וועט אַלץ צוציען מער טאַלאַנטן צו זיך און וועט זיך דער־שלאָגן צו אַזאַ מדרגה, אויף וועלכער עס שטייען די שענסטע אייראָ־פּעאישע ליטעראַטורן. די אידישע שפּראַך, וואָס איז אונז אויך אַזוי טייער און הייליק, ווי דעם דייטש די דייטשע, דעם רוס — די רוסישע און ווי דעם אַלטן אידן זיין לשון־קודש, וועט אַלץ רייכער ווערן אין ווערטער און אין אויסדרוקן. ווי נאָר די אידישע ליטעראַטור וועט ווערן רייך אין ביכער פון אַלערליי וויסנשאַפטן, וועט דער יונגער דור נישט דאַרפן זוכן די ערשטע נויטיקע קענטענישן ביי פרעמדע פעל־קער, זיינע מענטשלעכע געפילן און זיינע פרייע געדאַנקען וועט ער קענען אויסדריקן אין זיין אייגענער שפּראַך. און דאָס וועט אים נאָך מער צובינדן צו זיין פאָלק.

וייטער האָפט זשיטלאָווסקי, אַז די אידישע פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער וועלן מאַכן איין האַנט און וועלן גרינדן איין זעלבסטשטענדיקן אַלגעמיינעם אידישן אַרבעטער בונד, וואָס וועט אומעטום באַשירעמען די אינטערעסן פון אידישן פאָלק און וועט העלפן די פעלקער, צווישן וועלכע די אידן לעבן, גיכער צו דערשלאָגן זיך פרייהייט און סאָציאַליזם, און אַז אין דער פרייער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט וועט דאָס אידיש פאָלק פירן זיין אייגנאַרטיק לעבן. עס וועט האָבן אייגענע שיין און קלוג איינגעפירטע חדרים, אייגענע גימנאַזיעס און רעאַל־שולן, אַפילו אייגענע אוניווערזיטעטן. אין דער אַלטער וועלט האָט געהערשט דער כלל: דאָס פאָלק, דאָס איז זיין מלוכה! און דעריבער האָט יעדעס

פּיאָנערן און בויער

פאָלק געזוכט צו האָבן אַן אייגן לאַנד און אַן אייגענע מלוכה. אין דער נייער וועלט אָבער וועט זיין אַ כלל: דאָס פאָלק, — דאָס איז זיין קול־טור, זיין בילדונג; און דעריבער קאָן דאָס אידיש פאָלק בלייבן פּאָליטיש און רעכטלעך וואוינען צעזייט און צעשפּרייט צווישן אַלע פעלקער און דאָך בלייבן אידן, וואָס וועלן לעבן מיט זייערע שכנים אין שלום און האָבן די זעלביקע רעכט ווי זיי.

זשיטלאָווסקי גיט צו, אַז דערווייל זיינען דאָס נאָך ווייטע אידעאַלן, און ווען מען רייסט זיך אָפּ פון זיי און מען גיט אַ קוק אויף דעם האַרטן, קאַלטן ווירקלעכן לעבן, נעמט אַן אַ שווינדער און שווערע ספקות גנב׳ענען זיך אַריין אין האַרצן. אָבער דאָס לעבן שטופּט סאַי־ווי־סאַי צו טאָן די נויטיקע אַרבעט, וועלכע באַשטייט אין דעם, אַז די אידישע שפּראַך זאָל אויסגעאַרבעט און אויסגעבעסערט ווערן; אַז וואָס מער וויסנשאַפט זאָל פאַרשפּרייט ווערן צווישן דעם פאָלק, ווייל דאָס איז דער בעסטער כלי־זין, מיט וועלכן דער פּראָלעטאַריאַט קעמפט פאַר זיין באַפרייאונג; אַז דער פּראָלעטאַריאַט פון יעדן לאַנד זאָל געהאָלפן ווערן אין זיין שטרייט פאַר פרייהייט און יושר; און, ענדלעך, דאַרפן די אידישע פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער זיך פאַרבינדן צווישן זיך נישט בלויז אויסצוהעלפן איינע די אַנדערע מיט סאָציאַליסטישער ליטעראַטור, וואָס נאָר אידן קענען שרייבן פאַר אידן, נאָר אויך ווייל עס איז נויטיק צו גרינדן אַן אינטערנאַציאָנאַלן אידישן אַרבעטער סעקרעטאַריאַט אין די אינטערעסן פון די אַרומוואַנדערנדיקע און פון די איבעראַל צעשפּרייטע אידישע אַרבעטער...

... „ציוניזם אָדער סאָציאַליזם?״ איז געווען דער איינציקער אַרטיקל, וואָס זשיטלאָווסקי האָט ווען־עס־איז פאַרעפנטלעכט אין דער בונדישער פּרעסע. יע, אין דעם זעלבן נומער „אידישער אַרבעטער״ האָט ער נאָך געגעבן אַ ביבליאָגראַפישע נאָטיץ מיט אַ שאַרפער קריטיק פון דער ציוניסטישער צייטשריפט „דער יוד״. די נאָטיץ איז געווען געשריבן אין דעם זעלבן גייסט ווי „ציוניזם אָדער סאָציאַליזם?״ אונזערע באַציאונגען מיט אים אויפן ליטעראַרישן געביט האָבן זיך מיט דעם געענדיקט. נישט מיר האָבן אים פאַרגעשלאָגן פאַרצווזעצן זיין מיטאַרבעט אין „אידישן אַרבעטער״ און נישט ער האָט זיך אַרויסגערופן ווייטער צו שרייבן פאַר אונז.

דזשאָן מילל

איין מאָל באַזוכט מיך מאַרוסיאַ ריינעס און טיילט מיר מיט, אַז זשיטלאָווסקי איז ספּעציעל געקומען פון בערן קיין ציוריך זיך דורכ־צוריידן מיט מיר וועגן אַ זייער וויכטיקן ענין. מיין נייגער איז געווען גרויס. וואָס קאָן זיין דער ציל פון זיין קומען ? איך האָב שוין פריער געהערט, אַז אין בערן האָט זיך זשיטלאָווסקי באַקלאָגט און זיך געוואונ־דערט פאַר וואָס מען וויל אים ניט אַריינגעמען אין „בונד": וואָס איז שייך דער פּראַקטישער אַרבעט פון „בונד", איז ער מיט איר 100 פּראָ־צענט איינפאַרשטאַנען. זיין סאָציאַלע „פילאָזאָפיע", זיין אַנטי־מאַרק־סיזם, זיין צוגעהעריקייט צו די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן — וואָס האָט דאָס אַלעס צו טאָן מיט דער בונדישער באַוועגונג ? — פלעגט ער אויף אַ באַאיוון אופן פרעגן. די אַגראַר פראַגע עקזיסטירט דאָך ניט ביי אידן, די אַנווענדונג פון פּאָליטישן טעראָר אין רוסלאַנד דורך אַ אידישער אָרגאַניזאַציע האַלט ער פאַר שעדלעך — וואָס שטייט דע־ריבער אין וועג פון זיין צוגעהעריקייט צום „בונד"?

אונזער שמועס האָט גלייך פון אָנהייב אָנגענומען אַ ווענדונג, אַז אפילו פאַר אַ מענטשן, וואָס איז נישט באַהאַוונט אין „דיפלאָמאַטיע", האָט געמוזט זיין קלאָר אַז דאָס איז בלויז אַן אומוועג צו דעם הויפּט־ציל פון באַזוך. ווידער האָב איך געהערט — דאָס מאָל דירעקט פון אים — אַז דער „בונד" איז אומגערעכט צו אים, וואָס ער וויל אים ניט האָבן אין זיינע רייען, אַז דעם „בונד'ס" האַנדלונג אין באַצוג צו אים, איז אַ באַציאונג פון אַ סעקטאַנט צו פּאָליטיש און אָרגאַניזאַציאָנעל אַנדערש גלויביקע.

ער האָט גערעדט רואיק, געלאַסן, אָן ביטערניש. איך האָב זיך געפרעגט: וואָס וויל ער אַרויסברענגען ? ער איז דאָך ניט געקומען צו מיר זיך צו באַקלאָגן ?

לאַנג וואַרטן אויף אַן אויפקלערונג פון דעם אמת'ן ציל פון זיין באַזוך האָב איך ניט געדאַרפט.

ריינעס האָט פּלוצלונג אויפגעדעקט די קאָרטן. זשיטלאָווסקי, האָט זי געזאָגט, דערוויסנדיק זיך פון קאַפּעלזאָנ'ען, אַז איר זייט פאַרבונדן מיט דער אַרבעט פון אָרגאַניזירן דעם בונדישן טראַנספּאָרט, איז ספּע־ציעל געקומען אייך בעטן צו העלפן די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן טראַנספּאָרטירן זייער ליטעראַטור.

פיאָנערן און בויער

מיין רעאַקציע איז געווען אַ ספּאָנטאַנע. אין קורצע ווערטער האָב איך געגעבן צו פאַרשטיין: אַז צו עטלעכע עקזעמפּלאַרן פון די סאָצ.־רעוו. אויסגאַבן שיקן מיר פאַר אונזערע אייגענע אָרגאַניזאַציעס מיט יעדן טראַנספּאָרט; אַז אונזערע טראַנספּאָרט מעגלעכקייטן זיינען באַגרענעצטע; און אויב אפילו מיר וואָלטן געהאַט גרעסערע מעגלעכקייטן, וואָלטן מיר סאַי־ווי־סאַי געמוזט זיך אנטזאגן צו טראַנספּאָרטירן קעגנערישע, אָפּט פיינטלעכע ליטעראַטור — דער „בונד" איז דאָך אַ טייל פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, וואָס די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן פירן מיט איר אַן אידעאישן קאַמף.

אונזער געזעגענונג איז געווען ווייט פון צו זיין אַ האַרציקע . . .

בערלין. — די רוסישע און אידישע קאָלאָניעס. — טיפּן און כאַראַקטערן

אין בערלין איז מיין איינאָרדענען זיך געווען פאַרבונדן מיט גע־וויסע שוועריקייטן. אפילו צווישן די דייטשע „גענאָסן" האָבן זיך ניט געפונען בעלנים צו פאַרדינגען מיר אַ צימער אָן פּאָליציייאישער איינ־מעלדונג. ענדלעך האָב איך יאָ געפונען אַן אָרט וואו צו וואוינען. דאָס איז געווען ביי שאַרנבערג׳ן, דעם שאַרלאָטענבורגער פאַרטרעטער פון דעם בערלינער „פאָרווערטס".

עטלעכע יאָר האָב איך פאַרבראַכט אין בערלין, אָבער אין בערלי־נער לעבן האָב איך זיך ניט איינגעוואָרצלט. פאַרקערט, מיין הייסעסטער וואונטש איז די גאַנצע צייט געווען וואָס גיכער זיך אַרויסצורייסן פון דער דאָזיקער שטאָט. איך האָב זי ניט האָלט געהאַט. איך מיין דאָ ניט איר אויסערלעכן אויסזען. אדרבא, מיט אירע פּעדאַנטיש־ריינע גאַסן, פּאַרקן און אַלייען, מיט דער גרויסער צאָל מאָדערנע געביידעס, מיט אירע ווערטפולע און באַרימטע מוזייען און טעאַטערס, מיט איר מאַלערישער אומגעגנט האָט זי זיך געקענט פּאַרמעסטן מיט אַ גאַנצער רייע אַנדערע אייראָפּעאישע הויפּט־שטעט. אָבער אָפּשטויסנדיק האָט געווירקט איר קאַזאַרמישער און פּאָליציייאישער גייסט, וואָס איז געווען אַזוי ענלעך צו דעם גייסט, וואָס האָט געהערשט אין דעם דאַ־מאָלסטדיקן צאַרישן רוסלאַנד. אפילו די צאָלרייכע סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישע פאַרזאַמלונגען און אַנדערע אַרויסטרעטונגען האָבן מיך ניט געקענט באַפרידיקן — שוין ניט גערעדט, באַגייסטערן. זיי זיינען זיך פאַרלאָפן טרוקן, אָן אויסדרוק פון אמת׳ן קאַמף און אָנגריף, אין אַן אַטמאָספערע כמעט פון גלייכגילטיקייט. ווי ווייט זיינען זיי געשטאַנען פון די סטימולירנדיקע שטורמישע, מיט פלאַקערן אויסגעפילטע ווינער סאָציאַליסטישע פאַרזאַמלונגען און אַרויסטרעטונגען!

אָבער בערלין, אין פאַרגלייך מיט אַנדערע שטעט, האָט געהאַט

אייניקע מעלות און אַ דאַנק זיי איז מיר געווען גרינגער דורכצושטופּן דאָ אַ פּאָר יאָר. די רוסישע סטודענטישע קאָלאָניע איז געווען פאַררעכנט פאַר איינע פון די גרעסטע, און די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גרופּע פון אידישע און רוסישע פּאָליטישע עמיגראַנטן און סטודענטן איז געווען איינע פון די אינטערעסאַנטסטע און וויכטיקסטע אין גאַנץ אייראָפּע. די שטאָט איז געלעגן אויפן קרייץ־וועג צו אַנדערע אוניווערזיטעט־שטעט אין דייטשלאַנד גופא און צו פראַנקרייך, בעלגיע און שווייצאַריע. די ראַדיקאַלע יוגנט, וואָס איז געפאָרן פון רוסלאַנד קיין אויסלאַנד אָדער צוריק קיין רוסלאַנד פלעגט אויף אַ קירצערע אָדער לענגערע צייט זיך אָפּשטעלן אין בערלין און דאָס פלעגט אונז מעגלעך מאַכן צו פאַרזאָרגן זיי מיט פאַרטיי־פאַרבינדונגען און אויסנוצן זיי פאַר פאַרטיי־צוועקן.

אונזער אַלגעמיינע גרופּע האָט פּאָליטיש, לויט איר פּערזענלעכן באַשטאַנד, געהאַט אַ פאַרשידנאַרטיקן פּנים און איז געווען אַ קאָנגלאָמעראַט פון עלעמענטן פון אַלערליי ריכטונגען און פאַרטיי־צוגעהעריקייטן. אָבער די מאַיאָריטעט פון אירע מיטגלידער און די פירערשאַפט איז אַלע מאָל געבליבן אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע און די סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן אַרויפגעלייגט זייער שטעמפּל אויף אַלע אירע טעטיקייטן.

צו דער גרופּע האָט געהערט אַ גרויסע צאָל מענטשן, וואָס האָבן שוין דאַמאָלסט און נאָך מער אין די שפּעטערדיקע יאָרן געשפּילט אַן אָנגעזעענע ראָל אין געזעלשאַפטלעכן לעבן פון רוסלאַנד אַלס פּאָליטיקער, רעוואָלוציאָנערן, פּראָפעסאָרן, ליטעראַטן. מיר וועלן דאָ פאַרצייכענען בלויז עטלעכע מער באַוואוסטע נעמען: דער רעדאַקטאָר פון דער ערשטער לעגאַלער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער טעגלעכער צייטונג אין רוסלאַנד, „סאַמאַרסקי וויעסטניק״, מאַסלאָוו, אַ ספּעציאַליסט אין דער אַגראַר־פראַגע, מחמת אייביקע קאָפּ־שמערצן פלעגט ער אויף די זיצונגען פון דער גרופּע זייער זעלטן ריידן; פּאָקראָווסקי, אַ שפּעטערדיקער קאָמוניסטישער פּראָפעסאָר אין מאָסקווע; אַנדרעיעוו, אַ פריינטלעכער, סימפּאַטישער מענטש, איצט אַ פּראָפעסאָר פון לענינגראַדער אוניווערזיטעט; מ. קאָגאַן, אַן אַרבעטזאַמער ערנסטער טוער אין דער רוסלענדער סאָצ. דעמ. פּאַרטיי און שפּעטער אַ פּראָמינענטער טרייד־יוניאָניסטישער פירער באַקאַנט אונטער דעם נאָמען גרינעוויטש;

קאַרפּאָוויטש, וואָס האָט אין 1901 דערשאָסן דעם בילדונגס־מיניסטער
באָגאָלעפּאָוו, ער איז דערטרונקען געוואָרן אין 1917, נאָך דער מערץ־
רעוואָלוציע, ווען די שיף, אויף וועלכער ער איז געפאָרן פון ענגלאַנד
קיין רוסלאַנד, איז טאָרפּעדירט געוואָרן פון אַ דייטשער סובמאַרין. ער
איז געווען אַ האַרציקער פריינט פון „בונד", זיך אויסגעלערנט אין
האָמעל לייענען אידיש; סאַווינקאָוו, — ער האָט דאַמאָלסט געהערט
צו די יונגע נאַראָדאָוואָלצעס, וועלכע האָבן קאָקעטירט מיטן מאַרק־
סיזם און געפּריידיקט אַ מין סינטעז פון מאַרקסיסטישער טעאָריע און
טעראָריסטישער טאַקטיק; אין די יאָרן פון דער אינטענסיווער טעראָ־
ריסטישער טעטיקייט פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן איז ער געווען
ווען די באַרימטסטע פיגור אין זייער מיט לעגענדעס אַרומגערינגלטער
„קאַמף־אָרגאַניזאַציע", אָבער נאָך דער אויפדעקונג פון אַזעפ׳ס פּראָ־
וואָקאַטאָרישער ראָל האָט ער זיך פאַרקירעוועט אויף אַוואַנטוריסטישע
וועגן, און זיי האָבן לאָגישערהייט דערפירט אים צום לאַגער פון די
„ווייסע גוואַרדייער" אין צייט פון דער רוסישער רעוואָלוציע; עס
איז אינטערעסאַנט, וואָס די שפּיאָנען, וועלכע זיינען ניט אָפּגעטראָטן
פון אים אויף אַ שריט, פלעגן אין זייערע פאַריזער באַריכטן קיין
פּעטערבורג, ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה, באַטאָנען, אַז עס איז
נוצלאָז אים ווייטער נאָכצושפּיאָנירן, אַז מיט דער רעוואָלוציאָנערער
באַוועגונג האָט ער שוין מער גאָר ניט געמיינזאַמעס, אַז ער פאַלט כסדר
נידעריקער און נידעריקער, פאַרברענגענדיק זיין צייט אין שיכרות
און אין הוליאַנקעס מיט אויסגעלאַסענע פרויען . . . זיין פרוי, די טאָכ־
טער פון דעם באַרימטן רוסישן שרייבער גלעב אוספּענסקי, האָט אויך
געהערט צו דער בערלינער גרופּע. אויך סטרעלצאָוו, איצט אַ פּראָפעסאָר
אין מאָסקווע; קוסקאָוואַ, די מחבר׳ין פון דער באַוואוסטער רעוויזיאָ־
ניסטישער „קרעדאָ", וואָס האָט אַרויסגערופן אַזאַ גרויסן טומל ביי די
רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן: אָלגאַ בראַנשטיין — טראָצקי׳ס שוועס־
טער; רודנעוו־באַזאַראָוו, דער איבערזעצער פון קאַרל מאַרקס׳עס „קאַ־
פּיטאַל"; די אַנאַרכיסטן כאַנזשי און די צוויי ברידער גראָסמאַן; טרו־
סיעוויטש — איינער פון די פּיאָנערן פון דער פּוילישער סאָצ. דעמאָקראַ־
טיע, אַ קרענקלעכער נערוועזער מענטש, מיט וועלכן עס איז געווען
שווער צו אַרבעטן צוזאַמען; גראָד דאַן איז אים אַריינגעפאַלן אין קאָפּ

פּיאָנערן און בויער

אַ משוגענער איינפאַל, אַז מיר זאָלן אָפּדרוקן אין בערלינער „פאָר־
ווערטס" אַ נאָטיץ וועגן זיין טויט — דאָס זאָל אים העלפן זיך אויס־
צוהיטן פון דער רוסישער פּאָליציי.

די בערלינער בונדיסטן האָבן נאַטירלעך אויך גענומען אַן אָנטייל
אין דער אויבן־דערמאָנטער אַלגעמיינער גרופּע און זייער השפּעה דאָרטן
איז געווען גרויס. זיי האָבן אָבער אויך געגרינדעט אַן אייגענעם קרייז,
וואָס פלעגט זיך פאַרנעמען מיט בונדישע און ספּעציפיש־אידישע ענינים.
אין פאַרשידענע צייטן האָט דער קרייז גערעכנט צווישן זיינע מיטגלי־
דער: פראַנץ קורסקי און זיין צוקונפטיקע פרוי פאַניאַ סוראָוויטש, אַ
מענטש מיט אַ שטילן באַשיידענעם כאַראַקטער און אַ העכסט־אידע־
לער נשמה; מ. גורעוויטש, וואָס איז אין נאָוועמבער 1944 געשטאָרבן
אין ניו יאָרק; קאָפּעלזאָן; העלער — אַנאַ ראָזענטאַל׳ס שוועסטער,
איצט פּראָפעסאָר אַנדרעיעוו׳ס פרוי, אין לענינגראַד; ראָזאַ לעוויט;
מ. ריינעס; דאַווידזאָן, אַן אַמאָליקער ציוניסט, שפּעטער אַ מיטאַר־
בעטער אין בונדיסטישן „אידישן אַרבעטער" און נאָך שפּעטער אַן
„איסקראָוועץ" און מיטאַרבעטער אין זשורנאַל „זאַריאַ"; ראָזאַ רייכנ־
שטיין; מאַקס מאַזאָווער; ד. מאַכלין; בעלאָצערקאָווסקאַיאַ; וואלף
שאַליט; ליובאַ יוזעפאָוויטש; סלעפּיאַן און זיין פרוי, אַ מאַלערין, וועל־
כע האָט אויפגעצייכנט דעם שער־בלאַט פון 9טן נומער „אידישער אַר־
בעטער"; דוד פינסקי, געווען דאַמאָלסט אַ באַגייסטערטער אָנהענגער
פון „בונד"; שטייענדיק בראש פון בערלינער פאַרלאַג „צייטגייסט",
איז ער געווען אין ענגען קאָנטאַקט מיט די בונדיסטן פון „זשאַרגאָנישן
קאָמיטעט" אין ווילנע; ער האָט איבערגעזעצט פאַרן „בונד" מאַרטאָוו׳ס
ביכל „ראַבאָטשעיע דיעלאָ וו׳ראָסאי"; אויך „וואָס ווילן די סאָ־
ציאַל־דעמאָקראַטן אין רוסלאַנד?"; די טראַגעדיע „די פאַמיליע צבי""
האָט פינסקי געשאָנקען דעם „בונד" און דער „בונד" איז טאַקע געווען
דער ערשטער, וואָס האָט דאָס ביכל אַרויסגעגעבן און פאַרשפּרייט אין
רוסלאַנד און אין אויסלאַנד.

אין וואָס איז באַשטאַנען די אַרבעט פון דער אַלגעמיינער גרופּע?
בכלל איז דאָס געווען די רוטינע אַרבעט פון אַלע אַזעלכע סטודענ־
טישע און עמיגראַנטישע קרייזן אין אויסלאַנד — אייביקע דיסקוסיעס
איבער פּראָבלעמען פון סאָציאַליסטישער טעאָריע און פּראַקטיק און

דזשאַן מילל

איבער אינטער־פּאַרטייאישע באַציאונגען; אויך נאַטירלעך טעכנישע און פינאַנציעלע הילף פאַר דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוס־לאַנד. אַ דאַנק דעם הויכן ניוואָ פון זיין מיטגלידערשאַפט, פלעגט דער קרייז אָפּט אַראַנזשירן עפנטלעכע רעפעראַטן און דיסקוסיעס אויף אַל־געמיין־פּאָליטישע טעמעס. אויף אַזעלכע פאַרזאַמלונגען פלעגט דער עולם שוין זיין אַ ברייטערער, אָפּט זייער אַ צאָלרייכער. אויך עטלעכע ציוניסטישע פירער פלעגן נעמען אין זיי אַן אָנטייל. איך געדענק מאַצקין׳ען, סירקין׳ען, און אויב מיין זכרון נאַרט מיך ניט — אויך אוסישקין. עס איז געווען גאַנץ נאַטירלעך אין יענער צייט, אַז פאַרזאַמ־לונגען מיט אַזאַ פאַרשידנפאַרביקן געמישטן עולם זאָלן ניט אַלע מאָל דורכגיין אין אַ רואיקער אַטמאָספערע. איך פערזענלעך האָב אויף איינע פון אָט־די פאַרזאַמלונגען געהאַט אַן אומאַנגענעמען צוזאַמענ־שטויס מיט סירקין׳ען, וואָס האָט זיך שטאַרק באַליידיקט פון אַ פּוי־לישן שפּריכוואָרט, וואָס איך האָב געברויכט אין מיין ענטפער אויף זיין אומגערעכטע קריטיק פון „בונד". ער האָט שיעור ניט אַרויס־גערופן אַ סקאַנדאַל . . .

עס איז אינטערעסאַנט, אַז אַן ענלעכער אינצידענט איז פאָרגעקומען אויף אַ צאָלרייכער פאַרזאַמלונג פון דער רוסיש־אידישער קאָלאָניע אין זשענעווע. חיים וויצמאַן, דאַמאָלס נאָך אַ סטודענט פון כעמיע אין אַ שווייצאַרער אוניווערזיטעט, האָט אַרויסגערופן אַ שטורם פון פּראָטעסט מיט זיינע אָנפאַלן אויף די רוסישע רעוואָלוציאָנערן.

טאַראַס אין בערלין. — די אַנטשטייאונג פון די „לעצטע נאַכריכטן". — די גרינדונג פון בונדישן אַרכיוו

איך לעב אין בערלין און בין פאַרנומען מיט דער אַרבעט, צוליב וועלכער איך בין אַהער אַריבערגעפאָרן. דער טראַנספּאָרט איז נאָרמאַ־ליזירט געוואָרן. גרעסערע שיקונגען פון אידישער, רוסישער און פּוי־לישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער ליטעראַטור גייען כסדר אַוועק צום „בונד". די פאַרבינדונגען מיטן צענטראַל־קאָמיטעט האָבן זיך איינ־געשטעלט פּינקטלעכע און רעגלמעסיקע. אויך די אָרגאַניזאַטאָרישע און ליטעראַרישע אַרבעט פון אויסלענדישן קאָמיטעט ווערט ניט פאַר־געסן אָדער פאַרנאַכלעסיקט. פאַרקערט, זי פאַרצייכנט אַ כסדר'דיקן וואוקס, אַן אַלץ גרעסערן שוואונג. עס איז דערשינען דער 7טער נומער „אידישער אַרבעטער" און עס גרייט זיך דער 8טער. ביסלעכ־ווייז באַשאַפן מיר אַ רייכע אידישע פּראָפּאַגאַנדיסטישע ליטעראַטור פון אַן אַלגעמיינעם מאַרקסיסטיש־טעאָרעטישן אָדער היסטאָריש־רעוואָלו־ציאָנערן כאַראַקטער. מיר נעמען זיך צו דער איבערזעצונג פון אַזעל־כע קלאַסישע וועלט־באַרימטע ווערק, ווי קאַרל קויטסקי'ס „ערפורטער פּראָגראַם, די „סאָציאַלע רעפאָרם" און „די סאָציאַלע רעוואָלוציע", „אויף מאָרגן נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע", פערדינאַנד לאַסאַל'ס „אַרבעטער פּראָגראַם" און נאָך פון אַ סך אַנדערע. נאָר אַ דאַנק דעם אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד" האָבן אָט די ווערק אין אַ אידישער איבערזעצונג דערזען די וועלט און געוואָרן צוגענגלעך צו די אידישע מאַסן.

אויך האָבן מיר ענדלעך איינגעאָרדנט אונזער אייגענע דרוקעריי אין זשענעווע, כאָטש ניט אַן שוועריקייטן און עגמת נפש. די שריפט האָב איך געקויפט דורך אַ בערלינער סאָציאַל־דעמאָקראַט, אַ דרוקעריי־אייגנטימער. אין זשענעווע האָט אונזער דרוקער ראַבקין באַלד אַנט־

דעקט, אַז די פּראָפּאָרץ פון די אותיות איז געווען ניט פאַר אידיש, נאָר פאַר העברעאיש: אַ סך נויטיקע אותיות האָבן אינגאַנצן געפעלט אָדער זיינען געווען צו ווייניק, און אַ סך זיינען געווען צופיל אָדער אין גאַנצן איבעריק. אָבער סוף־כל־סוף האָט זיך אַלץ איינגעשטעלט ווי געהעריק.

אין זומער 1899 איז טאַראַס פלוצלינג געקומען קיין בערלין זיך צו זען מיט מיר. עס האָט זיך אָנגעקליבן אַ מאַסע פראַגן — אַלגע־מיין פּאַרטייאישע און פּראַקטישע — וועגן וועלכע עס איז שווער גע־ווען זיך דורכצושרייבן דורך שיפרירטע בריוו. ער איז פאַרבליבן עט־לעכע טעג און אין משך פון אָט־דער צייט איז אונז געלונגען צו קומען צו אַ פאַרשטענדיקונג כמעט אין אַלץ, וועגן וואָס מיר האָבן פאַרהאַנדלט. איין ענין אָבער, וואָס איז געווען די הויפּט־סיבה פון זיין קומען, איז געבליבן הענגען אין דער לופטן.

קאָנקרעט האָבן מיר אַרומגערעדט עטלעכע פּראַקטישע פראַגן און אָנגענומען באַשלוסן, וואָס זיינען שפּעטער טיילווייז אָדער אין גאַנצן פאַרווירקלעכט געוואָרן.

טאַראַס האָט זיך באַקלאָגט, אַז דאָס דרוקן פון דער „אַרבעטער שטימע" פאַרנעמט צופיל כוחות און איז פאַרבונדן מיט אַ סך קאָפּ־פאַרדרייעניש און איז אַ שטער צום אַרויסגעבן אַ גרעסערע צאָל אויפ־רופן, וואָס אויף זיי איז פאַראַן אַן אומגעהויערע נאָכפראַגע מצד אַלע אונזערע קאָמיטעטן. נעמענדיק אין באַטראַכט די פאַרבעסערטע טראַנס־פּאָרט־מעגלעכקייטן, האָב איך אומאַנטשלאָסן, אַ ביסל צווייפלענדיק געגעבן אַן אָנצוהערעניש, אַז אפשר וואָלט זיך געלוינט צו דרוקן די „אַר־בעטער־שטימע" אין אויסלאַנד כדי צו קענען באַנוצן די געהיימע דרוקערייען אין רוסלאַנד אויסשליסלעך פאַר אויפרופן. ווי עס איז באַקאַנט, האָט דער צענטראַל קאָמיטעט טאַקע געמאַכט אַ פּראָבע מיטן 14טן נומער אָבער די פּראָבע האָט זיך אַרויסגעוויזן נישט קיין געלונגענע. נישט מיר זיינען געווען שולדיק אין דעם, די שולד איז געווען טאַראַס'עס. ער האָט געהאַט צוויי אַדרעסן אין די שווייצאַרישע קוראָרטן אין דאַוואָס־פּלאַץ און אין דאַוואָס־דאָרף. דעם מאַטעריאַל האָט ער געזאָלט שיקן אויף איינעם פון די אַדרעסן, אָבער ער האָט צעמישט די אַדרעסן און דריי אָדער פיר וואָכן זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען ביז

פיאָנערן און בויער

דער טעות איז אויפגעקלערט געוואָרן. דער 14טער נומער „אַרבעטער שטימע״ איז אָנגעקומען אין רוסלאַנד מיט אַ באַדויערלעכער פאַרשפּע־טיקונג. מער זיינען אַזעלכע פּראָבעס ניט געמאַכט געוואָרן.

טאַראַס האָט אין נאָמען פון צענטראַל קאָמיטעט געוואָלט וויסן, ווי קען מען אינטענסיווער און גרינטלעכער אויסנוצן די אויסלענ־דישע בונדישע גרופּן. איך האָב אים אויפגעוויזן, אַז מען דאַרף זיי מער פאַראינטערעסירן מיטן לעבן און קאַמף פון די אידישע אַרבע־טער־מאַסן, אַז עס איז דורכאויס נויטיק, אַז זיי זאָלן רעגעלמעסיק זיין אינפאָרמירט וועגן די סטרייקן, וועגן די פּאָליטישע אַרויסטרעטונגען, די צאַרישע פאַרפאָלגונגען, קורץ: וועגן אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אין „בונד״. איך האָב געהאַלטן, אַז דאָס איז ניט שווער דורכצופירן. מען דאַרף נאָר, אַז ניט בלויז דער צענטראַל קאָמיטעט, נאָר אויך די אָרטיקע קאָמיטעטן און אָרגאַניזאַציעס זאָלן דירעקט צושיקן אונז אַלע אַזעלכע ידיעות און מיר פון אונזער זייט וועלן שוין באַזאָרגן, אַז זיי זאָלן תיכף דערגרייכן אַלע גרופּן. טאַראַס האָט אויפן אָרט מיך פאַר־בונדן מיט אייניקע שטעט. ער האָט צוגעזאָגט, אַז אַזעלכע פאַרבינ־דונגען וועלן וואָס גיכער ווערן אָנגעקניפּט אויך מיט אַנדערע שטעט.

די „נייס״ האָב איך באַלד אָנגעהויבן צו דערהאַלטן פון אומעטום. געפּרעסט, אין קורצע ווערטער, פלעג איך דורך בריוו מיטטיילן דעם עיקר פון די נייסן צו די בונדישע גרופּעס אין אויסלאַנד און אויך צו אונזערע פריינט אין אַמעריקע. די ווירקונג פון דעם איז געווען גרויס. אַזעלכע בריוו פלעגן אַריינברענגען אַ סך לעבן און סטימולירן די אָנשטרענגונגען און באַמיאונגען צו העלפן דעם „בונד״ מיט אַלע מעגלעכע מיטלען.

וואָס ווייטער איז דער צופלוס פון מאַטעריאַל וועגן דער רעוואָ־לוציאָנערער באַוועגונג אַלץ געוואַקסן און מיר זיינען געווען געצוואונגען אָנצוהייבן אַרויסצוגעבן זיי אין דער פאָרם פון אַ בולעטין, העקטאָ־גראַפירט, איין מאָל אַ וואָך. מען פלעגט דעם בולעטין אומעטום פשוט „צעצוקערן״. ער איז געווען דער קוואַל פון די אויטענטישע ידיעות וועגן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון אַ גרויסן טייל פון רוסלאַנד.

דער דאָזיקער בולעטין איז אייגנטלעך געווען דער פאָרגייער אָדער דער פאָרלויפער פון די שפּעטער באַרימטע „לעצטע נאַכריכטן״ („פאָ־

סלעדניע איזוועסטיאַ"). נאָך דעם, ווי מיר האָבן אַרויסגעגעבן 40 העקטאָגראַפירטע נומערן, האָבן מיר אָנגעהויבן אים צו דרוקן, און אונטער דעם קעפּל „פּאָסלעדניע איזוועסטיאַ" האָט ער זיך ביסלעכ־וויז פאַרוואַנדלט אין אַן אמת'ע ציַיטונג, מיט אַ זייער ברייטן לעזער־קרייז (אַרויס 256 נומערן).

צוזאַמען מיט די „נייס" האָבן די קאָמיטעטן און אָרגאַניזאַציעס אונז אויך געשיקט אַלע בונדישע — און נישט בלויז בונדישע — לאָקאַלע אויסגאַבן, ציַיטונגען, בראָשורן באַריכטן, קורצע געשיכטלעכע איבערבליקן איבער דער אָרטיקער אַרבעטער־באַוועגונג, אַלערליי מאַ־טעריאַלן פון רעוואָלוציאָנערן ווערט. דער פונדאַמענט פאַר אַ בונ־דישן אַרכיוו איז אויף אַזאַ אופן אַוועקגעלייגט געוואָרן. דורך דעם „אידישן אַרבעטער" האָבן מיר אַ פּאָר מאָל זיך געווענדעט צו אונ־זערע אָרגאַניזאַציעס צו העלפן אונז גרינדן און אויסבילדן דעם אַרכיוו, און דער אָפּרוף איז געווען אַ מערקווירדיקער — אַלע האָבן אויסגע־צייכנט פאַרשטאַנען די וויכטיקייט פון אַזאַ אַרכיוו, און אָפּגעשאַצט זיין מעגלעכע וויסנשאַפטלעכע און היסטאָרישע באַדייטונג.

דער טומל אַרום דעם „נאַציאָנאַליזם" פון אויסלענדישן קאָמיטעט

דער ענין, וועגן וועלכן טאַראַס און איך האָבן זיך נישט געקענט צוזאַמענריידן, איז געווען דער „נאַציאָנאַליזם" פון דעם „אידישן אַרבעטער". אונזערע לאַנגע וויכוחים האָבן צו גאָרניט דערפירט. צו קיין הסכם זיינען מיר ניט געקומען.

ווען מיר האָבן געגרינדעט דעם אויסלענדישן קאָמיטעט און זיינען צוגעטראָטן אַרויסצוגעבן פּראָפּאַגאַנדיסטישע ליטעראַטור, האָבן מיר געהאַט אַ גענויע פאָרשטעלונג וועגן כאַראַקטער און אינהאַלט, וואָס די דאָזיקע ליטעראַטור דאַרף האָבן. דאָס האָט אונז אַ סך אויסגעהאָלפן צו פאַרמיידן מיספאַרשטענדענישן מיטן צענטראַל קאָמיטעט און מיט די אָרטיקע קאָמיטעטן פון „בונד".

גאָר אַנדערש איז געשטאַנען די זאַך מיטן „אידישן אַרבעטער".

דער זעקסטער נומער „אידישער אַרבעטער" איז דערשינען אין אַ צייט, ווען די פאַרבינדונגען מיט רוסלאַנד זיינען נאָך געווען שוואַך, זוען דער „בונד" האָט געהאַט אַ מין „צווישן־רעגירונג", אַ צענטראַל קאָמיטעט, וועמען עס האָט געפעלט אַנטשלאָסנקייט אין זיינע פּלענער און קלאָרקייט אין זיין באַציאונג צו די נייע פּראָבלעמען פון דער אידישער און אַלגעמיין־רוסישער אַרבעטער־באַוועגונג. דער צווייטער צוזאַמענפאָר האָט ניט געמאַכט קלאָרער די שטעלונג פון „בונד" אין אַזעלכע וויכטיקע פראַגן ווי דער אַזוי־גערופענער „עקאָנאָמיזם", דער נאַציאָנאַלער קאַמף, דער קאַמף פאַר פוילנס אומאָפּהענגיקייט, דער פּאָליטישער ציוניזם. ער האָט די פראַגן — אַ חוץ וועגן פוילן — נישט נאָר ניט באַהאַנדלט, נאָר אפילו ניט דערמאָנט.

דאָס רעדאַקטירן פון זשורנאַל איז איבערגעגעבן געוואָרן צו אונז, אָבער אָן קיין שום אָנווייזונגען. די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר זיין אינהאַלט האָבן מיר געמוזט נעמען אויף זיך, ריזיקירנדיק זיך

דזשאַן מילל

פאַנאַנדערצוגיין אין דער אָפּשאַצונג פון די נייע פּראָבלעמען מיט אונזערע פריינט אין רוסלאַנד.

אין אַ געוויסן גראַד איז דאָס טאַקע געשען.

מען דאַרף ניט פאַרגעסן אַז כמעט צוויי יאָר האָבן אָפּגעטיילט דעם זעקסטן נומער „אידישער אַרבעטער" פון די נומערן 4־5, וואָס די ווילנער סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גרופּע האָט אַרויסגעגעבן. אין משך פון די צוויי יאָר זיינען פאַרגעקומען באַדייטנדיקע, ראַדיקאַלע פאַרענדערונגען. דער „אידישער אַרבעטער" האָט ניט געקענט זיין אַן אייננפאַכע פאָרזעצונג פון די פריערדיקע נומערן. מען האָט געמוזט אַריינברענגען אין אים פריש לעבן, צופּאַסן צו די נייע באַדינגונגען, ווי ווייט מעגלעך פאָרמולירן די נייסטע אויפגאַבן און געבן אַן ענטפער אויף די פראַגן פון דעם אַלץ מער אַנטוויקלטן געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן פון די אידישע אַרבעטער־מאַסן און פון דעם אידישן פאָלק בכלל.

די אידישע נאַציאָנאַלע פראַגע איז געוועזן איינע פון די דאָזיקע הויפּט־פראַגן. אין גאַנצן ניי איז זי אייגנטלעך ניט געוועזן ביי אונז.

אַמאָל האָט אין אייניקע קרייזן געהערשט אַ מיינונג, אַז דער „בונד", אָננעמענדיק זיין נאַציאָנאַלע פּראָגראַם, האָט נאָכגעטאַנצט דער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע; אַז ער האָט מעכאַניש אַריבערגעטראָגן אויף אונזער באָדן דעם פּראָיעקט, וואָס איז געוועזן פאָרגעלייגט אויפן ברינער צוזאַמענפאָר, אין 1899, פון דער דרום־סלאַווישער דעלעגאַציע; אַז די דעטאַלירטע פּונקטן און זייער פאָרמולירונג האָט ער אַרויסגענומען פון דעם באַקאַנטן בוך פון שפּרינגער.

יענע קרייזן האָבן פּשוט ניט געוואוסט אָדער זיך געמאַכט ניט ווויסנדיק וועגן די עטאַפּן, וואָס דער „בונד" איז דורכגעגאַנגען אין דער פראַגע. אַ שווערע, ערנסטע פאַרבאַרייטונגס־אַרבעט, אַ לאַנגיאָריקע זוכעניש, אַ האַרטן אידעען־קאַמף האָט ער געמוזט דורכמאַכן איידער ער איז געקומען צו דער קולטור־נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע אין זיין פּראָגראַם.

אַ לאַנגע צייט האָבן די אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן געזען אין דער בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג די גרענעץ פון זייערע ספּעציעל־אידישע פאָדערונגען. דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון דער רוס־

פיאָנערן און בויער

לענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער פּאַרטיי (מערץ 1898 אין מינסק) האָט אויך אַרויסגעשטעלט די בירגערלעכע גלייכבאַרעכטיקונג פאַר אידן אַלס אַ פּראַקטישע פאָדערונג און דאָס זעלבסטבאַשטימונגס־רעכט פאַר יעדער נאַציע אַלס אַ פּרינציפּיעלע דעקלאַראַציע. דאָס איז געווען דער מאַקסימום פון די נאַציאָנאַלע פאָדערונגען.

אַרום 1898 באַווייזן זיך, הויפּטזעכלעך אין וואַרשע, סימנים, נאָך שוואַכע, נישט גאַנץ קלאָרע, וואָס זאָגן אָן, אַז די פאָדערונג פון בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג באַפרידיקט שוין מער ניט, אַז אונ־זער נאַציאָנאַלע פּראָבלעם נויטיקט זיך אין אַ טיפערן אַנאַליז און אין אַ ברייטערער גרינטלעכער לייזונג. דער פאַרביטערטער קאַמף, וואָס די פּ.פּ.ס. האָט ניט אויפגעהערט צו פירן מיטן „בונד", איז געווען ווי אויל אויפן פייער. איר ווילט גלייכע בירגער־רעכט? וואו? אין רוסלאַנד? איר לעבט דאָך אין פּוילן . . . מיט וועמען גלייכע רעכט? מיט די רוסן אויפן פּוילישן באָדן? אויב איר זוכט גלייכע בירגער־רעכט אין פּוילן, האַלט אונטער די פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע שטרע־בונגען פון פּוילישן פאָלק, קעמפט פאַר אַ פרייע פּוילן — אונזער זיג וועט מאַכן פון אייך גלייכע בירגער מיט די נישט־אידן . . . עס האָט זיך געפילט, אַז די פאָדערונג פון בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג, אַזוי ווי דער „בונד" האָט איר אַרויסגעשטעלט, איז טאַקע ניט געווען צו־געפּאַסט צו די פּוילישע באַדינגונגען. מיר האָבן געזוכט אַן אויסוועג. די נאַציאָנאַלע פראַגע איז געוואָרן אַן אייביקע טעמע אויף כמעט אַלע צוזאַמענקונפטן, אויף אַלע בונדישע פאַרזאַמלונגען און דעבאַטן. מיר זיינען געווען קעגן די היסטאָריש־טעריטאָריאַלע שטרעבונגען פון דער פּ. פּ. ס., אָבער אין דער בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג און אין דעם זעלבסטבאַשטימונגס־רעכט פון נאַציעס האָבן מיר אויך נישט געקענט זען דעם ריכטיקן ענטפער.

אין אָנהויב 1898 האָט צעלינאַ דאָווגיערד געבראַכט אונז פון אויסלאַנד די דייטשע „נייע צייט" מיט קויטסקי׳ס אַן אַרטיקל „דער קאַמף פון די נאַציאָנען אין עסטרייך". דער אַרטיקל האָט געמאַכט אויף אונז אַן אומגעהויער שטאַרקן איינדרוק. קויטסקי איז אַרויסגעטראָטן אין אים קעגן דעם היסטאָריש־טעריטאָריאַלן פּרינציפּ אין דער נאַציאָ־נאַלער פראַגע. אמת, דער פּערסאָנאַלער פּרינציפּ האָט אים אויך ניט

באַפרידיקט. אונז האָט אָט־דער אומשטאַנד ווייניק געקימערט. מיר האָבן זיך באַנוצט מיט אַלע זיינע אַרגומענטן אין קאַמף קעגן דער טעריטאָריאַלער לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע. עס האָט זיך אונז גערדאַכט, אַז ענדלעך איז געפונען געוואָרן דאָס, וואָס מיר האָבן אַזוי ליידנשאַפטלעך געזוכט.

דער זעקסטער נומער „אידישער אַרבעטער" (1899) האָט אָפּגע־שפּיגלט די שטימונג, ווי זי האָט זיך אויסגעדריקט אין די דיסקוסיעס אין ווארשע פאַר מיין אָפּפאָרן קיין אויסלאַנד. אַזוי ווי די דאָזיקע שטי־מונג איז ניט געווען אַן אַלגעמיין־בונדישע, האָבן איניקע קריטיקער געהאַט אַ גרונט צו כאַראַקטעריזירן די נייע טענדענצן פון אויס־לענדישן קאָמיטעט אַלס אַ „שפּרונג אין נאַציאָנאַליזם".

מיר פון אונזער זייט האָבן נאַטירלעך דאָס ניט באַטראַכט אַלס אַ „שפּרונג". פאַר אונז איז דאָס גיכער געווען קאָנסעקווענטע פאָר־זעצונג אין אונזער זוכעניש פון אַ באַפרידיקנדער לייזונג פון דער אי־דישער נאַציאָנאַלער פראַגע.

אין אויסלאַנד האָט דער זשורנאַל געפונען אַ באַגייסטערטע אויפ־נאַמע.. אַלע דאַמאָלסט עקזיסטירנדיקע אויסלענדישע בונדישע גרו־פּעס האָבן צוגעשטימט צו זיינע נייע טענדענצן.

אָבער רוסלאַנד? דאָ האָט דאָס בילד אויסגעקוקט גאָר אַנדערש. דער געשפּענסט פון „נאַציאָנאַליזם" האָט ערטערווייז אַרויסגערופן אַ גרויסע שרעק, ביי איניקע אַ פּראָטעסט קעגן אונז. עס איז דער־גאַנגען דערצו, אַז דער וואַרשעווער קאָמיטעט, וועמענס באַשטאַנד נאָך די גרויסע אַרעסטן האָט זיך פולשטענדיק געענדערט, האָט אונטער דעם איינפלוס פון איינעם פון זיינע ווירקזאַמסטע מיטגלידער, ירחמיאל ווינשטיין, פאַרשפּרייט דעם זשורנאַל מיט אַן איינגעקלעפּטער נאָטיץ, אַז ער איז ניט מסכים מיט די אידעען, אויסגעדריקט אין אַרטיקל „ציוניזם אָדער סאָציאַליזם?", און אויך מיט די מיינונגען וועגן דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

אין אַלגעמיין, וואָס זיינען געווען די חטאים, וועלכע מען האָט אונז פאָרגעוואָרפן?

מיר פאַרנעמען זיך צופיל מיט ספּעציעל־אידישע פראַגן. בן־אהוד'ס — זשיטלאָווסקי'ס — אַרטיקל איז דער העכסטער אויסדרוק פון

עקסטרעמען נאַציאָנאַליזם. מיין אייגענער אַרטיקל, אַ קריטיק פון דער פּאָזיציע פון פּ. פּ. ס., איז אויך נאַציאָנאַליסטיש . . .

זשיטלאָווסקי׳ס אַרטיקל איז געווען, ווי שוין פריער געזאָגט, אַ געלונגענע קריטיק פון ציוניזם. בלויז דער פינפטער קאַפּיטל האָט געהאַט אייניקע נאַציאָנאַליסטישע נאָטן. קיין „שרעקלעכעס" אין אים איז אויך ניט געווען. זשיטלאָווסקי האָט אונז געגעבן דאָס רעכט אַרויסצוואַרפן אים, אָבער מיר האָבן באַשלאָסן אים אָפּצודרוקן מיט דער פאָלגנדיקער פאָרזיכטיקער באַמערקונג: „די רעדאַקציע פון דעם „אידישן אַרבעטער" געפינט פאַר נויטיק צו באַמערקן, אַז דער קאַפּיטל 5 דריקט אויס ניט אונזער, נאָר דעם אויטאָר׳ס מיינונג. מיר האַלטן זיך שטייף פאַרן פּרינציפּ, אַז ווי אַלע נאַציעס, אַזוי אויך די אידישע, דאַרף האָבן גלייכע פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און נאַציאָנאַלע רעכט . . . אָבער צי וועט זיך די אידישע פאָלקס־שפּראַך, דער „זשאַרגאָן", אַזוי אַנטוויקלען, אַז זי וועט ווערן אַ קולטור־שפּראַך; צי וועט דאָס לעבן ברענגען דערצו, אַז עס וועט זיך מיט דער צייט אויסבילדן אַ ספּעציעלע אידישע ליטעראַטור און וויסנשאַפט, אַ ספּעציעל־אידישע קולטור; צי וועט די וויסנשאַפט אויף אידיש שטיין אַזוי הויך, אַז די אידן וועלן קענען אין דער צוקונפט האָבן אידישע גימנאַזיעס, אוניווערזיטעטן און אַנדערע שולן; צי איז נויטיק צו פאַרבינדן די אידישע אַרבעטער פון פאַרשידענע לענדער מיט גאַנץ אַנדערע פּאָליטישע באַדינגונגען — דאָס אַלץ זיינען פראַגן, אויף וועלכע עס איז שווער איצט באַשטימט צו ענטפערן . . . "

אויב אין פינפטן קאַפּיטל פון זשיטלאָווסקי׳ס אַרטיקל האָט מען נאָך געקענט באַמערקן נאַציאָנאַליסטישע נאָטן, איז דאָס שווער געווען צו זאָגן וועגן מיין אַרטיקל. זיין גרונט־אידעע איז געווען, אַז אַ סאָציאַליסטישע לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער פּראָבלעם דריקט זיך אויס נישט אין דער אויטאָנאָמיע פון טעריטאָריעס, נאָר אין דער אויטאָנאָמיע פון נאַציאָנאַלע אָרגאַניזמען אומאָפּהענגיק פון טעריטאָריע.

נאַטירלעך, דאָס אַלץ איז נאָך געווען ווייט פון אַ דייטלעכער דעפיניציע פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע. עס האָט נאָך געפעלט אַ קלאָרע פאָדערונג פון עפנטלעך־רעכטלעכע אינסטיטוציעס פאַר אַ פרייער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אַנטוויקלונג. אָבער מען דאַרף גע־

דזשאַן מילל

דענקען, אַז דאָס איז געווען געשריבן איידער דער קאָנגרעס פון ברין איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן און איידער אימיצער אין „בונד" האָט אפילו געהערט דעם נאָמען שפּרינגער . . .

. . . פאַרן אומקערן זיך צוריק קיין רוסלאַנד האָט טאַראַס מיר מיטגעטיילט, אַז מען גרייט זיך צו דעם דריטן צוזאַמענפאָר פון „בונד" און אַז אַלע ווילן דורכאויס, אַז דער אויסלענדישער קאָמיטעט זאָל שיקן אַ דעלעגאַט — בפרט וואָס אונזער שטרייט אויפן באַדן פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע וועט געוויס דאָרטן פאַרהאַנדלט ווערן.

איך פאָר קיין קאָוונע

דער אויסלענדישער קאָמיטעט האָט מיך באַשטימט אַלס זיין דע־לעגאַט צו דעם דריטן צוזאַמענפאָר פון „בונד" אין קאָוונע, אין דע־צעמבער 1899. עס איז געווען אַביסל ריזיקאַליש צו באַווייזן זיך אין רוסלאַנד אַזוי גיך נאָך די זובאַטאָוו אַרעסטן, אָבער נאָכדעם, ווי איך האָב זיך געלאָזט אָפּגאָלן די לאַנגע און געדיכטע שוואַרצע באָרד, און איך האָב אַריינגעקוקט אין אַ שפּיגל, האָב איך אַליין ניט געקענט זיך דערקענען — דאָס איז גאָר נישט געווען איך, דער אַלטער, פריער־דיקער דזשאַן. אַ דאַנק דער „באָרד־אָפּעראַציע" איז די געפאַר צו ווערן דערקענט, געוואָרן אַ מינימאַלע.

איצט איז געשטאַנען די פראַגע ווי קומט מען קיין קאָוונע. די בערשטער האָבן גענומען אויף זיך די פליכט „אַריבערצופּעקלען" מיך איבער דער גרענעץ „געזונט און בשלום". פון קאָוונע האָט מען אַפילו געשיקט אַ ספּעציעלן שליח קיין ווילקאָווישעק צו באַגעגענען מיך. בלויז אָט־דאָ גאָר נישט לאַנג צוריק האָב איך זיך דערוואוסט, אַז יענער שליח איז געווען אונזער חבר און פריינט וו. שולמאַן. אָבער אין לעצטן מאָמענט פאַר מיין אָפּפאָרן פון בערלין האָב איך גע׳פועל׳ט ביי אַ רוסישן סטודענט פון בערלינער אוניווערזיטעט, איינעם טראָיאַנאָווסקי — איך ווייס ניט צי דאָס איז דער זעלבער טראָיאַנאָווסקי, וואָס איז מיט עט־לעכע יאָר צוריק געווען דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדאָר אין וואַ־שינגטאָן, — אַז ער זאָל מיר „לייען" זיין אויסלענדישן פּאַספּאָרט אויף צו פאָרן קיין רוסלאַנד. דאָס איז געווען פאַר אים פאַרבונדן מיט אַ גרויסע אומאַנגענעמלעכקייטן, מיט פאַרדאַכט מצד דעם רוסישן קאָנסול בעת ער וועט שפּעטער דאַרפן דערקלערן, אַז ער האָט פאַרלאָרן זיין פּאַספּאָרט. פונדעסטוועגן האָט ער מיר אָן קווענקלענישן און פחד דעם פּאַספּאָרט געגעבן.

געפאָרן בין איך נישט מיטן קורצן און דירעקטן וועג דורך ווערזש־באָלאָווע, נאָר אויף אַ פיל לענגערן אומוועג דורך אַלעקסאַנדראָווע—

דזשאַן מילל

וואַרשע. אין יענער צייט איז געווען פאַרשפרייט אַ מיינונג, אַז ווערזש־באַלאָווע איז דער געפערלעכסטער פונקט אויף דער גאַנצער דייטש־רוסישער גרענעץ, אַ נעסט פון די פּיאיקסטע שפּיאָנען און זשאַנדאַרמען, יאָס פלעגן קאָנטראָלירן די פּאַסאַזשירן מיט דער גרעסטער שטרענגקייט און ווי שפּינען שטענדיק געהאַלטן אויסגעשפּרייט אַ נעץ פאַר פּאָליטיש־פאַרדעכטיקע רייזנדע.

האָב איך טאַקע נישט געוואָלט איינשטעלן און געמאַכט מיין רייזע דורך וואַרשע, כאָטש דאָס האָט געקאָסט אַ סך טייערער.

עטלעכע שטונדן האָב איך געמוזט פאַרברענגען אין וואַרשע, וואַרטנ־דיק אויפן צוג קיין ווילנע. די צייט האָב איך פאַרבראַכט נישט אַליין. פאַרזיכטיק בין איך געקומען צו צעלינאַ דאָווגיערד׳ס שוועסטער, און די לעצטע האָט צעלינע׳ן גלייך אַרויסגערופן צו זיך. דער סיורפּריז איז געווען גרויס. די עטלעכע שטונדן זיינען פאַרביי גיך, אין אַן איינ־טערעסאַנטן שמועס, אין דערינערונגען וועגן דער נישט ווייטער פאַר־גאַנגענהייט, אין אָנמערקן די נאָענטע צוקונפט־פּלענער. אויף זומער האָבן זיי זיך געקליבן קיין אויסלאַנד און האָבן מיך איינגעלאַדן צו זיין דאַן זייער גאַסט. איך האָב זיי אָפן דערציילט וועגן דעם ציל פון מיין רייזע ,וואוהין איך פאָר און אומגעפער אויף ווי לאַנג. זיי האָבן גוט געקענט קאָוונע און געראַטן מיר אָפּצושטעלן זיך אין לעווינסאָנ׳ס האָטעל. „מיר ווינטשן אייך גליק אין אַריבערגיין די גרענעץ צוריק קיין אויסלאַנד, און לאָזט אונז גלייך וויסן . . . ״

עטלעכע מינוט פאַרן אָפּגיין פון צוג דערזע איך פּלוצלונג דאָווגיערד און איר שוועסטער, שפּאַצירנדיק אויף דער פּלאַטפאָרמע פון דער סטאַנ־ציע. זיי זיינען דאָס געקומען אַזאַ לאַנגן וועג צו זען צי אַלץ איז אין אָרדנונג מיט מיר. מיר האָבן נאָטירלעך זיך ניט באַגריסט און ניט גערעדט.

דער וואַגאָן צווייטער קלאַס איז כמעט ליידיק. איך געפין גרינג אַ באַקוועמען אָרט לעבן פענצטער. דער פּלאַץ אַנטקעגן מיר ווערט באַלד פאַרנומען פון אַן אָפיציר. אַן אומעטיקער, אַ פאַרטראַכטער איגנאָ־רירט ער אַלץ אַרום זיך, רעדט ניט אויס אַ וואָרט צו קיינעם, קוקט אפילו ניט אויף קיינעם, און דעם גאַנצן וועג ביז ווילנע הערט ער ניט אויף צו רויכערן פּאַפּיראָסן, כאָטש דער וואַגאָן איז באַשטימט פאַר

„נישט רויכערער". אין דעם געדיכטן, שאַרפן, ביטערן רויך קען מען פשוט נישט אָטעמען, אָבער ווער וועט נעמען אויף זיך די העזה צו פּראָטעסטירן, אפילו צו מאַכן אַן אומשולדיקע באַמערקונג צו דעם רוסישן אָפיציר? מוז מען, הייסט עס, שווייגן און ליידן.

אויף אַ סטאַנציע שוין נישט ווייט פון ווילנע איז אין אונזער וואַגאָן צוגעקומען נאָך אַ פּאַסאַזשיר — אַ איד מיט אַ שיינער אויסגעכאַליעטער באָרד, אין אַ רייכן פוטער, אַ טיפּ פון אַ גביר. ער זעצט זיך אַוועק לעבן אונז און עס נעמט ניט מער ווי אַ פּאָר מינוטן, ווי ער ווענדעט זיך צו מיר מיט אַ באַמערקונג, וואָס האָט מער געקלונגען ווי אַ פראַגע: „דער וואַגאָן איז דאָך פאַר נישט רויכערער?" איך מאַך זיך נישט הערנדיק און ענטפער אים גאָר נישט. דאָס האָט מיר נאָך געפעלט, אַז איך זאָל ווערן אַריינגעמישט אין אַ צוזאַמענשטויס מיט אַ רוסישן אָפיציר! עס גייען פאַרביי נאָך עטלעכע מינוטן און מיט אַמאָל גיט דער איד אַ שפרונג פון זיין אָרט און מיט דער שנעלקייט פון אַ הונגעריקער ווילדער חיה, וואָס אַטאַקירט איר קרבן, וואַרפט ער זיך אויפן אָפיציר, רייסט אַרויס דעם פּאַפּיראָס פון זיין מויל און צעטרעט אים אונטער זיינע שטיוול. אויף אַ נישקשה'דיקן רוסיש שרייט ער אויס: „עס זיינען פאַראַן וואַגאָנען פאַר די, וואָס ווילן רויכערן; פאַר וואָס גייט איר ניט דאָרטן?" עס האָט מיר כמעט אָפּגענומען די הענט און די פיס. אין מיינע געדאַנקען האָב איך פאַראויסגעזען אַ בלוטיקע סצענע. אָבער צו מיין גרויסער באַוואונדערונג האָט גאָר נישט פּאַסירט — דער אָפיציר איז געבליבן זיצן ווי אַ פאַרשטיינערטער, אַ בלאַסער, אַ שטומער.

ווען דער צוג האָט זיך אָנגעהויבן צו דערנענטערן צו ווילנע, האָט דער איד, איילנדיק זיך, אומרואיק, אָנגעפּאַנגען זיך צוצוגרייטן צו פאַר־לאָזן דעם צוג. אויף דער אָפיציר האָט אין איין אויגנבליק צוזאַמענ־געפּאַקט זיינע זאַכן. מיר זיינען ענדלעך אין ווילנע. איידער דער צוג שטעלט זיך איינגאַנצן אָפּ, שפּרינגט דער איד אַראָפּ פון די וואַגאָן־טרעפּלעך אויף דער פּלאַטפאָרמע. דער אָפיציר פאָלגט אים נאָך. און אין דעם גרויסן געמיש פון דעם עולם, פאַרליר איך באַלד זיי ביידן פון מיינע אויגן.

איך דאַרף זיך אַריבערזעצן אין אַן אַנדער צוג, וואָס וועט מיך ברענגען קיין קאָוונע. מיט מיין פּיצינקן פּעקל גיי איך צו מיין צוג. מיט

ד ז ש אַ ן   מ י ל ל

אַמאָל באַמערק איך דעם אָפיציר מיט צוויי זשאַנדאַרמען, איילנדיק זיך אין מיין ריכטונג. נישט האָבנדיק צייט זיך אָפּצוגעבן אַ רעכנונג וואָס דאָס קען באַדייטן, איז דער ערשטער געדאַנק געווען: „אַריינגעפאַלן!”

זיי שטעלן מיך אָפּ און דער אָפיציר פרעגט:

—„צי האָט איר נישט געזען אין וועלכער ריכטונג איז אַוועק דער איד — דער פּאַסאַזשיר פון אונזער וואַגאָן?”

איך ענטפער: — „אויב איך האָב נישט קיין טעות, איז ער אַריין אין רעסטאָראַן”.

—„ניין, — זאָגט דער אָפיציר מיט אַן אומצופרידענער מינע, — דאָרטן איז ער ניטאָ” . . .

און אַלע דריי האָבן זיך תיכף אָפּגעטראָגן בכדי ווייטער צו זוכן דעם אידן.

אוף! ווי אַ שטיין פון הארצן אַראָפּ!

דעם זעלבן אָוונט בין איך שוין געווען אין קאָוונע און זיך געזען מיט דער פרוי פון אַלטער דעם בערשטער, ליזע'ן, וועמענס אַדרעס איז מיר צוגעשיקט געוואָרן קיין בערלין.

דער דריטער צוזאַמענפאָר פון „בונד". — מאַקסים קלעוואַנסקי. — שמאי ווייסענבלום. — ירחמיאל ווײַנשטיין. — פינאַי ראָזענטאַל

ווען איך קום צו דער ערשטער זיצונג פון דריטן צוזאַמענפאָר און קוק זיך אַביסל אַרום, קען איך ניט גלויבן מײַנע אויגן — און עס ווערט מיר עפּעס וואַרעם און גוט אויפן האַרצן: 20 דעלעגאַטן זײַנען אָנוועזנד. זיי רעפּרעזענטירן ניין פון די גרעסטע אידישע שטעט און אויך צוויי אויטאָנאָמע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס — דעם שטאַרקן, מוסטערהאַפטן בערשטער־בונד און דעם אָקאַרשט געגרינדעטן גאַרבער־בונד. אַ גרויסע צאָל פון די דעלעגאַטן קען איך שוין גוט פון פריער, אָבער עס זײַנען אויך דאָ אַזעלכע, וועלכע איך זע צום ערשטן מאָל אָדער מיט וועמען איך פלעג זיך טרעפן בלויז צופעליק ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן מיט יאָרן צוריק. אַזאַ קורצע צייט פאַרביי נאָך דעם גרויסן חורבן, וואָס זובאַטאָוו האָט פאַראורזאַכט אין אונזערע רייען — און אָט איז ווידער פאַראַן אַ נייע אימפּאָזאַנטע פירערשאַפט פון די אידישע אַר־בעטער־מאַסן. עס איז דאָ מיט וואָס זיך צו פרייען און מיט וואָס שטאָלץ צו זיין.

אָט איז איינער פון די, וואָס רעפּרעזענטירן קאָוונע, סעמיאָן קלע־וואַנסקי — „מאַקסים". נאָך אַ גאַנץ נייער מענטש אין דער באַוועגונג. אַ יונגער מאַן, מיט אַ פריילעכער מינע, רירעוודיק, צופרידן. ער איז באַשיימפּערלעך געווען אין אַ גליקלעכער שטימונג. ווירקט דאָס אַזוי אויף אים די קאָנספּיראַטיווע, געהיימניספולע אומגעבונג, די וויכטיקייט און ערנסטקייט פון דער אסיפה? ער נעמט אַ שוואַכן אנטייל אין די דעבאַטן, אָבער ווען ער רעדט, איז עס גלאַט, אין קלאָרע, גוט אויס־געדריקטע ווערטער און זאַצן. אומגעפער זעקס יאָר שפּעטער האָט די גאַנצע ראַדיקאַלע וועלט באַוואונדערט אים אַלס דעם לעגענדאַרן רעדנער און פירער פון די ריגער רעוואָלטירטע אַרבעטער־מאַסן. די

דזשאַן מילל

רוסישע רעגירונג האָט דאַן אָנגעבאָטן פאַר זיין קאָפּ אַ גרויסע סומע געלט. צום באַדויערן האָט זיין רום נישט אָנגעהאַלטן לאַנג. ווי אַ הערלעכער גלאַנציקער מעטעאָר איז ער דורכגעפלויגן אויפן שיינעם בלויען הימל פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און גיך פאַרשוואונדן, נישט איבערלאָזנדיק נאָך זיך קיין שפור . . . אמת, ער האָט נאָך דורכגעפירט אַ שליחות פון „בונד" אין אַמעריקע, געאַרבעט אַ קורצע צייט אין לאָדזש, אָבער דאָס זיינען שוין געווען די לעצטע „פּראָזאַאישע" אַקטן זיינע.

גאָר אַ נייער מענטש איז אויך דער לאָדזשער דעלעגאַט שמאַי ווייסענבלום — „קרומקאָפּ". דעם מאָדנעם צונאָמען האָט מען אים געגעבן מחמת דעם, וואָס ער פלעגט האַלטן זיין קאָפּ איינגעבויגן אויף איין זייט. אַן אמת׳ער פּראָלעטאַריער, אַ וועבער, אַ סאָלידער מענטש. דער איינדרוק איז אַ גינסטיקער, פון אַ גוט אַנטוויקלטן אַרבעטער, וואָס קלייבט זיך גרינג פאַנאַנדער אין אַלע פראַגן פון דעם סדר היום. מען דערציילט מיר, אַז זיין פּאָפּולאַריטעט אין די אַרבעטער־קרייזן אין לאָדזש איז אויסערגעוויינלעך גרויס. מיר איז אויסגעקומען צו טרעפן זיך מיט אים נאָך ביי אַנדערע געלעגנהייטן און אַלע מאָל פלעגט מיך רירן זיין איבערגעבענקייט צום „בונד". דער גורל האָט אים פאַרוואָרפן קיין רוסלאַנד, וואו אין 1917 ווערט ער אויסגעקליבן אין צענטראַל קאָמיטעט פון „בונד".

אַ ניי פּנים איז פאַר מיר אויך געווען אַראָן ווײַנשטיין „ירחמיאל", דער דעלעגאַט פון וואַרשע. אין קעגנזאַץ צו די פריער געשילדערטע, האָט ער ניט געהערט צום טיפּ מענטשן, צו וועלכע מען קאָן זיך צובינדן פון דער ערשטער באַגעגעניש. ער האָט מיר אויסגעזען אַ קעגנזאַץ צו דעם דאַמאָלסטדיקן דור „בונדיסטן". אָן דער האַרציקייט און סענטימענטאַליטעט וואָס איז געווען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר די דאַמאָלסטדיקע פירער פון דער באַוועגונג. ירחמיאל האָט שפּעטער דערגרייכט דעם העכסטן שטאַפּל פון דער בונדישער הערארכיע, און האָט געשפּילט אין „בונד" אַן אָנגעזעענע ראָלע. אין דער אָרגאַניזאַציע איז ער אַריינגעטראָטן אין 1898, אַ יאָר נאָכדעם, ווי ער האָט געענדיקט דעם ווילנער אידישן לערער־אינסטיטוט. דריי יאָר נאָכאַנאַנד האָט זיך אים איינגעגעבן אויסצומיידן די פּאָליציי־פאַרפאָלגונגען און

פּיאָנערן און בויער

דאַן האָט זיך אָנגעהויבן פאַר אים דער געוויינלעכער באַקאַנטער גאָל־גאָטאַ־וועג פון די רעוואָלוציאָנערן אין דעם צאַר'ס אימפּעריע: אָפטע אַרעסטן, טורמע, דאָס אומלעגאַלע לעבן פון אַ פּראָפעסיאָנעלן רעוואָ־לוציאָנער. כמעט 20 יאָר האָט ער געאַרבעט שווער און געבויט און באַפעסטיקט דעם „בונד" און שפּעטער אַליין געהאָלפן אים ליקווידירן. געשטאָרבן איז ער פאַר בונדישע חטאים אין אַ קאָמוניסטישער טורמע אין מאָסקווע . . .

פון אַלע אָנוועזנדיקע אויפן צוזאַמענפאָר האָט זיך באַמערקבאַר אויסגעטיילט איינער פון די ביאַליסטאָקער דעלעגאַטן, דאָקטאָר פּאַוועל ראָזענטאַל — „פּינאַי".

צו יענער צייט איז ער שוין געווען אַן אַלטער באַקאַנטער אין דער באַוועגונג.

זיין רעוואָלוציאָנערע קאַריערע האָט זיך אָנגעהויבן אין וואַרשע, וואו מיט זעקס יאָר פריער האָט מען אים אַרעסטירט צום ערשטן מאָל.

אין 1895 איז ער געשטאַנען בראש פון דעם „זשאַרגאָנישן קאָמי־מיטעט" אין ווילנע, נאָכדעם שטודירט אין כאַרקאָוו און דאָרטן גע־אַרבעט אין דער באַוועגונג.

פון 1897 ביז 1902 איז ער דער אָנערקענטער פירער פון די ביאַ־ליסטאָקער אַרבעטער־מאַסן און איז אַקטיוו אין אַלע צווייגן פון דער בונדישער באַוועגונג.

ער איז דער מחבר פון דעם באַרימטן אויפרוף: „צו דער אידישער אינטעליגענץ". ער פאַרפאַסט אויך דעם מאַניפעסט פון דעם פעדע־ראַטיוון גאַרבער־בונד. ביידע זאַכן זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין 3 שפּראַכן — אידיש, רוסיש, פּויליש — און האָבן געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג.

אויפן צוזאַמענפאָר באַציט מען זיך צו אים מיט אַ באַזונדערן צוטרוי און מיט גרויס דרך־ארץ. זיין השפעה פילט זיך אין ס'רוב פון די באַשלוסן און אין די אָנגענומענע רעזאָלוציעס.

מען וויל אים אויסקלייבן, צוזאַמען מיט טאַראַס'ן און זעלדאָוו'ן, אין צענטראַל קאָמיטעט, אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט. ערשט ווען נח קומט קיין ביאַליסטאָק, נאָכדעם ווי ער איז אַנטלאָפן פון סיביר,

דזשאַן מיל

ווערט פינאַי (אין אויגוסט 1900) אַ מיטגליד פון צענטראַל קאָמיטעט און אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון דער בונדישער פרעסע.

רייך איז געוועזן זיין גאַנץ לעבן אַלס אַ רעוואָלוציאָנער, און אַלס אַזעלכער האָט ער ניט געקענט אויסמיידן אומצאָליקע און אומבאַשרייבלעכע ליידן און מאַרטירערטום.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער קאָנפערענץ פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער פּאַרטיי, וועלכע ער האָט געהאָלפן אָרגאַניזירן אין ביאַליסטאָק אין 1902, איז ער געוואָרן אַרעסטירט און פאַרשיקט קיין יאַקוטסקער געגענט אין סיביר אויף זעקס יאָר. די־זעלבע שטראָף האָט געקראָגן זיין פרוי אַננאַ, די זעלבע אַננאַ, וואָס איז אין 1939, ווען דער רוסישער חיל האָט פאַרנומען ווילנע, געוואָרן אַרעסטירט און אַריינגעוואָרפן אין תפיסה, וואו זי איז געשטאָרבן.

אין 1904 נעמען זיי ביידע, פינאַי און אַננאַ, צוזאַמען מיט איבער 50 אַנדערע פּאָליטישע פאַרשיקטע אַן אַנטייל אין דעם באַוואוסטן יאַקוטסקער באַוואָפנטן אויפשטאַנד קעגן דער רעגירונג. דער אויפ־שטאַנד איז געוואָרן דערשטיקט און זיי ביידע פאַר׳משפט צו 12 יאָר קאַטאָרגע. שוין פון קאַטאָרגע האָב איך געקראָגן פון פינאַי׳ען — אין אַ זאַק מיט ניסלעך — אַ גענויען באַריכט וועגן דעם אויפשטאַנד. דעם באַריכט האָט אונזער אויסלענדישער קאָמיטעט אַרויסגעגעבן אין עטלעכע שפּראַכן און ער האָט געמאַכט אַ געוואַלטיקן רושם אין איי־ראָפּע און אין אַמעריקע.

אין דער צייט פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע אין אָקטאָ־בער 1905 זיינען זיי ביידע אַמנעסטירט געוואָרן דורך דעם צאַר׳ס מאַניפעסט און זיי האָבן זיך באַזעצט אין ווילנע.

זיי וואַרפן זיך תיכף אַריין אין דער בונדישער אַרבעט. פינאַי („אַנמאַן”), אַ מענטש פון גרויסער ערודיציע, אַ טאַלאַנטפולער און פרוכטבאַרער שרייבער און זשורנאַליסט, ווערט אַ פלייסיקער מיט־אַרבעטער אין דער בונדישער לעגאַלער און אומלעגאַלער פרעסע. אויך גיט ער זיך אָפּ מיט פאַרשידענע אַנדערע ליטעראַרישע אַרבעטן. אין אומצאָליקע אַרטיקלען, בראָשורן און ביכער באַהאַנדלט ער די גע־שיכטע און טעכניק פון די מערב־אייראָפּעאישע רעוואָלוציעס און די פּאָליטישע און אַרבעטער־פּראָבלעמען אין רוסלאַנד.

פּיאָנערן און בויער

אין 1917, אויפן 8טן צוזאַמענפאָר פון „בונד", ווערט ער דער־וויילט אין צענטראַלן קאָמיטעט. בעת דער שפּאַלטונג פון „בונד" אין רוסלאַנד בלייבט ער טריי דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן טייל זיינעם.

ער און אַננאַ באַזעצן זיך ווידער אין ווילנע, אין 1921, וואו זיי פאַרבלייבן ביז זייער טויט. פינאַי איז געשטאָרבן אין 1924 פון אַ ראַק.

. . . דער דריטער צוזאַמענפאָר פון „בונד" האָט געדויערט דריי טעג, פון דעם זיינען אַ טאָג און אַ האַלב אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר די באַריכטן. די פאַרהאַנדלונגען איבער די פונקטן פון לאַנגן סדר־היום האָבן ניט אַרויסגערופן קיין וועזנטלעכע חילוקי דעות און אין אַ האַלבן טאָג איז מען געווען מיט זיי פאַרטיק. אָבער איין פונקט איז געווען אויסגעטיילט אַלס דער וויכטיקסטער, און מען האָט אים געווידמעט אַ גאַנצן טאָג. דאָס איז געווען די נאַציאָנאַלע פראַגע.

די נאַציאָנאַלע פראַגע אויפן דריטן צוזאַמענפאָר

ווי עס איז געווען צו דערוואַרטן, האָט דער הויפּט־פּונקט אין דער טאָג־אָרדענונג פון דריטן צוזאַמענפאָר, די נאַציאָנאַלע פראַגע, צוגע־צויגן די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט פון די דעלעגאַטן. אַרום אָט דעם פּונקט האָבן זיך הויפּטזעכלעך געדרייט די לאַנגע און ערנסטע דעבאַטן. די אַלטע ריכטונג, וואָס לויט איר האָבן מיר געדאַרפט קעמפן אין רוס־לאַנד בלויז פאַר בירגערלעכע גלייכבאַרעכטיקונג און נישט פאַר נאַ־ציאָנאַלע רעכט, האָט געהאַט אַלס וואָרטזאָגער פינאי׳ען, ירחמיאל׳ן און טאַראַס׳ן. די נייע טענדענצן, די טענדענצן פון „אידישן אַרבעטער״ און פון אויסלענדישן קאָמיטעט, זיינען געווען פאַרגעטראָגן, און פאַרטיידיקט פון מיר. דערביי בין איך געווען אונטערשטיצט דורך אַ פּאָר אַרבע־טער, — איינער סינאַי — ער איז געשטאָרבן אין 1905 אין זשענעוו פון טובערקולאָז — און נאָך פון אימיצן. די דעבאַטן זיינען געווען היציקע, אויפגערעגטע. אַ קליינע מינאָריטעט — דאַכט זיך אַ צוויי אָדער דריי דעלעגאַטן — האָבן ניט נאָר ניט געוואָלט הערן און וויסן וועגן וועלכע עס איז ענדערונגען אין אונזער שטעלונג צו דער אידי־שער פראַגע, נאָר זיי האָבן אפילו מורא געהאַט די אידישע פראַגע צו דערמאָנען. אַלץ, וואָס האָט כאָטש עטוואָס געשמעקט מיט נאַציאָנאַליזם, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען, איז געווען פאַר זיי טריף. זיי האָבן געזען אַ נאַציאָנאַליסטישע געפאַר אפילו אין דעם איינפאַכן אָפּגעבן צו פיל אָרט פאַר אַרטיקלען וועגן אידיש לעבן אָדער בכלל פאַר אַרטיקלען מיט אַ נאַציאָנאַלן אינהאַלט. איינער האָט מיך אָנגעגריפן און אויסגעציילט דערביי אַלע אַרטיקלען פון זעקסטן נומער „אידישער אַרבעטער״ אַלס אַ באַווייז, אַז מיר אין אויסלאַנד זיינען נאַ־ציאָנאַליסטן מער ווי סאָציאַליסטן. און מיט פּאַטאָס האָט ער אויסגע־שריען: „סטייטש, אין איין נומער פון אַ סאָציאַליסטישן זשורנאַל זאָלן זיין אָפּגעדרוקט גאַנצע פינף אַרטיקלען וועגן נאַציאָנאַלע און אידישע פראַגן! איז דאָס ניט אַ ווידערשפּרוך צו אַלע טייערע, צו אַלע היי־

פיאָנערן און בויער

ליקע טראַדיציעס פון וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם ? ! . . . " אָבער, ווי שוין געזאָגט, האָבן די מענטשן מיט אַזאַ צוגאַנג פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ גאָר קליינע מינדערהייט. די מערהייט איז באַשטאַנען פון מענטשן, וואָס האָבן זיך נאָך אפילו געהאַלטן פאַרן אַלטן שטאַנד־פונקט, דאָס הייסט, אַז מיר פאָדערן בלויז גלייכע בירגערלעכע רעכט און נישט נאַציאָנאַלע, אָבער זיי האָבן פונדעסטוועגן געזוכט בעסער זיך צו פאַנאַנדערקלייבן אין די נייע טענדענצן און צו געפינען אַ ריכטיקן סאָציאַליסטישן אויסוועג.

עס איז קלאָר געווען פון סאַמע אָנהייב אָן, אַז קיינע פּראָגראַם־ענדערונגען וועט מען דערווייל ניט מאַכן. אייגנטלעך, האָב איך דאָס אַליין אויך ניט דערוואַרט. צו יונג איז געווען די פראַגע, צו פרעמד איז זי געווען ביז גאָר ניט לאַנג צוריק, צו ווייניק האָט מען נאָך וועגן איר גערעדט ניט בלויז אין אונזער פרעסע, נאָר אין דער סאָציאַ־ליסטישער ליטעראַטור בכלל. אַ צו ראַדיקאַלע ווענדונג וואָלט דאָס געווען אין דער גאַנצער וועלט־אַנשויאונג פון ס׳רוב פון די דאַמאָלסט־דיקע בונדיסטן. דער ברינער צוזאַמענפאָר פון דער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי איז אָקאָרשט פאָרגעקומען און די איינצלהייטן פון די דעבאַטן, וואָס האָבן זיך דאָרטן געפירט, האָבן נאָך ניט דערגרייכט אַלעמען. די רעזאָלוציע פון דריטן צוזאַמענפאָר האָט דאַן אָפּגעשפּיגלט אָט־דעם גייסטיקן צושטאַנד פון די דעלעגאַטן, זייערע ספקות און אומאַנטשלאָסנקייט. מען האָט באַשלאָסן צו עפענען אַ פרייע דיסקוסיע וועגן דער אידישער און, אין פאַרבינדונג מיט דעם, וועגן דער פוילישער פראַגע. דאָס איז געווען דער מאַקסימום, וואָס מען האָט געקענט דערוואַרטן פון צוזאַמענפאָר.

יעדנפאַלס, דער ערשטער וויכטיקער שריט צו דער שפּעטערדיקער מאָדיפיקאַציע פון דעם נאַציאָנאַלן פּראָגראַם איז געמאַכט געוואָרן. עס האָט זיך אין „בונד" געעפנט אַ טיר פאַר אַ נייעם צוגאַנג צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע.

דער וועג צוריק קיין בערלין

ווידער זיינען דאָס געווען די בערשטער, וואָס האָבן זיך אונ־טערגענומען אַריבערצופירן מיך איבער דער גרענעץ צוריק קיין דייטש־לאַנד. שוין אין קאָוונע האָט מען מיר מיטגעגעבן אַ באַגלייטער — איך געדענק נישט צי דאָס איז געווען אַלטער אָדער זלמן. ער איז מיטגעפאָרן מיט מיר ביז ווילקאָווישעק און דאָרטן מיך איבערגעגעבן צו די אָרטיקע חברים, וואָס האָבן געדאַרפט טאָן די ווייטערדיקע אַרבעט. אַ גאַנצן טאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט האָב איך געמוזט פאַרברענגען אין דעם גרויען, אומעטיקן און אָרעמען שטעטל, איינעם פון די צענטערס פון דער בערשטער־אינדוסטריע. אויף דער גאַס, נאַטירלעך, האָב איך נית געטאָרט זיך באַווייזן; האָט מען מיך געהאַלטן פריער אויף איין דירה, דאַן אויף אַ צווייטער און צום סוף אויף אַ דריטער. נישט קוקנדיק אויף דער שטרענגער קאָנספּיראַציע, פלעגן אַריינקומען אין די דירות באַלד אַ איד און באַלד אַ אידענע צו האָבן מיט מיר אַ קורצן שמועס. איך בין דאַן געווען צופרידן פון אָט די באַזוכן. אויף אַזאַ אייגנאַרטיקן אופן האָב איך געקראָגן די געלעגנהייט זיך צו באַגעגענען אָט מיט די נייע, פּראָסטע און דאָך אַזעלכע אינטערעסאַנטע און גוט־האַרציקע ביז נאַאיוויטעט שטעטלשע מענטשן. איך וואָלט ביז דאַן קיין מאָל ניט געגלויבט, אַז די השפּעה פון „בונד" זאָל שוין האָבן אַרומ־געכאַפּט אַזעלכע עלעמענטן. זיי האָבן גערעדט וועגן די אַרבעטער־סטרייקן, וועגן דעם קאַמף פון די בערשטער, וועגן „בונד". אויף איין דירה, אַ שרעקלעך אָרעמער און כמעט פינצטערער, האָט אַ פּאַראַלי־זירטע פרוי פון איר בעט זיך אָפּט אַריינגעמישט אין שמועס און זיך זייער אינטערעסירט מיט דעם, צי די „סטאַצעצניקעס" — די סטרייי־קערס — פון אַ דערבייאיקן שטעטל האָבן געוואונען דעם קאַמף. דאָס איז געווען אַ וועלט, מיט וועלכער מיר, די סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ פון ווילנע אָדער וואַרשע זיינען וויניק געווען באַקאַנט, יעדנפאַלס נישט דורך פּערזענלעכער באַרירונג מיט איר.

פיאָנערן און בויער

עס איז שוין געווען שפעט ביינאַכט, ווען צוויי בערשטער האָבן געבראַכט אַ בחור — אַ קריסט, וואָס האָט געדאַרפט מיך נעמען צו דער גרענעץ. נאָך אַ האַרציקן אָפשייד מיט די בערשטער, האָבן מיר ביידע זיך געריררט אין וועג. די נאַכט איז געווען אַ פינצטערע, שוואַרץ ווי טינט. דער פראָסט אַ ברענענדיקער, אַ בייסנדיקער, נישט אויסצוהאַלטן. מיר קומען צו אַ פאַרלאָזענער, איינגעבויגענער, האַלב־איינגעפאַלענער הילצערנער כאַלופקע און ביידע באַהאַלטן מיר זיך הינטער אַ וואַנט, איינגעקאָרטשעטע און שטומע. מיינע הענט און פיס און די אויערן הויבן אָן צו פרירן און פאַרשאַפן מיר פיין. ענדלעך גיט דער קריסט אַ צייכן פון לעבן. שושקענדיק, גיט ער מיר קורצע אינסטרוקציעס. ווען ער וועט מיר געבן אַ צייכן, דאַרף איך לויפן אין אַזאַ און אַזאַ ריכטונג. עס איז נישט ווייט. ווי נאָר איך וועל אַריבערלויפן דעם טייכל, בין איך אַ פרייער מענטש, אויסער געפאַר, — דאָרטן איז שוין דייטשלאַנד. פון וויטן וועל איך זען אַ ליכטיקע אכסניה, זאָל איך גיין דאָרטן און וואַרטן ביז ער וועט קומען. אויב אימיצער פון דער רוסישער גרענעץ־וואַך וועט מיך באַמערקן און געבן אַן אַלאַרם־סיגנאַל אָדער אויסשיסן, זאָל איך פונדעסטוועגן ווייטער לויפן ביז איך וועל זיין אויף יענער זייט פון טייכל.

גאַנץ באַרואיקנדיק האָבן זיינע אינסטרוקציעס נישט געווירקט אויף מיר . . . ספּעציעל איז מיר נישט געפעלן זיין אָנצוהערעניש וועגן שיסן . . .

ענדלעך איז דער מאָמענט געקומען. איך לויף ווי אַ דערשראָקענער הירש. עס איז גליטשיק, איך פאַל אַנידער און פאַרליר מיין נייעם הוט, וואָס איך האָב אָקאָרשט געקויפט אין בערלין. איך הער אַ געשריי פון אַ וואַך־פּאָסטן: „סטאָי! אָסטאַנאַוויס!״ — שטיי, שטעל זיך אָפּ!״. איך לויף נאָך גיכער ווי פריער און מיט אַמאָל פיל איך, אַז איך בין ביז די קני אין וואַסער. מען האָט פאַרגעסן צו דערמאָנען אָדער בכיוון מיר דאָס נישט געזאָגט, אַז דאָס אייז פון דעם טייכל, וואָס טיילט אָפּ דייטשלאַנד פון רוסלאַנד, ווערט כסדר אויסגעהאַקט ווי שטאַרק דער פראָסט זאָל ניט זיין.

מען קען זיך פאָרשטעלן, ווי איך האָב אויסגעזען, ווען איך האָב זיך באַוויזן אין דער ליכטיקער אכסניה: אָן אַ היטל, אַ נאַסער, פאַר־

דזשאַן מילל

מאַטערט, פאַרפרויערן, דערשראָקן. אפילו דער אייגנטימער פון דער אכסניה האָט מסתמא געהאַט רחמנות אויף מיר, ווייל ער האָט גלייך געמאַכט אָן אָרט פאַר מיר נעבן וואַרעמען אויוון און געבראַכט מיר אַ גלאָז הייסע טיי.

ווען איך בין אויף מאָרגן אָנגעקומען אין בערלין, האָב איך גע־מוזט גלייך גיין אין בעט: איך בין געווען שטאַרק פאַרקילט, געהאַט פיבער, אָבער צום גליק האָב איך זיך אויסגעדרייט פון אַ דראָענדיקער לונגען־אַנטצינדונג.

אגב, ביי ענלעכע אומשטענדן, ביים אַריבערלויפן די גרענעץ, איז מאַרק ליבער'ס שוועסטער — פעליקס דזיערזשינסקי'ס כלה — קראַנק געוואָרן אויף די לונגן און מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער געשטאָרבן פון טובערקולאָז.

אַ טור: האַללע, קאַרלסרוע, בערן

אין שפּעטן פרילינג פון 1900 האָב איך געדאַרפט צוליב פּאַרטיי־ענינים פאָרן אויף אַ קורצע צייט קיין שווייץ. איך האָב באַשלאָסן צו פאַרבינדן די רייזע מיט אַ טור איבער אייניקע שטעט צוליב אָר־גאַניזאַציע־ענינים. צוערשט האָב איך באַזוכט האַללע. די דאָרטיקע בונדיסטן האָבן אומדערוואַרטעט צוזאַמענגערופן אַ גרויסע עפנט־לעכע פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער איך האָב געמוזט אַרויסטרעטן מיט אַ באַריכט וועגן „דער נאַציאָנאַלער פראַגע אויפן דריטן צוזאַמענפאָר". איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אין דאַרמשטאַט צו זען זיך מיט פאַוועל בערמאַנ'ען און מיט די איבעריקע מיטגלידער פון דער אָרטיקער גרופּע. אין קאַרלסרוע זיינען אונזערע פריינט געווען אין פּראָצעס פון גרינדן אָדער באַפעסטיקן די בונדישע אָרגאַניזאַציע. אַ סימפּאַטישער, איבער־געגעבענער עולם; אייניקע פון זיי שטאַלץ מיטן „בונד" און זיינע הייסע פּאַטריאָטן. ביים אָנקומען האָבן מיך באַגעגנט אויף דער סטאַנציע גאָלדע און קאָוואַלסקי, ביידע וואוילע בחורים פון פּלאָצק. ביידע עק־זאַלטירט ביז גאָר צוליב זייער צוגעהעריקייט צום „בונד". מיט גרויס פאַראינטערעסירונג הער איך אויס זייערע לאַנגע מעשיות וועגן דעם „ווער איז ווער" אין קאַרלסרוע. זיי לאָזן דערביי נישט אַדורך אויך זייערע אייגענע ביאָגראַפיעס. מיט פאַרדראָס דערציילט גאָלדע, אַז זיין שוועסטער, אַ דאָקטאָרקע, איז אַן אָנגעזעענע טוערין אין דער פּ. פּ. ס. און אָט אויף אַזאַ אופן האָט דער גורל צעטיילט זיי ביידן אַזוי ווייט אין זייערע פּאָליטישע סימפּאַטיעס און פּאַרטייאישער צוגעהערי־קייט. גאָלדע און קאָוואַלסקי, אויפגערעגט און דערצאָרנט באַקלאָגן זיך, אַז אין קאַרלסרוע איז פאַראַן אַ סטודענט, אַן „אמת'ער בונדיסט", וואָס נישט געקוקט אויף דעם האָט ער, ווי עס דאַכט זיך זיי, נישט קיין גרויס חשק אַריינצוטרעטן אין דער בונדישער גרופּע. האָפמאַן איז זיין נאָמען. אין אָוונט האָבן זיך פאַרזאַמלט ביי גאָלדע'ן אַלע יענע, וואָס האָבן זיך שוין געהאַלטן פאַר מיטגלידער פון דער גרופּע און אויך

דזשאַן מילל

אַ פּאָר קאַנדידאַטן. איך געדענק נישט אַלעמען. אויב איך האָב נישט קיין טעות זיינען דאָרטן אויך געווען דער האָמלער קאָראָבאָטשקין און דער יונגער לעבנס־ און קאַמפּלוסטיקער סעמיאָן מאַרגאָלין, וואָס איז אין 1905 דערשאָסן געוואָרן אויף אַ בונדישער דעמאָנסטראַציע אין וואַרשע. צוזאַמען מיט אים, ווי באַוואוסט, איז אויך דער־הרג׳עט גע־וואָרן די באַליבטע טוערין פון „בונד״, פאַניאַ גראַבעלסקאַ.

אויך האָפמאַן איז געווען אַנוועזנדיק. אַ שלאַנקער, אויסגעמאָגער־טער יונגערמאַן. צום סוף פון אונזער צוזאַמענקונפט האָט ער אונז דערציילט עטלעכע אַמוזירנדיקע אידישע וויצן. מיר דוכט זיך, אַז צביון, איצט אין ניו־יאָרק, קוקט אויס אַ סך אינגער, ווי יענער האָפמאַן האָט אויסגעזען אין קאַרלסרוע מיט 49 יאָר צוריק...

די הילף, וואָס דער „בונד״ האָט אין גיכן אָנגעהויבן צו דער־האַלטן פון די קאַרלסרוער, איז געווען גרויס.

פון קאַרלסרוע—קיין בערן. בערן איז דאַן געווען ניט נאָר די הויפּטשטאָט פון דער שווייצאַרישער רעפּובליק, נאָר אויך אין אַ געוויסן גראַד די הויפּטשטאָט פון אַלע בונדישע קאַלאָניעס פון מערב־אייראָפּע. אַ מאָדנע שטאָט, אַ מאָדנע אידישע שטאָט, ווייל קריסטן אין דער אָר־טיקער רוסישער און פּוילישער סטודענטנשאַפט און אין דער פּאָלי־טישער עמיגראַציע האָט מען געקענט אויסציילן אויף די פינגער פון איין האַנט. אַלע לערנען זיך. אַלע זיינען פאַרנומען און טומלען זיך, אַלע זשעסטיקולירן און דיסקוטירן אויפגערעגטערהייט, אַלע זוכן צו לייזן די פּראָבלעמען, פון וועלכע עס הענגט כלומרשט אָפּ די צוקונפט פון רוסלאַנד, פון אייראָפּע, פון דער גאַנצער וועלט, פון דעם אידישן פאָלק. אין קיין אַנדער שטאָט איז מען נישט אַזוי שטאַרק פאַראינטע־רעסירט אין דער אידישער נאַציאָנאַלער פראַגע ווי אין בערן. קאַפּעל־זאָן פילט זיך דאָ ווי אין אַ גן־עדן. דאָס איז זיין סטיכיע. ער קען אַלעמען, פריינט און פיינט, און מיט אַלעמען לעבט ער אין שלום.

אין משך פון עטלעכע טעג האָט קאַפּעלזאָן מיך באַקענט פריער פאַר אַלץ מיט אונזערע געזינונג־חברים און דאַן מיט באַוואוסטע פּער־זענלעכקייטן פון אַנדערע פּאַרטייען. עפראַס, עזרא, דר. בלומשטיין, טיומין און זיין כלה, די צוויי שוועסטערס ליפשיץ — טעכטער פון אַן אַפּטייקער אין קעלמי, קאָוונער גובערניע, — דאָס זיינען די נעמען

פּיאָנערן און בויער

פון די בונדיסטן, וואָס זיינען געבליבן אין מיין זכרון. פון די צוויי שוועסטער איז אַננאַ ליפשיץ שפּעטער געווען אַ מיטגליד פון אָדעסער קאָמיטעט פון „בונד". אין 1905 האָט זי גענומען אַן אָנטייל אין אויפשטאַנד אויף דער שיף פּאָטיאָמקין, האָט זיך אַרויסגערוקט אין די פאָדערשטע רייען אַלס אַ טאַלאַנטפולע אַגיטאַטאָרין־רעדנערין און האָט מיטגעריסן מיט זיך די מאַטראָסן און באַגייסטערט זיי צו רעוואָלוציאָנערן קאַמף מיט איר אומדערשראָקנקייט און דרייסטקייט. די אַנדערע שוועסטער, עזאַ ליפשיץ, איז געשטאָרבן אין דער פּיאָטרקאָווער תּפיסה, זומער 1903.

דער פּראָוואָקאַטאָר אַזעף

אין בערן האָב איך גראַד דאַן זיך באַקענט אויך מיט דעם טרויעריק־באַרימטן יעוונאָ אַזעפ׳ן און מיט זיין פרוי, וועלכע האָט אַ קורצע צייט געהערט צו דער בערנער בונדישער גרופּע. נאָך אַ יונגער מאַן, אָקאָרשט געענדיקט דעם דאַרמשטאַטער פּאָליטעכניקום, אַן אינזשענער, האָט יעוונאָ אַזעף פונדעסטוועגן שוין דאַמאָלט געהאַט הינטער זיך יאָרן פון פאַרראַט און פּראָוואָקאַציע. ביז מען האָט אים אין 1909 אַנטדעקט אַלס אַ לאַנגיאָריקן באַצאָלטן אַגענט פון דער רוסישער געהיים־פּאָליציי, פון דער אַזוי־גערופענער „אָכראַנאַ״, האָבן די נעענטערע מענטשן, נישט קוקנדיק אויף זייער פּערזענלעכע אַנטיפּאַטיע צו אים, אַרומגערינגלט אים מיט אַן אָרעאָל פון העלדישקייט, קוראַזש. פּערזענלעך האָט קיינער, ווי איך געדענק, אים נישט האָלט געהאַט. אַן אומאַנגענעמער פּנים, בייזע אויגן, אייביק אָנגעכמורעט און אָנגעבלאָזן; טרוקן, קאַרג אויף ווערטער. מיר האָבן געוואוסט וועגן זיין העכסט־פאַראַנטוואָרטלעכער און געפערלעכער ראָלע ביי די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן און וועגן זיין דערפאָלגרייכער פירערשאַפט אין דער טעראָריסטישער „קאַמף־אָרגאַניזאַציע״, אָבער ווער וועמען וואָלט געקענט איינפאַלן, אַז ער איז געווען דער נידערטרעכטיקסטער פון אַלע נידערטרעכטיקע פּראָוואָקאַטאָרן, וואָס די וועלט האָט ווען־עס־איז געזען? אין משך פון אַכט יאָר האָט ער קאַלטבלוטיק געשיקט אויף דער תליה יונגע העלדן, וועלכע האָבן מקריב געווען זייערע לעבנס, גלויבנדיק אים, האָבנדיק צו אים אַ צוטרוי אָן גרענעץ. ווער ווייסט ווי לאַנג וואָלטן זיינע טייוולאָנישע מעשים נאָך געדויערט, אויב נישט די ערשטע רוסישע רעוואָלוציע און די פּליטה פון אַ פּאָר הויכע פּאָליציי־באַאמטע פון רעגירונגס־לאַגער, וואָס האָט געפירט דערצו, אַז ער זאָל ווערן אויפגעדעקט.

איך פלעג זיך שפּעטער טרעפן מיט אַזעפ׳ן געננג אָפט אין פאַרשידענע שטעט. אין אונזערע געשפּרעכן פלעגן מיר פּאַרטיי־ענינים קיינמאָל נית דערמאָנען — נית ער און נית איך. צי ער האָט פיל

פיאָנערן און בויער

געוואוסט וועגן „בונד"—ווייס איך ניט. נאָך דער רעוואָלוציע פון 1917 האָט מען געפונען אין די געהיימע אַרכיוון פון דעם פּאָליציי־דעפּאַרטמענט אין פּעטערבורג צוויי באַריכטן זיינע, וואו ער דערמאָנט דעם „בונד" מיט עטלעכע ווערטער. אין איין באַריכט פון בערלין דערציילט ער וועגן מיין דאָרטיקער טעטיקייט אין דער בונדישער קאָ־לאָניע, אין צווייטן באַריכט פון פּאַריז, פון 1900, אינפאָרמירט ער, אַז אַרקאַדי קרעמער איז אַנטלאָפן פון רוסלאַנד און איז אָנגעקומען קיין פּאַריז. דאָס אַלץ. ווי עס ווייזט אויס, האָט ער אָדער ניט געהאַט גענוג מאַטעריאַל צו אינפאָרמירן וועגן „בונד", אָדער אין פּעטערבורג האָט מען געפאָדערט פון אים דער עיקר ידיעות וועגן טעראָריסטן און זייערע פּלענער. די סאָציאַל־דעמאָקראַטן זיינען מסתמא גע־שטאַנען ביי זיי אויפן צווייטן פּלאַן און פאַר אינפאָרמאַציע וועגן זיי האָט מען ניט געדאַרפט האָבן אַזאַ העכט ווי אַזעף.

איין באַזוך אַזעפ'ס אין בערלין געדענק איך זייער גוט. אַ קליי־ניקייט, אָבער עס האָט זיך איינגעקריצט, איך ווייס ניט ווי אַזוי, אין מיין זכרון. ביי אַ באַגעגעניש פרעגט ער מיך פלוצלונג:

— מילל, קענט איר בערלין גוט?

— מיר דוכט זיך, אַז יע; צו וואָס ווילט איר דאָס וויסן?

— אפשר קענט איר מיר רעקאָמענדירן אַ גוטן דאָקטאָר פאַר ווענערישע קראַנקהייטן?

— ניין, פרעגט בעסער אַ מעדיצינישן סטודענט . . .

איך בין געווען ווייט פון מאָראַליזירן און פון ווערן אויפגערעגט פון דער אומגעוואונשענער פּערזענלעכער געהיימניש. אָבער אַ געוויסע אַנטוישונג און פאַרדראָס האָב איך אינסטינקטיוו יע געפילט. דער דאַמאָלסטדיקער דור פון סאָציאַליסטן פלעגט קוקן אויף מענטשן פון אַזעפ'ס קאַליבער — נישט ווייסנדיק נאַטירלעך וועגן זיין פּראָוואָקאַ־טאָרישער ראָל, ווי אויף הייליקע; זיי האָבן דאָך אויף שריט און טריט געשטעלט זייערע לעבנס אין סכנה. און אַ חוץ דעם איז ער דאָך געווען אַ פאַמיליע־מענטש. ווי איז דאָס אַזוי? בלויז קאַפּעלזאַנ'ען האָב איך אַנפאַרטרויט די מעשה.

אָבער דער דאָזיקער עפּיזאָד איז ווירקלעך געווען אַ קלייניקייט

דזשאַן מילל

אין פאַרגלייך מיט צווי אַנדערע דערפאַרונגען, וואָס איך האָב געהאַט מיט אים.

דאָס האָט געמוזט זיין אין ווינטער 1906. איך האָב זיך דאַן אויפגעהאַלטן אין ניצע, אויף דער פראַנצויזישער ריוויערע. יעדן דאָנערשטיק פלעג איך מאַכן אַן אויספלוג קיין מאָנטע־קאַרלאָ, מיט דער באַן, וואָס פלעגט בעמען אַ 20 מינוט, אָדער מיטן טראַמוואַי, וואָס פלעגט געדויערן אַ שעה. איך פלעג, נאַטירלעך, פאָרן נישט צו שפּילן אויף דער רולעטקע, אָדער אין באַקאַראַ, אָדער אין אַנדערע אַזאַרט־שפּילן, דער טיוּול ווייס ווי מען האָט זיי דאָרטן גערופן. מאָנטע־קאַרלאָ האָט תמיד געהאַט אַ שלעכטן נאָמען, אַלס אַן אויפהאַלט אָרט פון אַלע רייכע פּוסט־און־פּאַסניקעס פון אייראָפּע, פון ליידנשאַפטלעכע רולעטקע־ און קאָרטן־שפּילערס. די קאַסינאָ, אַ פּראַכטפולער פּאַלאַץ, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן פון דעם זעלבן אַרכיטעקט, וועלכער האָט אויפגעבויט די וועלט־באַרימטע פּאַריזער אָפּערע, פלעגט אַריינבריינגען אַזעלכע קאָלאָסאַלע רווחים, אַז זיי פלעגן דעקן אַלע אָן אַן אויסנאַם הוצאות פון דעם קליינעם פירשטנטום: דעם געהאַלט פונם פּרינץ און פון זיין הויף, פון זיינע פּאָר הונדערט זשאַנדאַרמען, פון די שולן, אַלע מוניציפּאַלע אויסגאַבן; אפילו דער קאַטוילישער גלח האָט באַקומען זיין געהאַלט פון דער הכנסה, וואָס די קאַסינאָ פלעגט אַרויסקריגן פון די קאָרטן־שפּילערס. קיינע שטייערן זיינען קיין מאָל ניט געווען אַרויפגעלייגט אויף די איינוואוינער פון מאָנאַקאָ און מאָנטע־קאַרלאָ. מען האָט זיך ניט געענטיקט אין זיי, דאָס געוואונענע געלט אין דער קאַסינאָ האָט געקלעקט אויף אַלץ . . .

אָבער אויב די קאַסינאָ איז געווען אַ גיהנום, איז דאָס געווען אַ גיהנום אין מיטן פון אַן אמת׳ן גן־עדן. מאָנטע־קאַרלאָ איז איינס פון די שענסטע ווינקעלעך אין אייראָפּע. די שטאָט געפינט זיך אויף אַ בערגל, וואו פון איין זייט זעט מען דעם בלויען מיטללענדישן ים מיט אַ פּאָר׳חלום׳טן ים־איינגוס, פון דער צווייטער זייט הויכע, שטילע בערג, די אַלפּן, וואָס באַשיצן דאָס ווינקעלע פון די קאַלטע צפון־ווינטן. די מאַלערישקייט פון מאָנטאָ־קאַרלאָ באַצויבערט די אויגן. ביי יעדן באַזוך ווערט מען מיטגעריסן מיט די בילד־רייכע האָריזאָנטן אַרום דער שטאָט, מיט דער אומגעווייגלעכער שיינקייט פון איר נאַטור, מיט איר

פיאָנערן און בויער

געזונטן קלימאַט, מיט דעם אָריגינעלן פּאַרק פון עקזאָטישעביימער, פלאַנצן און בלומען אַרונטערגעבראַכט פון דער גאַנצער ווייטער וועלט.

ניט צוליב דעם אַליין פלעג איך דאָ רעגלמעסיק קומען יעדן דאָנערשטיק. אין דעם טעאַטער פון דער קאַסינאָ פלעגט מען אין דעם טאָג געבן אומזיסטע סימפאָנישע קאָנצערטן — די בעסטע אין אייראָפּע. אַחוץ דעם האָט מיך נאָך אָהערצו געצויגן דער רייכער לייען־זאַל פון דער קאַסינאָ, וואו מען פלעגט קענען געפינען צייטונגען און זשורנאַלן פון דער גאַנצער וועלט אויף אַלע מעגלעכע שפּראַכן.

ביי איינעם פון אַזעלכע דאָנערשטיק־וויזיטן, ווען איך בין אַריין אין לייען־זאַל, האָב איך צו מיין גרויסער פאַרוואונדערונג באַמערקט אַזעפּ׳ן — צו מיין פאַרוואונדערונג, ווייל רוסישע סטודענטן און פּאָ־ליטישע עמיגראַנטן פלעגן דאָ ניט קומען. ער איז געשטאַנען אין אַ זייט און שטילערהייט געהאַט עפּעס אַ שמועס מיט אַ שלאַנקן מיטל־יאָריקן מאַן מיט אַ שיין פראַנצויזיש בערדל — אַ טיפּ פון אַ רוסישן אינטעליגענט. אַ צופרידענער האָב איך זיך גיך דערנענטערט צו אַזעפּ׳ן און אויסגערופן: גוט מאָרגן וואָס טוט איר דאָ?״ ער האָט זיך האַסטיק אומגעדרייט, אַזוי ווי דערשראָקן, און גלייך זיך אָפּגעקערט, ניט אַרויסריידנדיק אַ וואָרט און ניט ענטפערנדיק אויף מיין באַ־גריסונג. איך בין געבליבן שטיין אויף אַ ווײַלע ווי אַן אָפּגעשמיסענער. איך האָב זיך אַליין ניט געקענט אָפּגעבן אַ חשבון, וואָס דאָ איז פאַר־געקומען. פאַרלעצטע קאָנספּיראַציע? פאַרלאָזנדיק אים מיט פּאַמע־לעכע שריט, האָב איך אַ פּאָר מאָל זיך אומגעדרייט פאַראינטריגירט, אָבער בלויז זיין קאָמפּאַניאָן האָט געקוקט אין מיין ריכטונג און גע־קוקט האָט ער אויף מיר צודרינגלעך און פאַראינטערעסירט.

ווען אַזעפּ׳ס פּראָוואָקאַטאָרישע טעטיקייט איז אויפגעדעקט גע־וואָרן און די צייטונגען האָבן געדרוקט לאַנגע, אויספירלעכע באַריכטן וועגן אים, האָב איך דערקענט אין די פאַרעפנטלעכע בילדער אויך יענעם פאַרשוין פון מאָנטאָ־קאַרלאָ: דאָס איז געווען אַזעפּ׳ס האַר און „ברויט־געבער״, דער פירער פון דער „אָכראַנע״, ראַטשקאָווסקי.

אַזעפּ׳ס שולד איז ענדגילטיק פעסטגעשטעלט געוואָרן אין 1909. פון דער פאַרדינטער שטראָף מצד די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן האָט

דזשאַן מילל

ער זיך אַרויסגעדרייט — ער איז פאַרשוואונדן און ווי אין דער ערד פאַרזונקען, נישט איבערלאָזנדיק קיינע שפורן . . .

אין זומער 1912, אויפן וועג קיין שערבורג, וואו איך האָב געזאָלט נעמען אַ שיף קיין אַמעריקע — איך בין געפאָרן זיך זען מיט מיינע עלטערן — האָב איך פאַרבראַכט אַ פּאָר וואָכן אין ים־קוראָרט אָסטענדע, בעלגיע, אַלס אַ גאַסט פון די דאָוגיערדס.

דער צענטער פון אַלע „סאָציאַלע אַקטיוויטעטן" אין אָסטענדע איז געווען דער קור־זאַל וואָס האָט אַריינגענומען אַרום 15 טויזנט מענטשן. דריי מאָל אַ טאָג פלעגן דאָרטן געגעבן ווערן אויסגעצייכנטע קאָנצערטן מיטן אָנטייל פון וועלט־באַרימטע זינגער און מוזיקער.

אויף איינעם פון די אָוונט־קאָנצערטן אין דעם איבעררייס צווישן איין נומער פון פּראָגראַם און אַ צווייטן, זיינען מיר — די דאָוגיערדס, קאָשוטסקי און זיין פרוי פון וואַרשע און איך — געזעסן ביי שוואַרצע קאַווע אַרום אַ קליינעם רונדן טישל, געמיטלעך אָבסערווירנדיק דעם בונטן אינטערנאַציאָנאַלן עולם פון דעם קורזאַל.

מיט אַמאָל דערזע איך אַזעף'ן. ער איז ניט אַליין. מיט אים איז אַ שיינע, עלעגאַנטע און רייך־געקליידעטע פרוי. ער אַליין איז אין אַ „סמאָקינג" און אין לאַקירטע האַלב־קאַמאַשן. פּאַמעלעך באַוועגן זיי זיך אין אונזער ריכטונג, זוכנדיק וואו זיך אַוועקצוזעצן. ווען זיי זיינען גאַר נאָענט, שריי איך הויך אויס, אַז אַלע ביי אונזער טישל און אויך זיי ביידע זאָלן גוט הערן: „דאָס איז אַזעף!" קיין רעאַקציע. זיי גייען פאַרביי רואיק, נישט וואַרפנדיק אפילו אַ בליק אויף אונז. אַלע פיר פון אונזער חברה האָבן ספקות—זיי מיינען אַז איך האָב געהאַט אַ טעות. אַזעף, זאָגן זיי, קען דאָך נישט זיין אַזאַ אויסגעצייכנטער אַקטיאָר. אויב דאָס וואָלט טאַקע געווען ער, וואָלט ער געוויס ווי־עס־איז זיך אַרויסגעגעבן.

אָבער איך האַלט זיך ביי מיינעם. איך קען אים צו גוט, דאָס איז ער. צעליבאַ דאָוגיערד לייגט מיר פאָר: „לאָמיר אים געפינען און ווען מיר וועלן זיין לעבן אים, רופט ווידער אויס הויך זיין נאָמען". מיר באַוועגן זיך פּאַמעלעך אַרום און אַרום איבערן זאַל ביז מיר באַמערקן זיי ביידן זיצן אין אַ ווינקל ביי אַ טישל. איך טו ווי אָפּגערעדט, אָבער ווידער — דער רעזולטאַט איז דערזעלביקער: ביידע זיצן

פיאָנערן און בויער

ווי פאַרשטיינערט, נישט אַרויסוויזנדיק די קלענסטע עמאָציע ביים אויסרופן דעם נאָמען אַזעף.

איך אַליין הייב אָן צו צווייפלען, צי איז דאָס טאָקע ער. און איך האַלט זיך אָפּ דערוויל צו שרייבן דעם אויסלענדישן קאָמיטעט וועגן מיין אַנטדעקונג.

אויף מאָרגן האָב איך אים ווידער באַגעגנט. איך בין געשטאַנען אין דער רייע און געוואַרט ביז איך וועל קענען צוקומען צום פענצטערל פון „פּאָסט־רעסטאַנט" אָפּצונעמען מיין פּאָסט. פאַר מיר זיינען געשטאַנען צוויי פּרויען און דאַן ער. ווי נאָר ער האָט מיך באַמערקט, האָט ער תיכף פאַרלאָזן זיין אָרט און איז פאַרשוואונדן. מסתמא האָט ער מורא געהאַט איך זאָל ניט הערן אָדער זען אויף וועלכן נאָמען זיינען אַדרעסירט זיינע בריוו.

איצט בין איך שוין געווען איבערצייגט, אַז דאָס איז טאָקע אַזעף. איך האָב גלייך געלאָזן וויסן אין זשענעווע און דער אויסלענדישער קאָמיטעט פון זיין זייט, ווי פראַנק און מעדעם האָבן מיר געשריבן, האָט מיטגעטיילט די גאַנצע מעשה די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן אין פּאַריז.

ביז איך בין אָנגעקומען קיין אַמעריקע האָב איך ניט געוואוסט מיט וואָס מיין אַנטדעקונג האָט זיך געענדיקט. שוין אין ניו־יאָרק, פון „פאָרווערטס", פון צביון׳ס אַן אַרטיקל, האָב איך אויסגעפונען אַז דערוויסנדיק זיך פון אונזער אויסלענדישן קאָמיטעט וועגן אַזעפ׳ס וואוין־פּלאַץ, האָבן די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן געשיקט אַי־מיצן קיין אָסטענדע. יענער האָט באַשטעטיקט מיינע ידיעות און אויך אויסגעפונען דעם האָטעל, אין וועלכן אַזעף און זיין דאַמע האָבן זיך אָפּגעשטעלט.

ווי עס איז באַוואוסט, איז אַזעף געשטאָרבן אין אַ פּאָר יאָר אַרום ניט מיטן טויט פון אַ פאַררעטער, נאָר מיט אַ נאַטירלעכן טויט אין אַ בערלינער שפּיטאָל, באַגלייט מיט קללות פון זיינע אַמאָליקע אָפּגענאַרטע חברים און פאַרגעסן און פאַרלאָזן פון זיינע צאַרישע „ברויט־געבער".

די עוואָלוציע פון נאַציאָנאַלן געדאַנק

דער באַשלוס פון דריטן צוזאַמענפאָר צו עפענען אין דער פרעסע אַ דיסקוסיע וועגן אידישן נאַציאָנאַלן פּראָבלעם איז נישט געקרוינט געוואָרן מיט אַ קענטיקן דערפאָלג. דעם אמת זאָגנדיק, איז די דיסקוסיע גיכער געווען אַ דורכפאַל. אָביעקטיווע אורזאַכן האָבן זי געמאַכט איבעריק כמעט אויף מאָרגן נאָך דעם, ווי דער צוזאַמענפאָר איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן. איידער דער 11טער נומער „אידישער אַרבעטער" מיט די ערשטע דיסקוסיע־אַרטיקלען האָט דערגרייכט רוסלאַנד, איז שוין געווען אָפּגעהאַלטן דער פערטער צוזאַמענפאָר פון „בונד", און דאָרטן זיינען די ענדערונגען אין נאַציאָנאַלן פּראָגראַם שוין אָנגענומען געוואָרן. אַלס יסוד פאַר די דעבאַטן און פאַרן אָנגענומענעם באַשלוס האָבן געדינט די פאַרהאַנדלונגען אויפן ברינער פאַרטיי־טאָג פון דער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי.

דער „אידישער אַרבעטער" האָט געגעבן אין גאַנצן דריי דיסקוסיע־אַרטיקלען און פון זיי איז איין אַרטיקל — פון דעם באַוואוסטן גאַליצישן שרייבער מאַקס צעטערבוים — גאָר נישט געווען באַשטימט פאַר אונז. ער איז געווען געדרוקט אין קויטסקי'ס זשורנאַל „די נויע צייט", פון וואַנען מיר האָבן אים איבערזעצט.

די דריי אַרטיקלען זיינען געווען פון צעטערבוים, רבי קרוב און איש תקוה. צעטערבוים'ס אַרטיקל איז געווען אַ טאַלאַנטפולע פאַרטיידיקונג פון נאַציאָנאַלן נייטראַליזם ביי אידן — מיט נייגונגען צו אַסימילאַציע. דאַקעגן בלומשטיינ'ס — („רבי קרוב") אַרטיקל איז געווען אַן אַבסטראַקטע קריטיק פון דער פיינטלעכער שטעלונג פון „בונד" צו דער פאָדערונג פון נאַציאָנאַלע רעכט און אַ שאַרפע אַטאַקע אויף דער פּאָזיציע פון זיין דריטן צוזאַמענפאָר. גאָר נייע אַרגומענטן האָט דער אַרטיקל ניט געבראַכט. זיי זיינען שוין געווען אַרויסגעזאָגט פריער, כאָטש מיט אַ ביסל אַנדערע ווערטער. צביונ'ס — („איש־תקוה") אַרטיקל איז געווען מער קאָנקרעט און ער האָט אַנטהאַלטן

פיאָנערן און בויער

אַן אויפפאָדערונג, אַז גלייך מיט אַלע באַציעס פון רוסלאַנד זאָלן מיר אַריינשטעלן אין אונזער פראָגראַם די פאָדערונג פון אויטאָנאָמיע. קיין קלאָרע דעפיניציע פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע האָט צביון ניט געגעבן. אַדרבה, אין דעם דאָזיקן אַרטיקל פאַרזיכערט ער, אַז מען קען ניט גלייך אָנוויזן, וואָס פאַר אַ מין אויטאָנאָמיע מען דאַרף פאָדערן; אַז אויטאָנאָמיע דאַרף יעדנפאַלס זיין אַרויסגעשטעלט בלויז אַלס אַן אידעאַל, און אַן אידעאַל אָבער, זאָגט ער, לאָזט זיך ניט באַהאַנדלען מיט אַלע פּרטים.

אַלעמען האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן, וואָס אין דער דיסקו־סיע האָבן די באַקאַנטע פירער און שרייבער פון „בונד" נישט געגע־מען קיין אָנטייל. מען דאַרף וויסן, אַז באַלד נאָכן דריטן צוזאַמענפאָר זיינען פאָרגעקומען וויכטיקע ענדערונגען אין פערזענלעכן באַשטאַנד פון אויסלענדישן און צענטראַלן קאָמיטעט פון „בונד".

אַרויסגעלאָזן פון מאָסקווער תפיסה ביז אַ פּראָצעס, זיינען אַר־קאַדי קרעמער, וולאַדימיר קאָסאָווסקי און אויך גלעב מוטניקאָוויטש אין זומער 1900 אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד. דאָ זיינען זיי נאַטירלעך גלייך אַריין אין אויסלענדישן קאָמיטעט. אַלע דריי האָבן באַלד זיך געשטעלט אויפן שטאַנדפונקט פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע. וולאַדי־מיר איז געוואָרן איינער פון די הייסעסטע, בעסטע, אויסגעהאַלטנסטע פאַרטיידיקער פון די נייע טענדענצן אין דער אידישער נאַציאָנאַלער פראַגע.

אָנהייב 1900 איז נח פּאָרטנאָי אַנטלאָפן פון סיביר, וואו ער איז פאַרשיקט געוואָרן אויף 5 יאָר. ער איז גלייך געוואָרן אַ מיטגליד פון צענטראַלן קאָמיטעט. אויך ער, וואָס האָט תיכף אָנגעהויבן צו שפּילן אַזאַ וויכטיקע ראָלע אין „בונד", איז צוגעשטאַנען צו די נאַציאָנאַל־קולטורעלע „אויטאָנאָמיסטן".

עס איז איבעריק דאָ צו באַטאָנען, אַז זיי אַלע, ווי אויך אַ סך אַנדערע, וואָלטן געוויס געהאַט וואָס צו זאָגן אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע, אויב נאָר זיי וואָלטן געפונען עס פאַר נויטיק.

אָבער מען האָט שוין דאַמאָלט געפילט און געזען, אַז די נייע טענדענצן האָבן שוין געוואונען און אַז דער „בונד" איז שוין פאַר אַן ענדערונג פון זיין פראָגראַם אין דער ספערע פון דער אידישער פראַגע.

דזשאָן מילל

עס האָט זיך ניט געוואָלט פאַרלירן איבעריקע ווערטער — צו איבער־ציינגן די בונדיסטן אין אַ זאַך, אין וועלכער זיי זיינען סאַי־ווי־סאַי שוין געווען איבערצייגט. מען איז געווען זיכער, אַז אויפן נעקסטן צוזאַמענ־פאַר וועט אַט־די ראַדיקאַלע ענדערונג אין דער שטעלונג פון „בונד" געפינען איר פאַסיקן אויסדרוק, אַז אַ חוץ דער פאָדערונג פון ביר־גערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג וועט אויך אַרויסגעשטעלט ווערן די פאָדערונג פון נאַציאָנאַלן רעכט און פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אוי־טאָנאָמיע.

די לעבנס־באַדינגונגען פון די אידישע פראָלעטאַרישע מאַסן אין ליטע, פוילן און רוסלאַנד, זייער לאַגע אין אידישן פאָלק, זייערע פאַרלאַנגען און שטרעבונגען, זייערע באַציאונגען צו די פראָלעטאַ־ריער פון די אַרומיקע פעלקער האָבן בעסער געווירקט ווי די איבער־צייגנדיקסטע „דיסקוסיע".

ביי עטלעכע אַנדערע געלעגנהייטן האָב איך שוין אָנגעוויזן אויף דער גרויסער ווירקונג, וואָס די טעטיקייט פון דער פוילישער סאָציאַ־ליסטישער פאַרטיי, אירע נאַציאָנאַלע שטרעבונגען, איר קאַמף קעגן אונזער אָרגאַניזאַציע האָבן געהאַט אויף אונז. אַזוי ווי איר טעטיקייט האָט אָנגעהויבן אַרומצונעמען אַלץ אַ גרעסערן ראַיאָן אויך אין ליטע, וואו אין אייניקע שטעט איז זי געוואָרן גאָר שטאַרק, האָט אונזער קאַמף מיט דער פּ. פּ. ס. אויפגעהערט צו זיין באַגרענעצט מיט דער טעריטאָ־ריע פון פוילן אַליין, נאָר איז געוואָרן אַן אַלגעמיינער קאַמף פון דעם גאַנצן „בונד".

און פוילן איז ניט געווען קיין אויסנאַם. אויך אין ליטע איז אויס־געוואַקסן אַ נאַציאָנאַלע באַוועגונג, אפילו אַ שאָוויניסטיש־נאַציאָנאַ־ליסטישע, מיט אַנטי־פוילישע און אַנטי־רוסישע טענער. עס האָבן זיך געבילדעט סעפּאַראַטיסטישע פאַרטייען. די ליטווישע סאָציאַליסטן זיינען וואָס מער אַריינגעצויגן געוואָרן אין שטראָם פון נאַציאָנאַליזם.

דאָס זעלבע אויף דער אוקראַינע. סמנים פון אַ נאַציאָנאַלער באַוועגונג האָבן זיך אויך באַוויזן ביי די בעלאָרוסן. נאַציאָנאַלע ריי־בונגען הייבט מען אָן צו מערקן אומעטום.

אויף דער אידישער גאַס איז אויפגעטראָטן דער פּאָליטישער און דעמאָקראַטישער ציוניזם. די צייט איז שוין פאַרביי, ווען דער „בונד"

פיאָנערן און בויער

האָט געקענט אים אינגאַנצן איגנאָרירן אָדער ווידמען זייער ווייניק אויפ־מערקזאַמקייט. אין דער צייט נאָכן דריטן צוזאַמענפאָר, ווען די טרעגער פון ציוניזם האָבן אָנגעהויבן זיך צו ווענדן צו די אידישע מאַסן, ווען דער ציוניזם איז געוואָרן דעמאָקראַטיש און פּאָליטיש—דאַן איז דער „בונד" שוין געווען געצוואונגען זיך צו רעכענען מיט אים און געבן אַן ענטפער אויף די פראַגן, וואָס ער האָט אויפגעהויבן. דער ציוניזם איז געוואָרן אין דעם אידישן לעבן אַ פאַקטאָר, וועלכן מען האָט ניט געטאָרט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט.

דער „בונד" האָט ניט געקענט זיך ניט צוהערן צו דער שטייגנ־דיקער שטים פון די נאַציאָנאַל־דערוועקטע מאַסן און ניט באַמערקן דעם נייעם פּראָצעס אין זייערע רייען. די נאַציאָנאַלע באַוועגונגען אין פּוילן און ליטע, די פּאָליטישע און קולטורעלע באַדערפענישן פון די אידישע אַרבעטער, דער פּאָליטישער ציוניזם — אַלץ האָט געטריבן דעם „בונד" צו זוכן אַ קלאָרן ענטפער אויף די אידישע פראַגן. עס איז געוואָרן אוממעגלעך פאַר אים צו בלייבן שטיין אויף אַן אָרט און צו באַנוגענען זיך מיט דער אַלטער פאָרמולע פון בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג. אָט די פאָרמולע האָט שוין כמעט קיינעם ניט באַפרידיקט.

און יענע, וואָס האָבן זיך נאָך אַלץ געפונען אין קלעם פון ספקות, זיינען אויסגעהיילט געוואָרן פון זיי דורך די עסטרייכישע געשעענישן.

דער נאַציאָנאַלער קאַמף אין עסטרייך האָט צו יענער צייט דער־גרייכט די העכסטע מדרגה. דאָס גאַנצע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע לעבן פון לאַנד, איז פאַר׳סמ׳ט געוואָרן דורך די רייבונגען צווישן עסטרייכ׳ס פאַרשידענע נאַציעס. רייבונגען, וועלכע פלעגן זיך אָנ־פאַנגען ביי יעדער פראַגע פון פּאָליטישער אָדער קולטורעלער באַדיי־טונג. דאָס פּאַרלאַמענטאַרישע לעבן האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פּאָ־ליטישן גהינום. דער ווינער רייכסראַט איז פאַרהילכט געוואָרן מיט די גראָבסטע זידלערייען און געוואָרן אַן אַרענע פון די ווילדסטע שלעג־געריי. ער האָט פאַרלאָרן יעדן סימן פון אַרבעט־פעאיקייט. דורך דעם איז די אידעע פון פּאַרלאַמענטאַריזם אַליין שטאַרק פאַרשוואַרצט און קאָמפּראָמעטירט געוואָרן אין די אויגן פון דעם ברייטן עולם. דער נאַציאָנאַלער און אין זיין רעזולטאַט אויך דער פּאָליטישער כאַאָס האָבן אויפן שעדלעכסטן אופן געווירקט אויפן אַרבעטער־קלאַס, פּאַראינטע־

ד ז ש אַ ן מ י ל ל

רעסירנדיק אים מער מיט נאַציאָנאַלע פראַגן ווי מיט ריין סאָציאַל־פּאָליטישע. די טעטיקייט פון די סאָציאַליסטן איז דורך דעם געוועזן געשטערט און אָפּגעשוואַכט. די יעניקע, וועלכע זיינען נישט געוועזן באַאיינפלוסט דורך די שאָוויניסטישע העצערייען און ווילדקייטן פון די נאַציאָנאַליסטישע פּאַרטייען און פּאָליטיקער און פון דער נאַציאָנאַליסטישער פּרעסע און וואָס זיינען ניט געוועזן צעטומלט פון אָט־דעם תהו־ובהו, האָבן ענערגיש געזוכט אַן אויסוועג, ווי אַזוי דעם צעפלאָקערטן נאַציאָנאַלן קאַמף איינצושטילן. און גראַד דאַן איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער אַלגעמיינער קאָנגרעס פון דער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין ברין. דער קאָנגרעס האָט געגעבן אַ לעבעדיקן ביישפּיל, ווי אַרבעטער פון פאַרשידענע נאַציעס, וואָס באַוואוינען עסטרייך, קענען דיסקוטירן און לייזן די אָנגעווייטיקטע נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען אויף אַ פריינטלעכן, אמת־ברידערלעכן אופן.

דער אָפּקלאַנג אין „בונד" פון די פאַרהאַנדלונגען אויפן ברינער צוזאַמענפאָר איז געווען אומגעהויער. האָט דאָך רוסלאַנד פון נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט אויסגעזען אַזוי ענלעך צו עסטרייך: — אַ נאַציאָנאַליטעטן מלוכה, טיילוויז מיט נאַציאָנאַל־היסטאָרישע פּראָווינצן, טיילוויז מיט געגנטן מיט אַ מיש־מאַש פון פאַרשידענע פעלקער, וואו עס איז שווער צו זאָגן וועלכע פון זיי איז אין דער מערהייט; אייביקע רייבונגען צווישן די דאָזיקע פעלקער; די שעדלעכע ווירקונג, וואָס די רייבונגען האָבן אויפן אַרבעטער־קלאַס און אויף זיין קלאַסן־קאַמף . . . עס האָט זיך פּשוט געבעטן דורכצופירן אַ פאַרגלייך.

די עסטרייכישע געשעענישן, דער קאַמף פון די נאַציאָנאַליסטישע בורזשואַזע פּאַרטייען און די פּראַקטישע לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע, ווי די עסטרייכישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און באַזונדערס איר דרום־סלאַווישער טייל האָבן פאַרגעלייגט, האָבן נאַטירלעך געפונען אַן אָפּשפּיגלונג אויך אין דער בונדישער פּרעסע. אין אַ ספּעציעלן אַרטיקל „די נאַציאָנאַלע פראַגע אויף דעם קאָנגרעס אין ברין", האָט דער „אידישער אַרבעטער" אַזוי געשריבן: „צוויי גרויסע געדאַנקען זיינען אויסגעשפּראָכן געוואָרן אין דעם ענטפער, וועלכן די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט געגעבן אויף דער נאַציאָנאַלער פראַגע.

פּיאָנערן און בויער

ערשטנס האָט זי דערקלערט, אַז די נאַציעס זײַנען גלײַכבאַרעכטיקט און אַז דער פּראָלעטאַריאַט איז פאַראינטערעסירט, אַז זײַן נאַציאָנאַלע קולטור, שפּראַך און ליטעראַטור זאָלן זיך אַנטוויקלען. צווייטנס מאַכט זי אַ גרויסן חילוק צווישן לאַנד און פאָלק, און האַלט ניט פון דעם, אַז נאָר יענע נאַציאָנאַלע גרופּירונגען, וואָס האָבן אַ לאַנד, דאַרפן זיך רעכענען פאַר פעלקער און קענען פאָדערן נאַציאָנאַלע רעכט. נאָך דער רעזאָלוציע פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, אַנשטאָט דעם אַלטן כלל, אַז דאָס פאָלק איז זײַן לאַנד, איז געוואָרן אַן אַנדער כלל, אַז דאָס פאָלק איז זײַן קולטור" . . .

דאָ איז איבעריק אויספירלעך צו דערציילן, אויף וועלכן צד דער „בונד" האָט זיך שפּעטער געשטעלט און ווי ער האָט פאַרענטפערט די נאַציאָנאַלע פראַגע. די באַשלוסן פון זײַן פערטן צוזאַמענפאָר (מאַי 1901 אין ביאַליסטאָק) שטעלן פאָר דעם צווייטן עטאַפּ אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע, וואָס דער „בונד" האָט דורכגעמאַכט. פון זײַן פריערדיקער נעגאַטיווער באַציאונג צו דער פאָדערונג פון נאַציאָנאַלע רעכט פאַר אידן האָט ער זיך אַנטזאָגט. טעאָרעטיש, פּרינציפּיעל האָט ער זיך אַרויסגעזאָגט פאַר נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע. אָבער אין דער פּראַקטיק איז זײַן פּראָגראַם דערווײַל געבליבן נעגאַטיוו ווי פריער. דעם ראַדיקאַלן שריט פאָראויס האָט ער געמאַכט פאָרזיכטיק, כמעט מיט מורא. די שווערע פאָלגן פון אַ שפּרונג פון אַ נעגאַטיוון צו אַ פּאָזיטיוון נאַציאָנאַלן פּראָגראַם, די געפאַר פון אַ מעגלעכן קאָנפליקט מיט דער „רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער פּאַרטיי", די מורא פאַר אומצופרידנקייט ביי די אַסימילאַטאָריש געשטימטע בונדיסטן — דאָס אַלץ איז ווי אַ דאַמאָקלעס שווערד געהאַנגען איבער דעם דאַמאָלסטדיקן „בונד", און דאָס האָט טאַקע אַרויפגעלייגט אַ כאַראַקטעריסטישן שטעמפּל אויף די רעזאָלוציעס פון פערטן צוזאַמענפאָר און זיי האָבן געטראָגן אַ כאַראַקטער פון נישט־דערזאָגטקייט.

ערשט אויף זײַן זעקסטן צוזאַמענפאָר, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין אָקטאָבער 1905, האָט דער „בונד" אָנגענומען דעם נאַציאָנאַלן פּראָגראַם, וואָס איז פּאָזיטיוו סיי אין זײַן פּרינציפּיעלן, און סיי אין זײַן פּראַקטישן טייל.

דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנ־גרעס אין פּאַריז. — די דרייפוס־געשיכטע. — גער און זשאָרעס. — די בונדישע דעלעגאַציע

אין 1900 אין פּאַריז איז געווען דאָס ערשטע מאָל, ווען דער „בונד" האָט זיך דירעקט באַטייליקט אין אַן אינטערנאַציאָנאַלן סאָ־ציאַליסטישן קאָנגרעס דורך אַן אייגענער אימפּאָזאַנטער דעלעגאַציע. עס זיינען געווען פאַרטראָטן: דער צענטראַלער קאָמיטעט, דער אויס־לענדישער קאָמיטעט, ווילנע, וואַרשע, לאָדזש, מינסק, קאָוונע, ביאַ־ליסטאָק, דווינסק, האָמעל, דער בערשטער־בונד, די לאָנדאָנער סעקציע פון „בונד". די עלף דעלעגאַטן האָבן רעפּרעזענטירט אַ צאָלרייכע מיטגלידערשאַפט: אַרום 400 אין האָמעל, 800 פון בערשטער־בונד, אַרום 900 אין מינסק, 1000 אין ביאַליסטאָק, 1400 אין ווילנע. די צאָל פאַרטראָטענע אַרבעטער פון די איבעריקע שטעט געדענק איך ניט. די בונדישע דעלעגאַציע האָט זיך קאָנסטיטואירט אַלס אַן אויטאָנאָמער טייל פון דער אַלגעמיינער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער דעלע־גאַציע, זי האָט געאַרבעט מיט איר אין פולשטענדיקער האַרמאָניע.

דער אויסלענדישער קאָמיטעט האָט אויסגעאַרבעט און אָפּגע־דרוקט אויף דייטש און פראַנצויזיש אַ באַריכט צוזאַמענגעשטעלט לויט דעם מאַטעריאַל, וואָס איז אונז צוגעשטעלט געוואָרן פון צענטראַל־קאָמיטעט און לויט די באַריכטן פון די אָרטיקע קאָמיטעטן און אָרגאַ־ניזאַציעס. די מיטגלידער פון קאָנגרעס האָבן אויף אַזאַ אופן באַקומען אַ קלאָר בילד פון דעם לעבן און קאַמף פון די אידישע אַרבעטער אין ליטע, פּוילן און רוסלאַנד.

די פאַרהאַנדלונגען פון קאָנגרעס זיינען שטאַרק געשטערט געווען דורך די אומאויפהערלעכע רייסערייען און וויסטע מחלוקות אין די רייען פון די פראַנצויזישע סאָציאַליסטן, צווישן די זשאָרעסיסטן און די געדיסטן.

פיאָנערן און בויער

מיט אַ ניין חדשים פריער, אויף דעם קאָנגרעס פון די פאַרשידענע צעשפּליטערטע און שטרייטנדיקע פראַנצויזישע סאָציאַליסטישע פראַק־ציעס און גרופּירונגען איז, אַ דאַנק די אומדערמידלעכע באַמיאונגען פון זשאָרעס׳ן, געקומען כמעט צו אַן אויסגלייך און פאַראייניקונג, און גרויס איז מחמת דעם געווען די פריידי נישט בלויז ביי די פראַנ־צויזישע אַרבעטער נאָר אויך אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַ־ליסטישער משפחה בכלל. מיט אַמאָל איז אַלץ זיך צעפאַלן ווי אַ קאַרטן־הויז. געשען איז עס אין צוזאַמענהאַנג מיטן לעצטן דראַמאַטישן אַקט פון דער דרייפוס־אַפּערע.

אין אָנהייב האָבן פיל מענטשן געקוקט אויף דעם דרייפוס פּראָ־צעס ווי אויף אַ נישט וויכטיקן און געוויינלעכן קרימינעלן פּראָצעס. אמת, דער פּראָצעס איז געווען אַ מיליטערישער, די אומשטענדן פון פאַרברעכן זיינען געווען נישט קלאָר און האָבן זיך געגויטיקט אין אַ ביסל מער ליכט. אָבער קיין גרויסע געזעלשאַפטלעכע באַדייטונג, אין זייערע אויגן, האָט דער פּראָצעס ניט געהאַט. אָט די שטעלונג פון דעם ברייטן עולם האָט זיך ראַדיקאַל געביטן, ווען עס זיינען באַקאַנט געוואָרן אויפ־געדעקטע איינצלהייטן און פאַרדעכטיקע מאַניפּולאַציעס מצד רעאַק־ציאָנערע עלעמענטן פון דעם הויפּט־שטאַב פון דער פראַנצויזישער אַרמיי. די אויפדעקונגען האָבן אַריינגעבראַכט ערנסטע ספקות וועגן דרייפוס׳עס שולד אין די מוחות פון אַ גרויסן טייל פון דער פראַנצוי־זישער געזעלשאַפט. דאָס גאַנצע פאָלק, קען מען זאָגן, האָט זיך צע־שפּאַלטן אויף צוויי קעגנערישע לאַגערן — אויף די וואָס זיינען געווען פאַר אַ רעוויזיע פון דרייפוס׳עס פּראָצעס און אויף די, וואָס האָבן געוואָלט אַלץ פאַרגלעטן און לאָזן דעם אורטייל איבער דרייפוס׳ן שטיין אַזוי ווי דער מיליטערישער געריכט האָט גע׳פּסקנ׳ט. דער קעגנזיי־טיקער קאַמף צווישן די צוויי לאַגערן האָט זיך צעפלאַקערט מער און מער און אַריינגעצויגן אַלע פּאַרטייען, אַלע פּראָמינענטע פיגורן אין פראַנצויזישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, די גאַנצע פּרעסע. דער טומל און געראַנגל זיינען געווען גרויס, די ליידנשאַפטן ניט איינצושטילן. אַלע רעאַקציאָנערן, אַלע מאָנאַרכיסטן און קלעריקאַלן אַלע קאָנסערוואַטיווע מיליטאַריסטן, אַלע אַנטיסעמיטן, אַלע וואָס האָבן קיין מאָל ניט גע־קענט פאַרדייען דעם דעמאָקראַטיש־רעפּובליקאַנישן רעזשים, זיינען

דזשאַן מילל

אַרויסגעקראָכן פון זייערע באַהעלטענישן אין די פינצטערע לעכער און אָנגעהויבן אַן אמת׳ן שטורעם־אָנגריף אויף דער סאַמע עקזיסטענץ פון דער רעפּובליק. די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט איז געוואָרן טיף פאַר־אינטערעסירט אין דעם גאַנג פון די פראַנצויזישע געשעענישן. עס האָט געדראָט אַ בלוטיקער בירגער־קריג און עס זיינען געשטאַנען אין סכנה אַלע דעמאָקראַטישע פרייהייטן, וואָס זיינען דערגרייכט געוואָרן אין משך פון איבער אַ יאָרהונדערט דורך בלוטיקע רעוואָלוציעס, וואָס האָבן געקאָסט אומצאָליקע קרבנות. די לאַגע איז געוואָרן זייער ערנסט, די געפאַר — גרויס.

די דרייפוס־אַפערע האָט כמעט גלייך פון אָנפאַנג אַריינגעבראַכט אַ פולשטענדיקן חורבן אין די אָקאָרשט פאַראייניקטע סאָציאַליסטישע רייען. ווידער האָבן זיי זיך צעשפּאָלטן אויף זשאָרעסיסטן און אַלע־מאַניסטן אויף איין זייט, און געדיסטן און בלאַנקיסטן מיט עדוואַרד וואַיאַן בראָש, אויף דער אַנדער זייט. צו וואָס, האָבן גע׳טענה׳ט די נאָכפאָלגער פון געד׳ן און וואַיאַנ׳ען, זיך אַריינמישן אין אַן ענין, וואָס האָט אַ שייכות צו אַ רייכן אידישן קאַפּיטאַן פון דער אַרמיי? דער אַרבעטער־קלאַס האָט גאָר ניט וואָס צו טאָן מיט דעם . . . זאָלן זיך די „בורזשויען" רייסן צווישן זיך . . .

אָבער באַלד האָבן אפילו בלינדע געקענט דערזען, וואָס די רע־אַקציאָנערע וואַקכאַנאַליע וועט מיט זיך ברענגען און אין וואָס פאַר אַן אָפּגרונט זי וועט פירן. זיי האָבן דערקענט, אַז אַ גלייכגילטיקע, בייטראַ־לע שטעלונג אין דער דרייפוס־אַפערע קען נאָר מיינען הילף פאַר די ערגסטע, די ווילדעסטע שונאים פון דעם אַרבעטער־קלאַס. און ווידער איז דאָס געווען זשאָרעס, וואָס האָט דורך זיין איבערצייגונגס־קראַפט און דורך זיינע אומאויפהערלעכע און אומדערמידלעכע אַנשטרענגונ־גען איינגעשטילט דעם שטורעם און געבראַכט צו אַ געוויסער פשרה.

מיט אַמאָל אַ נייער קלאַפּ! ווען דער פּאָליטישער קריזיס האָט דערגרייכט די העכסטע שטופע פון שאַרפקייט און צערודערונג און אַ נייע רעגירונג האָט זיך קאָנסטיטואירט, איז דער סאָציאַליסט מילעראַן אַריינגעטראָטן אין איר, ניט אָנפרעגנדיק זיך ביי דער פּאַרטיי. דאָס אַליין איז, פון שטאַנדפּונקט פון די דאַמאָלסטדיקע אַלגעמיין־אַנערקענטע סאָציאַליסטישע כללים, געווען אַ נישט־דערלאָזלעכע האַנדלונג, אַ פאַר־

פיאָנערן און בויער

לעצונג פון די סאָציאַליסטישע פּרינציפּן, לויט וועלכע יעדע מיטאַרבעט מיט אַ בורזשואַזער רעגירונג איז ניט געווען דערלויבט. איז אָבער די לאַגע נאָכמער פאַרוויקלט געוואָרן דורך דעם, וואָס די נייע רע־גירונג האָט צווישן אירע מיטגלידער געציילט אויך דעם גענעראַל גאַליפע, איינעם פון די צו מערסטן פאַרהאַסטע מענטשן אין פראַנקרייך, דעם „תליון פון די קאָמונאַרן". אמת, אין דער דרייפוס־אַפערע האָט ער זיך פאַרהאַלטן געגנוג אָנשטענדיק, אָבער דאָס האָט ניט געקענט רייך־מאַכן זיין נאָמען פון גרויזאַמע רציחות און סאַדיסטישע פאַרברעכנס, ביים דערשטיקן די קאָמונע, אָפוואַשן דאָס בלוט פון די צענדליקער טויזנטער קאָמונאַרן, וועלכע ער האָט קאַלטבלוטיק אויסגעמאָרדעט אין 1871, אין צייט פון דעם פּאַריזער אויפשטאַנד.

די געדיסטן און בלאַנקיסטן זיינען געווען אויפגעבראַכט און גע־ברענט מיט צאָרן. זיי האָבן געפאָדערט אויסצושליסן מילעראַנ׳ען פון דער פּאַרטיי. דער גאַנצער אַרבעטער־קלאַס איז ווידער אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ טרויעריקן ברודער־קאַמף, אין אַ מלחמה, וואָס האָט פשוט פּאַראַליזירט די פראַנצויזישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג. קיין אַרויסטריט פון די אַרבעטער, קיין מאַסן־מיטינג איז ניט דורכגעגאַנגען גלאַט, חבר׳יש, אין אַ רואיקער באַרמאַלער אַטמאָספערע. שלעגערייען צווישן די שטרייטנדיקע צדדים זיינען געוואָרן אַן אָפּטע, כמעט „באַרמאַ־לע" דערשיינונג. די זשאָרעסיסטן, אין דעם פּאַל, זיינען פאַרבליבן איינגעשפּאַרט און ניט געוואָלט נאָכגעבן. זיי האָבן גע׳טענה׳ט, אַז אין אויסנאַמספאַלן, אין צייט פון אַ וויכטיקן פּאָליטישן אָדער נאַציאָנאַלן קריזיס, ניט נאָר וואָס אַ סאָציאַליסט מעג, נאָר אויב ער קען מוז ער אַריינטרעטן אין אַ לינקער בורזשואַזער רעגירונג מיטן ציל צו פאַרטיי־דיקן די סאָציאַלע, פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון דעם אַרבעטער־קלאַס.

אָט אין אַזאַ אַטמאָספערע און ביי אַזאַ מין שטימונג פון די פראַנ־צויזישע סאָציאַליסטן האָט מען אָפּגעהאַלטן דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין פּאַריז. די רעזאָלוציעס, וואָס מען האָט אָנגענומען אין דער פראַגע וועגן צייטווייליקער מיטאַרבעטערשאַפט מיט לינקע בורזשואַזע פאַרטייען און וועגן „מיניסטעריאַליזם" האָבן איינ־גאַנצן נישט באַפרידיקט געד׳ן און בלויז טיילווייז באַפרידיקט זשאָ־

דזשאַן מילל

רעס׳ן, און צו אַ שלום צווישן זיי איז ניט געקומען. און נאָך פיר לאַנגע יאָר — ביז דעם אַמסטערדאַמער קאָנגרעס — זיינען פּאַרטאַכלעוועט געוואָרן אין פראַנקרייך אויף קריגערייען און אויפן שעדלעכן ברודער־קאַמף.

די בונדישע דעלעגאַציע — צוזאַמען מיט אַ רייע דעלעגאַציעס פון אַנדערע פּאַרטייען—איז אין דער פראַגע מילעראַן געשטאַנען אויף געד׳ס זייט, אָבער מען האָט פונדעסטוועגן געגלויבט אין דער מעגלעכקייט פון אַן אויסגלייך, פון אַ פשרה. איז אָבער געד געווען אַזאַ איינגעשפּאַרטער דאָגמאַטיקער, אַזאַ טיפּישער טרוקענער סעקטאַנט, אַז עס איז געווען שווער מיט אים דורכצוקומען. אַ הויכער, מיט אַ בלאַסן זייער ערנסטן פּנים, מיט אַ לאַנגער באָרד און מיט אַ קאָפּ געדיכטע לאַנגע האָר, האָט ער אויסגעזען ווי אַ נביא, אָבער נישט ווי אַ נביא פון שלום און פאַר־געבונג, נאָר פון נקמה און באַשטראָפונג.

דער היפוך פון אים איז געווען זשאָרעס. אַ מענטש מיט אַ שיינעם נאָבעלן כאַראַקטער, סימפּאַטיש אין זיינע פּריוואַטלעכע באַציאונגען צו יעדן, וואָס פלעגט קומען אין באַרירונג מיט אים, האָט ער געהאַט זייער ווייניק פּערזענלעכע פיינט. גרויס איז געווען דער דרך־ארץ, וואָס מען האָט אַרויסגעוויזן צו אים, און וואָרעם איז געווען די ליבע, מיט וועלכער ער איז פון אַלעמען געווען אַרומגערינגעלט. איר זייט ניט געווען איינשטימיק מיט אים, איר האָט אים געהאַלטן פאַר אַן אָפּאָרטוניסט אין פּאָליטישע פראַגן, אָבער ווען ער פלעגט זיך באַווייזן אויף דער פּלאַטפאָרמע פון אַ פאַרזאַמלונג, אָדער פון אַ סאָציאַליסטישן קאָנגרעס, פלעגט איר דאָס פאַרגעסן און ווערן מיטגעריסן דורך זיין אויסערגעוויינלעכן אָראַטאָרישן טאַלאַנט, דורך זיין צווייפללאָזער אויפ־ריכטיקייט, דורך דער ערלעכקייט פון זיינע איבערצייגונגען. מיט אַ קאָפּ פון אַ לייב, פלעגט ער מיט זיין קרעפטיקער, דורכדרינגענדיקער שטימע טאָקע ברומען ווי אַ לייב און פלעגט קריגן הילכיקע אַפּלאָ־דיסמענטן ווי פון פריינט, אַזוי אויך פון זיינע אידעאָלאָגישע קעגנער . . .

אויפן קאָנגרעס האָט פּאַסירט אַ זאַך, וואָס האָט געהאַט אַ די־רעקטן שייכות צו דער בונדישער דעלעגאַציע. דער קאָנגרעס האָט אָנ־גענומען אַ רעזאָלוציע פון סימפּאַטיע צו די בורן אין אַפריקע, וועלכע

פּיאָנערן און בויער

האָבן דאָן געקעמפּט פאַר זייער אומאָפּהענגיקייט קעגן דער ענגלישער רויבער־פּאָליטיק; צו די פּאָליאַקן און פינלענדער, וואָס האָבן געליטן אונטערן יאָך פון דער דעספּאָטישער רוסישער רעגירונג, און צו די אַרמעניער, וואָס דער טערקישער סולטאַן פלעגט זיי לאָזן צוויי־דריי מאָל אין יאָר אויס׳הרג׳ענען אין טויזנטער; אָבער די שווידערלעכע פאַר־פאָלגונגען פון די אידן אין רוסלאַנד האָט מען פאַרגעסן צו דערמאָנען. פאַרגעבראַכט געוואָרן איז אָט די רעזאָלוציע גאַנץ אומדערוואַרטעט פאַר אונזער דעלעגאַציע; די רעזאָלוציע איז אַריינגעטראָגן געוואָרן צו־פעליק דורך דער קאָמיסיע, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט די פּראָבלע־מען פון אינטערנאַציאָנאַלן מיליטאַריזם און פון אָפּשאַפן דאָס שטענ־דיקע חיל, דאָס הייסט מיט ענינים, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין שום שייכות מיט דער אינערלעכער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק פון דער רוסישער רעגירונג. גראַד אין אָט־דער קאָמיסיע האָבן מיר קיין פאַרטרעטער ניט געהאַט און די זאַך איז דורכגעגאַנגען אָן אונזער וויסן ביז דער פאַר־זיצער פון קאָנגרעס האָט איבערגעלייענט און פאָרגעלייגט אָנצו־נעמען די רעזאָלוציע דורך אַקלאַמאַציע.

די מעשה האָט אונז פאַרשאַפט אַ סך עגמת־נפש. ביי אַ בעסערער באַ־קאַנטשאַפט מיט די פּראָצעדורן אויף אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטי־שע קאָנגרעסן וואָלטן מיר געוויס געקאָנט „ראַטעווען די סיטואַציע״. אָבער מיר זיינען באַך געווען אָן דערפאַרונג, גרין, צום ערשטן מאָל אויף אַזוינע קאָנגרעסן — האָבן מיר פאַרשלאָפן אַזאַ אויסגעצייכנטע געלעגנהייט צו ציען די אויפמערקזאַמקייט פון די בעסטע פאַרשטייער פון אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט אויף דער אַנטיסעמיטישער פּאָליטיק פון דער צאַרישער רעגירונג און אויף די אומבאַשרייבלעכע ליידן פון די אידישע פאָלקס־מאַסן.

אונזער פאַרדריסלעכער פאַרזען, אויף וועלכן מיר אַלע האָבן אַליין געקוקט מיט גרויס באַדויער, האָט אַרויסגערופן אַן אמת׳ע וואַקכאַ־נאַליע ביי די קעגנער און שונאים פון „בונד״, אין דער ערשטער רייע ביי די ציוניסטן. עטלעכע חדשים נאָכאַנאַנד האָבן זיי פּראָטעסטירט, פאַרזאַמלונגען גערופן, רעזאָלוציעס אָנגענומען, בייזע אַרטיקלען גע־שריבן. ניט בלויז דעם „בונד״, נאָר צוזאַמען מיט אים האָבן זיי באַ־וואַרפן מיט בלאָטע די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, באַ־

דזשאַן מילל

שולדיקנדיק זיי אין „פּחדנות" און אין „פאַררעט" אין באַצוג צו די לעבנס־אינטערעסן פון אידישן פאָלק.

דער טומל און גערודער אין ציוניסטישן לאַגער האָט אונז מער פאַרוויילט ווי אויפגעבראַכט. זייער צוויי־פּנים'דיקייט האָט זיך גע־וואָרפן אין די אויגן. אין יענער צייט האָבן די ציוניסטן ניט אויפגע־הערט צו קאָקעטירן מיט דעם אומפאַרשעמטסטן שונא פון דעם אידישן פאָלק — מיט דער רוסישער אַנטיסעמיטישער רעגירונג. אויף זייערע קאָנגרעסן און אין זייער פּרעסע האָבן זיי קיין מאָל ניט פּראָטעסטירט קעגן די אויסנאַמס־געזעצן און די פאַרפאָלגונגען, וואָס די אידן אין רוסלאַנד האָבן געהאַט אויסצושטיין פון דער דאָזיקער רעגירונג. אויפן באַזעלער קאָנגרעס האָבן זיי אַפילו געפונען פאַר נויטיק צו באַ־גריסן דעם רוסישן קיסר, דעם טיראַן פון גאַנץ רוסלאַנד און דעם פּאָג־ראָמשטשיק, פאַר זיין פרידנס־מאַניפעסט. מיט ליכט האָט מען ניט געקענט געפינען אין זייער פּרעסע עטלעכע שורות, וואָס זאָלן געבן צו פאַרשטיין דער אידישער מאַסע ווער אייגנטלעך איז שולדיק אין די אַנטיסעמיטישע העצערייען און פּאָגראָמען אין רוסלאַנד.

די ציוניסטן זיינען געווען די לעצטע, וואָס האָבן געהאַט אַ מאָ־ראַלע רעכט צו טאַדלען דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנ־גרעס פאַר זיין „גלייכגילטיקייט" צו די אידישע צרות.

נח פּאָרטנאָי און זיין אַלזייטיקע השפּעה. — זאַסלאַווסקי

עס איז געווען פון דער גרעסטער וויכטיקייט, וואָס אַרקאַדי'ן און וולאַדימיר'ן האָט זיך איינגעגעבן זיך אַרויסצורייסן פון רוסלאַנד און צו קומען מיט מזל קיין אויסלאַנד. זייער תיכפּ'דיקער אַריינטריט אין אויסלענדישן קאָמיטעט האָט צוגעגעבן דעם לעצטן מער אויטאָריטעט אין די אויגן פון אונזערע חברים סיי אין רוסלאַנד און סיי אין אויסלאַנד. דער אויסגעברייטערטער צוזאַמענשטעל פון אויסלענדישן קאָמיטעט איז אויפגענומען געוואָרן ווי אַ בעסערע גאַראַנטיע פון בונדישער קאָנטינואיטעט אויפן באָדן פון פּראָגראַם און טאַקטיק און האָט געגעבן האָפענונג אויף פעסטערע קאָנסאָלידירונג פון די בונדישע פּאָזיציעס. אמת, דער אויסלענדישער קאָמיטעט איז ווייט, אָבער סוף־כל־סוף שטייט דאָך ניט צווישן אים און רוסלאַנד אַ כינעזישע וואַנט. מיט די שוועריקייטן וועט מען שוין קענען זיך ווי־עס־איז אַן עצה געבן.

אָבער אויב אַרקאַדי'ס און וולאַדימיר'ס אַנטלויפן פון רוסלאַנד איז געווען פון אַזאַ גרויסער וויכטיקייט, איז נח'ס פּליטה פון סיביר פּשוט געווען אַן אומשאַצבאַרער גליק פאַרן „בונד". ער האָט זיך תיכף געשטעלט אין דינסט פון „בונד". מיט אַ וואונדערבאַרער שנעלקייט פאַסט ער זיך צו צו זיין נייער ראָלע, לעבט זיך איין אין בונדישן לעבן און נעמט איבער מיט אַן אויסעראָרדענטלעכער גרינטלעכקייט די גאַנצע פאַרצווייגטע אַרבעט פון צענטראַלן קאָמיטעט. עס איז שווער געווען צו גלויבן, אַז ער איז עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד געווען אָפּגעריסן פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג און האָט זיך געפונען אין די אומגינסטיקסטע באַדינגונגען אויף צו קענען זיין געניי באַקאַנט מיט די געשעענישן אין אירע רייען, מיט איר עוואָלוציע און מיט אַלע ענדערונגען, וועלכע זי האָט דורכגעמאַכט. זייער קאָנספּיראַטיוו באַזעצט ער זיך אין ביאַליסטאָק און אין עטלעכע קורצע וואָכן זיינען אַלע פעדים

פון דער אָרגאַניזאַציע געווען אין זיינע הענט. טאַראַס קאַץ און פּינאַי ראַזענטאַל זיינען אויך מיטגלידער פון צענטראַלן קאָמיטעט, און דאָך איז די גאַנצע פירערשאַפט פון „בונד" אַריבערגעגאַנגען צו נח'ן. אין יענער צייט איז נח געווען דער צענטראַל־קאָמיטעט און דער צענטראַל־קאָמיטעט איז געווען נח. זיינע אומגעהויערע אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן לאָזן זיך פילן אומעטום. די רעדאַקציע פון דער „אַרבעטער שטימע" אַרבעט אונטער זיינע דירעקטיוון. די גאַנצע קאָנספּיראַטיווע צענטראַליזירטע אַרבעט, די געהיימע דרוקערייען, דאָס אַריינשמוגלען ליטעראַטור פון אויסלאַנד, די פאַרבינדונגען מיט די אָרטיקע קאָמיטעטן, דער קאָנטאַקט מיט אַנדערע, נישט בונדישע, אָרגאַניזאַציעס — אַלץ איז אָרגאַניזירט דורך אים, דורכגעפירט פון אים. ער געפינט זיך אומעטום, איז פאַרנומען אויף אַלע געביטן, ער אַרבעט פאַר אַ טוץ — גאַר ווי מיט אַ 30 יאָר שפּעטער אין פּוילן, וואו ער איז געווען טעטיק אין אַלע בונדישע אינסטיטוציעס: אין דער „פאָלקס־צייטונג", אין דעם ביכער־פאַרלאַג „די וועלט", אין קאָאָפּעראַטיוו, אין דער אַרבעטער־באַנק, אין דער קהילה, אין מעדעם־סאַנאַטאָריע, און אויך, נאַטירלעך, אין טעגלעכן פּאָליטישן קאַמף.

די ראָל, וואָס ער האָט געשפּילט אין די יאָרן 1900־1905, איז געווען פון אַזאַ באַדייטונג און פון אַזאַ פאַרנעם, אַז עס וואָלט מיר געווען שווער אָנצורופן אימיצן אַ צווייטן וואָס וואָלט זיך געקענט פאַרגלייכן מיט אים.

שוין אויפן פערטן צוזאַמענפאָר פון „בונד" לאָזט זיך פילן נח'ס השפעה. עטלעכע רעזאָלוציעס זיינען אויסגעאַרבעט פון אים אַליין, אַנדערע — פון אים און פּינאַי'ען צוזאַמען. די הויפּט־רעזאָלוציע — וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע — איז צוזאַמענגעשטעלט פון אים. זי איז אַ פשרה רעזאָלוציע, וואָס האָט געזאָלט באַפרידיקן סיי די, וואָס האָבן אַרויסגערוקט די נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע אַלס איינע פון די נאָענטסטע פאָדערונגען, אַזוי אויך יענע, וואָס האָבן אויף אַן אָפּאָרטוניסטישן אופן געוואָלט דערווייל זיך באַנוגענען בלויז מיט דער פאָדערונג פון גלייכע בירגערלעכע רעכט. דאָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר נח'ן. שפּעטער, יאָרנלאַנג, האָבן די, וואָס האָבן נים פאַרשטאַנען זיינע מאָטיוון, געהאַלטן אים פאַר אַ טיפּישן „צענטריסט".

פיאָנערן און בויער

אַזאַ אָפּשאַצונג פון זיין שטעלונג איז געווען דורכאויס פאַלש. ער האָט זיכער געהערט צו יענער ריכטונג, וואָס מען רופט אויפן פּאָליטישן זשאַרגאָן דער „לינקער פליגל". זיין אַני מאַמין איז אַלע מאָל געווען דער דעוואָלוציאָנערער סאָציאַליזם. זיינע אַ הייליקייט איז געווען די גאַנצ־קייט פון „בונד", די איינקייט אין די סאָציאַליסטישע רייען; זיין הויפּט־שטרעבונג איז געווען אויסמיידן מיט אַלע מעגלעכע מיטלען שפּאַלטונ־גען און ברודער־קאַמף. דאָס אַלץ האָט אים באַוואויגן איינצוגיין אויף געוויסע פּשרות, אויף אַזעלכע פּשרות, וואָס זאָלן קענען אין אַ גרויסער מאָס באַרואיקן די אומצופרידענע, אָבער וואָס זאָלן אין דער זעלבער צייט פאַר קיין שום אופן ניט אָנרירן די גרונט־יסודות און די הויפּט־פּרינציפּן פון אונזער וועלט־אָנשויאונג. דאָס פלעגט אים זייער אָפט זיך איינגעבן, און דורך דעם האָט ער ניט איין מאָל פאַרהיט די אָרגאַ־ניזאַציע פון אינערלעכע קאָנפליקטן.

באַלד נאָכן פערטן צוזאַמענפאָר אונטערנעמט נח אין די אינטע־רעסן פון „בונד" אַ טור איבער אַ רייע שטעט. ער באַזוכט ריגע, זשי־טאָמיר, בערדיטשעוו, קיעוו. אומעטום געפינט ער אַ גינסטיקן און זייער פּרוכטבאַרן באָדן פאַרן „בונדיזם". ער באַקענט זיך מיט אַ גרויסער צאָל ראַדיקאַלע אינטעליגענטן און סטודענטן. אַ דאַנק זיינע סימפּאַטישע פּערזענלעכע אייגנשאַפטן, איידלקייט און טאַקט זיינעם, איז אים גרינגער געווען צו געפינען אַ צוטריט צו זייערע הערצער און צו פאַראינטערעסירן זיי מיט דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג און מיטן „בונד". דעם גרעסטן דערפאָלג האָט ער געהאַט אין קיעוו. דאָ האָט ער געפונען אַ צאָלרייכע גרופּע סטודענטן, וואָס איז אין אינטע־לעקטועלער הינזיכט געשטאַנען זייער הויך, אָבער פּאָליטיש איז זי געווען צעשוואומען, פאַרבלאָז, אַ שיף אָן אַ רודער. וועגן דעם קאַמף פון די אידישע אַרבעטער אין ליטע און פּוילן און וועגן דעם „בונד" בכלל האָבן זיי געהערט, אָבער בלויז אויבערפלעכלעך, נישט גענוג צו האָבן אַ קלאָרן באַגריף נישט פון דער ערנסטקייט און כוח פון דעם דאָזיקן קאַמף און ניט וועגן די צילן פון „בונד". צווישן די מיטגלי־דער פון דער גרופּע האָבן זיך געפונען מענשן מיט אַזעלכע שפּעטער גוט־באַוואוסטע נעמען, ווי הייליקמאַן, זאַלאַטאַריאָוו, גינסבורג־„גי־סער", פיינבערג, אַנשעלעס, פיינשטיין, משה נאָוואָמייסקי—„אַלגין",

דזשאָן מילל

דוד זאַסלאַווסקי—„פּיליפּ״. פון זיי אַלעמען איז נאָר אַנשעלעס שוין דאַמאָלט געווען אַן איבערצייגטער און איבערגעבענער בונדיסט.ליידער אָבער איז ער אינגיכן געשטאָרבן.

פון יענער גרופּע פאָרט אין אַפּריל 1904 אַלגין אַריבער קיין ווילנע און הייבט אָן צו אַרבעטן אין „בונד״, דער עיקר אויפן ליטעראַרישן געביט. ווען ער ווערט אַרעסטירט, פאַרנעמט זיין אָרט זאַסלאַווסקי. שוין דאַמאָלט האָט זאַסלאַווסקי אַרויסגעוויזן אַ גרויסן טאַלאַנט אַלס אַ זשורנאַליסט. אין רוסישע לעגאַלע צייטונגען שרייבט ער אונטער דעם פּסעוודאָנים „האָמונקולוס״ און זיינע פעליעטאָנען ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון אַ סך לייענער. אין ווילנע ווערט ער אַ מיטאַרבעטער אין דער בונדישער פּרעסע. אין 1907, צוזאַמען מיט ליטוואַק׳ן, גיט ער אַרויס אַ זאַמלבוך אונטער דעם נאָמען „ביי די ברעגן פון טעמזע״, צוזאַמענגעשטעלט פון קאָרעספּאָנדענצן פון לאָנדאָן, וועלכע זיי ביידע האָבן געשיקט צו דער בונדישער „פאָלקסצייטונג״ פון צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. אין דער צייט פון בירגער־קריג אין רוסלאַנד טרעט ער שאַרף אַרויס קעגן די באָלשעוויקעס און עס האָבן זיך דאַן אַרומגעטראָגן קלאַנגען, אַז די לעצטע האָבן אים פאַר׳משפּט צום טויט. פּלוצלונג האָט ער זיך איבערגעקוליעט און אין אַ בריוו אין „פּראַווּדאַ״ האָט ער זיך אַליין עפּנטלעך אָפּגעשמיסן, אַנערקענענדיק זיין פּאָליטישע אומרייפקייט און באַדויערנדיק זיינע זינד . . . איצט, ווי באַקאַנט, איז ער סטאַלינ׳ס פּאָליטישליטעראַרישער אַגענט, דער פּאָליטישער וואָרטזאָגער פון די סאָוועטן אין אינטערנאַציאָנאַלע ענינים. ער ווערט כסדר ציטירט און צו זיינע ווערטער הערט מען זיך צו אויף דער גאַנצער וועלט . . .

צוריק אין ביאַליסטאָק — נעמט זיך נח צוזאַמען מיט פּינאַי׳ען און זיין פרוי אַנאַ צו דער אַרבעט פון אָרגאַניזירן דעם צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטערפּאַרטיי. דאָס איז געווען אַ דורכאויס שווערע אויפגאַבע. זי האָט געפאָדערט אַ סך אַרבעט, אַן אויסעראָרדנטלעכע פּאַרזיכטיקייט, אַ גוזמא געלט. אין דער צוגרייטונג פון דעם צוזאַמענפאָר האָט אַ סך אויסגעהאָלפן פראַנץ קורסקי, וואָס האָט צוליב דעם געמוזט אַ פּאָר מאָל ספּעציעל פאָרן קיין ווילנע, קיעוו און פּעטערבורג און פאַרזאָרגן אייניקע

פיאָנערן און בויער

דעלעגאַטן מיט אַדרעסן און געבן זיי די נויטיקע אינפאָרמאַציעס. פונ־דעסטוועגן, ניט קוקנדיק אויף אַלע אָנשטרענגונגען און אָנגענומענע פּאָרזיכטס־מיטלען איז דער צוזאַמענפאָר געווען אַ פולשטענדיקער דורכפאַל אין אַלע הינזיכטן. מחמת דעם, וואָס די צאָל אָנגעקומענע דעלעגאַטן איז געווען קליין, האָט דער צוזאַמענפאָר זיך פאַרוואַנדלט אין אַן איינפאַכע בעראַטונג־קאָנפערענץ. און דאַן די שרעקלעכע קאַ־טאַסטראָפע — כמעט אַלע אנטיילנעמער זיינען אַרעסטירט געוואָרן. נאָר דורך אַ נס איז נח'ן און אַרקאַדי'ן געלונגען זיך אַרויסצודרייען פון דער שפּיאָנען־נעץ. פאַר פינאַי'ען און אַנע'ן האָט דער דורכפאַל באַ־טייט אַ פערזענלעכן אומגליק און עטלעכע זייער טראַגישע יאָרן אין זייער לעבן: טורמע, פאַרשיקונג קיין וויטן סיביר, דער יאַקוטסקער אויפשטאַנד, קאַטאָרגע. פאַרן „בונד" איז דער פאַרלוסט פון אָט־די צוויי אָנגעזעענע טוערס געווען באַזונדערס שמערצלעך.

סוף 1900 פאָרט נח צום ערשטן מאָל קיין אויסלאַנד. דער אייגנט־לעכער ציל פון דער רייזע איז געווען דורכצולופטערן צוזאַמען מיטן אויסלענדישן קאָמיטעט אַלע פּאַרטיי־פראַגן. אַלס אַ זייטיקער ענין, דורכאויס אַ פערזענלעכער, איז געווען זיין וואונש איין מאָל פאַר אַלע מאָל צו רעגולירן די באַציאונגען צו זיין ערשטער פרוי שערעשעוו־סקי, פון קאָוונע. זי האָט דאַמאָלסט געוואוינט אין פּאַריז און אַהין טאַקע איז ער אַוועק, נאָכדעם ווי ער האָט פאַרבראַכט עטלעכע טעג אין בערלין. זיי האָבן זיך צעשיידט אויף אייביק.

טעלעגראַפיש האָב איך אים אַרויסגערופן צוריק קיין בערלין. איך האָב דערהאַלטן אַ ידיעה פון וואַרשע, אַז זייער וויכטיקע ענינים נויטיקן זיך אין זיין תיכף'דיקער אנוועזנהייט. מיט די אַנדערע מיט־גלידער פון אויסלענדישן קאָמיטעט האָט ער אויף אַזאַ אופן דאַמאָלסט זיך ניט געקענט זען.

די יאָרן 1900־1905 געהערן צו די שענסטע אין יענעם פעריאָד פון נח'ס לעבן. ער איז געווען אַרומגערינגלט מיט ליבע און אַכטונג פון אַלע, וואָס האָבן אים געקענט. שטאַרק האָט ער געטראָגן די שווע־רע און פאַראַנטוואָרטלעכע לאַסט פון אַ פירער; הויך האָט ער געהאַלטן דעם „בונד'ס" שיינע פאָן. און ער איז אין דער אמת'ן געווען אַ פאַר־קערפּערונג פון דעם בעסטן און שענסטן, וואָס דער „בונד" האָט פאַר־

דזשאַן מילל

מאָגט: — טרייהייט צו זיינע איבערצייגונגען, דיסציפּלינירטקייט, גרענעצלאָזע איבערגעבנקייט צו די לעבנס־אינטערעסן פון די אידישע אַרבעטער־מאַסן.

מען קען ניט זיך ניט אָפּשטעלן אויף יענעם פּעריאָד פון נח׳ס לעבן ניט אונטערשטרייכנדיק די באַזונדערע וואַרעמקייט, סימפּאַטיע, מיט וועלכע ער איז געווען אַרומגערינגלט. אָך, ווי שווער עס וואָלט דאָס געווען דאַמאָלסט אָן אים!...

לענין און זיינע פריינט אין אויסלאַנד. — דער קאַמף קעגן דער „ראַבאָטשעיע דיעלאָ" — דעם „בונדס" שטעלונג

דער קאַמף צווישן פּלעכאַנאָוו'ס גרופּע און דער מערהייט פון „פאַרבאַנד פון די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן אין אויסלאַנד", אונטער וועמענס רעדאַקציע עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דער זשורנאַל „ראַבאָטשעיע דיעלאָ" — „די אַרבעטער זאַך" — איז ניט געווען קיין גלייכער. די לעצטע האָבן פאַרמאָגט בעסערע פאַרבינדונגען מיט די אָרגאַניזאַציעס אין רוסלאַנד, זיך געפונען אין אַ מער זיכערער פינאַנציעלער לאַגע; דערצו נאָך האָבן די קעגנער פון פּלעכאַנאָוו'ן גענאָסן מער סימפּאַטיע אין די סטודענטישע קאָלאָניעס אין אויסלאַנד, געהאַט אומפאַרגלייכלעך בעסערע טראַנספּאָרט־מעגלעכקייטן פאַר זייער ליטעראַטור. עס איז שווער צו זאָגן מיט וואָס דער קאַמף וואָלט זיך סוף־כל־סוף געענדיקט, אויב נישט די ראַדיקאַלע שינוים, וואָס זיינען פּלוצלונג פאָרגעקומען אין די אויסלענדישע רוסישע פּאַרטיי־באַציאונגען. די פאַרענדערונגען זיינען געווען אַ טויט־קלאַפּ פאַר יענע, מיט וועמען די „גרופּע פאַר באַפרייען די אַרבעט" האָט ביז איצט ניט געקענט דורכקומען.

אין סוף 1900 און אין דער ערשטער העלפט 1901 איז אין אויסלאַנד אָנגעקומען — טיילוויז דירעקט פון סיביר—אַ גרעסערע צאָל פון די בעסטע רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע טוער, שרייבער, רעדנער: אוליאַנאָוו־לענין, מאַרטאָוו, פּאָטרעסאָוו, שפּעטער נאַכאַמקעס, טראָצקי (סוף 1902), און אַנדערע.

צוזאַמען מיט פּלעכאַנאָוו'ן און מיט זיינע פריינט האָבן זיי מיט שופר און טרומפּייט דערקלערט אַן אויסראָטונג־מלחמה קעגן די „עקאָנאָמיסטן, רעפאָרמיסטן, אָפּאָרטוניסטן, די אָנהענגער פון קליין־בורזשואַזער אידעאָלאָגיע". זיי זיינען אַרויסגעטראָטן מיט אַ גראַנדיעזן פּלאַן

דזשאַן מילל

צו שאַפן אַן אמת רעוואָלוציאָנערע, שטרענג צענטראַליזירטע און קאַמף־פעאיקע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, ווידער אויפצושטעלן די פאַנאַנדער־געפאַלענע פאַרטיי און אַרויסצוגעבן אַ קאַמף־אָרגאַן — די „איסקראַ" — וואָס זאָל דינען די אינטערעסן פון רעוואָלוציאָנערן, מאַרקסיסטישן, סאָציאַליזם. צו דערגרייכן וואָס גיכער די דאָזיקע צילן, האָבן זיי באַשלאָסן אָפּצורוימען פון וועג מענטשן און אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן זיך געדרייט אַרום דער „ראַבאָטשעיע דיעלאָ" און „ראַבאָטשאַיאַ מיסל" און צו מאַכן אַ סוף צו אָט די צוויי אָרגאַנען. זיי זיינען תיכף צוגעטראָטן צו פאַרווירקלעכן דעם פּלאַן. ווי אמת געניטע סטראַטעגיקער האָבן זיי פריער פאַר אַלץ געוואָלט אויספאָרשן דעם באָדן. אַ קליינע פּרעלימי־נאַרע קאָנפערענץ, אַנהייב 1901, איז צוזאַמענגערופן געוואָרן דורך זיי פון פאָרשטייער פון דעם „פאַרבאַנד", פון „בונד" און פון „איסקראַ", צו דריי דעלעגאַטן פון יעדן צד. אויף דער קאָנפערענץ איז אייגנטלעך פאָרגעקומען אַ נישט אָפיציעלער אויסטויש פון מיינונגען. איך גע־דענק ניט אַלע אנטיילנעמער. פון „ראַבאָטשעיע דיעלאָ" געדענק איך אַקימאָוו'ן און איינעם ראָמאַנאָוו פון פּעטערבורג; פון „איסקראַ" — מאַרטאָוו'ן; דעם „בונד" האָבן פאַרטראָטן אַרקאַדי, וולאַדימיר און איך.

די הויפּט־פּונקטן פון די פאַרהאַנדלונגען זיינען געווען די פראַגן וועגן דער קעגנזייטיקער באַציאונג צווישן דעם עקאָנאָמישן און פּאָ־ליטישן קאַמף און וועגן רעאָרגאַניזירן דעם „פאַרבאַנד".

דאָס איז געווען דער ערשטער שריט. דער צווייטער שריט איז געווען דער פאָרמעלער צוזאַמענפאָר פון „פאַרבאַנד", צוזאַמענגערופן דורך דער איניציאַטיוו פון די „איסקראַוועס".

לויט דער צאָל אנטיילנעמער איז דאָס באמת געווען אַן אַנגעזעענער צוזאַמענפאָר. ווידער געדענק איך ניט אַלעמענס נעמען. פון פּלע־כאַנאָוו'ס זייט זיינען געווען אַלע: ער, אַקסעלראָד, זאַסוליטש, קאָלצאָוו־גינזבורג; פון „בונד" — אַרקאַדי, וולאַדימיר, גלעב, קאָפּעלזאָן און איך; פון לענינ'ס זייט — ער, מאַרטאָוו, נאַכאַמקעס, טעסלער; „ראַ־באָטשעיע דיעלאָ" האָט געהאַט די גרעסטע פאַרטרעטערשאַפט — אַקימאָוו, איוואַנשין, קריטשעווסקי, פּעסקין, קאָגאַן־גרינעוויטש, פּיקער־מאַרטינאָוו און נאָך. מאַרטינאָוו, דער שפּעטערדיקער קאָמוניסט און דער רעדאַקטאָר פון צענטראַלן אָרגאַן פון דעם קאָמינטערן, איז דאַ־

פיאָנערן און בויער

מאָלט געשטאַנען זייער נאָענט צו דער „ראַבאָטשעיע דיעלאָ“ און איז געווען איר מיטאַרבעטער.

דער צוזאַמענפאַר האָט זיך געעפנט אין אַן אַנגעשטרענגטער, נערוועזער אַטמאָספער, אין אַן אַטמאָספער פון אומרואיקייט, פון פאַרדאַכט און פון שטענדיקער מורא פאַר סורפּריזן מצד די „איסקראָוועס“. דער כאַראַקטער אוןווירקלעכער ציל פון צוזאַמענפאַר האָבן זיך טאַקע אַנטפּלעקט אויף דער ערשטער זיצונג. די מינדערהייט האָט פאַנאַנדערגעוויקלט אויף דער גאַנצער ליניע אַ שאַרפעליידנשאַפטלעכע אַטאַקע אויף דער „ראַבאָטשעיע דיעלאָ“ און אויף די „עקאָנאָמיסטן“ בכלל. איינער נאָך דעם אַנדערן האָבן זיי געזוכט צו דיסקרעדיטירן זיי פּאָליטיש. די מערהייט, ווילנדיק דורכאויס אויסמיידן אַ שפּאַלטונג אין דער אָרגאַניזאַציע, האָט נאָכגעגעבן כמעט אין אַלע פּונקטן, אָבער וואָס מער זי האָט אַרויסגעוויזן דעם וואונש פאַר שלום, אַלץ ליידנשאַפטלעכער און אומ'רחמנות'דיקער האָבן די „איסקראָוועס“ זיי אַטאַקירט. אַזעלכע אייגנאַרטיקע דעבאַטן פון ערשטן טאָג האָבן אונז צו פיל האָפנונגען אויף שלום ניט געגעבן און מיר האָבן אין אָוונט פאַרלאָזן דעם זאַל טיף איבערצייגט, אַז לענין און זיינע חברים גרייטן צו אַן איבעררעאַשונג.

מיר האָבן דאָס מאָל ריכטיק געטראָפן.

אויפן צווייטן טאָג ווערט די זיצונג געעפנט אונטער לענינ'ס פאַרזיץ. נאָכמיטאָגס בעט אַ וואָרט פאַר אַן אויסערגעוויינלעך וויכטיקע דערקלערונג. נעכטן אין אָוונט האָט ער צופעליק איבערגעלייענט קריטשעווסקי'ס אַן אַרטיקל אין „ראַבאָטשעיע דיעלאָ“ וועגן דעם דרייפוס־פּראָצעס. אין יענעם אַרטיקל ווערט דער מיניסטער פון וואַלדעק־רוסאָ'ס קאַבינעט, דער גרויזאַמער און פאַרהאַסטער אונטערדריקער פון דער פּאַריזער קאָמונע, גאַסטאָן גאַליפע, געשילדערט ווי אַ „בראַווער“, אַן „ערלעכער“ גענעראַל, אַן „אויפריכטיקער“ באַקעמפער פון דער פראַנצויזישער רעאַקציע. וויל ער, נאָכאַמקעס, אַז די אַנוועזנדע זאָלן ווי געהעריק רעאַגירן אויף אַזאַ אומדערהערטן און שענדלעכן אַרויסטריט פון אַ סאָציאַליסטישן זשורנאַל.

אַ הילכיקער געלעכטער און איראָנישע אויסרופן אויפן אַדרעס פון די אַנהענגער פון „ראַבאָטשעיע דיעלאָ“ לאָזן זיך הערן אין זאַל.

לענין שטייט אויף און גיט אָפּ אַ „דעקלאַראַציע״, נאָך וועלכער ער און זיינע חברים — פּלעכאַנאָוו׳ס גרופּע אַריינגערעכנט — אַנטזאגן זיך ווייטער צו אַרבעטן צוזאַמען מיטן „פאַרבאַנד״ און, ניט אויסהערנדיק אַן ענטפער, דרייען זיי זיך אַלע אום, ווייזן זייערע רוקנס און גייען אַוועק . . . מיט ביטערניש און פאַרדראָס, צעטומלט און נידערגעשלאָגן, זיינען די נישט־איסקראָווצעס פאַרבליבן אין זאַל. דער צוזאַמענפאָר, הייסט עס, איז אויפגעריסן געוואָרן.

אויף מאָרגן קומט צו אונז מאַרטאָוו און גיט אונז איבער, אַז לענין וואָלט וועלן זיך דורכריידן מיט׳ן אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד״. מיר זיינען געווען זייער פאַראינטריגירט. מיר האָבן נאַטירלעך פאַרשטאַנען, אַז דער געשפּרעך וועט זיך דרייען אַרום די געשעענישן אויפן אָפּגעבראָכענעם צוזאַמענפאָר און וועגן אונזער שטעלונג אין דער געשאַפענער לאַגע. אַזוי איז דאָס טאַקע געווען. מיר האָבן זיך נאָך ניט באַפרייט פון דעם שווערן איינדרוק פון נעכטיקן סקאַנדאַל און אונזער באַגעגעניש איז געווען אַ קאַלטע, אַ טרוקענע, ניט ווי פון חברים פון איין פּאַרטיי. אַן אָפיציעלער און לאַנגווייליקער געשפּרעך. אפילו קאָפּעלזאָן איז דעם מאָל געווען גאָר אַן אַנדער מענש, ער האָט קיין איינציקן וויץ ניט געמאַכט — אַ זעלטענער מיט אים צופאַל — די שטימונג האָט ניט געפּאַסט פאַר וויצן . . . גערעדט האָט דער עיקר לענין, אין קורצע ווערטער האָט אים געענטפערט אַרקאַדי, די איבעריקע זיינען געזעסן שטום, ניט אַריינמישנדיק זיך מיט אַ וואָרט אין גאַנצן שמועס. לענין האָט זיך געוואונדערט, וואָס מיר זיינען אַזוי לאַנג געווען פאַרבונדן מיטן „פאַרבאַנד״, וואָס האָט געשפּילט אַזאַ שעדלעכע ראָלע אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. ער האָט געוואָלט וויסן וואו מיר שטייען איצט, וואָס וועלן מיר ווייטער טאָן. פאַרבלייבנדיק מיטן „פאַרבאַנד״, האָט ער געוואָרנט, וועט איר זיך בלויז קאָמפּראָמעטירן . . .

אַרקאַדי האָט אים געענטפערט, אַז דער „פאַרבאַנד״ איז דאָך דער אָפיציעלער און לעגאַלער פאַרטרעטער אין אויסלאַנד פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער פּאַרטיי, אַז דער אויסלענדישער קאָמיטעט פון „בונד״ איז זיין אויטאָנאָמער טייל, אַז פאָרמעל מוז ער אין אים פאַרבלייבן — ביז אַ צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי וועט אויף אַ לעגאַלן אופן מאַכן נויטיקע ענדערונגען אין זיין באַ־

פיאָנערן און בויער

שטאַנד און אין זיין סטרוקטור. אויסהערנדיק דאָס, וואַרפט לענין אַ גיכן בליק אויף מאַרטאָוו׳ן, זיי הייבן זיך אויף פון זייערע ערטער, געזעגענען זיך מיט אונז און פאַרלאָזן דעם צימער. זייער פלוצלונגדיקער איבעררייס פון געשפּרעך האָט געקענט בלויז מיינען:

„נישטאָ מער וועגן וואָס מיט אייך צו ריידן״ . . .

מיר אַלע האָבן געשפּירט, אַז אַ שטורעם וועט געוויס באַלד זיך פאַנאַנדערשפּילן איבער אונזערע קעפּ.

„איסקראַ" קעמפט פאַר העגעמאָניע

די „איסקראַ" האָט שוין פון ערשטן נומער אָן (דעצעמבער 1900) פאַרנומען ניט בלויז אַ באַדייטנדיק, נאָר פאַקטיש אַ דאָמינירנדיק אָרט אין דער רוסישער סאָציאַליסטישער פרעסע. קיין אַנדער אָרגאַן אין יענער עפּאָכע האָט זיך ניט געקענט פאַרגלייכן מיט איר. אירע רעדאַקטאָרן, און כמעט אַלע אירע מיטאַרבעטער האָבן געהערט צו די באַגאַבטסטע מאַרקסיסטישע שרייבער, צו דער עליטע אין דער רוסישער מאַרקסיסטישער זשורנאַליסטיק. ליטעראַריש, הייסט עס, איז די „איסקראַ" געשטאַנען זייער הויך און דורך דעם האָט זי זיך דערוואָרבן אַ סך לייענער אפילו צווישן יענע, וואָס זיינען אידעאָלאָגיש געווען אָפּגעטיילט פון איר מיט אַן אייזערנער וואַנט. אַ קאַמף־אָרגאַן אין פולן זין פון וואָרט, האָט די „איסקראַ" ניט געשאַנעוועט אפילו די אומשולדיקסטע קריטיקער אָדער קעגנער אירע. ניט נאָר די צאַרישע רעגירונג האָט געצויגן אויף זיך אירע בייזע, ניט געצוימטע אַטאַקעס און אירע שאַרפע פיילן — דאָס איך דאָך זעלבסטפאַרשטענדלעך און נאַטירלעך — נאָר אויך יעדער סאָציאַליסט, וואָס איז ניט געווען הונדערט פּראָצענט איינשטימיק מיט איר אין פראַגן אפילו פון ניט ערשטקלאַסיקער וויכטיקייט. אין באַצוג צו אַ קעגנער פלעגט זי זיך ניט זשענירן אין אירע אויסדרוקן, באַצייכנונגען, האַנדלונגען. אויב מען קען ניט ברענגען אַ קעגנער „צום שכל", מוז מען אים פּאָליטיש און געזעלשאַפטלעך פאַרניכטן. דער ציל באַרעכטיקט אַבי וועלכע מיטלען. אפילו מיטגלידער פון איר אייגענער פּאַרטיי פלעגן ניט זעלטן מוזן אויסשטיין גאָר אומגערעכטעליידנשאַפטלעכע אָנפאַלן און פילן אויף זיך די ווירקונג פון אירע ניט־אויסקלייבערישקייט פון מיטלען. אין גאָר אַ קורצער צייט האָט „איסקראַ" שוין געקענט זיך באַרימען מיט אַ פולשטענדיקן נצחון איבער אַלע ווירקלעכע אָדער כלומרשט'דיקע אָנהענגער פון „עקאָנאָמיזם", און איר פּאָליטישע ליניע איז געוואָרן אַנערקענט אַלס די הערשנדיקע שטרעמונג אין דער רוסישער סאָציאַל־דע־

מאָקראַטישער באַוועגונג. דער לייטנדער גייסט אין דעם דאָזיקן קאַמף פאַר אַן אידעאָלאָגישן איבן־אָן און הערשאַפט איז געווען לענין. און לענין — ביז דער שפּאַלטונג פון דער פּאַרטיי אויף באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס — איז אויך געווען דער הויפּט דעה־זאָגער אין ענגן קרייז פון דער רעדאַקציע.

געוויסע אָביעקטיווע אומשטענדן האָבן אַ סך מיטגעהאָלפן די „איסקראַ״־לייט אין זייער לייכטן און גרינגלעכן נצחון איבער אַלע זייערע קעגנערס אויסערהאַלב און אינערהאַלב דער פּאַרטיי. עס איז אויסגעבראָכן אין רוסלאַנד אַן אינדוסטריעלער קריזיס פון גרויסער אינטענסיווקייט. ווי אומעטום אין דער צייט פון קריזיסן איז אויך דאַמאָלסט אין רוסלאַנד דער עקאָנאָמישער קאַמף אינגאַנצן אָפּגעשטאָרבן. פאַרקערט, די פּאָליטישע באַוועגונג איז געוואָרן אַלץ לעבעדיקער, אַריינציענדיק וואָס ברייטערע מאַסן — ניט אַרבעטער, נאָר פון דער אינטעליגענץ. די ליבעראַלן האָבן זיך אַ ריר געטאָן און אָנגעהויבן צו ווייזן סימנים פון לעבן. סטודענטישע אומרוען האָבן אַרומגעכאַפּט אַלע אוניווערזיטעט־שטעט. די אינטעליגענץ אין אַלגעמיין האָט שטאָלצירט מיט איר ראָל אַלס די פּאָנעגטרעגערין פון דער רעוואָלוציאָנערער אַנטי־צאַריסטישער באַוועגונג. דער אומצוטרוי צו די ברייטע אַרבעטער־מאַסן איז געווען גרויס: זיי זיינען נאָך ניט פעאיק פאַר רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען; אין קעגנזאַץ צו די אייראָפּעאישע פּראָלעטאַריער האָבן ניט די רוסישע אַרבעטער קיין שום רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס; זיי אַליין, מיט זייערע אייגענע כוחות, אָן דער הילף פון דער רעוואָלוציאָנערער אינטעליגענץ, וועלן קיין מאָל ניט קומען צו דעם באַוואוסטזיין פון דער נויטיקייט פון פּאָליטישן קאַמף.

די „איסקראַ״ האָט אפשר אַרויסגעוויזן דעם דאָזיקן אומצוטרוי צו די אַרבעטער נאָך שאַרפער, כאָטש אויף אַן אַנדער אופן. זי האָט נאַטירלעך ניט געקענט ניט אַנערקענען, אַז דער אַרבעטער־קלאַס וועט זיין דער וויכטיקסטער פאַקטאָר אין דעם רעוואָלוציאָנערן באַפרייאונגס־קאַמף, אָבער דאָס האָט זי דערווייל געהאַלטן אַלס אַ „צוקונפט־מוזיק״. איצט איז ער „אַן און פאַר זיך״ אָפּאָרטוניסטיש און ווייטער ווי צום פּשוט׳ן טרייד־יוניאָניזם קען ער מיט זיינע אייגענע כוחות ניט דערגיין. מען דאַרף אים היטן, ווי אַ קינד, און ניט אַראָפּלאָזן פון

דזשאַן מיל

אים אַ וואַכזאַמע אויג. מען דאַרף זען, אַז ער זאָל ניט נאָכלויפן נאָך דער ליבעראַלער בורזשואַזיע. מען דאַרף אים וואָרענען פון פאַלשע וועגן און פון בורזשואַזע ליגנערישע קונצשטיק. לאָזט מען אים איבער צו זיך אַליין, וועט ער אומבאַדינגט אַריינקריכן אין אַ בלאָטע. די אַר־בעטער־אָרגאַניזאַציעס טאָרן ניט און קענען ניט זאָגן די גאַנצע דעה.

דורך אַזאַ געדאַנקען־גאַנג איז די „איסקראַ" געקומען צו איר באַ־וואוסטן אָרגאַניזאַציע־פּלאַן, וואָס איז געווען צענטראַליסטיש־דיקטאַ־טאָריש אין העכסטן גראַד, צוגעפּאַסט ניט צו אַ מאַסן־פּאַרטיי, נאָר צו אַ קלייזל, צו אַ גרופּע, צו אַ קליינער סעקטע. דער צענטער פון דער פּאַרטיי האָט געדאַרפט באַשטיין פון מענטשן, וואָס זאָלן זיין איינשטי־מיק אין אַלע פראַגן פון פּראָגראַם און טאַקטיק, פון טעאָריע און פּראַק־טיק. דער צענטער האָט געדאַרפט אָפּהיטן די ריינקייט און קלאָרקייט פון יעדן פּינטעלע פון מאַרקסיזם. יעדער מיטגליד פון דער פּאַרטיי האָט געדאַרפט שטיין אונטער זיין שטרענגער השגחה. ניט דער צענטער האָט געדאַרפט ווערן קאָנטראָלירט פון די אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס, נאָר פאַרקערט — די לעצטע פון צענטער.

פאַר דעם דעמאָקראַטיש־אָרגאַניזירטן „בונד" האָט אַזאַ סטרוק־טור פון דער פּאַרטיי אויסגעקוקט משונה׳דיק און איז אין קיין שום פאַל ניט געווען אָננעמבאַר.

„מאַקסימאַלע אומפאַרשעמטקייט". — לענין בייזערט זיך

אונזער פאָרגעפיל האָט אונז ניט אָפּגענאַרט. דער „בונד" איז געשטאַנען דער נעקסטער אין דער רייע פון יענע, וועמען די „איסקראַ" האָט זיך פאַרמאָסטן צו פאַרניכטן.

און נישט אַן איינפאַכער שטורעם, נאָר אַן אמת׳ער הוראַגאַן, באַגלייט פון אַלע בייזע גייסטער, האָט זיך פאַנאַנדערגעשפּילט אַרום אים.

לענין און זיינע נאָכפאָלגער האָבן גוט פאַרשטאַנען, אַז דעם „בונד׳ס" „נאַציאָנאַליזם" און דער עיקר זיין אָרגאַניזאַציאָנעלער פּרינציפּ זיינען געשטאַנען אין וועג פון זייערע דיקטאַטאָרישע פּלענער און אַמביציעס אין דער פּאַרטיי.

האָבן טאַקע די רעזאָלוציעס פון פּערטן צוזאַמענפאָר פון „בונד" וועגן דער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע און וועגן דער איבערבויאונג פון דער פּאַרטיי אויף פּעדעראַטיווע יסודות געצויגן אויף זיך זייער פאַרביסענעם און קאָנצענטרירטן פייער. אַלע: ליובאַ אַקסעלראָד און מאַרטאָוו, פּלעכאַנאָוו און לענין און נאָך אַ צענדליק פון זייערע געזינונגס־חברים האָבן קאָנקורירט איינע מיט די אַנדערע אין זייערע ליידנשאַפטלעכע אָנפאַלן אויפן „בונד".

די אידן זיינען ניט קיין נאַציע, האָבן די איסקראָוועס גע׳טענה׳ט. אַ פאָלק דאַרף האָבן אַ טעריטאָריע און אַ געמיינזאַמע שפּראַך — די אידן האָבן דאָס ניט. פאַר די בונדיסטן, באַמערקט לענין איראָניש, בלייבט בלויז צו דערקלערן פאַר אַ באַזונדער נאַציע די רוסישע אידן, וועמענס שפּראַך איז דער זשאַרגאָן און וועמענס טעריטאָריע איז דער תהום. די וויסנשאַפטלעך אַבסאָלוט ניט אויסגעהאַלטענע אידעע וועגן אַ באַזונדערער אידישער נאַציע איז רעאַקציאָנער לויט איר פּאָליטישער באַדייטונג. זי איז אַ שעדלעכע אידעע, אַ ציוניסטישע אידעע. זי מוז לאָגישערהייט פירן צו אָפּגעזונדערטקייט, צו סעפּאַראַטיזם, צו צעטיילונג פון די כוחות פון קעמפנדיקן פּראָלעטאַריאַט אין רוסלאַנד. אַסימי־

לאַציע אָדער אָפּגעזונדערטקייט ? — אָט אַזוי שטייט די פראַגע. און די בונדיסטן, וואָס זיינען קעגן אַסימילאַציע, באַפעסטיקן דורך אַזאַ שטעלונג דעם באָדן, אויף וועלכן עס וועט וואַקסן די געטאָ־שטימונג ביי די אידישע מאַסן. די סאָציאַליסטישע ליזונג פון דער אידישער פראַגע ליגט אין דער פּאָליטישער עמאַנסיפּאַציע פון די אידן, אין אָפּזאָגן זיך פון דעם „זשאַרגאָן" און אין אומבייטן אים אויף דער שפּראַך פון דעם פאָלק, צווישן וועלכן זיי לעבן, אין פולשטענדיקער אַסימילאַציע מיט דער אַרומיקער באַפעלקערונג.

אָט אַזוי האָבן געווירקט די באַשלוסן פון פערטן צוזאַמענפאָר אויף די „איסקראַ"־מענטשן. אָבער אומפאַרגלייכלעך שווערער זיינען געווען די פאָלגן פון די אָנגענומענע באַשלוסן פון פינפטן צוזאַמענפאָר.

דער פינפטער צוזאַמענפאָר האָט די איסקראָווצעס פשוט אַרויסגעבראַכט פון די כלים. עס איז פאַרגעסן געוואָרן דער לשון, אויף וועלכן עס ריידן געוויינלעך חברים און פריינט. עס האָט זיך אַ גאַס געטאָן אַ גאַנצער ים פון מיאוסע באַליידיקונגען. פאַקטן און מיינונגען זיינען פאַרגעשטעלט געוואָרן אין אַ פאַלשן ליכט און בייזוויליק. עס האָבן זיך אויסגעבילדעט צוויי לאַגערן — איינער, די „איסקראַ", אַגרעסיוו און ניט אויסקלייבעריש אין מיטלען, אַרומגענומען מיט אַ גליענדיקן פייער פון האַס, דער אַנדערער, דער „בונד", קאַרעקט אין זיינע אָפּוועראַרויסטרעטונגען, אין פאַרטיידיקונג פון זיין ערע און גאַנצקייט, נאַכגעביק אין אַלע יענע פאַלן, וואָס האָבן ניט געדראָט צו שעדיקן זיינע לעבנס־אינטערעסן און האָבן ניט געצילט אונטערצוגראָבן די פונדאַמענטאַלע באַדינגונגען פון זיין עקזיסטענץ.

דער פינפטער צוזאַמענפאָר איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין יוני 1903 אין ציוריך.

זיין הויפּטציל איז געווען אויסצואַרבעטן דירעקטיוון פאַר די בונדישע דעלעגאַטן צו דעם באַפאָרשטייענדיקן צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער פאַרטיי.

ביי דער געשאַפענער לאַגע אין דער פאַרטיי איז דאָס געווען אַ זייער שווערע און פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבע, דער מאָמענט — איינער פון די קריטישסטע אין לעבן פון „בונד".

האָט מען טאַקע מיט אויסערגעוויינלעכן ערנסט זיך געגרייט צו

דעם צוזאַמענפאַר. מען האָט דאָך געוואוסט, אַז פון זיינע באַשלוסן העגנט אפשר אָפּ די צוקונפט פון „בונד“, זיין עקזיסטענץ אַלס אַן אָרגאַניזאַציע פון אידישע אַרבעטער, זיין ראָל אין אַלגעמיינעם פּאָליטישן לעבן אין רוסלאַנד.

דער גאַנצער צענטראַל־קאָמיטעט, דער גאַנצער אויסלענדישער קאָמיטעט — אַ חוץ גלעב׳ן — דער בערשטער בונד, דעלעגאַטן פון אַלע גרעסערע שטעט פון בונדישן ראַיאָן, ווי וואַרשע, לאָדזש, ווילנע, גראָדנע, ביאַליסטאָק, האָמעל, אָדעס, מאָהילעוו, בערדיטשעוו און נאָך האָבן זיך באַטייליקט אינם צוזאַמענפאָר. עס זיינען געווען אַנוועזנד 30 דעלעגאַטן: אַרקאַדי, וולאַדימיר, נח, וויטאַלי, קאָפּעלזאָן, דזשאָן, פראַנץ, ליבער, יונה קאָיגען, ווינאָקור, אַשפיז, צביה, איסער ראַבקין, מ. ראַבינאָוויטש, שמאי ווייסנבלום, שלום לעווין, באָנעוואור, מיצקון, זלמן זינגער, קאַפּלינסקי, טאַראַס, באָריס פרומקין, ציפּקינאַ, ראָזאַ לעוויט, און אַנדערע, וועמענס נעמען איך געדענק ניט. מעדעם איז איינגעלאַדן געוואָרן, ווען עס איז דעבאַטירט געוואָרן די נאַציאָנאַלע פראַגע.

כמעט אַלע דעבאַטן האָבן זיך געדרייט אַרום דער פראַגע וועגן אָרט פון „בונד“ אין דער פּאַרטיי.

עס זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן צוויי סטאַטוט־פּראָיעקטן אויף צו רעגולירן די שטעלונג פון „בונד“ — אַ מאַקסימאַלער און אַ מינימאַלער. ביי נאָרמאַלע באַציאונגען אינערהאַלב דער פּאַרטיי וואָלטן דעם „בונד׳ס“ מאַקסימאַלע פאָרשלאָגן וועגן ענדערן די אָרגאַניזאַציאָנעלע סטרוקטור געקענט און געדאַרפט דורכגעפירט ווערן. אָבער די באַציאונגען זיינען דאָך געווען פיינטלעכע און כאַאָטישע. מען האָט דאָך געוואוסט, אַז פאַר יעדן פונקט, פאַר יעדע קלייניקייט וועט מען דאַרפן קעמפן, אַז יעדער פאָרשלאָג וועגן אַן ענדערונג וועט באַגעגענען אַן אַנטשיידנדיקע אָפּאָזיציע מצד די איסקראָווצעס. האָט דער „בונד“ אַרויסגעשטעלט דעם מאַקסימום סטאַטוט בלויז ווי אַ מין פרינציפּיעלע דעקלאַראַציע און פּראַקטיש איינער אַליין זיך באַגרענעצט און זיך אָפּגעזאָגט פון אייניקע פאָדערונגען, זוכנדיק אַ וועג ווי דורכצוקומען מיט זיינע קעגנער. ער איז איינגעגאַנגען אויף וויכטיקע הנחות, וועלכע האָבן געפונען אַן אויסדרוק אין אָנגעמען אַ סטאַטוט־פּראָיעקט מיט מינימאַלע פאָדערונגען. אָט־די מינימאַלע פאָדערונגען האָט דער „בונד“

דזשאַן מיל

אַרויסגעשטעלט ווי אַן אולטימאַטום, ווייל אויף ווייטערדיקע קאַנצעסיעס האָט ער שוין מער ניט געקענט מסכים זיין. ווייטערדיקע קאַנצעסיעס וואָלטן געמיינט דער טויט פון „בונד" און באַגיין זעלבסטמאָרד האָט דער „בונד" ניט געטאָרט און, נאַטירלעך, ניט געקענט.

ווי האָבן אויסגעזען אין דער פאַרענדיקטער פאָרם די פונקטן, וועלכע דער „בונד" האָט אויסגעאַרבעט וועגן זיין לאַגע אין דער פאַרטיי און וועלכע די איסקראָווצעס האָבן געמאָלט ווי אַ שרעק־בילד? — אַז דער „בונד" איז אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע פון אידישן פּראָלעטאַריאַט, און איז ניט באַשרענקט אין זיין טעטיקייט מיט קיינע ראַיאָנגע ראַמען; אַז ער איז אין דער פאַרטיי אַלס דער איינציקער פאָרשטייער פון די אידישע אַרבעטער; אַז אין צענטראַלן קאָמיטעט פון דער פאַרטיי, אין איר אויסלענדישן קאָמיטעט און אויף אירע צוזאַמענפאָרן קליבט דער „בונד" אויס זיין אייגענע פאַרטרעטונג; אַז דער „בונד" האָט זיינע צוזאַמענפאָרן צו באַשליסן אַלע פראַגן, וועלכע רירן אָן ספּעציעל דעם אידישן אַרבעטער־קלאַס; אויך האָט ער זיין אייגענעם צענטראַלן און אויסלענדישן קאָמיטעט.

אַן אמת'ער שטורעם איז אויסגעבראָכן ביי די איסקראָווצעס, ווען עס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער באַריכט פון פינפטן צוזאַמענפאָר. שימפּערייען און רכילות זיינען געשליידערט געוואָרן אויפן „בונד": דאָס איז אַן „אַרויספאָדערונג", „דאָס לעצטע וואָרט פון בונדישן נאַציאָנאַליזם", דער „גרעסטער שריט צו ווייטערדיקער אָפּגעזונדערטקייט", דער „בונד" וויל אַ „מאָנאָפּאָל" אויף די אידישע אַרבעטער, פּראָקלאַמירנדיק זיך אַלס זייער איינציקער פאָרשטייער, ער וויל שאַפן אין דער פאַרטיי אַ מלוכה אין אַ מלוכה, ער ברענגט „דעמאָראַליזאַציע"...

לענין אַליין איז אַרויסגעטראָטן מיט אַן אַרטיקל מיט אַ כאַראַקטעריסטישן קעפּל: „מאַקסימום אומפאַרשעמטקייט און מינימום לאָגיק". לויט אים, איז דער „בונד" געווען שולדיק אין אַלע צרות פון דער פאַרטיי: ער איז געווען דער אייגנטלעכער פאָטער פון רוסישן „עקאָנאָמיזם", ער אַליין האָט זיך דערקייקלט צו אַ רעפאָרמיסטישער אויסטייטשונג פון פּאָליטיק, ער האָט מיטגעהאָלפן צו שפּאַלטן די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע רייען אין אויסלאַנד, ער האַלט זיך ביי

פיאָנערן און בויער

דער מיינונג, אַז עקאָנאָמישער קאַמף איז דער בעסטער מיטל פאַר פּאָליטישער אַגיטאַציע — און נאָך אַזעלכע טויט־זינד. דאָס וואָס דער „בונד" רוקט אַרויס אַ מאַקסימאַלן און מינימאַלן סטאַטוט פאַר אַן אָרגאַניזאַציאָנעלן איבערבוי פון דער פּאַרטיי, האַלט לענין פאַר סוחר׳שע פּראַקטיק. ער פרעגט איראָניש, צי דעם „בונד׳ס" אולטי־מאַטיווע פאָדערונגען זיינען דער „לעצטער פּרייז": „אַרויסשטעלן אַ גוואַלדיק הויכן פּרייז, דערנאָך אַראָפּלאָזן 75 פּראָצענט און מעלדן „דער לעצטער פּרייז" — צי קען מען דען אַנדערש האַנדלען, צי איז דען פאַראַן אַן אונטערשייד צווישן מסחר און פּאָליטיק?" . . .

לענינ׳ס אויפרעגונג און מאָראַלישע אויפגעקאָכטקייט קעגן „בונד" פאַר זיין אולטימאַטום איז געווען אַ קינסטלעכע און צבועק׳ישע ווי דאָס האָבן באַוויזן זיינע עטלעכע בריוו, וואָס זיינען צום ערשטן מאָל געוואָרן אָפּגעדרוקט אין 1928. נאָך איידער די אולטימאַטיווע פאָדע־רונגען זיינען פאַרגעלייגט געוואָרן, האָט לענין געהיים, הינטער די קוליסן, דורך דעם אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פון צווייטן צוזאַמענפאָר און דורך איינצלנע זיינע אָנהענגער אין רוסלאַנד געזוכט צו באַאיינפלוסן די פאַראויסגעזעענע דעלעגאַטן צו דעם פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר צו מאָביליזירן כוחות קעגן דעם „בונד". אין מערץ 1903 האָט ער אין אַ בריוו געשריבן:

„ . . . דערביי בעטן מיר ענערגיש צו גרייטן אומעטום און צווישן אַלעמען אַ באָדן פאַר אַ קאַמף מיטן „בונד" אויפן צוזאַמענפאָר; אָן אַ פאַר׳עקשנ׳טן קאַמף וועט דער „בונד" ניט אָפּגעבן זיינע פּאָזיציעס . . . "

„נאָר אַ פעסטע אָנטשלאָסנקייט פון אונזער זייט, דערפירט ביזן סוף, ביז אַרויסטרייבן דעם „בונד" פון דער פּאַרטיי, וועט אים אָן צווייפל צווינגען צו גיין אויף הנחות . . . "

באַלד, אין אַן אַנדער בריוו, שרייבט לענין ווידער:

„ . . . די הויפּטזאַך, לויט מיין מיינונג, איז איצט מיט אַלע כוחות פאַרגיכערן דעם צוזאַמענפאָר און פאַרזיכערן אַ מערהייט פון טעטיקע — און „אונזערע" — דעלעגאַטן . . . עס איז העכסט וויכטיק די פראַגע וועגן „בונד" . . . מען דאַרף יעדן און אַלעמען קלאָר מאַכן ביז פולשטענדיקן „אַריינהאַקן אין קאָפּ", אַז מיטן „בונד" דאַרף מען גרייטן אַ מלחמה, אויב מען וויל מיט אים שלום. אַ מלחמה אויפן צוזאַ־

מענפאַר, אַ מלחמה ביז אַ שפּאַלטונג — אום יעדן פּרייז, ווייל נאָר דאַן וועט ער זיך אונטערגעבן. אָננעמען די אומזיניקע פעדעראַציע קענען מיר אַבסאָלוט ניט און וועלן זי קיינמאָל ניט אָננעמען. דאָס סאַמע גרעסטע איז אויטאָנאָמיע לויט דעם אַלטן סטאַטוט פון 1898 יאָר מיטן אָנטייל פון אַ באַשטימטן דורכן צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי דעלעגאַט אין צענטראַלן קאָמיטעט פון „בונד". דאָס איז דאָס גרעסטע. מען דאַרף צוגרייטן דעם עולם, קלאָר מאַכן דעם אומזין . . . "

אויף זיינע בריוו האָט איינער פון זיינע קאָרעספּאָנדענטן אים געענטפערט:

„ . . . די קאָמיטעטן וועלן מיר צוגרייטן און מיר וועלן זיי באַקאָנען מיטן „בונד", און ווען מיר וואָלטן איצט פאַרעפנטלעכט אַ רייע אַרטיקלען וועגן די פראַגן פון נאַציאָנאַליזם, פעדעראַציע און אויטאָנאָמיע, וואָלט צום צוזאַמענפאַר דער „בונד" געוועזן אַן „אָפּגעקאָכטער".

דעם דאָזיקן קאָרעספּאָנדענט האָט לענין געענטפערט אַזוי:

„לויט מיין מיינונג דאַרף מען פאָרמעל מיטן „בונד" זיין קאָרעקט און לאָיאַל — אין די ציין גלייך ניט שלאָגן, — אָבער אין דער זעלביקער צייט דאַרפן מיר זיך צו אים באַציען זייער קאַלט, פאַרשפּילעט אויף אַלע קנעפּלעך און אויף אַ געזעצלעכן באָדן מיט אומרחמנות׳דיקייט און יעדע שעה צושפּאַרן צום וואַנט און גיין ביזן סוף, אָן מורא; זאָל ער אַוועקגיין איבער ער וויל, אָבער מיר דאַרפן אים ניט געבן די מינדעסטע געלעגנהייט און קיין שפּור פון אַן אויסרייד אויף צו איבעררייסן. די פאָרמאַליטעט מוז מען, פאַרשטייט זיך, ביזן צוזאַמענפאַר אָפּהיטן, אָבער אויפדעקן די קאָרטן איז ניטאָ צוליב וואָס . . . "

און אין נאָך אַ בריוו חזר׳ט לענין איבער, אַז „צוגרייטן די קאָמיטעטן צום קאַמף קעגן „בונד" איז איינע פון די סאַמע וויכטיקסטע אויפגאַבן פון מאָמענט און דאָס איז גאַנץ מעגלעך, ניט אָנרירנדיק די פאָרמאַליטעט . . . "

אָט אַזוי האָט לענין צוגעגרייט דעם באָדן. דאַרף מען דען זיך וואונדערן, וואָס אויף דעם צווייטן צוזאַמענפאַר פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי האָט די דעלעגאַציע פון „בונד" אָנגעטראָפן בלויז טויבע אויערן, גרענעצלאָזע פיינטשאַפט און אַ פאַרפאָנצערטן סאָלידאַרן פראָנט קעגן זיך?

די צעשיידונג. — מאַרטאָוו אין פּיינטלעכן לאַגער. — אַקימאָווס רעדע

לעניג׳ען האָט זיך פולשטענדיק איינגעגעבן צוצוגרייטן אַ פּיינט־לעכע שטימונג קעגן „בונד” צווישן די רוסישע דעלעגאַטן צום צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. הגם מיר זיינען געווען גרייט איינצוגיין אויף ווייטגייענדיקע הנחות, האָבן מיר ניט געקענט בלייבן בלינד צו דעם, אַז די לאַגע איז אַ פאַר־צווייפלטע, און אַן אַן אויסוועג, ווייל לענין און זיינע מיטלויפער האָבן געצילט ניט צו „רעפאָרמירן” דעם „בונד” אַלס אַזעלכן, נאָר אין גאַנצן פּטור צו ווערן פון אים, צו פאַרניכטן אים. זיינען די בונדישע דעלע־גאַטן געגאַנגען צום צוזאַמענפאָר מיט גאָר מאָגערע האָפנונגען אויף פאַרשטענדיקונג און שלום.

שוין אויף דער ערשטער זיצונג פון צוזאַמענפאָר האָבן זיך די דאָזיקע פּעסימיסטישע דערוואַרטונגען באַשטעטיקט, און וואָס לענגער עס האָבן זיך געצויגן די פאַרהאַנדלונגען, אַלץ קלאָרער האָט זיך אַנט־פּלעקט דער אומפאַרמיידלעכער סוף. אויף אַ האָר ניט פאַרמאַסקירט, גאַנץ אָפן האָבן אַלע דעלעגאַטן — אַ חוץ די דריי פון „ראַבאָטשעיע דיעלאָ” —פאַרשריען און פאַרדאַמט דעם „בונד”, פאָרוואָרפנדיק אים, אַז ער צערייסט די אחדות פון די פּראָלעטאַרישע מאַסן, צעברעקלט די כוחות. זיי האָבן גע׳טענה׳ט, אַז די עקזיסטענץ פון „בונד” איז ניט בלויז אומנוצלעך, נאָר פּשוט שעדלעך, אַז עס איז געווען אַן אומפאַרגעבלעכער טעות מצד דעם ערשטן צוזאַמענפאָר איינצוגיין אויף דער לאַגע פון „בונד” אין דער פּאַרטיי אַלס אַן אויטאָנאָמע אָרגאַניזאַציע. דער זין פון כמעט אַלע אָנפאַלן איז געווען, אַז דער „בונד” ברענגט שאָדן, אַז ער שטעלט מיט זיך פאָר אַ היסטאָרישע אַנאָמאַליע, אַז ער דאַרף גלייך אָדער שטופנווייז אין גאַנצן ליקווידירט ווערן.

אַ באַזונדער פּיינלעכן איינדרוק אויף דער בונדישער דעלעגאַציע

דזשאַן מיל

האָבן געמאַכט מאַרטאָוו׳ס באַשולדיקונגען און אָנפאַלן. אויף דער ענגערער קאָנפערענץ אין שווייץ, וועגן וועלכער איך האָב שוין פריער געשריבן, איז ער אויך געשטאַנען אין פײַנטלעכן לאַגער, אָבער דאָרטן האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַלגעמיין רוסישע ענינים, ניט וועגן ספּעציפיש בונדישע, און דעם „בונד״, אַלס אַזעלכן, האָט ער אין זיין קריטיק ניט אויסגעטיילט און ניט אָנגערירט. אָבער גאָר אַנדערש דאָ. ער האָט גערעדט בייז, אויפגערעגט, ביטער און בייסיק. דער צו גרויסער אײַפער אין זיינע עקשנות׳דיקע אַטאַקעס איז עפּעס געווען פאַרדעכטיק. ווייל ער מיט דעם פאַרווישן, אויסמעקן די „נאַציאָנאַליסטישע״ און „סעפּאַראַטיסטישע״ עבירות פון אַמאָל, ווי זיי זיינען דייטלעך אויסגעדריקט געוואָרן אין זיין ווילנער מאַי־רעדע פון 1895? איז דאָס דערזעלביקער מאַרטאָוו, וועמען איך האָב איבערגעגעבן צוויי פון מיינע פּראָפּאַגאַנדע קרייזן מיט אומגעפער 20 אַרבעטער ערב מיין אָפּפאָרן קיין אויסלאַנד? איז דאָס ער, וואָס האָט מיט אַזוי פיל ליבע און פרייד, פשוט באַגייסטערט, זיך באַצויגן צו אונזער אָרגאַניזאַציע? איז דאָס דער זעלביקער מאַרטאָוו, וואָס האָט אַזוי אויסגעצייכנט, אַזוי לאָגיש, מיט אַזאַ איבערצייגנדיקער קראַפט, באַגרינדעט מחמת אָרגאַניזאַציאָנעלע און פּרינציפּיעלע מאָטיוון די נויטיקייט פון אַ באַזונדערער אידישער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע אין די ראַמען פון דער אַל־געמיינער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע? ניין, דאָס איז גאָר אַן אַנדער מאַרטאָוו. איצט רעדט ער מיט גאַל קעגן דעם „בונד״, קעגן זיין „נאַציאָנאַליזם״ און וועגן זיינע כלומרשט ניט באַרעכטיקטע פּריווילעגיעס אין דער פּאַרטיי. אַלע אונזערע דעלעגאַטן אין זייערע באַריכטן וועגן צוזאַמענפאָר האָבן מיט פאַרדרוס און כעס זיך אָפּגעשטעלט אויף מאַרטאָוו׳ס אַנטי־בונדישער, העצערישער ראָלע. אַרקאַדי וואָס האָט פריער אַזוי האָלט געהאַט מאַרטאָוו׳ן, איז געווען אויסער זיך. ער פלעגט דערציילן, אַז ער האָט פשוט ניט געקענט רואיק קוקן אויף אים — אַזוי האָבן געווירקט אויף אים מאַרטאָוו׳ס אַרויסטרעטונגען.

די ליידנשאַפטלעכע פאַרטיידיקונג פון דער בונדישער פּאָזיציע דורך מאַרק ליבער׳ן און וולאַדימיר קאָסאָווסקי׳ן איז געווען אַ זייער געלונגענע, אָבער זייער שטימע איז געבליבן אַ פאַרלאָרענער קול אין אַ מדבר פון פיינטשאַפט. בלויז ביי איין דעלעגאַט, אַקימאָוו־מאַכנאָ־

ווען, האָט זי אַרויסגערופן אַ סימפּאַטישע רעאַקציע. די גלענצנדיקע אָרגאַניזאַציע פון „בונד“, האָט ער געזאָגט אין זיין רעדע, האָט אַלע מאָל געשטיצט, פאַרטיידיקט און דורכגעפירט די פּרינציפּן פון דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, און עס איז לעכערלעך צו לערנען דעם „בונד“ די דאָזיקע פּרינציפּן . . . צוויי סיבות האָבן גורם געווען, אַז עס זאָל אַרויסגערוקט ווערן די פראַגע וועגן דער לאַגע פון „בונד“ אין דער פּאַרטיי: די נאַציאָנאַלע אויפגאַבן פון „בונד“ און זיינע אָרגאַניזאַציאָנעלע אויפגאַבן. די אידן שטעלן מיט זיך פאָר אַן אייגנאַרטיקע נאַציע, וועלכע אונטערשיידעט זיך זייער שטאַרק פון אַלע אַנדערע פעלקער. זי האָט זיך איינגעהיט אין משך פון טויזנטער יאָרן, ניט געקוקט אויף אַלע פאַרפאָלגונגען, און האָט געגעבן דער וועלט אַ גאַנצע רייע זשעניס אויף אַלע געביטן פון וויסנשאַפט און קונסט. דער אידישער פּראָלעטאַריאַט שטעלט פאָר די אינטערעסן פון דער אידישער נאַציע. קיינער האָט קיין מאָל ניט אָפּגעלייקנט די ראָל פון פּראָלעטאַריאַט אין לעבן פון אַ נאַציע. קיין אַנדער קלאַס, אַ חוץ דעם פּראָלעטאַריאַט, קאָן ניט אַזוי קלאָר אויסדריקן די אינטערעסן פון זיין נאַציע. אמת, ביי אידן זיינען ניטאָ קיין שטאַנדן — קיין אַדל און קיין פּויערטום — און דעריבער גלויבן פיל, אַז די אידן זיינען ניט קיין נאַציע. דאָס איז נישט ריכטיק, זאָגט אַקימאָוו. ביי אידן זיינען פאַראַן קלאַסן — אַ פּראָלעטאַריאַט און אַ בורזשואַזיע. צווישן דער אידישער בורזשואַזיע איז אַנטשטאַנען אַ נאַציאָנאַליסטישע באַוועגונג — דער ציוניזם. אָט די באַוועגונג שטעלט זיך אַרויס אַלס פאַרטיידיקער פון די אינטערעסן פון גאַנצן אידנטום און קאָן מיט זיך מיטציען דעם ווייניקער באַוואוסטזיניקן טייל אַרבעטער. דעריבער מוז די פּאַרטיי פון אידישן פּראָלעטאַריאַט קעמפן קעגן דער אייגענער בורזשואַזיע און באַווייזן, אַז אפילו אין קאַמף פאַר די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון די אידן איז דער פּראָלעטאַריאַט דער פאָרגעשריטענער קלאַס . . .

נאָך אַ טויזנט־יאָריקער פאַרקנעכטונג, זאָגט אַקימאָוו ווייטער, קומט פאָר ביי די אידן אַ ווידערגעבורט פון נאַציאָנאַלן לעבן, און דאָס מאַכט קאָמפּליצירטער די אויפגאַבן פון דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט און רופט אַרויס די נויטיקייט ביי אים אין אַ נאַציאָנאַלער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע, פּונקט אַזאַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישער

דזשאַן מיל

אָרגאַניזאַציע ווי ביי אַנדערע נאַציעס. דער „בונד" שטרעבט צו ווערן אַזאַ אָרגאַניזאַציע, און אין דער דאָזיקער שטרעבונג זיינען פאַראַן בלויז נאַציאָנאַלע, אָבער ניט קיין נאַציאָנאַליסטישע מאָטיוון. פון דער אַנדער זייט פּירט דער „בונד" אַן מיט אַן אַרבעט, וועלכע האָט זיך היסטאָריש אַנטוויקלט, און ער מוז זאָרגן וועגן דעם, אַז אָט די אַנט־וויקלונג זאָל אומגעשטערט פאָרגעזעצט ווערן. אונזערע חברים פון „בונד" באַקומען פון די רעדעס אויף אָט־דעם צוזאַמענפאָר אַן איינ־דרוק — און לויט מיין מיינונג נאָך אַ גאַנץ ריכטיקן אויך — אַז מען האָט דאָ בדעה אָפּצושאַפן דידאָזיקע אָרגאַניזאַציע מיט איין שטאַרקן מאַך מיט דער האַנט. מאַרטאָוו האָט קלאָר און אָפן דערקלערט, אַז די איצטיקע לאַגע פון „בונד" איז אַזאַ, וואָס האָט קיין זינען ניט און אַז דער „בונד" איז געשאַפן געוואָרן דורך אומנאָרמאַלע באַדינ־גונגען . . .

קיינע לאָגישע אַרגומענטן אָבער האָבן ניט געקאָנט ענדערן די לאַגע. ווי עס איז געווען צו דערוואַרטן, האָט דער צוזאַמענפאָר אָפּגע־וואָרפן אַלע אַן אויסנאַם בונדישע פאָרשלאַגן. פאַר דער בונדישער דעלעגאַציע איז קיין אַנדער אויסוועג ניט פאַרבליבן ווי צו פאַרלאָזן דעם צוזאַמענפאָר, דערקלערנדיק דעם „בונד'ס" אַרויסטריט פון דער פּאַרטיי.

צוזאַמען מיט דער בונדישער דעלעגאַציע האָבן אויך פאַרלאָזן דעם צוזאַמענפאָר צוויי דעלעגאַטן פון דער „ראַבאָטשעיע דיעלאָ" — אַקימאָוו און ברוקער. דער דריטער דעלעגאַט פון „ראַבאָטשעיע דיעלאָ", מאַר־טינאָוו, איז פאַרבליבן.

די בונדישע דעלעגאַציע איז באַשטאַנען פון 5 מיטגלידער: איסיי אייזענשטאַט, מאַרק ליבער, וולאַדימיר מעדעם, וולאַדימיר קאָסאָווסקי, נח פּאָרטנאָי. אויסערדעם איז פון אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פון צוזאַמענ־פאָר איינגעלאַדן געוואָרן אַלס ערנגאַסט אַרקאַדי קרעמער — דער איינ־ציקער מיטגליד פון ערשטן צ. ק. פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישער פּאַרטיי, וועלכער האָט זיך צו יענער צייט געפונען אויף דער פריי; די אַנדערע צוויי צעקאַ־מיטגלידער — איידלמאַן און

פּיאָנערן און בויער

ראַדטשענקאָ — זיינען נאָך געווען פאַרשיקט אין סיביר. צוזאַמען מיט דער דעלעגאַציע האָט אויך אַרקאַדי קרעמער פאַרלאָזן דעם צוזאַמענפאָר.

אַ פּאָר ווערטער מוזן נאָך געזאָגט ווערן וועגן דעם „פאַרבאַנד פון די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן״ אין אויסלאַנד, וועמענס אָרגאַן עס איז געווען די אויבן דערמאָנטע „ראַבאָטשעיע דיעלאָ״. דער „פאַר־באַנד״ איז אויפן גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי (איר פולער נאָמען איז געווען: „רוסלענדער סאָצ. דעמ. אַרבעטערפּאַרטיי״), מערץ 1898, באַשטימט געוואָרן אַלס אויסלענדישער קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי. נאָכן אַרעסט פון אַלע דריי מיטגלידער פון צ. ק. פון דער פּאַרטיי (זומער 1898) איז דער „פאַרבאַנד״ געווען די איינציקע אינ־סטיטוציע, וואָס איז באַרעכטיקט געווען צו ריידן אָפיציעל אין נאָמען פון דער פּאַרטיי. דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי, וואָס האָט אומעגלעך געמאַכט פאַרן „בונד״ ווייטער צו פאַרבלייבן אין אירע רייען, האָט אויך אָפּגעשאַפט דעם מאַנדאַט, וואָס דער פאַרבאַנד האָט געהאַט באַקומען פון גרינדונגס צוזאַמענפאָר, און דער פאַרבאַנד האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן. פון זיינע מער באַקאַנטע טוער לעבן איצט נאָך בלויז צוויי: ישראל פּעסקין*) און פרוי ברוקער, ביידע אין פּאַריז'— דער רעדאַקטאָר פון „ראַבאָטשעיע דיעלאָ״, באָריס קריטשעווסקי, האָט שפּעטער מער קיין שייכות צו דער רוסישער אַרבעטער־באַוועגונג ניט געהאַט און האָט מיטגעאַרבעט אין דער פראַנצויזישער סינדיקאַליסטי־שער און אויך אין דער ציוניסטישער פּרעסע. אויך אַקימאָוו איז אַוועק פון דער רוסישער אַרבעטער־באַוועגונג, ער האָט אָבער גענומען אַ שטאַרקן אָנטייל אין דער רוסישער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג און איז ביז צום סוף פון זיין לעבן געבליבן אַן אינטימער פריינט פון „בונד״. מאַרטינאָוו איז ביז 1917 געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע פיגורן צווישן די עקסטרעם רעכטע מענשעוויקעס. אַרום 1923, עטלעכע יאָר פאַר זיין טויט, איז ער אַריינגעטראָטן אין דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און האָט מיטגעאַרבעט אין די ערנסטערע סאָוועטישע זשורנאַלן.

---

*) זינט די שורות זיינען געשריבן געוואָרן איז ישראל פּעסקין געשטאָרבן אין פּאַריז.

ד ז ש אַ ן   מ י ל ל

דער איינציקער פון די טוער פון „פאַרבאַנד", וואָס האָט נאָך דער ליקווי־
דאַציע פון „פאַרבאַנד" געשפּילט אין דער רוסישער אַרבעטער־באַוועגונג
אַ גרויסע ראָל, איז געווען מישעל קאָגאַן — „גרינעוויטש". ער איז גע־
ווען איינער פון די פּעאיקסטע בויער פון דער רוסישער פּראָפעסיאָנע־
לער באַוועגונג. ער האָט פון רוסלאַנד עמיגרירט אַרום 1920, און אין
1942 איז ער געשטאָרבן אין אַמעריקע באַלד נאָך זיין אָנקומען אַהער
פון איטאַליע.

דער גט מיט דער פּאַרטיי. — צוויי פּאַרטייען אין די ראַמען פון איין פּאַרטיי: מענשעוויקעס און באָלשעוויקעס

אונזער געצוואונגענעם אַרויסטריט פון דער פּאַרטיי האָבן מיר אַלע אָן אויסנאַם אויפגענומען ווי אַ טיפע, שמערצלעכע טראַגעדיע; אייניקע — אפילו ווי אַ קאָלאָסאַלע קאַטאַסטראָפע, ווי אַ מערדערישן שטאָך אין סאַמע האַרץ פון דער אידישער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט. און עס האָט זיך אונז אויסגעדאַכט, אַז מיר האָבן פאַרלאָרן אונזער אויסגעטראָטענעם וועג און אַז עס איז פאַרשוואונדן דער גרונט אונטער די פיס. עס האָט געמאַטערט די פראַגע: וואָס וועט ווייטער זיין? וואָס פאַר אַן אָפּקלאַנג וועלן די געשעענישן געפינען אין די ברייטע שיכטן פון אונזער אָרגאַניזאַציע און אין דער אידישער געזעלשאַפט אין אַלגעמיין? נח׳ס באַריכט אין בערן וועגן די פּאַסירונגען אויפן לאָנדאָנער צוזאַמענפאָר איז אָפּגעגעבן געוואָרן אין אַן אַטמאָספער פון אויסערגעוויינלעכער בידערגעשלאָגנקייט צווישן די אָנוועזנדיקע בונדיסטן; זיי זיינען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען נאָכן מיטינג טויט־שוויַגנדיק, ערנסט, פאַרזאָרגט. און ניט מיט היימלעכע געפילן איז אויפגענומען געוואָרן אויך מעדעמ׳ס באַריכט אין ציוריך מיט אַ קורצער צייט שפּעטער. מען האָט געקענט זען טרערן אין די אויגן פון אַ סך צוהערער. די נערוון פון דעם שרייבער פון אָט־די שורות האָבן ניט אויסגעהאַלטן די אויפגערעגטקייט און זאָרג פון די לעצטע טעג. איך בין צוזאַמענגעבראָכן, און, ניט שעמענדיק זיך, זיך צעוויינט אויפן קול ווי אַ קליין קינד . . . מעדעם האָט געמוזט אויף אַ ווײַלע איבעררייסן זיין רעדע און אויפגעפּאָדערט דעם עולם צו זינגען בונדישע לידער.

לעניו האָט טאַקע ספּעקולירט אויף אַזאַ ווירקונג פון „בונד׳ס" אַרויסטריט פון דער פּאַרטיי און געשפּילט זיין „וואַ־באַנק". אָבער ער האָט זייער גיך אויסגעפונען, אַז זיין רעכענונג איז געווען פאַלש. אַזאַ

דזשאַן מילל

צושטאַנד און שטימונג האָבן געדויערט ביי אונז ניט לאַנג. מיר האָבן זיך באַלד באַרואיקט און זיינען געקומען צו זיך, און אַנשטאָט צו זיצן מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט און באַדויערן און באַוויינען דאָס אָקאָרשט פּאַסירטע, האָבן די אַנפירנדיקע קרייזן פון „בונד“, פאַרקערט, פאַרשטאַרקט די פּאַרטיי־אַרבעט און דורכגעפירט אַ גלענצנדיקע און דערפאָלגרייכע קאַמפּאַניע פון אויפקלערונג און אָפּוועך סיי אין רוסלאַנד, סיי אין אויסלאַנד. דער צענטראַל קאָמיטעט, דורך אַ ספּעציעלער פּראָקלאַמאַציע, די „אַרבעטער שטימע“, דער פּאָפּולערער אָרגאַן „דער בונד“, די „לעצטע נאַכריכטן“, אונזערע באַגאַבטסטע רעדנער ווי מעדעם און ליבער, און שפּעטער אַנדערע — אַלע האָבן זיי געשילדערט גענוי די איינצלהייטן פון דעם פאַרגעקומענעם ברודער־קאַמף, געגעבן אַן אַנאַליז פון די חילוקי דעות צווישן דעם „בונד“ און דער פּאַרטיי און פון די אומגערעכטע באַשולדיקונגען מצד אונזערע קעגנער און שונאים. אומעטום, אויף אַלע דורכגעפירטע פאַרזאַמלונגען, איז די שטעלונג פון דער בונדישער דעלעגאַציע אַלץ מער און מער געוואָרן געשטיצט און גערימט. אפילו „איסקראַ“ אַליין האָט פאַרצייכנט די רירעוודיקייט און לעבנספּעאיקייט פון „בונד“ און זיין פאַרשטענדעניש, וואָס ער ווייזט אַרויס אויף צו פאַראינטערעסירן די ברייטע אידישע אַרבעטער־מאַסן מיט פּאַרטיי־פּראָבלעמען. זי האָט געראָטן אירע נאָכפאָלגער צו נעמען אַ ביישפּיל פון „בונד“ אין אָט־דער הינזיכט.

גלייך נאָך דעם ווי דער „בונד“ האָט געמאָלדן זיין אַרויסטריט פון דער פּאַרטיי, האָט דער „גאָט פון נקמה“ באַשטראָפט איר רוסישן טייל גופא: די איסקראָווצעס האָבן זיך צעקריגט און זיך צעשפּאָלטן. כל זמן זיי האָבן געפירט מלחמה קעגן דעם „בונד“, זיינען זיי געגאַנגען סאָלידאַריש האַנט אין האַנט און ניט אַרויסגעוויזן קיינע סימנים פון מחלוקות אין זייערע אייגענע רייען. דער גורל האָט געוואָלט, אַז ווען זיי זיינען פאַרבליבן אַליין, אָן דעם „בונד“, זאָל אין דער שאַרפסטער פאָרם זיך פאַנאַנדערברענען אַ קאַמף צווישן זיי גופא אויפן זעלבן באָדן, אויף וועלכן זיי האָבן געפירט די ווילדע אַטאַקעס קעגן אונז. די פראַגע, אויף וואָסערע אָרגאַניזאַציאָנעלע יסודות זאָל אויפגעבויט ווערן די פּאַרטיי, איז געוואָרן דער מיטלפּונקט פון זייערע שטרייטיקייטן. לעניג׳ס עקסטרעמער דיקטאַטאָרישער צענטראַליזם האָט אַרויפגעוואָרפן אַ שרעק

ניט בלויז אויף מאַרטאָוו׳ן, אַקסעלראָד׳ן, טראָצקי׳ן, נאָר אפילו אויף פּלעכאַנאָוו׳ן, און ער איז שפּעטער אַרויסגעטראָטן מיט אַ קריטיק פון לענינ׳ס אָרגאַניזאַציאָנעלע פּלענער.

אויף אַזאַ אופן האָט זיך די צעשיידונג אין דעם רוסישן טייל פון דער פּאַרטיי אָנגעהויבן ניט אויפן באָדן פון טעאָריע און פּראָגראַם, נאָר פון אָרגאַניזאַציע. לענין, אין קעגנזאַץ צו מאַרטאָוו׳ן און זיינע אָנהענגער, האָט געוואָלט דורכפירן אַ פּונקט אין די פּאַרטיי־סטאַטוטן, לויט וועלכן יעדער מיטגליד מוז אַריינטרעטן אין אַ פּאַרטיי־גרופּע, פּאַראיין, אינסטיטוציע. אַזאַ זאַך וואָלט געווען גאַנץ זעלבסטפאַרשטענדלעך, נאָרמאַל און אַבסאָלוט נויטיק פאַר אַזעלכע לענדער וואו עס הערשט פּאָליטישע פרייהייט. אָבער ביי די דאַמאָלסטדיקע רוסישע באַדינגונגען איז דאָס געווען ניט דורכפירבאַר. דאָס וואָלט אומגעהויער געשטערט דעם וואוקס פון דער פּאַרטיי, ווייל זי וואָלט דורך דעם זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אָרגאַניזאַציע פון קליינע גרופּעס און ניט פון ברייטע מאַסן — דאָס, צו וואָס לענין האָט טאַקע אין יענער צייט געשטרעבט. איז דאָך דער אידעאַלסטער אָרגאַניזאַציאָנעלער בוי פון דער פּאַרטיי אין זיינע אויגן געווען: קליינע גרופּעס פון גלייך־דענקענדיקע רעוואָלוציאָנערן, אַ שטרענגער קאָנטראָל פון זייערע מיטגלידער, אַן אייזערנע דיסציפּלין.

אָט־די מיינונגס־פאַרשיידנקייט וועגן דער פראַגע, ווער קען זיין פאַררעכנט פאַר אַ פּאַרטיי־מיטגליד און ווי אַזוי צו בויען די פּאַרטיי — און אויך לענינ׳ס פּלאַן אַרויסצושטופּן אַקסעלראָד׳ן און זאַסוליטש פון דער רעדאַקציע פון „איסקראַ״ — זיינען געווען דער אויסגאַנגפּונקט פון קאַמף, וואָס האָט זיך צעפלאַקערט צווישן די ביידע צדדים. די צעטיילונג אין צוויי פיינטלעכע לאַגערן איז פאָרגעקומען גלייך אויפן צוזאַמענפאָר גופא. לענין איז געווען אונטערשטיצט פון דער מאַיאָריטעט — אויף רוסיש „באָלשינסטוואָ״ — און פון דאַנען שטאַמט דער נאָמען „באָלשעוויקעס״, פאַר מאַרטאָוו׳ס און אַקסעלראָד׳ס פאָרשלאָגן האָט געשטימט בלויז אַ מינאָריטעט — „מענשינסטוואָ״ — און פון דאַנען נעמט זיך דער נאָמען „מענשעוויקעס״.

פון אָנהייב האָבן די מענשעוויקעס נאָך געטראַכט, אַז זייערע שטרייטיקייטן מיט די באָלשעוויקעס זיינען ניט באַזונדערס טיף און ערנסט, אָבער וואָס ווייטער דער קאַמף האָט זיך געצויגן, אַלץ קלאָרער

האָבן זיי איינגעזען, אַז אין די פראַגן פון טאַקטיק און אָרגאַניזאַציע צעטיילט זיי אַ תהום, וועלכן עס איז אוממעגלעך אַריבערצוטרעטן. אין לויף פון דעם דאָזיקן קאַמף האָבן זיך שטופנווייז אויסגעקריסטאַליזירט צוויי גאָר פאַרשיידענע ריכטונגען, צוויי אָפּט קעגנזעצלעכע אידעאָלאָגיעס. אין אַ געוויסער מאָס האָבן די מענשעוויקעס פאָרגעזעצט די צופּאַסונג־טאַקטיק פון די אַמאָליקע „עקאָנאָמיסטן" און „רעפאָרמיסטן". די מענשעוויקעס האָבן געראַטן צו נעמען אַ טעטיקן אָנטייל אין יעדער פּראַקטישער טאָג־טעגלעכער אַרבעט — ווי קליין זי זאָל ניט זיין, זיי האָבן גערופן צו באַטייליקן זיך אין אַלע פאָרמען פון עקאָנאָמישן און פּאָליטישן קאַמף און אויסנוצן יעדע געלעגנהייט, וואו די אַרבעטער האָבן געקענט אין לעבן גופא זיך איבערצייגן, ווער איז זייער פריינט און ווער איז זייער שונא. נאָך דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע האָבן די מענשעוויקעס זיך אַ לאָז געטאָן אויסצונוצן די ניי־געשאַפענע לעגאַלע מעגלעכקייטן. אויפן רוסישן פּאַרלאַמענט, די „דומאַ", ווי שלעכט זי איז ניט געווען, האָבן זיי געקוקט ווי אויף אַן אָפענער טריבונע, וואָס מען קען פון אירריידן צום פאָלק כדי צו דערציען אים פּאָליטיש; דעריבער האָבן זיי גערופן צו שיקן אין איר פאָרשטייער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. אין לעגאַלע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, אין געווערקשאַפטס־בלעטער, אין קאָאָפּעראַטיוון, אין אַרבעטער־קלובן, אין שטאָטישע וואַלן, אין פאַרשיידענע קאָמיסיעס, וואָס די רעגירונג פלעגט צוזאַמענרופן און וואָס פלעגן האָבן אַ שייכות צו די אינטערעסן פון אַרבעטער — אומעטום האָבן די מענשעוויקעס געשטרעבט אַריינצודרינגען און געהאַלטן פאַר זייער חוב צו רופן אין זיי די אַרבעטער. זיי האָבן אפילו ניט געהאַט „מורא" צו דערקלערן, אַז אין קאַמף קעגן דער צאַרישער זעלבסטהערשונג, אין קאַמף פאַר פּאָליטישער פרייהייט, דאַרפן די סאָציאַליסטן גיין מיט דעם ליבעראַלן פליגל פון דער בורזשואַזיע, — גיין האַנט אין האַנט, אָדער זייט ביי זייט, ניט פאַרבינדנדיק זיך מיט איר, פאַרשטייט זיך, אָרגאַניש.

ביי די באָלשעוויקעס האָט אָט־די מענשעוויסטישע טאַקטיק אַרויסגערופן די שאַרפסטע קריטיק און אַ גוואַלדיקן שטורעם פון פּראָטעסט. אָפּאָרטוניסטן, „בערנשטייניאַנער", קליין־בירגערלעכע סאָציאַליסטן, „פאַררעטער פון מאַרקסיזם", „ליקווידאַטאָרן" פון דער סאָציאַל־דע־

פיאָנערן און בויער

מאָקראַטישער פּאַרטיי — מיט אָט־די און ענלעכע עפּיטעטן האָבן זיי מכבד געווען די מענשעוויקעס מיט אַ ברייטער האַנט. אין קעגנזאַץ צו די מענשעוויקעס האָבן די באָלשעוויקעס אין אָנפאַנג ניט געוואָלט הערן און וויסן וועגן אַקטיווער טעטיקייט פאַר דער דומע און אין דער דומע, וועגן אויסנוצן לעגאַלע מעגלעכקייטן, וועגן אַרבעטן צוזאַמען אפילו אין אַ זייער באַגרענעצטן מאַסשטאַב מיט אַנדערע פּאַרטייען, — ניט נאָר ביז־גערלעך־ראַדיקאַלע, נאָר אפילו אייניקע סאָציאַליסטישע. זיי האָבן באַיקאָטירט די לעגאַלע טרייד־יוניאָנס, די פאַרשיידענע קאָמיסיעס פאַר אַרבעטער־ענינים, אַלץ וואָס איז געווען „לעגאַל" אין די פּאָליטישע באַדינגונגען פון דאַמאָלסטדיקן רוסלאַנד. ניט געפינענדיק זיך אונטער דעם קאָנטראָל פון ברייטע אַרבעטער־מאַסן, האָבן טיילן פון די באָלשעוויקעס זיך אַריינגעלאָזן אין פּשוט'ע אַוואַנטורעס, פּראַקטיצירנדיק „עקספּראָפּריאַציעס", אָדער פאָדערנדיק צו צוריקרופן פון דער דומע די אויסגעקליבענע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע דעפּוטאַטן. דאָס אַלץ איז געווען נאָר אַ טייל פון זייערע פאַנטאַסטישע און שעדלעכע פּלענער.

דער דאָזיקער ברודער־קאַמף צווישן מיטגלידער פון איינער און דער זעלבער פּאַרטיי האָט זיך געקענט פירן בלויז דערפאַר, וואָס אַן אויטאָריטעטע פירערשאַפט האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן און וואָס די פּעדים צווישן דיביידע פראַקציעס זיינען פּאַקטיש איבערגעריסן געוואָרן. ווי אין אַ קינדער־שפּיל אָדער אין אַ פאַרס האָבן די מענשעוויקעס, פון איין זייט, און די באָלשעוויקעס, פון דער צווייטער, פּרעטענדירט צו זיין די פּאַרטיי, צו זיין די אמת'ע און איינציקע פּאַרטרעטער פון די פּראָלעטאַרישע קלאַסן־אינטערעסן אין רוסלאַנד און די איינציק־ריכטיקע פאַרטיידיקער פון די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטישע פּרינציפּן און אידעאַלן . . . מען האָט אויסגעקליבן אַ נייעם צענטראַלן קאָמיטעט, וואו די באָלשעוויקעס זיינען געבליבן אין דער מינדערהייט— האָבן זיי צוזאַמענגעשטעלט זייער אַן אייגענעם קאָמיטעט. מען האָט דערוויילט אַ רעדאַקציע פון צענטראַלן אָרגאַן, וועלכע האָט ניט באַפרידיקט די באָלשעוויקעס — האָבן זיי געגרינדעט אַן אַנדער אָרגאַן פון דער פּאַרטיי,—אויך אַ „צענטראַלן". אויף אַזאַ אופן האָט די פּאַרטיי די גאַנצע צייט ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה געהאַט צוויי צענטראַלע

ד ז ש אָ ן ׳מ י ל ל

קאָמיטעטן, צוויי צענטראַלע אָרגאַנען, צוויי קאַסעס . . . אָן אומ־באַשרייבלעכער כאַאָס, אייביקע רייסערייען, אָבער זייער ווייניק נוצ־לעכע, פּאָזיטיווע פּאַרטיי־אַרבעט . . .

די ערשטע וועלט־מלחמה האָט דעם תהום צווישן די צוויי צדדים אין די רייען פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע נאָך פאַר־טיפט און ברייטער געמאַכט. די באַציאונגען האָבן זיך נאָך מער פאַר־שאַרפט. עס זיינען אונטערגעקומען די געוואַלטיקע מלחמה־געשעענישן. אין די סאָציאַליסטישע רייען האָט זיך אָנגעהויבן אַ צעטומלעניש. די גרויסע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון מערב־אייראָפּע האָבן געשטימט פאַר מלחמה־ביודזשעטן. הגם די רוסלענדישע ס.ד., פון אַלע שאַטי־רונגען, מיטן אויסנאַם פון פּלעכאַנאָוו׳ס גרופּע, זיינען געווען קעגן באַוויליקן קריגס־ביודזשעטן דער צאַרישער רעגירונג, האָבן די מלחמה־געשעענישן אויך דאָ פאַרשאַרפט די באַציאונגען. דער קריזיס פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל האָט זיך אין ביידע ריכטונגען פון דער רוסלענדישער ס.ד. פאַרשידן אָפּגעשפּיגלט. דער גרעסטער טייל פון די מענשעוויקעס האָבן אויף די געשעענישן געקוקט ווי אויף אַ צייטווייליקן קריזיס. די באָלשעוויקעס האָבן געהאַלטן, אַז דאָס איז ניט אַ קריזיס, נאָר אַ פולשטענדיקער באַנקראָט, און אַז דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל איז טויט, נאָכדעם ווי דער קאַפּיטאַליזם האָט אָפּ־געלעבט זיינע יאָרן.

עס איז געקומען 1917. דער תהום צווישן די באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס איז געוואָרן מיט יעדן טאָג טיפער צוליב פאַרשידענע צוגאַנגען צו די פּראָבלעמען פון רעוואָלוציע, צו דער צייטווייליקער רעגירונג, צו דער ראָל פון די סאָוועטן און צו די מעגלעכקייטן תיכּף איינפירן סאָציאַליזם אין רוסלאַנד. עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז די באָלשעוויקעס האָבן אַפילו געענדערט דעם נאָמען פון דער פּאַרטיי און אַנשטאָט „רוסלענדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטיי״ האָבן זיי זיך גענומען רופן „קאָמוניסטישע פּאַרטיי״. דער ריס איז גע־וואָרן ענדגילטיק, סיי אין אינהאַלט, סיי אין נאָמען.

די אידישע „אומאָפּהענגיקע אַרבעטער פּאַרטיי". — מאַניאַ ווילבושעוויטש. — טעראָריסטישע טענדענצן

אין קאַמף מיט דער „איסקראַ" פאַר זיין עקזיסטענץ און זעלבסטשטענדיקייט האָט דער „בונד" געמוזט פאַרווענדן אַ סך ענערגיע, מי און קאָסטבאַרע צייט. אָבער דורך אָט־דעם קאַמף האָט זיך אים גלייכצייטיק איינגעגעבן צו באַפעסטיקן זיין אָרגאַניזאַציאָנעלע און אידעאישע השפּעה אויף אַלע ברייטערע פאָלקסמאַסן, וואָס האָבן אים נאָכגעפאָלגט מיט אָן אַ שיעור צוגעבונדנקייט און ליבע. נאָר יחידים האָבן דאָ און דאָרטן, צוליב דעם „בונד'ס" אַרויסטריט פון דער פּאַרטיי, פאַרלאָזן זיינע רייען; די רוסל. סאָצ. דעמ. פּאַרטיי האָט געגרינדעט אַ פּאָלעסיער און צפון־מערב'דיקן קאָמיטעטן פון דער ר. ס. ד. פּ. אַלס קאָנקורענץ־אָרגאַניזאַציעס קעגן „בונד". דאָס אַלץ זיינען געווען אומבאַקוועמלעכקייטן, אַן אומאַנגענעמע שטערונג, אָבער קיין שום געפאַר פאַר דער ווייטערדיקער נאָרמאַלער אַנטוויקלונג פון „בונד" האָבן זיי מיט זיך ניט פאָרגעשטעלט.

אין משך פון די דאָזיקע עטלעכע יאָר איז דער „בונד" דורך אַלאַרמירנדיקע פּאַסירונגען אַוועקגעשטעלט געוואָרן פּנים אל פּנים מיט פיל מער ערנסטע געפאַרן. צו אַזעלכע פּאַסירונגען האָט געהערט די אַנטשטייאונג און אויסשפּרייטונג פון דער אידישער „אומאָפּהענגיקער אַרבעטער פּאַרטיי", וואָס איז געבאָרן געוואָרן מיט דער ברכה און אונטערשטיצונג פון דעם שעף פון דער פּאָליטישער פּאָליציי, פון דער „אָכראַנאַ" — זובאַטאָוו'ן, פון דעם מאָסקווער גענעראַל־גובערנאַטאָר, דעם גרויספירשט סערגעי און דעם גראַדאָנאַטשאַלניק טרעפּאָוו. אַ פּאָר פאַרדאָרבענע און כאַראַקטערלאָזע אַרעסטירטע און עטלעכע פּאָליטיש־אומוויסנדיקע האָבן זיך געלאָזט אַריינציען אין זובאַטאָוו'ס נעץ און אָננעמען פאַר אַ כשר'ע מטבע זיינע האָניק־זיסע רייד און כיטרע און פאַלשע

פֿאַרזיכערונגען, אַז די רעגירונג וועט פֿאַרבלייבן נייטראַל אין עקאָנאָמישע קאָנפֿליקטן פֿון די אידישע אַרבעטער מיט זייערע באַלעבאַטים און וועט ניט שטיין אין וועג פֿון לעגאַליזירן זייערע טרייד־יוניאָנס. דער לכתחילה׳דיקער דערפֿאָלג פֿון זובאַטאָוו׳ס תלמידים אין מינסק, וואו זעקס פּראָפֿעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס זיינען צוגעשטאַנען צו זיי, האָבן אין אַ געוויסער מאָס אַרויסגערופֿן אַ באַאומרואיקונג. אויב דער גיפֿטיקער געוויקס האָט זיך ניט איינגעפֿלאַנצט און פֿאַר׳סמ׳ט די נשמות פֿון די אידישע אַרבעטער אין אַ ברייטן פֿאַרנעם, אויב ער איז באַלד אויסגעוואָרצלט געוואָרן אויף אַלע מאָל, איז דאָס געווען צו פֿאַרדאַנקען דער פֿעסטער אָרגאַניזאַציע, דער פּאָליטישער רייפֿקייט און דעם גוט־אַנטוויקלטן קלאַסנבאַוואוסטזיין פֿון די אידישע אַרבעטערמאַסן, וואָס זיינען געשטאַנען אונטער די פֿענער פֿון „בונד".

צווישן די ציוניסטן האָט די „אומאָפּהענגיקע" פּאַרטיי געפֿונען „פֿאַרשטענדעניש" און אויסגעשטרעקטע אָרעמס. אַלס אַ באַלוינונג פֿאַר אַזאַ האַלטונג האָט די פּירערין און וואָרטזאָגערין פֿון די „אומאָפּהענגיקע", מאַניאַ ווילבושעוויטש, אפֿילו גע׳פּועל׳ט ביי איר פּריינט זובאַטאָוו׳ן, צו דערלויבן די רוסישע ציוניסטן אָפּצוהאַלטן אין מינסק לעגאַל זייערן אַ צוזאַמענפֿאָר. נאָך דער מיאוסער מפּלה, וואָס די שענדלעכע טעטיקייט פֿון די „אומאָפּהענגיקע" האָט געליטן, איז די זעלביקע ווילבושעוויטש געוואָרן אַ הייסע פּועלי־ציוניסטקע און שפּעטער עמיגרירט קיין פּאַלעסטינע. נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע זיינען אין די אַרכיוון פֿון דער פּאָליטישער פּאָליציי אויפֿגעדעקט געוואָרן קאָמפּראָמעטירנדיקע מאַטעריאַלן, וועלכע האָבן באַוויזן שוואַרץ אויף ווייס, אַז די דאָזיקע ווילבושעוויטש איז געווען אַן איבערגעבענע און געטרייע אינפֿאָרמאַטאָרשע פֿון אַלץ, וואָס זי האָט געוואוסט וועגן דעם „בונד" און וועגן זיינע באַקאַנטע טוער. אַ דאַנק איר „זויבערער" אַרבעט זיינען ניט ווייניק בונדיסטן אַריינגעפֿאַלן אין די לאַפּעס פֿון זובאַטאָוו׳ן.

אַן ערנסטע באַדייטונג אין לעבן פֿון „בונד" האָבן אויך געהאַט די געשעענישן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער מאַי־פֿייערונג און מיט די דעמאָנסטראַציעס אין ווילנע און מינסק. עס האָבן זיך פֿאַרן „בונד" דאַן געשטעלט אויסערגעוויינלעך וויכטיקע פּראָבלעמען — דער עיקר אין ווילנע, — וואו די אַרעסטירטע אַרבעטער־דעמאָנסטראַנטן זיינען אויף

פיאָנערן און בויער

אַ באַפעל און אין אַנוועזנהייט פון דעם צאַרישן סאַטראַפּ, דעם גענע־ראַל־גובערנאַטאָר פאָן־וואַל, מערדערלעך געשלאָגן און קערפּערלעך באַשטראָפט געוואָרן. די שענדלעכע, טויטלעכע באַליידיקונג פון דער אידישער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטערשאַפט האָט געשריען צום הימל. דער צאָרן, אויפגעבראַכטקייט און האַס קעגן באַרבאַרישע און חיה'שע פאַרפאָלגונגס־מעטאָדן פון די צאַרישע קנעכט האָבן זיך ספּאָנטאַן פאַר־שפּרייט ווי אַ פייער. די ווילדע עקזעקוציעס און דער נידערטרעכטיקער אַטענטאַט ניט בלויז אויף דער פרייהייט, נאָר אויך אויף דער ווירדע, אויפן כבוד פון רעוואָלוציאָנערן, איז געווען אומפאַרגלייכלעך מער ווי אַ פּאַטש אין פּנים דער אידישער אַרבעטערשאַפט און איר אָרגאַניזאַ־ציע, דעם „בונד". די בעסטיאַלישע מעשים, האָט מען גע'טענה'ט, מוזן באַשטראָפט ווערן, דער קאַפּשווינדלדיקער קאָשמאַר מוז פאַריאָגט ווערן, די מענטשלעכע ערע טאָר ניט מער זיין געטראָטן מיט די שמוציקע שטיוול פון די צאַרישע משרתים און תלינים, אימיצער מוז זיך נוקם זיין פאַר דער טייוולאָנישער טאַט, די נקמה מוז קומען . . .

די טעראָריסטישע שטימונג איז געבאָרן געוואָרן. זי האָט תיכף אַריינגעדרונגען אין אַלעמענס פאַרקלעמטע, מיט לייד אָנגעפילטע, הערצער.

און ווען דער בונדיסט, דער שוסטער־אַרבעטער הירש לעקערט, אַ מאַסן־מענטש אין דער באַוועגונג, האָט באַשלאָסן זיך אָנצונעמען פאַר דער צעטראָטענער ערע פון זיינע חברים, זייענדיק גרייט צו גיין אויף קידוש השם; ווען ער האָט געשאָסן אין פאָן־וואַל'ן און איז פאַר זיין העראָאישן אַקט אויפגעהאָנגען געוואָרן — דאַן איז מקויים געוואָרן אַ ספּאָנטאַנער וואונש, און עס האָט זיך געלאָזט הערן דער אַלגעמיינער געשריי: אַ צאָן פאַר אַ צאָן, אַן אויג פאַר אַן אויג . . .

אַ רעזאָלוציע וועגן דער „אָרגאַניזירטער נקמה", איז מיט אַ גרוי־סער מאַיאָריטעט שטימען אָנגענומען געוואָרן אויף דער פינפטער קאָנפערענץ (אין בערדיטשעוו) — און זי איז געווען אַ געטרייער אויס־דרוק פון אַט־די שטימונגען.

אַ שטימונג איז אַלע מאָל אַ צייטווייליקע, אַ פאַרבייגייענדיקע זאַך. די טעראָריסטישע טענדענצן זיינען געווען אַ ספּאָנטאַנע רעאַקציע פון באַליידיקטע מענטשלעכע געפילן און זיי האָבן ניט געקענט טיף אַריינ־

דזשאַן מילל

דרינגען אין דעם פּאַרטיי־באַוואוסטזיין און לאַנג אָנהאַלטן. דער מאַסן־כאַראַקטער פון דער בונדישער באַוועגונג און די אידעע וועגן קאָנסע־קווענטן קלאַסן־קאַמף אַלס איר רוקן־ביין האָבן ניט געקענט זיך פאַרן מיט דער טעראָריסטישער איינשטעלונג אפילו אין דער פאָרם פון אַן אָרגאַניזירטן נקמה־אַקט. די זעלבסטקריטיק און דער שטאַרקער ווי־דערשטאַנד פון דעם אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד" האָבן גע־בראַכט אַ גיכע און פולשטענדיקע אויסניכטערונג, און אין 1903, אויפן פינפטן צוזאַמענפאָר (אין ציוריך), איז די רעזאָלוציע איינשטימיק, אָן דעבאַטן, אָפגעשאַפט געוואָרן. דער באַדויערלעכער אָפּנייג פון דער אויספּרובירטער און אָנערקענטער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער טאַקטיק איז באַלד פאַרגעסן געוואָרן.

פּאָגראָמען און זעלבסטשוץ. — מיר שטעלן צו געווער

פּאַסירונגען פון גאָר אַנ׳אַנדער מין האָבן אינגיכן געצוואונגען דעם „בונד" אָנצואווענדן נייע מיטלען אין קאַמף, אויב ניט דירעקט קעגן דעם אָדער יענעם איינצלנעם רעפּרעזענטאַנט פון דער צאַרישער רעגירונג, איז — קעגן אירע געדונגענע און צעיושעטע קנעכט, קעגן דעם דורך איר אויפגעהעצעטן אָפּפאַל פון דער געזעלשאַפט און קעגן דעם אָפּגענאַרטן, אומוויסנדיקן המון.

דער גרויסער אויפשוואונג פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד און דער אַקטיווער און אָנגעזעענער אָנטייל, וואָס דער „בונד" האָט אין איר גענומען, האָבן באַוואויגן די צאַרישע מאַכטהאָבער אויסצואַרבעטן אַ טייוולשן פּלאַן ווי צו דערשטיקן די וואַקסנדיקע אומצופרידנקייט פון די פאָלקסמאַסן און דערטרינקען די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין אַ ים פון אידיש בלוט. אַן אַנטיסעמיטישע העצע איז פאַנאַנדערגעוויגט געוואָרן אויף אַן אומגעהערטן, קאָלאָסאַלן מאַסשטאַב. אומגעשטערט, ניט געהאַמעוועט פון דער צענזור, האָבן די אַנטיסעמיטישע צייטונגען, אפילו די האַלב־אָפיציעלע רעגירונגס־בלעטער, אָפן און ציניש גערופן צו בלוטיקע פּאָגראָמען און צו באַשטראָפן די אידישע „בלוט־זויגער" און שונאים פון צאַר. אין אַ סך אידישע שטעט האָבן זיך באַוויזן פאַרדעכטיקע, געהיימניספולע פאַרשוינען, זיי האָבן זיך אַרומגעדרייט אויף די מערק, צווישן די פויערים, אין שענקען, לעבן קירכעס און אַנדערע זאַמלונגס־פּלעצער. פינצטערע, דראָענדיקע, ניט קאָנטראָלירטע ידיעות, איינע פאַנטאַסטישער און אומגעלומפּערטער ווי די אַנדערע, האָבן זיך אַרומגעטראָגן אין דער לופטן. די שוואַרץ־מאה׳ניקעס האָבן זיך געריכמט מיט זייער נאָענטקייט צו דער רעגירונג; זיי האָבן געוואוסט צו דערציילן, אַז די רעגירונג האָט גאַראַנטירט שטראָפלאָזיקייט פאַר אַלע יענע, וואָס וועלן דורכפירן דעם ווילן פון צאַר און גוט אָנלערנען די חוצפה׳דיקע „זשידעס".

דזשאַן מיל

ווען די ערשטע פּאָגראָמען זיינען אויסגעבראָכן, איז דער „בונד״ פונדעסטוועגן ניט געווען צוגעגרייט ווי געהעריק זיי צו באַגעגענען. אפשר דערפאַר, ווייל אַלע די דאָזיקע ידיעות וועגן אַ פאַרשטייענדיקן אומגליק זיינען ניט גענומען געוואָרן ערנסט; אפשר אויך דערפאַר, ווייל אונזערע כוחות אין אַזעלכע שטעט ווי טשענסטאָכאָוו און קישי־נעוו — די ערשטע געליטענע ערטער — זיינען געווען זייער קליין און וועגן אַן אָרגאַניזירטן ווידערשטאַנד מצד די אידישע פאָלקסמאַסן קעגן די אָנפאַלער איז ניט געווען וואָס צו טראַכטן.

אַזוי אָדער אַנדערש, די ערשטע צוויי פּאָגראָמען זיינען דורכגע־פירט געוואָרן אין אַן אַטמאָספער פון אַן אַבסאָלוטער ווידערשטאַנדלאָזי־קייט מצד די גע׳רודפ׳טע, גע׳מזק׳טע, קוואַיִנירטע און ביז צום טויט גע־שלאָגענע אידן. שוין נאָך דעם טשענסטאָכאָווער פּאָגראָם (1902) איז אין דער „אַרבעטער שטימע״ אויסגעדריקט געוואָרן אַ פאַרוואורף צו די פּוילישע סאָציאַליסטן פאַר דעם, וואָס זיי האָבן ניט גענוג אויפגעקלערט די פּוילישע אַרבעטער און פּויערים וועגן די געפאַרן פון אַנטיסעמיטיזם. אין דער זעלבער צייט זיינען די אידישע פאָלקס־מאַסן גערופן געוואָרן אויף להבא ענערגיש זיך צו פאַרטיידיקן קעגן די אָנפאַלער. גענוי ווי זיך אַנטקעגנשטעלן, וואָס פאַר אַ פאָרמע די זעלבסטפאַרטיידיקונג זאָל אָננעמען, איז דערווייל ניט געווען אָנגעצייכנט.

דער קישינעווער פּאָגראָם (אַפּריל 1903) האָט איבערגעשטיגן אַלע פריערדיקע פּאָגראָמען אין רוסלאַנד אין דער צאָל גע׳הרג׳עטע, שווער און לייכט פאַרוואונדעטע, אין דער בעסטיאַלישקייט פון די פּאָ־גראָמשטשיקעס, אין דעם מאַטעריעלן שאָדן, וואָס ער האָט געבראַכט. אַ גרויל האָט אַרומגעכאַפּט דאָס גאַנצע ליבעראַלע און ראַדיקאַלע רוס־לאַנד און די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט. שרעק און כעס, צאָרן און עקל צו די דירעקטע און אומדירעקטע שולדיקע פון דער שחיטה האָבן אָנגעפילט די הערצער פון יעדן גוט־דענקענדיקן מענטשן, — נאָך מער, — ווען עס איז באַלד אויפגעדעקט געוואָרן, אַז דער אויפהעצער און אָנפירער פון פּאָגראָם איז געווען ניט קיין אַנדערער, ווי דער אַלמעכטיקער הערשער פון רוסלאַנד, דער אינערן מיניסטער פאָן פּלעווע.

אייגנטלעך, איז דאָס פון אָנהייב אָן ניט געווען קיין סוד. ער אַליין האָט דאָס אָפן אָנערקענט דורך זיינע דראָאונגען צו די אידן: אויב,

פּיאָנערן און בויער

האָט ער זיי געשראָקן, זיי וועלן ניט אָפּהאַלטן די אידישע יוגנט פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף, אין וועלכן זי מאַכט אויס אומגעפער אַ העלפט פון אַלע רעוואָלוציאָנערן, וועט ער מאַכן דאָס אידיש לעבן אומדערטרעגלעך. דער מאָהילעווער גובערנאַטאָר, ריידנדיק וועגן די האָמעלער געשעענישן, איז געגאַנגען נאָך ווייטער אין זיין אָפנהאַרציקייט, אָנרופנדיק די בונדישע טעטיקייט אַלס די הויפּט־סיבה פון די פּאָגראָמען.

מיטן פּאָגראָם אין האָמעל(סעפּטעמבער1903) הייבט זיך אָן אַ נייער קאַפּיטל אין דער טאַקטיק פון „בונד" אויפן געביט פון קאַמף־קעגן די פּאָגראָמען. מען האָט, נאַטירלעך, ניט פאַרוואָרפן די אַלטע מעטאָדן. אַ סאָציאַליסטישע אויפקלערונג צווישן דער קריסטלעכער באַפעלקערונג וועגן די סיבות און שעדלעכקייט פון אַנטיסעמיטיזם און ווי אים צו באַקעמפן מיט אַלע מעגלעכע מיטלען — געוויס! אומעטום און יעדן טאָג! אָבער — „איידער די זון וועט אויפגיין, וועט דער טוי אויספרעסן די אויגן"... אַן אָרגאַניזירטער באַוואָפנטער ווידערשטאַנד און זעלבסטשוץ איז געוואָרן ניט נאָר אַ לאָזונג, נאָר אַ רעאַל מיטל צו מאַכן די „פּאָגראָם־העלדן" טייער צו באַצאָלן פאַר זייער העלישער אַרבעט. דער באַרימטער העלדישער ווידערשטאַנד פון דעם בונדישן זעלבסטשוץ אין האָמעל האָט צוגעצויגן צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די ברייטסטע שיכטן פון דער געזעלשאַפט, אַרויפגעוואָרפן אַ טויט־שרעק אויף די כוליגאַנעס און געמאַכט אַן אומגעהויערן איינדרוק אויף די הויכע רעגירונגס־ספערן. די אידישע באַפעלקערונג, דער עיקר איר אָרעמער טייל, די עלנדע און פאַר׳חושכ׳טע, האָבן אָנגעהויבן צו זען אין „בונד" זייער איינציקן באַשיצער. די זעלבסטשוץ־אָרגאַניזאַציעס, אין זייער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג, זיינען געוואָרן אַן אויסגעצייכנטע שול פון באַוואָפנטן קאַמף קעגן דער צאַרישער רעגירונג. אויפן אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד" איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ נייער חוב — צו באַזאָרגן דעם זעלבסטשוץ מיט געווער. אַלץ, וואָס איז מעגלעך געווען אין אַט־דער הינזיכט, איז געטאָן געוואָרן. גלעב מיטניקאָוויטש איז אין אויפטראַג פון אויסלענדישן קאָמיטעט, ספּעציעל געפאָרן קיין ליעזש, בעלגיע, איינצוקויפן רעוואָלווערן — און אַ גרויסער טראַנספּאָרט ברוינינגס איז אַריבערגעשיקט געוואָרן אין רוסלאַנד.

די כוואַליע פון פּאָגראָמען האָט געבראַכט מיט זיך היסטאָריש־

דזשאָן מילל

וויכטיקע און ווייט־גייענדיקע רעזולטאַטן. מחמת דעם שרעק פאַר נייע פּאָגראָמען, דער אומזיכערקייט און געפאַר פון אידישן לעבן אין רוס־לאַנד איז אומגעהויער אויסגעוואַקסן די עמיגראַציע. צענדליקער טויזנטער נפשות האָבן זיך אַ לאָז געטאָן וואו נאָר אָן אויג האָט גע־טראָגן — קיין אַמעריקע, קיין אַפריקע, אין אַנדערע קאָנטינענטן און לענדער, וואו זיי האָבן געזוכט אַ רואיקן ווינקל און מענטשלעכע לעבנס־באַדינגונגען. פון דער אַנדער זייט האָבן די ציוניסטן אָנגעהויבן צו אַנט־וויקלען אַ שטורמישע פּראָפּאַגאַנדע פאַר זייערע צילן. זייער פירער, דר. הערצל, אַנשטאָט אויפצוהויבן אומעטום אַ גוואַלטיקן פּראָטעסט קעגן דעם מערדער און תליון, פאָן פּלעווע׳ן, איז גאָר געקומען קיין פּעטער־בורג צו איבערצייגן אים, דעם תליון גופא, אַז ס׳איז אין די בעסטע אינ־טערעסן פון רוסלאַנד ניט צו שטערן דער ציוניסטישער באַוועגונג, נאָר אדרבה, צו געבן איר אַ פרייע האַנט. זיין משונה׳דיקער לייכטזיניקער איינפאַל האָט אַרויסגערופן אַן אַלגעמיינע פאַרביטערונג און אַ שאַרפע קריטיק ביי אַלע אידישע פּאָליטישע גרופּירונגען, מיטן אויסנאַם, נאַ־טירלעך, פון די ציוניסטן. אין ווילנע, וואו הערצל האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף זיין צוריק־רייזע, האָבן די ציוניסטן אַפילו געמאַכט אים אַ באַ־גייסטערטע אָוואַציע.

קאַרל קאַוטסקי און די אידן־פראַגע. — זיין פריינטשאַפט צום „בונד"

די אַנטי־אידישע פּאָגראָמען — דער עיקר דער קישינעווער פּאָגראָם — האָבן, ווי שוין געזאָגט, אויפגערודערט די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט. די באַרבאַרישע רוסישע רעגירונג האָט זיך אַנטפּלעקט מיט איר גאַנצער שאַנד. אין דער גאַנצער וועלט האָט מען געטאַדלט אירע אוממענטשלעכע פאַרברעכנס. אין דער זעלבער צייט האָבן די פּאָגראָמען אויפגעדעקט די אומדערטרעגלעכע מאַטעריעלע און פּאָליטישע לאַגע פון די אידן אין רוסלאַנד, די אויסנאַהמס־פּאָליטיק און געזעצלאָזיקייט, וואָס איז אָנגעווענדעט געוואָרן לגבי זיי, די הפקר־וועלט, אין וועלכער זיי איז אויסגעקומען צו לעבן. די באַקאַנטסטע פּראָגרעסיווע שרייבער און פּאָליטיקער אין אייראָפּע און אויסער אייראָפּע האָבן זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט די לעבנס־באַדינגונגען פון די אידישע פאָלקסמאַסן און פּרובירט אויסצוגעפינען אָדער אויסצוטייטשן די טיפערע סיבות — נישט פון די פאַרפאָלגונגען מצד דער רוסישער רעגירונג, ווייל דער אייגנטלעכער זין פון זיי האָט זיך נישט געפּויטיקט אין אויפקלערונגען — נאָר פון דער שנאה און פאַראַכטונג, וועלכע געוויסע שיכטן פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג האָבן אַרויסגעוויזן קעגן זיי. אין דעם בונטן פּיל־טאָניקן כאָר פון די שטימען, וואָס האָבן רעאַגירט אויף די געשעענישן, האָבן אונז אָם מייסטן אינטערעסירט די שטימען פון פּראָמינענטע פירער און טעאָרעטיקער פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און מער פאַר אַלץ און אין דער ערשטער ריי די מיינונג פון קאַרל קאַוטסקי.

פאַר וואָס דוקא פון קאַוטסקין?

דאָס צו פאַרשטיין דאַרף מען זיין פעאיק אין די געדאַנקען זיך אַריבערצוטראָגן אין יענער צייט און וויסן וואָס פאַר אַן אַרט קאַוטסקי

דזשאַן מילל

האָט דאַמאָלט פאַרנומען אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און ווי גרויס זיין אויטאָריטעט איז געווען. פאַר אונז פלעגן קאַוטסקי׳ס מיינונגען ווייט איבערוועגן די מיינונגען פון אַלע אַנדערע באַוואוסטע סאָציאַליסטישע טעאָרעטיקער און פאָליטיקער. די דאַמאָלסטיקע גענעראַציע סאָציאַליסטן האָט זיך באַצויגן צו אים גאָר־גאָר אַנדערש, ווי די סאָציאַליסטן פאַר די לעצטע פאָר צענדליק יאָר. איך געדענק מיין איבערראַשונג איבער דעם שוואַכן אָפּקלאַנג וואָס קאַוטסקי׳ס טויט, אין 1938, האָט דאָ אין אַמעריקע, געפונען אפילו אין די סאָציאַליסטישע קרייזן. זיין טויט איז אויפגענומען געוואָרן כמעט גלייכגילטיק. דער גרויסער פאַרלוסט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג האָט אַרויסגערופן בלויז קורצינקע אַרטיקלען און קאָמענטאַרן, עטלעכע ביאָגראַפישע און ביבליאָגראַפישע נאָטיצן, מאָגערע איבערזיכטן פון זיין געזעלשאַפטלעכער און ליטעראַרישער טעטיקייט אין געציילטע צייטונגען. דאָס אַלץ! דער אָרגאַן פון דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי, ריידנדיק וועגן קאַוטסקי׳ס ליטעראַרישער שאַפונג, האָט פאַרגעסן אַפילו צו דערמאָנען די „נויע צייט", דעם דייטשן טעאָרעטישן וועכנטלעכן זשורנאַל, וואָס קאַוטסקי האָט רעדאַקטירט פון 1883 ביז 1916 און וועלכער האָט געהאַט אַזאַ אומגעהויער גרויסע השפעה אויף דער אַנטוויקלונג פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם און פון דער מאַרקסיסטשער אידעאָלאָגיע. די קאַמפּאַניע וואָס דער זשורנאַל האָט דורכגעפירט קעגן בערנשטיינ׳ס רעוויזיאָניזם און קעגן אַלע פאָרמען פון אָפּאָרטוניזם אין די סאָציאַליסטישע רייען, וועט בלייבן איינע פון די גלאָררייכסטע בלעטלעך אין דער געשיכטע פון קאַמף פאַר׳ן מאַרקסיזם.

די יונגע גענעראַציע סאָציאַליסטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט ווייניק געהערט וועגן קאַוטסקי׳ן, ווייניק אים געקענט און נאָך ווייניקער אים געלייענט. די קאָמוניסטן און זייערע אָפּצווייגונגען — טראָצקיסטן, לאָווסטאָניסטן, א. אז. וו., האָבן ניט געקענט פאַרגעבן קאַוטסקין זיין קעגנערשאַפט צום באָלשעוויזם און צו די באָלשעוויסטישע קאַמף־מעטאָדן, זיי האָבן אים דעריבער ביי יעדער געלעגנהייט פאַרשריען ווי אַ פאַררעטער פון מאַרקסיזם און פאָרגעשטעלט ווי אַ וואולגאַרן קליינבירגערלעכן פיליסטער. אונטער זייער איינפלוס האָבן

פיאָנערן און בויער

אַ סך אַפילו אַזוי־גערופענע לינק־סאָציאַליסטישע עלעמענטן אַרויסגע־וויזן בנוגע קאַוטסקי׳ן נישט נאָר אַ גלייכגילטיקייט, אָדער איגנאָרירונג, נאָר אַפילו אַ פיינטשאַפט. מען ווייסט דאָך: „אַ טראָפּן נאָך אַ טראָפּן שפּאַלטן אַ שטיין״ . . .

אין אייראָפּע האָט קאַוטסקיס טויט אַרויסגערופן אַ פּיל טיפערן טרויער און די סאָציאַליסטישע פּרעסע האָט אין צאָלרייכע אַרטיקלען געשילדערט זיין לעבן און פּיליזייטיקע אַרבעט. פון דעם פאַרהעלטניס־מעסיקן רייכן מאַטעריאַל האָבן די לייענער געקאָנט קריגן אַ קלאָרן באַגריף וועגן זיין שטעלונג אין אַלע פראַגן פון סאָציאַליסטישער טעאָ־ריע און פּראַקטיק. מיט איין אויסנאַם — און דאָס איז זיין באַציאונג צו דער אידישער פראַגע. איך האָב ניט געפונען אפילו עטלעכע שורות, וואָס זאָלן אָנדייטן ווי ער האָט רעאַגירט אויף די אידישע פּראָבלעמען.

און עס איז גראָד געווען וועגן וואָס צו שרייבן. קאַוטסקי האָט געזוכט צו באַקענען זיך מיט דער אידישער פראַגע, ביי אַ סך געלעגענ־הייטן האָט ער זי באַרירט און פּרובירט געבן אַן ענטפער אויף איר.

וועגן זיין טיפער פאַראינטערעסירונג אין דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג און אין דעם לעבן פון די אידישע פאָלקסמאַסן אין דעם דאַמאָלסטדיקן רוסלאַנד בכלל איז מיר באַשערט געווען צו איבערצייגן זיך פערזענלעך. איך האָב אים באַזוכט סוף 1903, אין פרידענוי־בערלין, אין אויפטראַג פון דעם אויסלענדישן קאָמיטעט אונזערן. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ ספּעציעלער הקדמה פאַר דער אידישער אויסגאַבע פון „ערפורטער פּראָגראַם״. גערעכט האָב איך זיך, אַז מיין וויזיט וועט געדויערן אַ 10־15 מינוט, אָבער קאַוטסקי האָט מיך פאַרהאַלטן אויף אַ פּאָר שעה. אין דעם געראַמיגן, ליכטיקן און אויסערגעוויינלעך ציכטיקן אַרבעט־צימער, ביי זיין גרויסן שרייב־טיש, ביי גלעזער טיי, וואָס זיין פרוי האָט פאַר אונז ביידן אַריינגעטראָגן, האָט קאַוטסקי, רואיק און געלאַסן ווי אַ פּראָפעסאָר, פּשוט מיך באַוואָרפן מיט פראַגן וועגן אונזער באַוועגונג, וועגן אירע פאָרמען און אינהאַלט, וועגן די פּאָגראָמען און אונזער קאַמף קעגן זיי. צייטנווייז האָט ער מיך אויך אויסגעפרעגט וועגן אונזערע באַציאונגען צו דער „איסקראַ״־גרופּע, צו דער פּ.פּ.ס. און פּ.ס.ד. ער האָט זייער געוואָלט וויסן ווי ווייט אמת׳דיק עס זיינען געווען די אינפאָרמאַציעס, וואָס מען האָט אים צוגעשטעלט, אַז די אָנהענגער

דזשאָן מילל

פון פּ.פּ.ס. רעקרוטירן זיך כמעט אויסשליסלעך פון דער פּריצ׳ישער נאַציאָנאַליסטישער אינטעליגענץ און פון קליין־בירגערלעכע עלע־מענטן בשעת די פּראָלעטאַרישע מאַסן פאָלגן נאָך די ס.ד.פּ.—אַזוי מסתמא האָבן אים אינפאָרמירט ראָזאַ לוקסעמבורג און מאַרכלעווסקי . . . אָבער דער עיקר נאַטירלעך האָבן קאַוטסקי׳ס פראַגן געהאַט צו טאָן מיטן לעבן און קאַמף פון די אידישע אַרבעטער און פון „בונד״.

ווי באַוואוסט, איז קאַוטסקי גלייך נאָכן קישינעווער פּאָגראָם אַרויס־געטראָטן מיט אַן אַרטיקל אין דער „נייער צייט״, אין וועלכן ער האָט פאַרנומען אַ שטעלונג פאַר הונדערט־פּראָצענטיקער אַסימילאַציע. די רפואה, וואָס ער האָט פאַרשריבן קעגן דער אַנטיסעמיטישער מגפה, איז באַשטאַנען אין דעם, אַז אידן דאַרפן זיך אַסימילירן ניט נאָר פּאָלי־טיש, נאָר אויך קולטורעל, אין שפּראַך, אין אויסערלעכן אויסזען, אין מאַ־נערן און געוואוינהייטן — אַזוי, אַז מען זאָל איינפאַך ניט קאָנען אונטער־שיידן אַ איד פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג. דער אַרטיקל איז דאָן געווען וואַסער אויפן מיל פון אַלע קעגנער און שונאים פון דער בונ־דישער זעלבסטשטענדיקער אָרגאַניזאַציע און פון „בונד׳ס״ נאַציאָנאַלע פּאָסטולאַטן. די פּוילישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן — ראָזאַ לוקסעמבורג און דזיערזשינסקי — האָבן דעם אַרטיקל גלייך איבערגעדרוקט אויף פּויליש אין אַ באַזונדערער בראָשורע. דאָס גלייכן האָט די „איסקראַ״ איבערגעדרוקט דעם אַרטיקל אויף רוסיש.

אָבער זייער גיך האָט קאַוטסקי זיין שטעלונג עטוואָס געענ־דערט, אויפווייזנדיק, אַז די אידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג — כאָטש ניט אויסשליסלעך ווי אַ אידישע — קאָן שפּילן אַ גרויסע ראָלע און האָט אַ היסטאָרישע באַרעכטיקונג. אין 1904 האָבן די אידישע סאָ־ציאַליסטן אין ענגלאַנד אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ צייטונג אונטער דעם נאָמען „נייע צייט״. דער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג איז געווען ראָט־שטיין, אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט, דער סעקרעטאַר פון דער רעדאַקציע פון דער צייטונג — לעווין, אַ מינסקער בונדיסט. זייענדיק אין דער שווייץ, האָט ראָטשטיין מיך באַזוכט אין מאָנטרע און פאָרגעשלאָגן צו שרייבן אין זיין צייטונג וועגן דער בונדישער באַוועגונג. אויב מיין זכרון נאַרט מיך נישט, האָב איך צוגעשיקט בלויז איין קאָרעספּאָנדענץ. ער, פון זיין זייט, איז געוואָרן אַ מיטאַרבעטער אין בונדישן „וועקער״ אין ווילנע

פיאָנערן און בויער

ווי נאָר דער לעצטער האָט אָנגעהויבן דערשיינען. שפּעטער איז ער געוואָרן אַן אָפטער מיטאַרבעטער אין דער „פאָלקסצייטונג" נאָכדעם ווי דער „וועקער" איז פאַרבאָטן געוואָרן. נאָך דער אָקטאָבער רעוואָלוציע האָט ראַטשטיין זיך צוריקגעקערט קיין רוסלאַנד, צוגעשטאַנען צו די באָלשעוויקעס און יאָרן־לאַנג פאַרנומען ביי דער סאָוועט־רעגירונג וויכטיקע אַמטן. אָבער דאָס אַלץ — אגב אורחא. ווען ראַטשטיינ׳ס „בייע צייט" האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען, האָט קאַוטסקי צוגעשיקט צו איר אַ באַגריסונג, וואָס איר אינהאַלט האָט זיך געפונען אין אַ גרויסער סתירה מיט הונדערט־פּראָצענטיקער אַסימילאַציע.

„. . . עס איז גאָר נישטאָ קיין ספק", האָט ער געשריבן, „אַז צוליב זייערע באַזונדערע גייסטיקע אייגנשאַפטן, ווי אויך צוליב זייער באַזונדערער געזעלשאַפטלעכער לאַגע, שפּילן אידן אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אַן אויסערגעוויינלעך גרויסע ראָל. מען דאַרף גאָרניט געהערן צו יענע ראַסן־טעאָרעטיקער, וועלכע דערקלערן אַלע היסטאָרישע פּראָצעסן מיט ראַסן־אייגנשאַפטן פון פעלקער, און פונדעסטוועגן אַנערקענען, אַז יעדע נאַציע וויַיזט אַרויס אירע באַזונדערע גייסטיקע און פיזישע אייגנשאַפטן . . . עס איז אַ פאַקט: אַ גייסטיקע פיזיאָגנאָמיע פון אידנטום עקזיסטירט און זי דערשיינט הויפּטזעכלעך אין אַן אויסעראָרדענטלעכן כח פון אַבסטראַקציע און אין אַ שאַרף־אויסגעדריקטער קריטישער מענטאַליטעט. אַ דאַנק אַט־דעם פאַקט האָבן אידן, זינט זיי זיינען צוגעשטאַנען צו דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע, געגעבן אפשר מער דענקער, ווי וועלכעס ניט איז אַנדער פאָלק, און אַזעלכע נעמען, ווי שפּינאָזאַ, רעקאַרדאָ, מאַרקס באַדייטן גאַנצע עפּאָכן אין דער געשיכטע פון מענטשלעכן געדאַנק.

„אָבער אַזוי ווי די אידן פון דער צייט אָן, ווען זיי האָבן אויפגעהערט צו זיין אַ זעלבסטשטענדיקע נאַציע, געהערן אין אַלגעמיין צו די אונטערדריקטע קלאַסן, האָבן זיי אַוועקגעגעבן זייער כח פון אַבסטראַקציע, זייערע קריטישע פעאיקייטן הויפּטזעכלעך צו דינען דעם רעוואָלוציאָנערן געדאַנק. זיי צייכענען זיך דעריבער אויס מיט גרויסע אויפטוען פאַר דער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג אין אַלע לענדער . . . אויב די אידישע פּראָלעטאַריער וועלן אַנטוויקלען אין ענגלאַנד אַ שטאַרקע סאָציאַליסטישע באַוועגונג, וועלן זיי אַרבעטן ניט בלויז פאַר זיך, נאָר

דזשאָן מילל

פאַר דער גאַנצער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג, און די ראָל וואָס זיי אַליין וועלן אין איר אויספירן וועט זיין אַ מין היוון.

„אָרעמע, אומוויסנדיקע, אונטערדריקטע, נישט קענענדיק די שפּראַך, קומען זיי פון רוסלאַנד קיין ענגלאַנד און ווערן קרבנות פון דער שווערסטער עקספּלואַטאַציע, אָבער שוין אין משך פון אַ קורצער צייט אָרגאַניזירט זיך דער אידישער אַרבעטער, טרעט אַרויס אין קאַמף מיט זיינע עקספּלואַטאַטאָרן, הויבט זיך אַרויף צו דער העכסטער פאָרם פון פּראָלעטאַרישן קלאַסן־קאַמף — צום סאָציאַליזם, און אויף אַזאַ אופן ווערט דער זעלביקער אידישער אַרבעטער — ווען מען האָט באַ־געגנט ווי אַ לוין־דריקער — פאַרוואַנדלט אין אַ פאַרקעמפער, וואָס ווייזט די ענגלישע אַרבעטער, אַז די סאָציאַליסטישע טעאָריע לעבט זיך זייער שיין צוזאַמען מיטן קאַמף פאַר זיינע טאָג־טעגלעכע אינטערעסן; ער ווייזט אים, אַז סאָציאַליזם, ניט נאָר וואָס ער שטערט ניט דער אמת׳ער פּראַקטישער קלאַסן־פּאָליטיק פון פּראָלעטאַריאַט, נאָר פאַר־קערט, ער באַשאַפט די מעגלעכקייט פון אַזאַ פּאָליטיק. געבנדיק אויף אַזאַ אופן די ענגלישע אַרבעטער אַן אָנשוילעכע לעקציע פון סאָציאַ־ליזם — און נישט אין דער ראָלע פון שול־לערער, נאָר ווי חברים — פירן דורך די אידישע אַרבעטער אַ מער פּראָדוקטיווע פּראָפּאַגאַנדע, ווי דאָס קאָנען טאָן אַלערליי טעאָרעטישע רעדעס און שריפטן . . . די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג איז וויכטיק ניט ווי אַן אויסשליסלעכע אי־דישע באַוועגונג, נאָר ווי אַ טייל פון גרויסן קלאַסן־קאַמף פון פּראָלע־טאַריער פון אַלע לענדער און ראַסן . . .

אין 1908 געפינט קאַוטסקי ווידער אַ געלעגנהייט זיך אַרויסצו־זאָגן אין דער אידישער פראַגע. די געלעגנהייט האָט אים געגעבן אָטאָ בויער׳ס בוך: „די נאַציאָנאַלע פראַגע און די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע״. קאַוטסקי האָט אָנגעשריבן אַ קריטיק פון בוך אונטער דעם נאָמען: „נאַציאָנאַליטעט און אינטערנאַציאָנאַליטעט״ וואָס איז געוועזן אָפּגע־דרוקט אַלס אַ ביילאַגע צו דער דייטשער „נייער צייט״. ווען מען זאָל איצט איבערלייענען דאָס ביכל וואָלט מען געפונען קאַוטסקי׳ס מיי־נונגען וועגן אידן פשוט משונה׳דיק, אַלט, פול מיט ווידערשפּרוכן, ניט אָריגינעל. ער איז איינשטימיק מיט בויער׳ן, אַז אידן אַלס אַ נאַציע, האָבן ניט קיין צוקונפט. אידן ריידן אויף פאַרשיידענע שפּראַכן. גע־

הערן דען ניט יענע אידן, וועלכע ריידן דייטש, צו דער דייטשער נאַציע, וואָס ריידן פראַנצויזיש — צו דער פראַנצויזישער נאַציע? — פרעגט קאַוטסקי. אַלס אַ באַזונדערע נאַציע פילן זיך די אידן בלויז אין מזרח־אייראָפע, וואו זיי ריידן זייער אייגענע שפּראַך, אידיש, וואָס איז אַ פאַרדאָרבענע דייטשע שפּראַך. דאָס אידנטום איז אַמאָל געווען אַ נאַציע, אָבער מיט דער אַנטשטייאונג פון קריסטנטום און דער צעשטערונג פון ירושלים האָט עס זיך פאַרוואַנדלט אין אַ באַזונדערע ראַסע. די ראָל, וואָס די אידן האָבן געשפּילט אין מיטל־אַלטער, און איצט אין מזרח־אייראָפּע, מאַכט זיי מער ענלעך צו אַ קאַסטע, און נישט צו אַ נאַציע. אַלע פּראָבעס אויפצוהאַלטן די אידן אַלס אַ נאַציע זיינען פּאַקטיש בלויז פּראָבעס צו פאַרזיכערן זייער עקזיסטענץ אַלס אַ קאַסטע. אין אַ מאָדערנער מלוכה איז דאָס אומדענקבאַר. אַזאַ שטרעבונג קאָן מען זיך נאָר פאָרשטעלן אונטער דער שענדלעכער הערשאַפט פון דער מאָסקאָוויטישער ביוראָקראַטיע אָדער פון די רומענישע באָיאַרן . . . און אַרויסגייענדיק פון אַזאַ שטאַנדפּונקט, זעט ניט קאַוטסקי די מעגלעכקייט אָנצואווענדן די לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע, ווי דאָס האָבן פאָרגעשלאָגן די סאָציאַליסטן אין עסטרייך, צו די אידן.

פונדעסטוועגן, טראָץ דעם גרויסן מהלך, וואָס האָט אָפּגעטיילט קאַוטסקי׳ן פון „בונד“, אין זיין שטעלונג צו דער אידישער נאַציאָנאַלער פראַגע, האָט ער אַלע מאָל זיך באַצויגן צו אים מיט דער גרעסטער סימפּאַטיע און פאַראינטערעסירונג. אין דער הינזיכט זיינען זייער כאַראַקטעריסטיש צוויי זיינע אַרויסטרעטונגען.

צו דעם 25טן יובילײ־נומער פון דער „אַרבעטער שטימע“ (1901) האָט ער צוגעשיקט אַ באַגריסונג אונטער דעם קעפּל „דער פּאַריאַ צווישן פּראָלעטאַריער“. דאָס איז געווען אַן אמת׳ע גלאָריפיצירונג פון דער באַוועגונג פון די אידישע אַרבעטער, פון די אידישע „פּאַריער“ אָנגעפירט דורכן „בונד“.

„. . . אויב דעם רוסישן פאָלק“, האָט קאַוטסקי געשריבן, „איז ערגער ווי אַנדערע פעלקער; אויב דער רוסישער פּראָלעטאַריאַט ווערט עקספּלואַטירט מער ווי אַ וועלכער ניט איז אַנדערער פּראָלעטאַריאַט אין דער וועלט, — איז נאָך פאַראַן אין רוסלאַנד אַזאַ שיכט פון פּראָלעטאַריער, וועלכע זיינען נאָך מער געדריקט, נאָך מער עקספּלואַטירט,

ד ז ש אָ ן   מ י ל

מיט וועמען מען באַגייט זיך נאָך ערגער, — אַט דער שיכט פּראָלעטאַריער, 'די פּאַריער צווישן די פּאַריער' — דאָס זיינען די אידישע אַרבעטער אין רוסלאַנד. עס איז גענוג שלעכט צו זיין אַ רוס, נאָך ערגער איז צו זיין אַ פּראָלעטאַריער און אין צוגאָב נאָך אַ רוסישער פּראָלעטאַריער; עס איז גענוג ביטער צו זיין אַ איד, צו געהערן צו אַזאַ שטאַם פון מענטשן, וועלכע מען פאַראַכטעט, אָבער גלייכצייטיק צו זיין אַ רוסישער איד און אַ פּראָלעטאַריער דערצו — מיינט דאָס צו פאַראייניקן אין זיך אַלע ליידן, צו זיין אויסגעשטעלט צו אַלע געמיינהייטן און פאַרפאָלגונגען, מיט וועלכע עס וואַרפט זיך אַרויף אויף אַ גאַנצן קלאַס אַ גרויזאַמער הערשער מיט נידעריקע אינסטינקטן און מיט דער טפשות פון אַ רוצח.

„אָבער דערפאַר איז נאָך הערלעכער און דערהויבן דער פאַקט, וואָס דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט אין רוסלאַנד האָט זיך איינגעגעבן, טראָץ וואָס אים איז שווערער צו קעמפן איידער אַלע אַנדערע, זיך אויפצוהויבן פון אַ פאַראַכטעטער לאַגע און צו באַשאַפן אַ באַוועגונג, וועלכע איז שוין געוואָרן אַ שטאַרקער פאַקטאָר אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און אין דער אינערלעכער רוסישער פּאָליטיק . . .

„ווען אַזאַ דערנידעריקטער שיכט מענטשן, ווי די אידישע אַרבעטער אין רוסלאַנד, זיינען בכח זיך צו דערהויבן און מיט איבערמענטשלעכער קראַפט זיך קעגנשטעלן די שטערונגען, קענען מיר מיט אַ פעסטן גלויבן אין אַן אומפאַרמיידלעכן נצחון קוקן אויף דער צוקונפט.

„די אידעע פון סאָציאַליזם — אַט דאָס גיט דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט מוט אַרויסצוטרעטן מיט דערפאָלג קעגן דער שטאַרקער אונטערדריקונג מצד דעם רוסישן דעספּאָטיזם און קאַפּיטאַליזם. די אידעע, דער ענדציל פון סאָציאַליזם, וואָס שיינט צו אונז פון ווייטן — אַט דאָס איז יענע זון, וועלכע גיט אונז לעבן און וואַרעמקייט און דערהויבט אונז אַלעמען; יענע זון, וואָס באַוועגט אונז צו האָבן ליב דאָס לעבן פול מיט ליידן. אין איר שעפּן מיר כח, ווען מיר פאַלן אַרונטער און הויבן זיך ווידער אויף. זי וועט אונז פירן צום נצחון, צו וועלכן

פיאָנערן און בויער

מיר גייען האַנט אין האַנט אָן אונטערשייד פון געשלעכט, נאַציע, ראַסע".

36 יאָר שפּעטער האָט קאַוטסקי ווידער באַגריסט דעם „בונד", דעם מאָל שוין דעם פּוילישן. צום 40־יאָריקן יובילעאום פון „בונד" האָט ער געשריבן צום „בונד" אין פּוילן: „עס איז געווען ניט לאַנג נאָך דער גרינדונג פון „בונד" — איך האָב דאַן געהאַט אַ געלעגנהייט זיך אַרויסצוזאָגן וועגן די אַנטי־אידישע רדיפות אין רוסלאַנד. איך האָב פעסטגעשטעלט, אַז קיין שום פּראָלעטאַריאַט אין אייראָפּע לעבט ניט אין אַזאַ צושטאַנד פון אונטערדריקונג, ווי דער פּראָלעטאַריאַט אונטער דעם צאַרישן קנוט; אַז דאָס זיינען אמת'ע פּאַריער; אָבער אַז די סאַמע אונטערדריקטע אין אָט־דעם פּראָלעטאַריאַט זיינען די אידי־שע פּראָלעטאַריער — אַז דאָס זיינען פּאַריער צווישן פּאַריער.

„זייט דאַן זיינען פאָרגעקומען אָן אַ שיעור גוואַלדיקע איבערקע־רענישן, נאָר אין דער לאַגע פון די אידישע אַרבעטער האָט זיך ניט פיל געביטן. . . .

„די סיטואַציע אָבער איז דאָך שוין מער ניט די זעלביקע ווי אַמאָל. זייט 1914 איז די גאַנצע וועלט אַריינגעפאַלן אין אַ צושטאַנד פון אומאויפהערלעכן אומרו, פון אַ סעריע קאַטאַסטראָפעס, וואָס איינע יאָגט די אַנדערע, און וואָס וועלן זיך ניט ענדיקן אַזוי לאַנג, ביז — אָדער אייראָפּע וועט ליגן אין חורבות, אָדער עס וועלן באַקומען די אויבערהאַנט די יעניקע פאַקטאָרן, וואָס קאָנען ברענגען די מאַסן שלום, פרייהייט און וואוילשטאַנד און אַזוי אַרום מעגלעך מאַכן אַ צו־שטאַנד פון דויערנדיקער זיכערקייט און רו.

„צוצוהעלפן צום זיג פון די דאָזיקע פאַקטאָרן — דאָס איז דער חוב פון יעדן איינעם ,וואָס האָט ליב זיין פאָלק — דאָס אַרבעטנדיקע פאָלק. גרויסע, שווערע קאַמפן וועט די דאָזיקע לאַגע געבוירן. אָבער דאָס זיינען ניט קיין זאַכן, פאַר וועלכע עס זאָל זיך ווען ניט איז האָבן געשראָקן דער „בונד". און דאָס וועט אים, פאַרשטייט זיך, אויך ווייטער ניט אָפּשרעקן.

„דעריבער פייערן מיר ניט נאָר די רומפולע פאַרגאַנגענהייט פון „בונד": מיר פייערן די דאָזיקע פאַרגאַנגענהייט אין דער דערוואַרטונג פון אַ הערלעכער צוקונפט, צו וועלכער עס פירט אונז אַנטקעגן זיין

מוט און קלוגשאַפט און זיין סאָלידאַריטעט מיט דער גאַנצער נישט־אידישער אַרבעטערשאַפט פון פוילן און פון דער וועלט״ . . .

אָט־די ווערטער — ערטערווייז נביא׳ישע — האָט קאַוטסקי געשריבן אומגעפער אַ יאָר פאַר זיין טויט.

צום סוף מוזן מיר נאָך צוגעבן אָט וואָס: אויף דער איינלאַדונג פון צ. ק. צו קומען אַלס גאַסט צום 7טן צוזאַמענפאָר פון „בונד״ (לעמבערג, סוף אויגוסט 1906) האָט קאַוטסקי צוגעשיקט צום צ. ק. אַ לענגערן אַרטיקל אין דער פאָרם פון אַן ענטפער אויף דער איינלאַדונג, מיט באַגייסטערטער אָנערקענונג פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף פון „בונד״. דער בריוו איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער ווילנער „פאָלקסצייטונג״ אין ליטוואַק׳ס אַ בריוו פון צוזאַמענפאָר.

סוף 1938 איז אין דער וואַרשעווער „פאָלקסצייטונג״ געווען אָפּגעדרוקט אַ בריוו פון אַמסטערדאַם, אַ געוויסע צייט נאָכן טויט פון קאַרל קאַוטסקי, פון אַמסטערדאַמער „שטענדיקן קאָרעספּאָנדענט״ פון דער צייטונג. דער קאָרעספּאָנדענט דערציילט וועגן זיינס אַ וויזיט ביי לואיזע קאַוטסקי, דער אלמנה פון קאַרל׳ען, און גיט איבער אין איר נאָמען, אַז קורץ פאַר זיין טויט האָט קאַרל קאַוטסקי אָנגעשריבן זיין פּאָליטישע צוואה אין דער פאָרם פון אַ בריוו צו זיינע פריינט. איין עקזעמפּלאַר פון „בריוו״ האָט ער געשיקט צו גאַרווי אין פּאַריז און אים געבעטן איבערגעבן אַ גענויע קאָפּיע פון דעם בריוו צו פראַנץ קורסקי, מיט וועמען קאַרל איז געווען פערזענלעך באַפריינדעט פיר צענדליק יאָר. גאַרווי האָט הייליק צוגעזאָגט קורסקי׳ן אָראָפּצונעמען פאַר אים אַ קאָפּיע פונם בריוו. צוליב פאַרשידענע סבות האָט עס זיך פאַרשלעפּט (ווי עס שיינט, האָט גאַרווי צוערשט געוואָלט אָפּדרוקן דעם דאָקומענט אין מענשעוויסטישן „וועסטניק״). און הגם גאַרווי איז געווען אַ זעלטן איידעלער און געוויסנהאַפטער מענטש, האָבן די מאָנונגען ניט געהאָלפן, און ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה, האָט גאַרווי אין איילעניש פאַרבאַהאַלטן דעם בריוו צוזאַמען מיט אַנדערע מאַטעריאַלן, און ס׳איז שוין ניט מעגלעך געווען צו באַקומען אַ קאָפּיע פונם בריוו. (גאַרווי איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק אין 1944, 63 יאָר אַלט.)

קראָקע. — דזיערזשינסקי, קולטשיצקי, סינאַי, פירסטענבערג — דאַשינסקי

איך האָב זיך געפונען אין בערלין, ווען גאָר אומדערוואַרטעט איז אָנגעקומען אַ בריוו פון די דאַווגיערד׳ס מיט אַן איינלאַדונג צו קומען צו זיי אין קראָקע „אויב וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע פליכטן שטייען מיר ניט אין וועג״. זיי האָבן גראַד דאַן פאַרלאָזן וואַרשע און, קלייבנדיק זיך צו פאַרברענגען עטלעכע חדשים אין גאַליצישן צענטער פון דער פוילישער קולטור, אין קראָקע, האָבן זיי מיט רעכט געטראַכט, אַז אפשר וואָלט געווען פאַר מיר אינטערעסאַנט און אויך נוצלעך זיך צו באַקענען מיט דעם דאָרטיקן לעבן. אַן וואַקלענישן — פאַרקערט, מיט פרייד, האָב איך די איינלאַדונג תיכף אָנגענומען. איך האָב זי אָנגענומען ניט ווייל איך בין געווען אַזוי נייגעריק — כאָטש דאָס וואָלט גאָר ניט געווען קיין עוולה — צו געבן אַ קוק אויף די פוילישע נאַציאָנאַל־היסטאָרישע דענקמעלער, מיט וואָס קראָקע איז אַזוי רייך, אויף די קברים פון די מלכים, אויף וואַוועל, אויף די אומצאָליקע אינטערעסאַנטע מיטלאַלטערלעכע קלויסטערס און קאָשטשאָלן, אויף די פאַרשידענע הייליקע ערטער פון די פוילישע פאַטריאָטן, וואו עס רוען די רעשטן פון איניקע באַרימטע העלדן אין קאַמף פאַר פוילנ׳ס אומאָפּהענגיקייט. אפילו סוקיעניצע און איר קונסט־מוזיי, דער אוניווערזיטעט — וואָס איז אגב איינער פון די עלטסטע אין אייראָפּע — און זיין אויסעראָרדענטלעך רייכע ביבליאָטעק, דעם קינסטלער מאַטייקאָ׳ס אַרבעטן — דאָס אַלץ צוזאַמען וואָלט מיך דאַמאָלט ניט געקענט באַוועגן אָנצונעמען די איינלאַדונג, אויב ניט מיין גרויסער חשק זיך צו באַקענען מיט׳ן אָרטיקן געזעלשאַפטלעכן לעבן. גאַליציע איז דאַן געווען דאָס איינציק פויליש לאַנד, וואו פאָליאַקן, אַלס אַ נאַציע, זיינען ניט געווען פאַרפאָלגט, וואו עס האָבן אין אַ געוויסער מאָס געהערשט דעמאָקראַטישע פרייהייטן, וואו דער אַרבע־

דזשאָן מילל

טער־קלאַס איז געווען אָפן אָרגאַניזירט פּאָליטיש און געווערקשאַפט־לעך, וואו עס האָט עקזיסטירט אַ לעגאַלע פּראָפעסיאָנעלע און סאָציאַליסטישע פּרעסע, און וואו אויך די אידן האָבן גענאָסן פון די זעלבע פרייהייטן. די גרונט־געזעצן פון גאַליציע האָבן דאָך גאַראַנטירט: פרייהייט פון וואָרט און פון דער פּרעסע, אָרגאַניזאַציע־רעכט, אומבאַרירלעכקייט פון פּערזאָן און פון וואוינונגען, רעליגיעזע גלייכבאַרעכטיקונג, אומאָפּהענגיקייט פון געריכט, געהיימניש פון קאָרעספּאָנדענץ און נאָך אַנדערע אַזעלכע שיינע זאַכן.

די ווירקלעכקייט האָט ווייט ניט געשטימט מיט אָט־די אַלע סימפּאַטישע גרונט־געזעצן. זיי זיינען אָפט געווען אָדער איגנאָנצן איגנאָרירט, אָדער פאַרוואַנדלט אין אַ היפּוך. אָבער פאַר יענע, וואָס פלעגן אויף אַ קורצע אָדער אויף אַ לענגערע צייט זיך אַרויסרייסן פון דעם פּאָליטישן אָדער נאַציאָנאַלן יאָך אויף דער אַנדערער זייט גרענעץ — פון קאָנגרעס פוילן אָדער רוסלאַנד — זיינען די גאַליצישע באַדינגונגען דערשינען אין אַ צוציענדיקן, ראָזן קאָליר, כמעט ווי אַן אידעאַלער געזעלשאַפטלעכער בנין.

אין קראָקע האָב איך געפונען עטלעכע מענטשן, וועלכע איך האָב געקענט שוין יאָרן־לאַנג: פעליקס דזיערזשינסקי, קולטשיצקי, פּיר־סטענבערג, סינאַי און אַ פּאָר אַנדערע. דזיערזשינסקי, פלעגט צו מיר אַריינקומען זייער אָפט. אַ פאַרשמייעטער, אומרואיקער, נערוועזער, פלעגט ער אייביק קריטיקירן זיינע פּאַרטיי־קעגנער. מיט האַס פלעגט ער ריידן וועגן די פּירער פון פּ.פּ.ס. — ער האָט זיי מיט פאַראַכטונג גערופן „פּאַניטשעס" און געזידעלט מיט גראָבע, מיט זעלטן מיאוס־גראָבע, ווערטער סיי זיי פּערזענלעך, סיי אויך זייער „סאָלאָנאָוון", „קאָוואַרניאַנעם" סאָציאַליזם. אָפטמאָל פלעגט אויך דער „בונד" אַריינקריגן פון אים אַ בריק מחמת זיין „סעפּאַראַטיזם" און „נאַציאָנאַליזם". עס זיינען געווען מאָמענטן, ווען ער האָט געמאַכט אויף מיר דעם איינדרוק פון אַן אומבאַרמאַלן מענטשן — אַזוי משונה־ווילד איז געווען זיין באַנעמונג . . .

נאָך אָפטער ווי מיט דזיערזשינסקי'ן פלעג איך זיך זען מיט קולטשיצקי'ן, מיט וועלכן איך בין אַ געוויסע צייט געווען גוט באַפריינדעט. דאָס איז געווען גאָר אַן אַנדער מענטש, נישט צו פאַרגלייכן

פיאָנערן און בויער

מיט דזיערזשינסקי'ן: אײדל, האַרציק, אויפריכטיק ביז נאַאיװקייט, ניט אַגרעסיוו. קיין טיפער דענקער און אַנאַליטיקער איז ער קיין מאָל ניט געװען, װי דאָס האָבן אַמ'בולט'סטן באַװיזן זײַנע שפּעטערדיקע פּאָליטישע און פּאַרטײאישע מעטאַמאָרפאָזעס. ער און אַ הײפל זײַנע אָנהענגער האָבן געלעבט מיט די רומפולע טראַדיציעס פון דער אַל־טער באַרימטער פּאַרטײ „פּראָלעטאַריאַט" און זײ האָבן אַרויסגעגעבן אַ מאָגערן בלעטל אונטער דעם זעלבן נאָמען. אין דעם דאָזיקן בלעטל, און אויך אין זײַן בוך װעגן דער געשיכטע פון דער סאָציאַליסטישער באַװעגונג אין פּוילן, האָט קולטשיצקי אַרויסגעװיזן אַ סך סימפּאַטיע צום „בונד" און אַ פאַרשטענדניש פאַר זײַן פּראָגראַם און טאַקטיק — דאַמאָלט אַ זעלטענע דערשײַנונג בײַ פּױלישע סאָציאַליסטן. אין דער ערשטער װעלט־מלחמה, באַלד נאָך דעם, װי די עסטרײַכער האָבן גע־פאַנגען אַ גרויסע צאָל רוסישע סאָלדאַטן, איז קולטשיצקי געקומען קײן זשענעװע צום אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד" מיט אַ פאָר־שלאָג אין נאָמען פון די פּױלישע לעגיאָנערן, צו נעמען אַן אָנטײל צוזאַמען מיט די לעגיאָנערן, אין אַן אַנטי־צאַריסטישער פּראָפּאַגאַנדע־קאַמפּאַניע צװישן די געפאַנגענע. דער קאָמיטעט האָט זיך קאַטעגאָ־ריש אָפּגעזאָגט — הינטער די לעגיאָנען איז דאָך געשטאַנען די עסט־רײַכישע רעגירונג, און איר איז אָנגעגאַנגען ניט אַ פרײַ רוסלאַנד, נאָר אַ שװאַך רוסלאַנד; די מיליטערישע אינטערעסן פון דער עסטרײַ־כישער אימפּעריע האָבן דאָ געשפּילט די הויפּט ראָל. איך בין דאַן ניט געװען אין זשענעװע, און קולטשיצקי, טראַכטנדיק אַז אפשר װעט ער מער פועל'ן בײַ מיר פּערזענלעך, האָט געװאָלט זיך זען מיט מיר, אָבער מען האָט אים געגעבן צו פאַרשטײן, אַז זײַן טרחה װעט זײַן אַן אומזיסטע און אַז מײַן רעאַקציע אויף זײַן פאָרשלאָג װעט זיך ניט אונ־טערשיידן פון דעם ענטפער, װאָס ער האָט געקראָגן אין זשענעװע.

נאָך דער מלחמה, אין תחית־המתים אויפגעשטאַנענעם פרײַען פּוילן, איז קולטשיצקי צוגעשטאַנען צו דער פּאַרטײ „קריסטלעכע דעמאָ־קראַטן" און איז געװאָרן אַ הויכער רעגירונגס־באַאַמטער.

סינאַי'ען האָב איך געקענט נאָך פון 3־טן צוזאַמענפאָר פון „בונד", װאו ער איז געװען אַ דעלעגאַט פון װאַרשע. אין קראָקע, װאו ער האָט פיל מיטגעהאָלפן צו פּאָפּולאַריזירן דעם „בונד" און זײַנע צילן, איז

דזשאַן מיל

ער קראַנק געוואָרן אויף טובערקולאָז און אָנגעהויבן ביסלעכווייז אויס־צוגיין ווי אַ ברענענדיקע ליכט. צום אומגליק, האָבן די אומשטענדן נאָך פאַרשנעלערט זיין וועג אין קבר אַריין. געלעבט האָט ער ביי די אומגינסטיקסטע באַדינגונגען: שווערע אַרבעט, דלות, נויט. ער האָט געוואוינט ביי אַ שוסטער, אין אַ פייכטער דירה, פאַרנעמענדיק בלויז אַ ווינקל, אָן ליכט און דער עיקר אָן פרישע לופט. קוים וואָס איך האָב אים איינגערעדט זיך אַריבערצוקלייבן אין אַ ביסל אַ בעסערע, געזינ־טערע אומגעבונג. עטלעכע חדשים שפּעטער איז ער אָפּגעפאָרן קיין זשענעווע, אָבער די שווייצאַרישע לופט האָט אים שוין ניט געקענט ראַטעווען. ער איז געשטאָרבן אין אַן אָרטיקן שפּיטאָל, אַן איינזאַמער און אַן עלנטער.

פירסטענבערג — „גאַניעצקי" — איז אין יענער צייט נאָך געווען אַ בונדיסט. אַ מיטלמעסיקער, פאַרבלאָזער מענטש, מיט זייער מאָגע־רע קענטענישן, ניט קיין רעדנער און ניט קיין שרייבער. ווי אַזוי, פאַר וועלכע מעלות, פאַר וועלכע רעוואָלוציאָנערע פאַרדינסטן איז ער גע־וואָרן איינער פון לענינ'ס ענגערן קרייז און נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע דערהויבן געוואָרן צו דעם ראַנג פון אַ סאָוועטישן אַמ־באַסאַדאָר אין ריגע, לאַטוויע, איז מיר שווער צו זאָגן.

אַ דאַנק פירסטענבערג'ן — און אויך די איבעריקע — האָב איך זיך באַקענט מיט אייניקע קראָקעווער סאָציאַליסטישע טוערס און אויך באַזוכט אַ פּאָר אינטערעסאַנטע מיטינגען. גאַנץ ניי איז געווען פאַר מיר אַ גראַנדיעזע פּוילישע סאָציאַליסטישע פאַרזאַמלונג.. דאָס איז געווען די ערשטע עפנטלעכע פאַרזאַמלונג פון פּוילישע אַרבעטער, וואָס איך האָב ביז דאַן ווען־עס־איז געזען. דער גרויסער זאַל איז געווען געפּאַקט און אַ באַדייטנדיקער טייל פון די פאַרזאַמלטע האָט די גאַנצע צייט געמוזט שטיין. דער הויפּטרעדנער, איגנאַץ דאַשינסקי, האָט גערופן דעם עולם צו אַן אַנטשלאָסענעם קאַמף פאַר אַלגעמיינע און גלייכע וואַלרעכט אין עסטרייך און בייסיק קריטיקירט די רעאַקציאָנע־רע ראָל, וואָס די גאַליצישע שליאַכטע און דער עיקר די גרויסע פּריצים, די מאַגנאַטן, האָבן דאַן געשפּילט אין דער מלוכה. די רעדע האָט דאַן אַרויסגערופן אַ לאַנג־דויערנדיקע באַגייסטערטע אָוואַציע. דאַשינסקי איז געווען פאַררעכנט פאַר אַ גרויסן רעדנער, צו זיינע אַרויסטרעטונ־

פּיאָנערן און בויער

גען אין ווינער רייכסראַט (פּאַרלאַמענט) פּלעגט מען זיך צוהערן אין גאַנץ אייראָפּע. אָבער ניט יענע רעדע און ניט אַנדערע זיינע רעדעס, וועלכע איך האָב געהערט אויף אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסן, האָבן מיך קיינמאָל ניט געקענט באַגייסטערן. אפשר בין איך געווען אַ שלעכטער שופט און מיין אורטייל איז ניט געווען אַ גערעכטער.

אַן אמת'ע הנאה האָב איך געהאַט פון אַ צווייטער פאַרזאַמלונג, אַן אידישער. אויף איר האָבן אידישע סטודענטן און אַרבעטער הייס דיסקוטירט די אַנגעווייטיקטע פראַגע וועלכע האָט אַרויסגערופן געננג בייז בלוט: דאָס איז די פראַגע צי עס איז נויטיק אַ באַזונדערע אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי אין גאַליציע, און אויב יאָ, ווי דאַרף זיין איר באַציאונג צו די פּוילישע סאָציאַליסטן און צו דער אַלגעמיינער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. גערעדט האָבן בראָס, הענריק גראָסמאַן, און אויב איך האָב ניט קיין טעות, אויך פּאַפּיער און שרייער. פּירסטענבערג האָט געוואָלט, אַז אויך איך זאָל אַרויסטרעטן מיט עטלעכע ווערטער, אָבער צוליב פאַרשיידענע סיבות האָב איך זיך פון דעם אַנטזאָגט. האָט ער אַליין גענומען דאָס וואָרט און פּרובירט צו געבן אַ ביסל בונדישע געשיכטע, אָנצייכענענדיק דעם לאַנגן דערנער־וועג פון „בונד" אין קאַמף פאַר זיין עקזיסטענץ. אויך אַנדערע רעדנער האָבן אויפגעוויזן אויפן „בונד" אַלס אַביישפּיל און דורכגעפירט אַ פּאַראַלעל פון זיין לאַגע אין דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און פון דער לאַגע פון די גאַליצישע אידישע סאָציאַליסטן אין דער עסטרייכישער פּאַרטיי.

דאָס זיינען געווען די ערשטע שפּראָצונגען פון גאַליציאַנישן בונדיזם.

איך האָב פאַרבראַכט אין קראָקע בלויז עטלעכע וואָכן און איך וואָלט אפשר דאָרטן פאַרבליבן נאָך אַ ביסל צייט, אויב ניט פאַרדעכטיקע סימנים פון שפּיאָנעריי. צי די שפּיאָנען זיינען געווען רוסישע אָדער גאַליצישע, ווייס איך ניט. גאַליציע האָט דאַן — ווי תמיד — געשווינבלט און געגריבלט מיט פּאָליציי־אַגענטן. עס איז געווען אַן אַלגעמיין באַקאַנטער פאַקט, אַז הויכע גאַליצישע פּאָליציי־באַאַמטע זיינען געווען אונטערגעקויפט און האָבן טריי געדינט דער צאַרישער רעגירונג. איך האָב געהאַלטן פאַר ראַטזאַם וואָס גיכער זיך אָפּצוטראָגן.

אַ זעלבסטשטענדיקע אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי אין גאַליציע

דער בונדיזם אין גאַליציע איז ניט געווען אַ פּרי וואָס איז אַהער אַריבערגעפלאַנצט געוואָרן פון אַ פרעמדן באָדן, פון אַן אויסלענדישער סביבה. ער האָט ניט פאָרגעשטעלט קיין פּרואוו צו קאָפּירן פרעמדע אידעאַלן און שטרעבונגען. ער איז געבוירן געוואָרן, און האָט זיך היסטאָריש אַנטוויקלט אין די ספּעציפישע געזעלשאַפטלעכע לעבנס־באַדינגונגען פון די אידישע אַרבעטער־מאַסן אין גאַליציע גופא.

די פּוילישע סאָציאַליסטן האָבן ניט געזען און האָבן זיך אַרויסגעוויזן אומפעאיק ריכטיק אָפּצושאַצן די אמת׳ע סיבות פון דער אַנטשטייאונג און וואוקס פון גאַליצישן „בונדיזם״; זיי האָבן די גאַנצע צייט אין איין קול גע׳טענה׳ט: דאָ שטעקט די האַנט פון „בונד״; דאָס האָט ער צוליב זיין קעגנערשאַפט צו פּ.פּ.ס. „אויפגעהעצט און צעבונטעוועט״ די גאַליצישע אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן. די־אָ באַשולדיקונגען האָבן ניט געהאַט קיין שום באָדן אין דער ווירקלעכקייט. דער „בונד״, טריי צו די אידעאָלאָגישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע יסודות, אויף וועלכע ער איז אויפגעבויט געוואָרן, האָט אין די אינערלעכע אַנגעלעגנהייטן פון דער גאַליצישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג זיך ניט געמישט און ניט געקענט זיך מישן. דעם בעסטן באַוויז פון אַזאַ מין צוגאַנג קען מען געפינען אין דעם אָפיציעלן ענטפער פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד״, ווען ער איז איינגעלאַדן געוואָרן דורך די גאַליצישע אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן צו דעם גרינדונג־צוזאַמענפאָר פון זייער פּאַרטיי (מאַי 1905). אין יענעם ענטפער באַטאָנט דער צענטראַל־קאָמיטעט אומצווייַדייטיק, אַז דער „בונד״, אַלס אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס באַגרענעצט זיין טעטיקייט בלויז מיט דער טעריטאָריע פון ליטע, קאָנגרעס־פּוילן און רוסלאַנד, האָט תמיד געהאַלטן פאַר נישט דערלאָזבאַר זיך אַריינצומישן אינם אינערלעכן לעבן פון

דער ברודער־אָרגאַניזאַציע אין גאַליציע. געוויס, אין דער זעלבער צייט האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" אויסגעדריקט געפילן פון סימפּאַטיע וואָס לעבן אין „בונד" צו דער גערעכטער זאָך פון די גאַליציאַנער, צו זייערע באַמיאונגען צו מאַכן זייער אָרגאַניזאַציע פאַר די פירערין פון די אידישע אַרבעטער־מאַסן אין קאַמף פאַר פּאָלי־טישער און סאָציאַלער עמאַנסיפּאַציע. אָבער מער נישט. מען קען נאַטירלעך ניט לייקענען, אַז דער „בונד" האָט ווי דאַמאָלט, אַזוי אויך שפּעטער, געהאַט אַ ריזיקע ווירקונג אויף די גאַליצישע „בונדיסטן", אָבער די דאָזיקע השפּעה איז געווען ניט קיין דירעקטע, נאָר אַן אומ־דירעקטע. די גאַנצע טעטיקייט פון „בונד", זיין ליטעראַטור, זיין גרויסע ראָלע אין דעם פּאָליטישן לעבן פון רוסלאַנד, דער העלדישער קאַמף פון אידישן פּראָלעטאַריאַט אונטער זיין אָנפירונג פאַר פּאָליטישער פרייהייט, פאַר אַ בעסערן לעבן, פאַר גלייכבאַרעכטיקונג — דאָס אַלץ האָט שטאַרק געווירקט און ניט געקענט ניט ווירקן אויף זיי; דאָס פלעגט זיי שטויסן צו פאַרטראַכטן זיך וועגן דער ענלעכער לאַגע אין גאַליציע און פלעגט זיי אפילו אָפט עלעקטריזירן. אין „בונד", אין זיין טעטיקייט, אין זיינע דערפאָלגן, אפילו אין זיין קאַמף מיט זיינע סאָציאַליסטישע קעגנער, האָבן די גאַליצישע „בונדיסטן" ניט געקענט ניט זען אַ ביישפּיל פאַר זיך, אַ באַווייז, אַז בויענדיק אַ זעלבסטשטענ־דיקע אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, זיינען זיי גערעכט. אין דעם זין איז דער „בונד" טאַקע געווען פאַר זיי אַ לערער.

אַ באַזונדערע, אַ זעלבסטשטענדיקע אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישע פּאַרטיי אין גאַליציע איז פּראָקלאַמירט געוואָרן דעם ערשטן מאַי 1905 אויף אידישע אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען אין אַ סך שטעט.

די גרינדער פון דער נייער פּאַרטיי זיינען אַרויסגעטראָטן פון דער פּ.פּ.ס., די לעצטע האָט דורך דעם פאַרלאָרן אַ היפּש ביסל גוטע אַגיטאַטאָרס, רעדנערס און פיל געווערקשאַפטן. פאַר פּ.פּ.ס. איז דאָס געווען אַ שטאַרקער קלאַפּ, אַ קלאַפּ, וואָס האָט זיך געלאָזט פילן. ניט אומזיסט האָט זי אויפגעהויבן אַ ניט איינגעצוימטן אַליאַרם און גע־רודער. אויף די פירערס פון דער נייער פּאַרטיי האָבן זיך אַ שאָט גע־טאָן אַלערליי באַשולדיקונגען, פּראָטעסט־רעזאָלוציעס, א. אַז. וו. אמת, עס איז אויך געווען אַ פּראָבע מיט אַ גוטער מינע צו איבערצייגן די

דזשאָן מילל

אידישע אַרבעטער אין דער שעדלעכקייט פון דער נייער פּאַרטיי. אין זיין אָרגאַן, אין „נאַפּשוד", האָט דאַשינסקי אָפּגעדרוקט אַן „אָפענעם בריוו צו די אידישע חברים און חבר'טעס", אַ סענטימענטאַלן בריוו, אין וועלכן ער האָט געזוכט זיי איינצורעדן, אַז די „סעפּאַראַטיסטישע" פּאַרטיי וועט זיין אַן אומגליק פאַרן אידישן פאָלק. דער בריוו האָט ניט געהאַט קיין שום ווירקונג.

אונטער דעם איינפלוס פון דער פּ.פּ.ס. האָט אויך די עקזעקוטיווע פון דער אַלגעמיינער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אָנגענומען אַ רעזאָלוציע קעגן די „סעפּאַראַטיסטן" און אויף אַזאַ אופן פאַרמאַכט פאַר זיי די טירן פון דער פּאַרטיי. קעגן זייער אייגענעם ווילן זיינען זיי, די אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן אין גאַליציע, ווירקלעך גע־וואָרן אַ גאַנץ זעלבסטשטענדיקע פּאַרטיי, אָפּגעריסן פון די איבעריקע ברודער־פּאַרטייען אין עסטרייך. אין צוגאָב האָט מען זיי מיט אַ פאַר־שטאַרקטן אייפער אָנגעהויבן צו אַטאַקירן פון אַלע זייטן. קיין נומער „נאַפּשוד" פלעגט ניט דערשיינען אָן אָנפאַלן אויף זיי: זייער פּאַרטיי איז „נאַציאָנאַליסטיש, סעפּאַראַטיסטיש, שאָוויניסטיש", זי האַלט אונ־טער די געטאָ־פּסיכאָלאָגיע פון די אידישע מאַסן, זי צערייסט די איינהייט און אחדות פון אַרבעטער־קלאַס, זי רופט אַרויס אַנטיסעמי־טישע געפילן, אירע אָנהענגער זיינען פאַרמאַסקירטע און אפילו אָפענע ציוניסטן . . . די קאַמפּאַניע, וואָס „איסקראַ" האָט געפירט קעגן דעם „בונד", איז געווען אַ קינדערשפּיל אין פאַרגלייך מיטן קאַמף, וועלכן די אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי אין גאַליציע האָט געמוזט אויסשטיין פון אירע קעגנער. עס איז גענוג צו דערמאָנען, אַז דער „נאַפּשוד" האָט געגעבן זיינע פריינט אַן עצה צו „לערנען" די סעפּאַ־ראַטיסטן מיט שטעקנס . . . און ניט איינמאָל האָבן זיך געפונען אַזעלכע „לערערס"! . . .

עס איז קלאָר, אַז אַזעלכע קאַמף־מיטלען האָבן קיינעם ניט אי־בערצייגט און האָבן נאָך מער פאַרביטערט די אידישע סאָציאַליסטן.

פאַר יעדן, וואָס איז דאַמאָלט כאָטש אַביסל באַקאַנט געווען מיטן פּאַרטיי־לעבן אין גאַליציע און האָט זיך כאָטש עטוואָס אינטערעסירט מיט די אינערלעכע טענדענצן פון דער גאַליצישער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג, איז די בילדונג פון דער נייער פּאַרטיי ניט געווען אַן אומ־

פּיאָנערן און בויער

דערוואַרטעטע זאַך. זינט עס האָט עקזיסטירט אין גאַליציע אַ מער אָדער ווייניקער אידישע אַרבעטער מאַסן־באַוועגונג האָט מען אין אירע רייען געקענט באַמערקן באַוואוסטזיניקע עלעמענטן פון דער צוקונפטיקער פּאַרטיי. דער קאַמף פאַר דער זעלבסטשטענדיקייט — אַמאָל מער אינטענסיוו און שטאַרק, אַ מאָל אַ שוואַכערער, — האָט זיך תמיד געפירט. אָבער אין דער ערשטער צייט פלעגט ער ניט אָננעמען די פאָרם פון אַ שטרעבונג אין גאַנצן זיך אָפּצורייסן פון פּ.פּ.ס. דער בוי פון דער עסטרייכישער פּאַרטיי האָט געווירקט באַזונדערס שטאַרק. זי איז געווען אויסגעבויט אויפן פעדעראַטיוון פּרינציפּ און באַשטאַנען פון עטלעכע זעלבסטשטענדיקע, פעדעראַטיוו פאַרבונדענע נאַציאָנאַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען; פון אַ דייטשער, אַ טשעכישער, אַ פּוילישער, איטאַליענישער און רוטענישער. אין צענטראַלן קאָמיטעט האָבן אַלע אַט־די פּאַרטייען געהאַט זייערע פאַרטרעטער. נאָר די אידישע סאָציאַליסטן ניט! בלויז זיי זיינען געווען אַן אויסנאַם! און יעדער קלאַסן־באַוואוסטזיניקער אידישער אַרבעטער האָט זיך געשטעלט די פּראַגע: פאַר וואָס דאַרפן מיר זיין אַן אויסנאַם? פאַר וואָס אַזעלכע קליינע און שוואַכע אָרגאַניזאַציעס, ווי די רוטענישע אָדער דרום־סלאַווישע האָבן דאָס רעכט צו בילדן זייערע אייגענע פּאַרטייען און טרעטן אַריין אין דער אַלגעמיינער עסטרייכישער פּאַרטיי ווי גלייכע צווישן גלייכע — און מיר ניט? פאַר וואָס דאַרפן מיר זיין פאַרטראָטן נאָר דורך פּ.פּ.ס. און ניט דירעקט? . . . אַלע תשובות, וואָס זיי פלעגן קריגן פון זייערע קעגנער, האָבן נאַטירלעך זיי ניט געקענט באַפרידיקן און פּלעגן זיי נאָך מער איבערצייגן, אַז זייער לאַגע איז אַן אויסנאַם־לאַגע.

אויך האָבן זייער פיל געווירקט די משונה׳דיקע באַציאונגען פון דער פּ.פּ.ס. צו דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג. די פולשטענדיקע גלייכגילטיקייט פון פּ.פּ.ס. צו די לעבנס־אינטערעסן פון דער אידישער באַוועגונג, דאָס איגנאָרירן אירע גייסטיקע באַדערפענישן, דאָס פאַרפאָלגן אַ ריי טוער, וועלכע האָבן געוואָלט און געקענט טאָן גוטע פּאַרטיי אַרבעט צווישן אידישע אַרבעטער און זיינען דעריבער געשטאַנען אונטער דעם פאַרדאַכט פון בונדיזם — דאָס אַלץ האָט באַשאַפן אַ ווילן זיך צו באַפרייען פון קאָנטראָל פון דער פּ.פּ.ס. די לעצטע פלעגט די פאַרדעכטיקע אין בונדיזם ניט צולאָזן צו פּאַרטיי־אַרבעט,

ד ז ש אַ ן מ י ל ל

זי פלעגט זוכן מיט אַלע כוחות צו דיסקרעדיטירן זיי, אַרויסשטופּן פון אַלע אינסטיטוציעס, האָבנדיק מורא, אַז זיי זאָלן ניט „פאַר'סמ'ען" די מאַסע מיט'ן „בונדיזם". אויף אָט־דעם באָדן זיינען שטענדיק אויסגעבראָכן קאָנפליקטן, און דאָס האָט סוף כל סוף דערפירט צו דעם, אַז עס זאָל זיך אויסבילדן אַ זעלבסטשטענדיקע אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. די גאַליצישע בונדיסטן האָבן זיך אַלץ מער און מער איבער־צייגט, אַז נאָר אַ פּאַרטיי, וואָס איז אויסגעוואָקסן פון דער אידישער מאַסע, וואָס פאַרשטייט איר שפּראַך, וואָס שטעלט זיך פריער פאַר אַלץ אַ ציל אויפצוואועקן איר קלאַסנבאַוואוסטזיין, וואָס פירט אָן איר קאַמף, קען האָבן אויף איר די נויטיקע השפּעה. אַ באַוויז איז געווען אויף דער האַנט — די גרויסע דערפאָלגן פון „בונד" אויף יענער זייט גרענעץ.

שפּעטער, ווען די פּ.פּ.ס. אין גאַליציע האָט זיך אַרומגעזען אַז די אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי וואַקסט כסדר און האָט זיך שטאַרק איינגעוואָרצלט אין דער אידישער אַרבעטער סביבה, האָט זי געפונען פאַר נויטיק איינצוגיין אויף קאָנצעסיעס און צו גרינדן אַן אויטאָנאָמע אידישע סעקציע, אַ לאַנד־קאָמיטעט — „קאָמ־טעט קראַיאָ־ווי". דער באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרן אויפן צענטן צוזאַמענפאָר פון פּ.פּ.ס נאָך דעם, ווי איגנאַץ גראָס און דאַשינסקי האָבן דעם פאַר־שלאַג מאָטיווירט און פאַרטיידיקט.

שוין אין 1903, האָט גראָס געזאָגט, האָט אַ קאָנפערענץ פון אידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס באַשלאָסן צו גרינדן אַ לאַנד־קאָמיטעט מיטן ציל סיסטעמאַטישער, ענערגישער, נאָרמאַלער צו פירן צווישן די אידן אַ שריפטלעכע און מונדלעכע אַגיטאַציע, הויפּטזעכלעך אויף אידיש. דער דאָזיקער באַשלוס אָבער איז פון די פּאַרטיי־אינסטאַנצן נישט באַ־שטעטיקט געוואָרן אויס מורא, אַז אַ געוויסע אויטאָנאָמיע אין דער ספּע־רע פון אַגיטאַציע זאָל ניט אויסגעטייטשט ווערן ווי אַ פּאָליטישע אויטאָ־נאָמיע. דאָס איז געווען אַ פעלער. איצט דאַרף מען זיך צואיילן וואָס גיכער אָוועקצושטעלן אויף די פיס אַזאַ לאַנד־קאָמיטעט. מען טאָר דאָס ניט באַטראַכטן ווי אַ ספּעציעלע פּריווילעגיע פאַר די אידישע אַרבעטער, באַרואיקט גראָס זיינע חברים. דער לאַנד־קאָמיטעט וועט דאָך זיין אויסגעקליבן ניט פון די אידישע אָרגאַניזאַציעס אַליין, נאָר פון דעם צוזאַמענפאָר פון דער גאַנצער פּאַרטיי. דאָס ביסל אויטאָנאָמיע פון

פיאָנערן און בויער

דער אידישער סעקציע וועט זיין אָנגעוועגדעט בלויז פאַר אַגיטאַציע־צוועקן, קיין פּאָליטישן כאַראַקטער וועט זי ניט האָבן, און — ווער קען דען וואָס האָבן קעגן אַביסל אויטאָנאָמיע אין אַגיטאַציע? — פרעגט גראָס. די לאַגע פון די אידישע פּ.פּ.ס.־אָוועצעס איז אַ שווערע. פון איין זייט מוזן זיי פירן אַ קאַמף מיט דער ציוניסטישער דעמאַגאָגיע, פון דער צווייטער—מיט די „סעפּאַראַטיסטן", ביי וועלכע ס'האָבן זיך פאַרדרייט די קעפּ אונטער דעם איינפלוס פון „בונד". דעריבער איז דער חוב פון צוזאַמענפאַר צו קומען צו הילף די אידישע פּ.פּ.ס־אָוועצעס און אָננעמען די נייע אָרגאַניזאַציע־פאָרם. צום סוף דריקט גראָס אויס זיין איבערצייגונג, אַז די אידישע סעקציע וועט האָבן גלענצנדיקע דערפאָלגן און די „סעפּאַראַטיסטן" וועלן אינגיכן מוזן באַנקראָטירן . . .

גראָס'ן איז געקומען צו הילף דאַשינסקי. די אידישע סעקציע, האָט ער געזאָגט, איז פּשוט אַ נויטווענדיקייט. אויב די פּאַרטיי וועט באמת און ערנסט העלפן אויפבויען אַזאַ אָרגאַניזאַציע, וואָס וועט נעמען אין אַכט אויך די באַזונדערע מנהגים און די באַזונדערע שפּראַך פון די אידישע מאַסן, וועט איר אויפגאַבע אין דער הינזיכט זיין דערפילט. דער אידישער פּראָלעטאַריאַט ליידט צווייפאַך: נישט בלויז ווי קבצנים, ווי פּראָלעטאַריער, נאָר אויך ווי אידן, וואָס זיינען פון אַלעמען פאַראַכטעט, וואָס זיינען געשטיקט פון פאַרשידענע פינצטערע כחות, און זיינען געיאָגט און געדריקט און אויסגעשטעלט אויף דער אַנטיסעמיטישער העצע. די אַרבעט צווישן זיי איז דעריבער אַ סך שווערער. דער ציל דאַרף זיין: גרינגער מאַכן פאַר זיי צו קומען צו סאָציאַליזם און צו פאַרצאַמען אין זייערע רייען דעם וועג פאַר שאָוויניסטישע, ציוניסטישע און אַנדערע שעדלעכע פראַזן. קיין אַנדערע, באַזונדערע אויפגאַבן קענען זיי ניט האָבן און זיי האָבן ניט. מיט אַ ווייטיק אין האַרצן האָט מען געזען, ווי צווישן דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט האָבן זיך באַוויזן סעפּאַראַטיסטן, וועלכע טיילן אָפּ דעם אידישן פּראָלעטאַרישן חיל פון דער אַלגעמיינער קאַמף־אַרמיי און וועלכע וויקלען פאַנאַנדער זייערע אייגענע פענלעך אין דער צייט, ווען די איינ־איינציקע רויטע פאָן דאַרף אַלעמען פאַראייניקן. זיי זוכן אַראָפּצופירן די אידישע אַרבעטער פון וועג, פון דעם רעאַלן פּאָליטישן און גוזעלשאַפטלעכן קאַמף, אַרויסשטעלנדיק נישט־סאָציאַליסטישע לאָזונגען, וועלכע זיי האָבן

ד ז ש אָ ן מ י ל ל

אַנטליען פון דעם ווערטערבוך פון די שאָוויניסטן, פון דעם ווערטערבוך פון די פאָלקס־שונאים. ווי אַ רעאַליסטישע פּאַרטיי, וואָס רעכנט זיך מיט די אַרומיקע באַדינגונגען, דאַרף די פ.פּ.ס נישט פאַרמאַכן די אויגן אויף דאָס וואָס עס קומט פאַר, און זי דאַרף ניט שטערן אירע אידישע מיטגלידער, וועלכע רעכענען, אַז זיי איז נויטיק אַ געוויסע אַנדערע מעטאָדע, אַ געוויסע אויטאָנאָמיע, אפשר אַ געוויסע גרעסערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, כדי מיט אַ גרעסערן דערפאָלג אָנצופירן די אַרבעט צווישן דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט. מען דאַרף דאָס זיי געבן. דאָס וועט זיין דער בעסטער באַוויז, אַז אין די רייען פון פּ.פּ.ס. איז אויך פאַראַן אַן אָרט פאַר אידן, אַז מען שטרעבט זיי ניט צו אַסימילירן מיט געוואַלט, און אַז מען פירט ניט אַ קאַמף קעגן זייערע באַזונ־דערקייטן, וואָס זיינען זיי טייער. זאָלן זיי נעמען אויף זיך די פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט. די אידישע חברים רעכענען, אַז די גרעסערע באַ־וועגונג־פרייהייט, וועלכע זיי וועלן קריגן אַ דאַנק דער נייער אָר־גאַניזאַציע־פאָרם, וועט זיי העלפן צו אָרגאַניזירן און אויפקלערן פיל גרעסערע אידישע מאַסן ווי ביז איצט. מען דאַרף האָפן, אַז עס וועט טאַקע אַזוי זיין. זיי קענען רעכענען אויף אַ האַרציקע, ברידערלעכע און באמת׳דיקע הילף פון אונז אַלעמען. די אידישע חברים דאַרפן פאַר־שטיין, אַז נישט אונטער דעם דרוק און די סטראַשונקעס פון די סע־פּאַראַטיסטן ווערט באַשאַפן די אידישע סעקציע, נאָר אין דער האָפנונג, אַז נעמענדיק אויף זיך אַ גרעסערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וועלן זיי דורך דער סעקציע דורכפירן אויך אַ גרעסערע אַרבעט.

ווי עס איז באַוואוסט, האָט די פּריש־אויסגעבאַקענע „קאָנסטיטור־ציע״ פאַר די אידישע פּ.פּ.ס׳אָווצעס אין גאַליציע קיינעם נישט באַ־פרידיקט און איר ציל נישט דערגרייכט. די „סעפּאַראַטיסטן״ האָבן זי געהעריק אָפּגעשאַצט און באַשלאָסן זי צו באָיקאָטירן. וואָס זיי האָבן געוואָלט איז צו ווערן אַן אויטאָנאָמער טייל נישט פון פּ.פּ.ס., נאָר פון דער אַלגעמיינער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, אַריינגיין אין איר נישט דורך אַ וועלכע ניט איז אַנדערע אָר־גאַניזאַציע, נאָר דירעקט, מיט גלייכע פליכטן און רעכטן ווי די אַנדערע נאַציאָנאַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען.

אָבער דאָס האָט זיך ניט איינגעגעבן, און זיי זיינען פאַרבליבן

פּיאָנערן און בויער

פאַראײניזאַמט ביז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען גאַליציע איז געוואָרן אַן אינטעגראַלער טייל פון דער אומאָפּהענגיקער פּוילישער רעפּובליק. אין אַפּריל 1920 האָט זיך די גאַליציאַנער אידישע סאָציאַל דעמאָקראַטישע פּאַרטיי פאַראײניקט מיטן „בונד" אין פּוילן.

עס מוז אָבער פאַרצייכנט ווערן, אַז אַ געוויסער טייל פון גאַליצישן „בונד" איז אויף אַן אומדירעקטן אופן פאַרט געווען פאַרטראָטן אין דער אַלגעמיינער עסטרייכישער סאָציאַל דעמאָקראַטישער פּאַרטיי (איר אָפּיציעלער נאָמען איז געווען: סאָציאַל דעמאָקראַטישע געזאַמטפּאַרטיי עסטרייכס). דעם מזל האָבן געהאַט די בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין בוקאָווינע. זיי האָבן געהערט צו דער אידישער סאָציאַל דעמאָקראַטי־שער פּאַרטיי פון גאַליציע און גלייכצייטיק צום פאַרבאַנד פון די סאָ־ציאַל דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס אין בוקאָווינע — אַ קליינער „אינטערנאַציאָנאַל", וואָס איז באַשטאַנען פון די בוקאָווינער, דייטשע רומענישע, אידישע, אוקראַינישע א. א. נאַציאָנאַלע אַרבעטער־אָרגאַ־ניזאַציעס. און אָט דער בוקאָווינער „אינטערנאַציאָנאַל" איז געווען אַ טייל פון דער עסטרייכער „געזאַמטפּאַרטיי". די באַדייטנדסטע בונדישע אָרגאַניזאַציע אין בוקאָווינע איז געווען אין טשערנאָוויץ, און די בעס־טע און טייערסטע מענטשן אין דער בונדישער באַוועגונג אין יענעם קליינעם לאַנד זיינען געווען סאַראַ און מאַרקוס קאַסוואַן. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז בוקאָווינע אָפּגעריסן געוואָרן פון עסטרייך און איז אַריבער צו רומעניע. ביי דער צווייטער וועלט־מלחמה איז אַ טייל פון בוקאָווינע מיט דער שטאָט טשערנאָוויץ אַריבער צו רוס־לאַנד. ביים אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז אַ טייל פון דער אידישער באַפעלקערונג עוואַקואירט געוואָרן קיין מזרח און מע־רערע אונזערע חברים זיינען אונטערוועגנס און שפּעטער ביי די ביטערע מלחמה־באַדינגונגען אומגעקומען. מיר קאָנען זיך דאָ אויף דעם אויספירלעך ניט אָפּשטעלן און מיר מוזן זיך באַנוגענען מיט אָנ־רופן מיט טיפן ווייטאָק די אומפאַרגעסלעכע נעמען פון די צוויי ליכ־טיקע געשטאַלטן סאַראַ און מאַרקוס קאַסוואַן.

דער רעוואָלוציאָנערער אויפקום

די מלחמה וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צווישן רוסלאַנד מיט יאַפּאַן אין פעברואַר 1904 האָט צוגעגעבן אַ סך אימפּעט סיי דער אַלגעמיינער אָפּאָזיציאָנעלער באַוועגונג אין רוסלאַנד, סיי דער סאָציאַליסטישער און רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג צווישן די אידישע מאַסן.

יאָרן זיינען פאַרבייגעפלויגן זינט די ערשטע שריט פון די פּיאָנערן. אין משך פון אַט דער צייט האָבן די פאָלקס־מאַסן אַלץ מער און מער דערוואַכט, זיי זיינען געוואָרן אַלץ מער און מער ציל־באַוואוסט. אַנשטאָט דער פריערדיקער רעלאַטיוו רואיקער זאַמלונג פון אָפּאָזיציאָנעלע כוחות קומט איצטער אַ צייט פון שטורעם און דראַנג, פון אַן אַטאַקע אויף דער גאַנצער ליניע. די אויפוואַכונג מערקט זיך צווישן אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, זי פאַרשפרייט זיך איבערן גאַנצן שטח פון לאַנד. די רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה איז ניט פּאָפּולער, זי איז פאַרהאַסט פון דער מערהייט פון דער באַפעלקערונג, אין איר זיינען בלויז פאַראינטערעסירט די קייזערלעכע הויף־קליקע און קליינע אינטריגאַנטישע און אַוואַנטוריסטישע ביוראָקראַטישע און קאַפּיטאַליסטישע גרופּן. עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס די מיאוסע מפּלות פון דער רוסישער אַרמיי און פון דעם פלאָט, די אויפגעדעקטע קאָרופּציע אין די הויכע רעגירונג־ספערן און די שוידערלעכע צעפוילטקייט פון צאַרישן רעזשים האָבן באַשאַפן אַ גינסטיקע אַטמאָספערע פאַר שאַרפער קריטיק און פעסטע פּאָזיציעס פאַר אַן אַנטי־רעגירונג אָפּאָזיציע. דער אַרבעטער־קלאַס פּראָטעסטירט דורך עקאָנאָמישע און פּאָליטישע סטרייקן, דורך פּאָליטישע מאַניפעסטאַציעס, דורך רעוואָלוציאָנערע מיטינגען; די אומגעדולדיקע, הייס־בלוטיקע, אומצופרידענע יוגנט, די סטודענטן, בונטעווען זיך קעגן דעם רעאַקציאָנערן דערציאונג־סיסטעם און קעגן די איבעריקע פּאָליציאישע שיקאַנעס; שטאָטישע און פּראָווינציעלע זעלבסטפאַרוואַלטונגען, וויסנשאַפטלעכע פאַרבאַנדן, די גאַנצע פּראָפעסיאָנעלע אינטעליגענץ, ווי שריפטשטעלער, פּראָפע־

פיאָנערן און בויער

סאָרן, לערער, דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, אינזשעניערן — אַלע נעמען זיך אָן מיט געוואַגטקייט און אָן מורא פאַר רעפּרעסיעס שטעלן זיי אַרויס די פאָדערונג פון ליבעראַלע רעפאָרמען, פון פּאָליטישער פרייהייט, פון פּאַרלאַמענטאַרישן רעזשים.

די רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה איז אויף אַזאַ אופן געוואָרן דער אויסגאַנג־פּונקט פון אָן אַלץ־שטייגנדיקער „באַרג־אַרויף" באַוועגונג, פון אָן אַלץ־וואַקסנדיקער אָפּאָזיציע ניט בלויז קעגן קריג, נאָר קעגן דעם גאַנצן פאַרפוילטן פּאָליטישן סיסטעם פון דער צאַרישער מלוכה.

אין דעם אידישן לעבן, אויף דער אידישער גאַס פּלאַנירט און טרעט אויס דעם וועג, ווייזט אָן דעם ציל און פירט די אַטאַקע דער „בונד".

אַ ריי געשעענישן און דערשיינונגען פון דער צייט, אוממיטלבאַר ערב דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה, בשעת דער מלחמה און נאָך איר, דעקן אויף די קאָלאָסאַלע פאַרענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין די טיפענישן פון אידישן לעבן. דורך זיי אַנטפּלעקט זיך דער נייער טיף פאָלקסמענטש, וואָס איז אויפגעקומען אין דער אידישער סביבה; זיי שפּיגלען אָפּ דעם אויפקום פון אַ פאָלקס־מאַסע מיט נייע גייסטיקע, קולטורעלע און פּאָליטישע באַדערפענישן; מיט גרייטקייט זיך אָפּצורופן אויף אַלע געזעלשאַפטלעכע נויטן און פּראָבלעמען; מיט אַ דראַנג צו קעמפן קעגן אַלץ, וואָס איז שלעכט און אומגערעכט און פאַר אַלץ, וואָס ברענגט אַ צוזאָג פון אַ בעסערן, גליקלעכערן און מער יושר׳דיקן לעבן. אונטער דער השפּעה און פירערשאַפט פון „בונד" רעאַגירן די אידישע מאַסן מיטן גאַנצן האַרצן און נשמה, ניט בלויז מאָראַליש, נאָר אויך פיזיש אויף די פאַרפאָלגונגען, רציחות און עקספּלואַטאַציע אין דער קאַפּיטאַליסטישער און צאַרישער הפקר־וועלט.

יעדער צייכן פון ווילקיר און באַרבאַריזם געפינט אַ תיכּף׳דיקן אָפּקלאַנג און אַן אַקטיווע רעאַקציע ביי זיי. איז דאָס די יאַקוטסקער געשיכטע, ווען עטלעכע צענדליק פאַרשיקטע רעוואָלוציאָנערן, צווישן זיי אויך די בונדיסטן פינאַי־ראָזענטאַל, זיין פרוי אַנאַ, חיים זאַקאַן, מאַריאַנע אייזענבערג, לוריע א. א., האָבן זיך פאַרבאַריקאַדירט און געשטעלט אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד קעגן די סאָלדאַטן; איז דאָס דער מיליטערישער געריכט אין וואַרשע איבער פּוילישע סאָציאַליסטן; איז

דזשאַן מילל

עס אַן אַלגעמיינער סטרייק מיט באַריקאַדן אין לאָדזש, אָדער די ביאַ־ליסטאָקער בלוט־באָד און די שוידערלעכע שחיטות, וואָס מען האָט דאָרטן דורכגעפירט — אַלץ רודערט אויף די אידישע אַרבעטער, אומע־טום דעמאָנסטרירן זיי קעגן די צאַרישע רויבער און רוצחים, ברענענ־דיק מיט דעם הייליקן פייער פון נקמה, באַזעלט מיט דעם אידעאַל פון סאָציאַליזם, מיטן גייסט פון אויפאָפּפערונג און גבורה.

די זוימען, וואָס דער „בונד״ האָט יאָרנלאַנג טאָג־איין און טאָג־אויס פאַרזייט, ברענגען הערלעכע און רייכע פרוכטן.

ווידער צעגיסט זיך אַ כוואַליע פון גרויזאַמע און בלוטיקע פּאָ־גראָמען, אַרויסגערופן און אונטערשטיצט דורך אַלע פינצטערע כוחות פון ברוטאַלן צאַריזם. דאָס איז דער ענטפער אויף די אַלץ שטאַרקערע קלעפּ מצד דער אָפּאָזיציאָנעלער און רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. די אידן שפּילן ווידער די ראָל פון אַ שעיר לעזאזל, דאָס מאָל קומט זיי אויס צו צאָלן פאַר דעם פולשטענדיקן מיליטערישן באַנקראָט פון דער רוסישער דעספּאָטיע. די רעגירונג איז געצוואונגען זיך צו פאַר־ענטפערן, זי זוכט אָפּצוציען די אויפמערקזאַמקייט פון פאָלק פון איר אייגענער אומפאַרגעבלעכער אומפעאיקייט און פון אירע אומגלויב־לעכע פאַרברעכנס, ווענדעט זי דעם כעס און דעם האַס פון די אומ־צופרידענע מאַסן אין דער ריכטונג פון אַן אויסגעטראַכטן, פאַנטאַס־טישן שולדיקן. און אַן אמת׳ער טייוול־טאַנץ ווערט געטאַנצט איבער דער ברייט און לענג פון לאַנד, באַגלייט מיט בלוט־דורשטיקע אַנטי־אידישע רעדעס, אויפרופן, אַרטיקלען אין די אונטערגעקויפטע רע־אַקציאָנערע צייטונגען. דער אומוויסנדיקער המון ווערט געהעצט און געשפייזט מיט אַלערליי ליגנס, מיט פאַרשידענע באָבע־מעשיות. מען קלאַפּט אים אין קאָפּ אַריין, אַז מען דאַרף איין מאָל פאַר אַלע מאָל זיך אָפּרעכענען מיט די אידן, ווייל אַלע צרות קומען פון זיי, ווייל דאָס זיינען זיי, וואָס האָבן אַרויסגערופן די מלחמה, ווייל אויף זיי ליגט די גאַנצע שולד פון די מפּלות . . . זיי, די אידן, האָבן ניט בלויז פאַר־סמ׳ט די מחות פון דער רוסישער לייכטזיניקער און לייכטגלויביקער יוגנט מיט אַנטי־מיליטאַריסטישע, אַנטי־מלוכה׳שע, רעוואָלוציאָנערע אידעען, נאָר האָבן אויך טעטיק אויסגעהאָלפן די יאַפּאַנער מאַטעריעל און מאָראַליש, זיי קליבן כלומרשט געלט פאַר זיי. זיי קויפן פערד,

פּיאָנערן און בויער

פוטערס און אַנדערע וויכטיקע זאַכן און שיקן דאָס אַלץ אַוועק פאַר דער יאַפּאַנישער אַרמיי. די אַמעריקאַנער אידן האָבן כלומרשט באַגריסט דעם מיקאַדאָ מיט די נצחונות פון זיין חיל און געגעבן אים אַ מתנה — אַ קריגס־שיף! און נאָך און נאָך אַזעלכע קרימינעל־משוגענע בלבולים.

דער רעזולטאַט פון דער דאָזיקער בלוטיק־אכזריות'דיקער אַרבעט וועלכע איז געפירט געוואָרן בשותפות פון די שוואַרץ־מאה'ניקעס, פּאָליציי און אין אייניקע ערטער פון מיליטער, איז געווען — אַן אַלגעמיינע פּאַניק צווישן דער אידישער באַפעלקערונג, צערויבטע אידישע הייזער און געוועלבער, צאָלרייכע הריגות.

דעם „בונד'ס" קעגן־אַקציע, זיין רעאַגירונג אויף די געשעענישן, ספּעציעל אויף די געשעענישן אין ביאַליסטאָק, האָבן געפונען אַ באַגייסטערטע צושטימונג און אַרויסגערופן אַן אַלזייטיקע באַוואונדערונג. זיין רוף צו אַ טעטיקן פּראָטעסט איז אויפגענומען געוואָרן אין אַלע שטעט און שטעטלעך פון תחום אַלס אַ באַפעל, וואָס מוז הייליק דורכגעפירט ווערן. די כמעט מיליטערישע דיסציפּלין און אָרגאַניזירטקייט פון די אַרויסטרעטונגען פון די אידישע מאַסן, זייער קאָמפּלוסט, די דעמאָנסטראַציעס און סטרייקן — דאָס אַלץ איז געווען אַ דירעקטער פּועל־יוצא פון דעם „בונד'ס" שטאַרק אויסגעוואַקסענער השפעה און כוח.

אין יענער צייט איז דעם „בונד'ס" פּרעסטיזש אויסגעוואָקסן הימל־הויך.

אַמסטערדאַם. — דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַ־ליסטישער קאָנגרעס. — דער קאַמף פאַר אָרטאָדאָקסאַלן מאַרקסיזם

דער רוסיש־יאַפּאַנישער קריג האָט ניט געהאַט אַזאַ ברייטע אויסווירקונג אין דער וועלט, ווי דאָס איז שפּעטער פאָרגעקומען מיט דיביידע וועלט־מלחמות. ער איז אין משך פון דער גאַנצער צייט פאַרבליבן לאָקאַליזירט און זיינע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע רעזול־טאַטן פאַר דער ברייטער וועלט זיינען ניט געווען פון גרויס באַדייטונג. דער בעסטער באַראָמעטער אין אַזעלכע פאַלן, די בירזשע, איז אין סאַמען ברען פון קריג פאַרבליבן מערסטנטיילס רואיק. אפילו די רוסישע ווערטפּאַפּירן און דער רוסישער רובל זיינען געווען נאָטירט ניט פיל נידעריקער פון דעם נאָרמאַלן פּרייז. דער אינטערעס צום קריג האָט זיך באַגרעניצט בלויז צו דערוואַרטונגען און אויסרעכענונ־גען, אַז דער קריג וועט באַאיינפלוסן די אינערלעכע פּאָליטישע פאַר־העלטענישן אין רוסלאַנד גופא. די פּראָגרעסיווע עלעמענטן אין אַלע לענדער האָבן זיך געפרייט מיט די מפּלות פון דעם רוסישן חיל. די דאָ־זיקע מפּלות, האָבן באַשיינפּערלעך באַוויזן, אַז דער גרויסער רוסישער קאָלאָס איז געשטאַנען אויף שוואַכע ליימענע פיס און אַז די טראַדיציאָ־נעלע שרעק פאַר׳ן רוסישן בער איז נישט געווען באַגרינדעט — דער בער האָט זיך אַנטפּלעקט אַלס שוואַך און קראַנק. אין אויגוסט 1904, איז פאָרגעקומען אַן אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס אין אַמסטערדאַם. צוליב די געשילדערטע אומשטענדן, איז נישט געווען צו וואונדערן זיך, וואָס הגם דער קאָנגרעס האָט זיך געפירט אין דער צייט פון די שלאַכטן, איז די מלחמה כמעט ווי אין גאַנצן געווען איגנאָרירט. אַן אויסנאַם איז געווען אַ קליינע דעמאָנסטראַציע בעת דער עפענונג פון קאָנגרעס: אויף דער בינע האָבן די דעלעגאַטן פּלעכאַנאָוו פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און קאַטאַיאַמאַ פון די

פיאָנערן און בויער

יאַפּאַנישע סאָציאַליסטן ברידערלעך זיך דערלאַנגט די הענט אַלס אַ צייכן פון חבר׳שאַפט און פריינטשאַפט פון די האָרעפּאַשנע מאַסן פון ביידע פעלקער, אַלס אַ צייכן און ווי אַן אויסדרוק פון הייסן וואונטש צו לעבן אין שלום.

כמעט די גאַנצע אַרבעט פון קאָנגרעס איז געווען געווידמעט דער פראַגע וועגן די פּאָליטישע און טאַקטישע גרונט־יסודות פון דער אינ־טערנאַציאָנאַלער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

פינף־זעקס יאָר זיינען געווען פאַרביי זינט עדואַרד בערנשטיין איז אַרויסגעטראָטן מיט זיין רעוויזיאָניסטישער קריטיק פון קאַרל מאַרקס לערע. זיין אַרויסטריט האָט געגעבן אַן אויסדרוק די נייע שטרעמונגען, וועלכע האָבן זיך אַלץ מער און מער פאַרוואָרצלט אין דער באַוועגונג. גרעסערע טיילן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע זיינען געוואָרן רעפאָרמיסטיש. עס איז געשטאַנען די פראַגע: ריינער, אומקאָמפּראָמיסלעכער קלאַסן־קאַמף אָדער מיטאַרבעטן מיט דעם ליבע־ראַלן און ראַדיקאַלן פליגל פון דער בורזשואַזיע? סאָציאַל־פּאָליטישע רעפאָרמען אַלס אַן ענדציל אָדער בלויז אַלס אַ מיטל צום ענדציל? „לאָ־טעס אויפן סאָציאַלן בגד", ווי אייניקע פלעגן זיך אויסדריקן, אָדער „אַ גאַנץ נייער בגד"? רעפאָרם אָדער רעוואָלוציע?—אָט־די אַלע פראַגן האָבן געעגבערט די מוחות און דערוועקט ענדלאָזע שטרייטיקייטן און אַפילו ביטערע קאַמפן אין די רייען פון די סאָציאַליסטישע פאַרטייען אין אַלע לענדער. בערנשטיינס קעגנער האָבן געזען אין די נייע טענדענצן אַ גרוי־סע סכנה פאַר דער פּראָלעטאַרישער עמאַנציפּאַציע־באַוועגונג און זיי האָבן אָנגעהויבן מאָביליזירן די כוחות פאַר אַן אַנטשלאָסענעם קאַמף קעגן זיי. דער צוזאַמענפאָר פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי אין דרעזדען, אין 1903, האָט דעם גרעסטן טייל פון זיינע פאַר־האַנדלונגען אָפּגעגעבן די דערמאָנטע פראַגן און דאָ האָט דער רעוויזיאָ־ניסטישער איינשטעל געליטן אַן אַנטשידענע מפּלה. אין פראַנקרייך איז די סאָציאַליסטישע באַוועגונג צעריסן געוואָרן אויף שטיקלעך. אַלס אַ רעזולטאַט פון דער פּראַקטישער אָנווענדונג פון דער אידעע פון מיט־אַרבעט מיט בורזשואַזע עלעמענטן און פון אַנטיילנעמען פון סאָציאַ־ליסטן אין אַ בורזשואַזער רעגירונג האָבן זיך באַוויזן געפערלעכע סימנים פון צעשפּליטערונג. עס איז דעריבער געווען אַ זעלבסטפאַר־

דזשאָן מילל

שטענדלעכע און נאַטירלעכע זאַך, אַז די אָנגעווייטאָגטע פראַגע וועגן אַנטייל פון סאָציאַליסטן אין בירגערלעכע רעגירונגען און וועגן דער קלאַסן־פּאָליטיק פון די אָרגאַניזירטע אַרבעטער מאַסן זאָל אַוועקגעשטעלט ווערן אַלס דער הויפּט־פּונקט אין דעם סדר־היום פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין אַמסטערדאַם.

אונז, די דעלעגאַטן פון „בונד", זיינען דורך דעם אָרגאַניזאַציאָנס־קאָמיטעט פון קאָנגרעס צוגעטיילט געוואָרן דריי צימערן אין אַ הויז ביי אַ האָלענדישער סאָציאַליסטישער פאַמיליע. דאָס הויז איז געלעגען אין דעם נייען טייל פון שטאָט, אויף אַ ברייטער, זייער ריינער גאַס, און האָט אויסגעזען אָנגענעם און באַקוועמלעך. קאָסאָווסקי און איך האָבן געקראָגן דעם שיין־מעבלירטן און רומיקן גאַסט־צימער אויפ'ן ערשטן שטאָק, וואו צוויי בעטן זיינען אַריינגעשטעלט געוואָרן. מיר האָבן זיך געפרייט מיט'ן צימער ביז עס איז געקומען די צייט צו גיין שלאָפן. מיר לייגן זיך אַוועק אין די בעטן און שפּרינגען גלייך אַרויס. די מאַטראַצן, די קישנס, די קאָלדרעס, די ליילעכער — אַלץ איז געווען נאַס און אייזיק־קאַלט. די ווענט פון צימער, ווי מיר האָבן אָנגעהויבן צו באַמערקן, האָבן אַרויסגעלאָזן פון זיך אַ קאַלטע, דורכדרינגנדיקע געדיכטע פייכטקייט, די פייכטקייט האָט פאַרשפּאַרט דעם אָטעם און האָט געשטערט צוצומאַכן די אויגן די גאַנצע נאַכט. דאָס איז געווען אַ נאַכט פון אמת'ן קאָשמאַר און קוים וואָס מיר האָבן זיך דערוואַרט דעם פרימאָרגן. נאָך דעם ווי מיר האָבן זיך באַקלאָגט, האָט מען אונז אויפן צווייטן טאָג אַריבערגעפירט אין אַ צימער פון אַ סטודענט מיט צוויי שטאָק העכער. שפּעטער האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז אין אַמסטערדאַם זיינען כמעט אַלע ערשטע שטאָקן אין אַ גרויסן טייל פון שטאָט פייכט און אומגעזונט מחמת דער נידעריקער פּאָזיציע פון לאַנד און די צאָלרייכע קאַנאַלן.

דער גרויסער קאָנצערט־זאַל, דער אָרט פון קאָנגרעס, האָט זיך געפונען נישט ווייט פון אונזער דירה. ווען מיר זיינען דאָרטן געקומען, איז דער זאַל שוין געווען געפּאַקט. ער האָט אויסגעזען ווי אַ מוראַשקע־נעסט, וואו אַלע באַוועגן זיך, וואו אַלע זיינען מיט עטוואָס באַשעפטיקט, וואו אַלע זיינען פאַרשמאַיעט! מען גריסט זיך, מען זשעסטיקולירט, מען וויצלט זיך, מען לאַכט, מען לויפט פון איין אָרט צו אַ צווייטן, אַ מיש־מאַש פון פאַרשיידענע לשונות, אַן אמת'ער דור־הפלגה. אָט אין

מיט׳ן פון אַ גרופּע שטייען די בעלגיער וואַנדערוועלדע און אַנזעל; לעבן געד׳ן דרייט זיך אַרום ראַפּאָפּאָרט; נישט ווייט פון אונז זיצן די „באַבושקאַ״ ברעשקאָווסקאַיאַ, די לעצטע איינגעבויגן, אַלט, קרענקלעך, אַרומגעוויקלט מיט אַ פּאַטשיילע; אָט גייט פאַרביי הילקוויט מיט זיין פרוי; קלאַראַ צעטקין און בעבעל האָבן עפּעס אַ שטילן שמועס; אויף דער אַנדערער זייט פון זאַל, ביי אַ לאַנגן טיש, זיצן די פּ. פּ. ס.־ישע דעלעגאַטן פון אַלע דריי טיילן פון פּוילן, צווישן זיי אויך פּילסודסקי, מיט זיינע לאַנגע און געדיכטע וואָנצעס, מיט די קליינע געזשמורעטע, אָבער שאַרפע, אויגן, מיט אַ קוים באַמערקבאַרן איראָנישן אָדער סאַר־קאַסטישן שמייכל; די קליינע גרופּע פון דער פּוילישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע — וואַרסקי, מאַרכלעווסקי און אַ פרוי — איר נאָמען איז געווען צעזאַרינאַ וואָינאַראָווסקאַ—ריידן מיט קאַוטסקין. ראָזאַ לוק־סעמבורג איז עפּעס פאַרנומען אויף דער בינע מיט דעם האָלענדער טרולסטראַ; אויף דער בינע געפינט זיך אויך דער איבערזעצער, דער ענגלענדער סמיט, אַ פאַמיליאַרע פיגור אויף אינטערנאַציאָנאַלע סאָ־ציאַליסטישע קאָנגרעסן.

עס נעמט אַ היפּש ביסל צייט איינצושטילן אָט־דעם אומרואיקן, טומלדיקן עולם און ענדלעך־צוצוטרעטן צו די פאַרהאַנדלונגען.

דער טשוואָק פון קאָנגרעס, ווי שוין פריער געזאָגט, איז געווען די פראַגע צי דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליזם נויטיקט זיך אין אַ רעוויזיע פון זיינע פּרינציפּן און אין פאַרענדערונגגן אין זיין אַלטער טאַקטיק פון אומקאָמפּראָמיסלעכן קלאַסנקאַמף, וואָס איז גלייכצייטיק פאַרבונדן מיט קעגנערשאַפט צו קאָאַליציעס מיט בורזשואַזע פּאַרטיי־ען און רעגירונגען. די פאַראינטערעסירונג מיט דער פראַגע איז געווען אויסערגעוויינלעך שטאַרק. די זיצונגען פון דער קאָמיסיע, וואָס האָט געדאַרפט אויסאַרבעטן די באַטרעפנדיקע רעזאָלוציע, פלעגן אומאויפ־הערליך זיין באַזוכט פון מער דעלעגאַטן, ווי די רעגולערע פאַרהאַנדלונגען פון קאָנגרעס גופא. דריי טעג האָט די קאָמיסיע שווער געאַרבעט. דריי גאַנצע טעג האָבן ברייט אין דער וועלט באַוואוסטע פּאַרלאַמענטאַריער און פּאָליטיקער, אָנערקענטע פירער פון סאָציאַליסטישע מאַסן־פּאַר־טייען, טעאָרעטיקער און פּאָפּולאַריזאַטאָרן פון ווינסנשאַפטלעכן סאָציאַ־ליזם אויסגעפאָכטן אַ פאַרצווייפלטען קאַמף פאַר זייערע אידייען, אַ

דזשאַן מילל

קאַמף ביזן סוף, נישט נאָכגעבנדיק אויף אַ האָר. אין דעם דאָזיקן גייס־טיקן און פּאָליטישן „טורניר" האָבן זיך באַטייליקט עטלעכע צענדליק דעלעגאַטן. זשאָרעס און געד, פּלעכאַנאָוו און לוקסעמבורג, וואַנדער־ווועלדע, בעבעל, קאַוטסקי, קלאַראַ צעטקין, וויקטאָר אַדלער און נאָך און נאָך — קען מען זיך פאָרשטעלן אַ רייכערן קוואַל פון סאָציאַלער וויסנשאַפט, פון פּאָליטישער אויטאָריטעט, פון חכמה? דער מיניסטע־ריאַליזם איז דורכגעפאַלן, דער אָרטאָדאָקסאַלער מאַרקסיזם האָט געזיגט סיי דאָ, אין דער קאָמיסיע, אַזוי אויך אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון קאָנגרעס מיט אַ מאַיאָריטעט פון זעקס צו איינס. ריינער קלאַסנ־קאַמף, קיין פשרה־פּאָליטיק, אומקאָמפּראָמיסלעכע קעגנערשאַפט צו מיליטאַריזם און אימפּעריאַליסטישע מלחמות — דאָס איז פאַרבליבן דער פונדאַמענט, אויף וועלכן מען האָט באַשלאָסן אויך ווייטער צו בויען די סאָציאַליסטישע באַוועגונג, אין נאַציאָנאַלן און אינטערנאַ־ציאָנאַלן מאַסשטאַב.

מיר, פון „בונד", זיינען אין דער דאָזיקער שטרייטפראַגע געשטאַ־נען אין יענע רייען, וואָס האָבן צוזאַמען מיט זשול געדן באַקעמפט זשאָרעסעס קאָאַליציע־פּאָליטיק און מיניסטעריאַליזם און וואָס האָבן צוזאַמען מיט קאַוטסקין, פּלעכאַנאָוון, בעבעלן און אַנדערע, געקעמפט קעגן בערנשטיינישן רעוויזיאָניזם און רעפאָרמיזם, וועלכע האָבן ווי אַ מגפה אָנגעהויבן זיך צו פאַרשפּרייטן אויך אין רוסלאַנד.

אין אַמסטערדאַם האָבן מיר שוין געזען אויסצומיידן דעם פאַר־דריסלעכן פעלער, וואָס איז מיט פיר יאָר פריער געמאַכט געוואָרן אין פּאַריז. לויט אונזער איניציאַטיוו האָט דער קאָנגרעס אָנגענומען אַ רע־זאָלוציע קעגן דער אַנטי־אידישער פּאָליטיק פון דער צאַרישער רעגי־רונג. די רעזאָלוציע וואַרפט פאָר, אַז די פּאָליטיק פון דער צאַרישער רעגירונג פירט צום פיזישן און מאָראַלישן אונטערגאַנג פון טויזנטער און טויזנטער אידן. די רעגירונג גופא ווערט געהאַלטן פאַראַנט־וואָרטלעך פאַר די שענדלעכע פּאָגראָמען. אין נאָמען פון פרייהייט, קולטור און מאָראַל האָט דער קאָנגרעס פּראָטעסטירט קעגן דער אומ־ווירדיקער באַהאַנדלונג פון די רוסישע אידן. גלייכצייטיק האָט ער אויסגעדריקט זיין פולע סימפּאַטיע צו די אידישע אַרבעטער אין ליטע,

פוילן און רוסלאַנד, וועלכע קעמפן פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון סאָ־ציאַליזם טראָגן אַלע פאַרפאָלגונגען און געפאַרן.

מיר, בונדיסטן, האָבן זיך געפילט אויפ׳ן קאָנגרעס זייער יום־טוב׳דיק. אין קעגנזאַץ צו די איבעריקע רוסישע דעלעגאַטן זיינען מיר געקומען גוט אָרגאַניזירט, פאַראייניקט, אָן רייסערייען. מיר האָבן פאַר־טרעטן אַרום 30 טויזענט אָרגאַניזירטע אידישע אַרבעטער דורך 27 מאַנדאַטן — 17 פון אָרטיקע קאָמיטעטן פון „בונד" און צען פון אַנדערע בונדישע אָרגאַניזאַציעס. אונזער באַריכט, וועלכן מיר האָבן פאַרשפּרייט צווישן די קאָנגרעס־דעלעגאַטן אויף פראַנצויזיש און דייטש, איז געווען איינער פון די אינטערעסאַנטסטע און באַלערנדיקסטע דאָקומענטן. ער האָט געגעבן אַן איבערצייגנד בילד, אונטערשטיצט דורך גענויע ציפערן, פון דעם גיגאַנטישן פאָרשריט, וואָס די אידישע אַרבעטער באַוועגונג אונטער דעם „בונד" האָט געמאַכט אין משך פון לעצטן יאָר. קיין אַנדערע אָרגאַניזאַציע פון רוסלאַנד האָט נישט געקענט זיך פאַר־גלייכן מיט׳ן „בונד" אין דער צאָל פון דורכגעפירטע מאַסן־פאַרזאַמלונ־גען און דעמאָנסטראַציעס און אין דער צאָל פון פּאָליטישע און עקאָנאָמי־שע סטרייקן. מיר האָבן אויך אונטערגעשטראָכן דעם גרויסן וואוקס פון אונזער פּרעסע, געשילדערט אונזער אַרבעט אין מיליטער, וואו מיר האָבן פאַרשפּרייט פּראָקלאַמאַציעס צו סאָלדאַטן, צו רעקרוטן און צו אָפיצירן, און אויך דערמאָנט די אומגלויבלעך גרויסע צאָל פון אונזערע קרבנות — אַן ערך פינף טויזענט אַרעסטירטע און עטלעכע צענדליק פאַרשיקטע קיין סיביר.

דער באַריכט האָט פאַראינטערעסירט ביז גאָר אַ סך דעלעגאַטן. זיי האָבן אונז גרינטלעך אויסגעפרעגט וועגן אַלע זייטן פון „בונד׳ס" טעטיקייט.

נישט די גאַנצע וואָך האָט דער קאָנגרעס געאַרבעט שווער. עס איז באַשטימט געוואָרן אַן איבעררייס אויף איין טאָג צו געבן די דעלע־גאַטן אַ מעגלעכקייט זיך אָפּצורוען און צו זען „וואָס איז וואָס" אין אַמסטערדאַם. ווי שול־קינדער, וועלכע קריגן אומדערוואַרט אַ פרייען טאָג, זיינען אויסער זיך פון פרייד, אַזוי אומגעפער האָבן מיר זיך אַלע געפילט. פריער פאַר אַלץ האָבן מיר געוואָלט זיך באַקענען מיט דער שטאָט און מיט אירע מערקווירדיקייטן. מיר, בונדיסטן, האָבן צוערשט

זיך אַ לאָז געטאָן צו דער געגנט, וואו עס וואוינען די אָרימערע אידן, צום אידישן „געטאָ". און ווי אַ „געטאָ" האָט דאָס טאַקע אויסגעזען. קליינע, איינשטאָקיגע הייזקעס, איינפאָרמיקע און גלייכאַרטיקע אין אַרכיטעקטור און קאָליר. די גאַסן אָנגעפּאַקט מיט אויפגערעגטע, זשעסטיקולירנדיקע, ווי עס שיינט, זייער פאַרנומענע מענטשן. אָן אַ צאָל קינדער. דאָס בילד האָט מיר דערמאָנט די „סלאָבאָדקע" און דעם „נייען פלאַן" אין פּאָניעוויעזש, וואו די אָרימסטע פון די אָרימע האָבן געוואוינט און זיך געמאַטערט. אפשר די הייזער, דאָ, האָבן אויסגעזען אַ ביסל ריינער, אַ ביסל סאָלידער, נישט אַזוי צוזאַמענגעפּרעסט.

נאָך דעם וויזיט אין געטאָ — אַ באַזוך אין אַ פּאָר וועלט־באַרימטע מוזייען. צו אונזער גרויסן פאַרדרוס האָבן מיר נישט געהאַט גענוג צייט און מיר האָבן באַוויזן בלויז „דורכצושפּאַצירן" דורך זיי...

מיר האָבן זיך געאיילט. מיר דאַרפן זען די שטאָט, דער עיקר די אַלטע שטאָט. די הויפּטגאַס, נאַטירלעך אַ געשעפטס־גאַס, איז קרום און ענג, אַביסל טונקל, כאָטש די זון שיינט. וואָס איז דאָס, די קערנטער אָדער ראָטנטורם־שטראַסע אין ווין? מיר גייען אַריין אין איינע פון די פּילצאָליקע קאַפע־הייזער און די אילוזיע איז אַ מערקווירדיקע. טאַקע גאָר ווי אין ווין: קליינע טישלעך, מענטשן מיט לאַנגע ציגאַרן ביי אַ טאַס קאַווע, אין די זאַלן איז אָנגערויכערט, צענדליקער טעגלעכע צייטונגען און אילוסטרירטע זשורנאַלן אין אַלע אייראָפּעאישע שפּראַכן אויף די דערבייאיקע שטולן. די זעלביקע אַטמאָספערע, אָן אַנגענעמע און געמיטלעכע. יע, „איין וועלט"...

דעם זעלבן נאָכמיטאָג איז פאַר די דעלעגאַטן איינגעאָרדנט געוואָרן אַן אויספלוג אויף צוויי שיפן ווייט הינטער דער שטאָט, דורך דעם קאַנאַל־סיסטעם, וואָס שניידט דורך די גאַנצע אומגעגנט פון אַמסטערדאַם. דאָס איז געווען אַ פאַרגעניגן, וואָס איך האָב יאָרנלאַנג נישט געקענט פאַרגעסן. אומעטום, וואו די אויג האָט געקענט דערגרייכן, האָבן זיך געוויזן גרינע, ריינע לאָנקעס; יעדעס שטיקל לאַנד מיט זאָרג באַאַרבעט, קולטיווירט; די קליינע, נידעריקע און ציכטיקע הייזקעס פון די פאַרמערס זיינען ווי באַהאַלטן צווישן די ביימער אָדער טיף פאַרזונקען אין די הויכע און געדיכטע גראָזן; די כאַראַקטעריסטישע און מאַלערישע ווינטמילן פון נאָענט און פון ווייט פאָכען מיט זייערע

גיגאַנטישע פליגלען; רואיקייט, שטילקייט, שטאַנדהאַפטיקייט שוועבט איבער די הייזער, איבער די לאַנקעס, איבער די פעלדער.

אויפן דעק פון שיף טומלט זיך. ווי עס שיינט, האָבן אַלע פאַרגעסן די ערנסטע אַטמאָספער פון קאָנגרעס און די אָקערשט אָפּגעהאַלטענע און אויסגעפּאָכטענע שאַרפע דעבאַטן. מען אַמוזירט זיך, ווי דאָס טוען פריילעכע, זאָרגלאָזע און אָפט צעלאָזענע קינדער. אַ גרויסע גרופּע רינגלט אַרום וויקטאָר אַדלערן. ער וויצלט זיך און דער עולם ברעכט אויס פון צייט צו צייט אין אַ הילכיקן געלעכטער. ער פאַרהאַלט זיך אַביסל,—איין פראַזע, אין וועלכער ער דערמאָנט די הייסע פּערזענלעכע ליבע צווישן צוויי אידעאישע געגנער, קען ער נישט פאַרענדיקן גענוג גיך. ווייל איין צוהערער אים אַרויסהעלפן און גיט צו די ווערטער „פּלאַטאָנישע ליבע”. דאָס ברענגט אַדלערן אַרויס פון די כלים — און אַ בייזער וויץ פאָלגט. אַלע לאַכן ווידער... אָט רוקט זיך פאַרביי דער נידעריקער, קליינינקער ענגלענדער היינדמאַן, באַפּוצט מיט זיין אומפּראָפּאָרציאָנעל לאַנגער און ברייטער באָרד. אויך זיין פרוי איז מיט אים. עס קומט זיי אַנטקעגן קייר־האַרדי און, מיר דוכט זיך, דער ענגלישער טרייד־יוניאָן פירער קוועלטש. דער האָלענדער וואַן־קאָל, דער דיקבויכיקער גיגאַנט, באַוועגט זיך פּאַמעלעך און מאַיעסטעטיש צווישן דעם עולם און ווענדט זיך מיט אַ פּאָר פריינטלעכע ווערטער אָט צו איינעם אָט צו אַ צווייטן. מאַרק ליבער איז זייער „באַשעפטיקט” און אומרואיק, ער קען נישט איינזיצן אויף אַן אָרט און לויפט אַרום איבערן גאַנצן שיף. מיט אַלץ איז ער באַגייסטערט און ער פילט זיך אַפּנים ווי אין אַ גן־עדן. אַרקאַדי קרעמער זיצט און מאַכט קריטישע וויצן וועגן די פאַרבייגייער. זיי זיינען מסתמא זייער טרעפנד און קאָמיש, ווייל מעדעם האָט פון זיי גרויס הנאה און נעמט זיי אויף מיט אַ הילכיקן און לאַנגן געלעכטער. אָרעמער קאָסאָווסקי! ער געפינט זיך אַליין ביים ראַנד פון שיף און האָט אַזאַ אומעטיקע, ערנסטע, כמעט בייזע און אומצופרידענע מינע! דורך זיינע ברילן קוקט ער ווייט — ווייט, אַזוי ווי ער וואָלט וועלן דורכדרינגען דעם האָריזאָנט און אויסגעפינען וואָס עס טוט זיך אויף יענער זייט. קאַמיל הויסמאַנס, דעמאָלט נאָך אַ יונגער, שלאַנקער מאַן, מישט זיך אומעטום צווישן דעם עולם. גאָר אומדערוואַרטעט דערנענטערט זיך צו אונז וואַרסקי, איינער פון די פירערס פון דער

דזשאָן מילל

פ.ס.ד. דאָס איז דער זעלבער וואַרסקי, וואָס האָט שפּעטער, אין אומאָפּ־הענגיקן פּוילן, געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און אַ געוויסע צייט געווען איר פאָרשטייער אין וואַרשעווער סיים (פּאַרלאַמענט). ערב דער לעצטער מלחמה, ווי פאַרשידענע צייטונגען האָבן געמאָלדן, איז ער אַרעסטירט געוואָרן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד — ווער וויים פאַר וועלכע שווערע „חטאים". פּלוצלונג ווענדעט ער זיך צו מיר — פאַר וואָס דווקא צו מיר האָב איך נישט געוואוסט, אפשר דערפאַר, וואָס זיין ווענדונג איז געווען אין פּויליש,—ער וויל וויסן צי איך וועל בלייבן נאָכן קאָנגרעס אויף דער פּריוואַטער באַראַטונג פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע דעלעגאַציעס פון רוסלאַנד, וואָס דאַרף נעמען אַ שטעלונג צו דעם „פּאַריזער בלאָק" פון אָפּאָזיציאָנעלע און רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען. אָט דער בלאָק איז באַשאַפן געוואָרן דורך דער איניציאַטיוו פון די פינלענדישע רעוואָלוציאָנערן און ער פּראָיעקטירט באַלד אָפּצוהאַלטן אַ קאָנפערענץ... אַ יונגער האָלענדישער דעלעגאַט זאַמלט אַרום זיך אַ גרויסן עולם — ער האַלט אַ קאָמישע רעדע גלייכצייטיק אויף פיר שפּראַכן, נישט אַ זאַץ נאָך אַ זאַץ, נאָר אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט, אין ענגליש, דייטש, פראַנצויזיש און האָלענדיש. די צוהערער אַמוזירן זיך, זיי קייקלען זיך פון געלעכטער...

דער אָרטאָדאָקסאַלער מאַרקסיזם, רעוויזיאָניזם, רעפאָרמיזם, מיניסטעריאַליזם, אומקאָמפּראָמיסלעכער קלאַסנקאַמף, אַלע שטרייטיקייטן — אַלץ, אַלץ איז אויף עטלעכע שעה אין גאַנצן פאַרגעסן געוואָרן אָדער אָפּגעשטופּט אין אַ זייט. די גרויסע, סאָלידאַרע, צופרידענע, גליקלעכע אינטערנאַציאָנאַלע משפּחה וויל אַז „פריילעך זאָל זיין!"...

דער אויסלענדישער קאָמיטעט אין דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע

קיין מאָל אין דער געשיכטע פון „בונד" איז זיין אויסלענדישער קאָמיטעט נישט געווען באַוואָרפן מיט אַזוי פיל גויטיקער און דרינג־גלעכער אַרבעט, ווי אין די יאָרן 1904־1905, און טיילווייז אין 1906. יעדערער פון אונז האָט געמוזט זיך איינשפּאַנען און אַרויסגעבן דאָס מאַקסימום לויט זיינע פעאיקייטן און כוחות. מיר האָבן נישט געטאָרט „שלאָפן" און מיר האָבן באַטראַכט נישט דערלאָזבאַר וואָס־עס־איז צו פאַרנאַכלעסיקן. אין יענער שטורמישער רעוואָלוציאָנערער צייט האָט דער „בונד" מער ווי אַלע מאָל זיך אַנטפּלעקט אַלס אַן אמת גרויסע, אימפּאָזאַנטע, איינפלוסרייכע פּאָליטישע פּאַרטיי, מיט אַן אומדערשעפּ־לעכן קוואַל פון ענערגיע, מיט אַ קלאָרער סאָציאַליסטישער פּערספּעק־טיוו. אין דעם גאַנצן אידישן תחום איז די מלחמה קעגן צאַריזם געפירט געוואָרן אָדער אויסשליסלעך דורך אים אַליין אָדער, ווי אין אייניקע ערטער, צוזאַמען מיט אַנדערע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס, אָבער ער האָט דערביי געשפּילט די הויפּט־ראָל סיי לויט דער צאָל פון זיינע מיטגלידער, סיי צוליב דער איבערוועגנדיקער השפּעה, וואָס ער האָט גע־האַט אויף דער גאַנצער אַרומיקער באַפעלקערונג. די קריסטלעכע אַרבעטער און די פויערים ארייגערעכנט. אין אייניקע ראַנד־געביטן, למשל אין דער צפון־מערב׳דיקער געגנט, זיינען די אידישע אַרבעטער־מאַסן געווען דער איינציקער כוח פון דער רוסישער רעוואָלוציע. די „איסקראַ"־גרופּעס האָבן זיך פאַרנומען מער מיט קליינלעכע אָנפאַלן אויפן „בונד", ווי מיט פּאָליטיש דערציען און אָרגאַניזירן די נישט־אידישע אַרבעטער. זייער כאַראַקטעריסטיש איז אין דער הינזיכט געווען אַן אינצידענט מיט די וויטעבסקער איסקראַוועצעס. דער „בונד", האָט דאָרטן אַרויסגערופן אַן אַלגעמיינעם סטרייק אין צוזאַמענהאַנג מיט די בלוטיקע געשעענישן אין פּעטערבורג דעם 9־טן יאַנואַר 1905.

דזשאַן מילל

האָט די וויטעבסקער „איסקראַ"־גרופּע זיך געווענדעט מיט אַן אויפרוף צו די אַרבעטער נישט צוצושטיין צום סטרייק, ווייל דער „בונד" האָט נישט געפונען פאַר נויטיק זיך פריער צו באַראַטן מיט דער דאָזיקער, פּאַקטיש, גאַנץ איינפלוסלאָזער אָרגאַניזאַציע...

ענלעכע שיקאַנעס לגבי דעם „בונד" האָבן ווייניק וואָס געקענט שטערן דעם נאַטירלעכן גאַנג פון די געשעעניש. די ענטוזיאַסטיש געשטימטע, דיסציפּלינירטע, כמעט מיליטעריש אָרגאַניזירטע אידישע אַרבעטער זיינען געווען גרייט אויף גרויסע קרבנות אין קאַמף קעגן צאַריזם. נייע צאָלרייכע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, וואָס זיינען פריער געשטאַנען אין אַ זייט פון דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג, זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אין קרייז פון איר השפּעה. זיי זיינען מסכים געווען אָפּצוגעבן דאָס „בלוט פון זייערע הערצער" צו דעראָבערן אַ וועלט פון יושר און פון מענטשן־רעכט. דעם „בונד'ס" רוף „צום קאַמף!", צו פאַרוואַנדלען אַלע גאַסן און געסלעך אין שלאַכט־פעלדער, יעדן ווינקל אין אַ פעסטונג, האָט געפונען אַן אַלזייטיקן צושטימנדיקן סימפּאַטישן אָפּרוף. מען האָט זיך געלערנט ווי זיך צו באַגיין מיט געווער. מען האָט זיך באַוואָפנט ווי מען האָט געקענט און מיט וואָס מען האָט געקענט. אַפילו די פּאָליטיש אָפּגעשטאַנענע קליינבירגערלעכע עלע־מענטן, ביז איצט פחדניש אָדער אַפּאַטיש, ווערן רעוואָלוציאָניזירט און וואַרפן זיך אַריין אומדערשראָקן אין שווערן און געפערלעכן קאַמף. עס ברענט דער פייער פון פּראָטעסט און רעוואָלט.

נישט אַלע פון אונז, פון אויסלענדישן קאָמיטעט, האָבן געהאַט די מעגלעכקייט און דאָס גליק דירעקט זיך צו באַטייליקן אין די רעוואָ־לוציאָנערע קאַמפן. בלויז אַ קליינער טייל פון די „אויסלענדער", צווישן זיי מאַרק ליבער און אַבראַמאָוויטש, און אַ קירצערע צייט אויך מעדעם און גראָסער־זעלצער, האָבן זיך געפונען אויפ'ן אָרט, אין רוסלאַנד, וואו זיי האָבן אַ דאַנק זייערע רעדנערישע פעאיקייטן פיל בייגעטראָגן צו דער פּאָליטישער דערציאונג און צו דער סאָציאַליסטישער אויפקלערונג פון די פאָלקסמאַסן. זייערע אַרויסטרעטונגען אויף פאַרזאַמלונגען פון אַרבעטער און סטודענטן, אויף מיטינגן און באַנקעטן פון דער ליבע־ראַלער אינטעליגענץ, אין בתי־מדרשים און שולן, אין פאַבריקן און אויף אַרבעטער בירזשעס האָבן אויפגערודערט און רעוואָלוציאָניזירט

די מאַסן און געהאָלפן זיי צו פאַנאַנדערקלייבן זיך און צו פאַרשטיין סיי די אַלגעמיינע וויכטיקע און פּאַרוויקלטע אויפגאַבן פון דער אומ־געוויינלעכער צייט, סיי אויך די ספּעציעל אידישע. אין דעם ברען פון דער רעוואָלוציע זיינען נישט פאַרגעסן געוואָרן אונזערע פאָדערונגען פון פרייהייט, פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אַנטוויקלונג, פון גלייכע רעכט פאַר אונזער פאָלקס־שפּראַך, פון אומגעשטערטע בילדונגס־מעגלעכ־קייטן אויף אונזער אייגענעם לשון.

אויף אונז, אויף די געבליבענע אין אויסלאַנד, איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ שווערער חוב און אַ גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. מען האָט געמאָנט פון אונז אַ סך און מיר האָבן זיך אָנגעשטרענגט צו געבן אַ סך. מיר האָבן דאָס געטאָן מער, ווי אונזערע כוחות האָבן דערלויבט. מיר האָבן נאַטירלעך גוט פאַרשטאַנען די אויסערגעוויינלעכע וויכטיקייט אויך פון אונזער אַרבעט, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס מיר האָבן זיך נישט געפונען אין די פאָדערשטע רייען. מיר האָבן זיך געפילט ווי אַ מין הילפס־אַרמיי, הינטער דעם אַקטיוון שלאַכט־פראָנט, וואָס האָט געדאַרפט באַזאָרגן דעם רעוואָלוציאָנערן חיל מיט טראַנספּאָרט, אַמו־ניציע, שפּייז, וואָס אָן זיי קען קיין מלחמה נישט געפירט ווערן דער־פאָלגרייך. עס איז גענוג צו וואַרפן בלויז אַ קורצן, אויבן־אויפיקן בליק אויף דעם אומפאַנג פון דער אַרבעט פון אויסלענדישן קאָמיטעט אין אָט־דער היינזיכט, כדי זיך צו איבערצייגן, אַז זיין הילף אין יענער צייט איז געווען אומגעהויער גרויס. בלויז אין די יאָרן 1904־1905, האָט דער אויסלענדישער קאָמיטעט אַרויסגעגעבן אויף אידיש, רוסיש און פּויליש 39 ביכער און בראָשורן און 59 נומערן צייטונגען און זשורנאַלן, אַלץ צוזאַמען אין 808 טויזנט עקזעמפּלאַרן. פון סעפּטעמבער 1904 ביז סעפּטעמבער 1906, האָט ער אַריינגעקראָגן אין זיין קאַסע 610 טויזנט שווייצאַרישע פראַנקן, פון וועלכע 212 טויזנט זיינען פון זיי אָוועקגעשיקט געוואָרן מזומנים צום צענטראַלן קאָמיטעט. צו דער־גרייכן אַזעלכע גלענצנדיקע רעזולטאַטן אין אַ באַגרענעצטער סביבה פון „בונד׳ס" סימפּאַטיקערס אין אויסלאַנד איז שוין ממילא געווען אַ גרויסער אויפטו. עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אויך אויף אַנדערע געביטן פון זיין טעטיקייט איז די הילף פון אויסלענדישן קאָמיטעט פאַרן „בונד" אין רוסלאַנד געווען באַדייטנדיק. ער האָט צוזאַמענגע־

דזשאַן מילל

קליבן און צוזאַמענגעבונדן די כוחות פון דער רוסיש־אידישער און פוילישן־אידישער יוגנט, וואָס איז געווען צעוואָרפן איבער גאַנץ איי־ראָפּע. ער האָט געוועקט יענע עלעמענטן אין אַמעריקע, וועלכע זיינען נאָך פּסיכאָלאָגיש נישט געוואָרן פולקאָם אָפּגעריסן פון דער אַלטער היים און וואָס זיינען נישט פאַרבליבן גלייכגילטיק צו נויטן און באַדער־פעניש פון די אידישע מאַסן אין רוסלאַנד און צו זייער שווערן קאַמף פאַר אַ בעסערער צוקונפט. אָט דאָס אַלץ איז געווען אויסעראָרדענט־לעך וויכטיק און אין טאַקע אויף אַ געהעריקן אופן געווען אָפּגעשאַצט פון יענע פון אונזערע חברים אין רוסלאַנד, וועלכע זיינען געשטאַנען אין סאַמען ברען פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף.

מאַיסיי ווינאַקור און יונה קאַיגען. — וולאַדימיר מעדעם און בראָניסלאַוו גראָסער

דער פּערזענלעכער באַשטאַנד פון אויסלענדישן קאָמיטעט איז אין יענער צייט שוין געווען אַ סך ברייטער און פילפאַרביקער ווי מיט אַ דריי־פיר יאָר פריער. פון פינף מיטגלידער איז דער קאָמיטעט אויסגעוואַקסן אין אַן אָרגאַניזאַציע פון צען. זיי, די ניי־צוגעקומענע, האָבן געשטאַמט פון פאַרשידענע, ווייט פונאַנדערגעוואָרפענע, שטעט און, אַ חוץ מאַרק ליבערן, איז קיינער פון זיי נישט דורכגעגאַנגען די ווילנער שול פון סאָציאַליזם און פּראַקטישער אַרבעטער פּאָליטיק. האָבן זיי טאַקע מיטגעבראַכט מיט זיך אַ געוויסע פאַרשידנאַרטיקייט פון רעוואָלוציאָנערע דערפאַרונגען און זייער צוגאַנג צו אַ סך צייט־פראַגן איז געווען פאַרשידן — נישט, נאַטירלעך, אין די עצם־פּונקטן פון פּראָגראַם און טאַקטיק, נאָר אין אייניקע פּרטים. די פריערדיקע אַבסאָלוטע איינהייטלעכקייט אָדער אידענטישקייט אין די בליקן אויף די יסודות פון דער באַוועגונג, אויף אירע נאָענטסטע אויפגאַבן, אויף אירע פּערספּעקטיוון זיינען אין אַ גרויסער מאָס פאַרשוואונדן. מען מוז דאָ אָבער אונטערשטרייכן, אַז צו ערנסטע חילוקי־דעות — שוין נישט גערעדט וועגן פאַרביטערטע קאַמפן אָדער מחלוקות, ווי דאָס פלעגט נאָכאַנאַנד פּאַסירן אין דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי — איז ביי אונז קיין מאָל נישט געקומען.

פון די נייע מיטגלידער פון אויסלענדישן קאָמיטעט זיינען מאַיסיי ווינאַקור און יונה קאַיגען אין אַ געוויסער הינזיכט געווען אַ פּאָליטישער און אַ פּאַרטייאישער צווילינג: ביידע געשטאַמט פון סטאַראָ־קאָנסטאַנטינאָוו, ביידע האָבן זיך באַזעצט אין אָדעס אין די ניינציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט, ביידע זיך באַפרייט פון זייערע סימפּאַטיעס צו דער פּאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" און געוואָרן סאָציאַל־דעמאָקראַטן. זיי אָרגאַניזירן אין אָדעס אַרום 1895, אַרבעטער־קרייזן און ווערן

טעטיק אין דער אַרבעטער באַוועגונג. ענלעך צו אַנדערע רעוואָלוציאָנערן, מיידן זיי אויך נישט אויס אַרעסט, יאָרן אין טורמע און פאַרשיקונג קיין סיביר. דאָ, אין סיביר, באַקענען זיי זיך מיט פאַרשיקטע בונדיסטן און באַקערן זיך אַליין צום בונדיזם. ווינאַקור, נאָך זיין באַפרייאונג, באַזעצט זיך אין בערדיטשעוו און אַלס אַ דעלעגאַט פון אָרטיקן קאָמיטעט קומט ער אין 1903 צום פינפטן צוזאַמענפאָר פון „בונד" און פאַרבלייבט שוין אין אויסלאַנד. שפעטער אַ ביסל איז ער אַריינגענומען געוואָרן אין אויסלענדישן קאָמיטעט. קאַיגען, נאָכ'ן צוריקקומען פון סיביר, אין 1902, קלייבט אויס גראָדנע אַלס זיין וואוינאָרט און צוזאַמען מיט זיין פרוי דאָראַ, גיט ער זיך אָפ דער אָרטיקער בונדישער אַרבעט. אין נאָוועמבער 1903, ווערט ער אַ מיטגליד פון צענטראַלן קאָמיטעט פון „בונד" און אַלס אַזעלכער פירט ער דורך מיט ערנסט, מיט זיין גאַנצער האַרץ און נשמה, די אויף אים אַרויפגעלייגטע פליכטן. ער אונטערנעמט אַ רייע אָרגאַניזאַציע־טורן, באַזוכנדיק — דער עיקר אין דרום רוסלאַנד — די בונדישע קאָמיטעטן און אָרגאַניזאַציעס. אומעטום איז זיין אַרבעט געקרוינט מיט דערפאָלג, כאָטש ער איז נישט קיין רעדנער. נישט ער און נישט ווינאָקור זיינען אויך נישט קיין שרייבער. צופעליק, זייער זעלטן, ווערן דאָ אָדער דאָרטן פאַרעפנטלעכט זייערע אַרטיקלען.

דער „צווילינג" איז נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע אַריינגעטרעטן אין דער קאָמוניסטישער פאַרטיי. קאַיגען, איז אַ געוויסע צייט געווען אָנגעשטעלט אַלס אַ באַאַמטער אין דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדע אָדער אין דעם קאָנסולאַט אין בערלין, אָבער זיין געפערלעכע קראַנקהייט האָט אים געצוואונגען צו פאַרלאָזן די שטאָט און אָפפאָרן אין טיראָלער קוראָרט מעראַן, וואו ער איז אין 1923 געשטאָרבן.

„אָדלערס", „פראַכטפולע בלומען אין בונדישן גאָרטן", „גרויסע גייסטער", „אייגנאַרטיקע אינדיווידואַליטעטן", „לעגענדעס" — מיט אַזעלכע עפיטעטן האָט מען באַצירט און באַזונגען נאָך זייער טויט צוויי אַנדערע מיטגלידער פון אויסלענדישן קאָמיטעט, בראָניסלאַוו גראָסערן („זעלצער") און וולאַדימיר מעדעמען. זיי זיינען געווען די יינגסטע צווישן אונז און טאַקע ווייל זיי זיינען געווען נאָך אַזוי יונג האָט מען זיך נישט געאיילט אַריינצונעמען זיי אין אונזער אָרגאַניזאַציע. גראָסערן,

פּיאָנערן און בויער

ווי איך געדענק, האָט מען צוויי מאָל פאַרבאַלאַטירט, ניט קוקנדיק, וואָס דער צענטראַלער קאָמיטעט האָט אים רעקאָמענדירט אַלס אַן אויפקו־קומענדיקן שטערן און געזאָגט נביאות וועגן זיין גלאַריערייכער צוקונפט. אויך מעדעמען האָט מען אַ געוויסע צייט געהאַלטן אויסער דעם קאָמי־טעט, אין וועמענס נאָמען ער פלעגט פונדעסטוועגן רעפערירן און אַרויס־טרעטן אויף פאַרזאַמלונגען אין די רוסיש־אידישע סטודענטישע קאָלאָ־ניעס אין אַ רייע שטעט אין דער שווייץ און אין דייטשלאַנד. אָבער לאַנג זיי האַלטן אויסער דער אָרגאַניזאַציע איז געווען אוממעגלעך און אויך נישט יושר׳דיק — צו גלענצענדיק פלעגן זיי דורכפירן זייער שליחות, צו גיך זיינען זיי געוואַקסן גייסטיק און פאָליטיש. מיט אַ וואונדערבאַרער שנעלקייט האָבן זיי זיך דערוואָרבן אַ נאָמען און פּרעסטיזש. זייערע רעפעראַטן, אויסגעצייכנט, שיין לויט דער פאָרמע און אינטערעסאַנט, אויסגעהאַלטן, טיף לויט זייער אינהאַלט און אינערער לאָגיק, פלעגן אַרויסרופן ביי די צוהערער אַ גייסטיקן פאַרגעניגן און געמאַכט זייערע נעמען זייער פּאָפּולער און באַליבט. זייער בונדישער פּאַטריאָטיזם און זייער פאַרביטערטער קאַמף קעגן אַ וועלט פון אידישע און נישט־אידישע קעגנער און שונאים פון „בונד", פון זיין נאַציאָנאַלן פּראָגראַם און פון זיינע אָרגאַניזאַציאָנעלע פּרינציפּן, האָבן זיי געמאַכט פאַר אַנערקענטע פאָנענטרעגער פון בונדיזם און אַרויסגערוקט זיי אין די פאָדערשטע רייען.

מען האָט פיל געשריבן און מען וויס געננוי, ווי מעדעם איז גע־קומען צו דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג און צום „בונד", אָבער זייער ווייניק מענטשן וויסן, ווי דער יונגער פּויליש־אַסימילירטער גראָסער, וועמען עס איז אַ לאַנגע צייט אַפילו נישט איינגעפאַלן, אַז ער איז אַ איד — ווי אַט־דער גראָסער איז געוואָרן אַ באַגייסטערטער בונדיסט.

גראָסער האָט נאָך זיין טויט איבערגעלאָזן אַ מין צוואה, זיין אויי־טאָביאָגראַפיע, וועלכע ער האָט אָנגעשריבן אין פּויליש אַ יאָר פאַר זיין טויט, אין 1911, פאַר זיין טאָכטער, דעמאָלט נאָך אַ קליין קינד. אין יענעם רירנדיקן דאָקומענט ברענגט ער די טיפערע מאָטיוון פאַר זיין באַשלוס צו פאַרבינדן זיין גרעלשאַפטלעכן גורל מיט דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, מיט׳ן „בונד". אַריינטרעטנדיק אין אים,

דזשאָן מילל

האָט ער אַלס אַ פּויליש־אידישער סאָציאַליסט געהאַט אין זינען צו דינען אין יענער היסטאָרישער עפּאָכע די בעסטע אינטערעסן ווי פון די אידישע אַרבעטנדיקע מאַסן, אַזוי אויך די אינטערעסן פון פּוילן.

דורך אַ לאַנגן אומוועג, זאָגט ער אין יענעם דאָקומענט, איז ער אין 1903 געקומען צום „בונד". ווייט פון די אידישע מאַסן און פאָלקאַם פרעמד צו זיי, איז ער פונדעסטוועגן אַריינגעטרעטן אין די רייען פון אַ אידישער פּאַרטיי. עקסטרעם־אַסימילאַטאָריש געשטימט, איז ער פונדעסטוועגן געקומען צו נאַציאָנאַלע אידישע פאָדערונגען.

ווי אַזוי, פאַר וואָס, איז ער דווקא אַריינגעטרעטן אין „בונד"?

ער האָט גערעכנט, זאָגט ער, אַז אַריינטרעטנדיק אין „בונד" וועט ער דערפילן זיין פליכט לגבי די אידישע אַרבעטער־מאַסן. אַלס אַ סאָציאַליסט און אַלס אַ איד, פרעגט ער, וואו דען וואָלט ער געקענט אָפּגעבן זיינע כוחות? ער האָט געגלויבט, אַז אויסקלייבנדיק אָט־דעם וועג, וועט ער אַמבעסטן דינען סיי דעם לאַנד — פּוילן, אַזוי אויך די אידן, פאַרבינדנדיק די לעצטע מיט׳ן פּוילישן פאָלק, — נישט דורך אַסימילאַציע, נאָר דורך פאַרוואַנדלען זיי אין בירגער מיט גלייכע רעכט און פליכטן.

פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון די אידישע אַרבעטער אין פּוילן און פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון לאַנד אין די נשמות פון די אידישע אַרבעטער — אָט דאָס איז געווען זיין אויפגאַבע. מיט דעם ציל און צוליב דעם איז ער אַריינגעטרעטן אין „בונד", צוליב דעם ציל איז ער געגאַנגען אַרבעטן און ער האָט געאַרבעט צווישן די אידישע אַרבעטער, האָבנדיק אין זינען זייער גליק און דאָס גליק פון לאַנד...

גראָסער איז געווען פאַררעכנט פאַר אַ מענטש פון גרויסער ערודיציע. ער האָט שטודירט יוריספּרודענץ (לאָו) אין ציוריכער און קראָקעווער אוניווערסיטעטן און אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען אויף אַן אַדוואָקאַט אין פּעטערבורגער אוניווערסיטעט. אויפן עקזאַמען פון קירכלעכע דינים („צערקאָוונאָיע פּראַוואָ") זיינען ענטפערס געווען אַזוי גלענצנדיק און אָריגינעל, אַז דער הויפּט־עקזאַמינאַטאָר, אַ הויכער רוסישער גייסטלעכער, דער דירעקטאָר פון דער טעאָלאָגישער אַקאַדעמיע, האָט אים פאָרגעשלאָגן נישט מער און נישט ווייניקער,

פּיאָנערן און בויער

ווי דיך צו שמד'ן און ווערן אַ פּראָפעסאָר פון קירכן־רעכט אין דער דאָזיקער אַקאַדעמיע...

גראָסער איז געווען אַרעסטירט בלויז איין מאָל און האָט פאַרבראַכט עטלעכע חדשים אין באַרימטן צענטן פּאַוויליאָן פון דער וואַרשעווער פעסטונג.

ביז זיין טויט, אין דעצעמבער 1912, איז ער געווען טעטיק אין „בונד". אַפילו אין דער צייט פון רעאַקציע האָט ער נישט געררוט, נישט אַראָפּגעלאָזן די הענט, נישט פאַרלוירן דעם מוט. אין דעם וואַל־קאַמף צו דער 4־טער דומע אין הערבסט 1912 איז ער געווען איינער פון די אַקטיווסטער טוער צו דערוויילן יאַגעלאָ פון דער לינקער פראַקציע („לעוויצאַ") פון דער פּ. פּ. ס. אַלס קאַנדידאַט פון די אידישע און פוילישע אַרבעטער אין וואַרשע.

ער איז געווען נישט מער ווי 29 יאָר אַלט ווען ער איז פּלוצלונג געשטאָרבן. פאַרן „בונד" איז זיין טויט געווען אַ שרעקלעכער פאַרלוסט. ער האָט אַרויסגערופן אַ טיפן טרויער נישט בלויז ביי אונז, זיינע פאַרטיי חברים, נאָר אויך ביי אַלע יענע, וואָס האָבן אים געקענט.

ביי דער אַרבעט אין אויסלענדישן קאָמיטעט

עס ווילט זיך מיר האָפן, אַז מען וועט נישט באַטראַכטן פאַר נישט געהעריג באַשיידן פון מיין זייט, ווען איך וועל פאַרצייכענען אַז אין די ערשטע יאָרן בין איך געווען דער פּאַרנומענסטער מענטש אין „אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד". די אומשטענדן האָבן זיך אַזוי צוזאַמענגעלייגט, אַז זייער פיל אַרבעטן פון קאָמיטעט, ספּעציעל די קאָנספּיראַטיוו טעכנישע זיינען געלעגן אויף מיר. איך רייד שוין נישט פון די ערשטע צוויי יאָר פון קאָמיטעט'ס לעבן. דעמאָלט איז אַלץ, אַבסאָלוט אַלץ, געלעגן אין מיינע הענט: די רעדאַקציע פון דעם „אידישן אַרבעטער", די פּוילישע אויסגאַבן, דער פאַרלאַג, די פאַרוואַלטונג מיט דער דרוקעריי, די קאַסע, דער טראַנספּאָרט, די פאַרבינדונג מיטן צענטראַלן קאָמיטעט און מיט די בונדישע אָרגאַניזאַציעס סיי אין רוסלאַנד סיי אין אויסלאַנד. צום סוף 1900 ווען אַרקאַדי און וולאַדימיר, און שפּעטער אויך גלעב, זיינען אַנטלאָפן פון רוסלאַנד, האָט זיך די לאַגע עטוואָס געענדערט, אָבער נישט שטאַרק. דער „אידישער אַרבעטער", דער פאַרלאַג, די פאַרוואַלטונג מיט דער דרוקעריי, זיינען טאַקע אַריבער צו זיי, אָבער אַזוי ווי דער אומפאַנג פון דער טעטיקייט פון קאָמיטעט איז בסדר פאַרברייטערט געוואָרן, האָט מיין אַרבעט פאַקטיש זיך נאָך מער אויסגעשפּרייט און צעצווייגט, און זי האָט געפאָדערט אַלץ מער און מער אויפמערקזאַמקייט און צייט.

אַפילו דאַן, ווען דער קאָמיטעט האָט זיך באַרייכערט מיט נייע מיטגלידער, האָט דאָס ניט באַוויזן צו ברענגען אַ ממשותדיקע פאַרלייכטערונג. קיינער פון די ניי צוגעקומענע איז נישט געווען גענוג באַהאַוונט אין אָרגאַניזאַציאָנעל־פּראַקטישע אָדער קאָנספּיראַטיוו־טעכנישע ענינים. און זיי האָבן אַזעלכע אַרבעטן נישט געקענט איבערנעמען. זייער ראָל איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי פלעגן נעמען אַן אַנטייל אין די אַלגעמיינע פאַרהאַנדלונגען פון קאָלעקטיוו, אַרומריידן די פּרינציפּיעלע פּאַרטיי פראַגן, האַלטן רעדעס און לייענען רעפעראַטן אין די

פּיאָנערן און בויער

סטודענטישע קאָלאָניעס, העלפן אָרגאַניזירן אונזערע קאָנפערענצן און צוזאַמענפאָרן, מיטאַרבעטן אין דער בונדישער פּרעסע.

וועלכע באַזונדערע, אַ חוץ אַלגעמיינע, פליכטן האָב איך אויסגעפירט? אין וואָס איז באַשטאַנען מיין ספּעציפישע אַרבעט?

איך בין, ערשטנס, געווען דער „פינאַנץ־מיניסטער" פון דער אָרגאַניזאַציע, דער פינאַנץ־סעקרעטאַר. אָט די פליכט איז וויניקער פון אַלץ געווען פאַרבונדן מיט בוכפירונג, מיט רעכענונגען, מיט אויסאַרבעטן ביודזשעטן. די הויפּט אויפגאַבע פון אַזאַ „פינאַנץ־מיניסטער" איז באַשטאַנען אין שאַפן געלט נישט בלויז דירעקט פאַרן אויסלענדישן קאָמיטעט, נאָר אויך פאַר אונזער צענטראַל־קאָמיטעט, פאַר אייניקע אָרטיקע קאָמיטעטן און אָרגאַניזאַציעס, פאַר וועמען איך פלעג אַרויסבאַקומען גרעסערע סומען פון זייערע לאַנדסמאַנשאַפטן אין אַמעריקע, פאַר סטרייקן, פאַר אונזערע אַרעסטירטע און פאַרשיקטע און פאַר אַ סך ספּעציעלע צוועקן. מיט פאַרשידענע מיטלען און דורך פאַרשידענע וועגן פלעג איך קריגן די נויטיקע פינאַנציעלע הילף. איך האָב אונטערגעהאַלטן אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיט די בונדישע סטודענטישע און אַרבעטער גרופּעס אין אייראָפּע, געווען פאַרבונדן מיט די פּריוואַטלעכע אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע און מיט אַ גרויסער צאָל איינצלנע פּערזאָנען, פונאַנדערגעוואָרפן איבער דער גאָרער וועלט. דאָס האָט מיר געגעבן די מעגלעכקייט כסדר צו אַלאַרמירן דעם עולם, אייביק צו מאָנען. אַ דאַנק דער גרויסער פּאָפּולאַריטעט פון „בונד" און דער רירנדיקער סימפּאַטיע מיט וועלכער מען האָט זיך באַצויגן צו אים, פלעגט יעדע ווענדונג נאָך הילף תמיד זיין געקרוינט מיט דערפאָלג. מען פלעגט זיך אָפּרופן אויף מיינע ווענדונגען מיט גרייטקייט און אָפּפערוויליקייט און אין יענער צייט האָבן מיר קיין מאָל נישט געהאַט קיין באַזונדערע זאָרג צוליב פינאַנציעלע שוועריקייטן אָדער נויט.

אַ סך שווערער, קאָמפּליצירטער, און פאַרבונדן מיט מער קאָפּדרייעניש איז געווען מיין צווייטער „אַמט", דער „אַמט" פון דעם „אויסלענדישן מיניסטער" פון „בונד". יאָרן לאַנג בין איך געווען אין אויסלענדישן קאָמיטעט דער איין־איינציקער, מיט וועמען סיי אונזער צענטראַל־קאָמיטעט, סיי כמעט אַלע אָרטיקע אָרגאַניזאַציע זיינען געווען פאַרבונדן. אָפט פלעג איך דינען אַלס אַ „קלירינג האַוז" פאַר

דזשאָן מילל

די פּראָווינציעלע אָרגאַניזאַציעס אין דעם זינען, וואָס זיי פלעגן דורך מיר אַרויסשטעלן טענות צו דעם צענטראַל־קאָמיטעט אָדער מאַכן אים פאַרשידענע פאַרשלאָגן. מחמת קאָנספּירטיווע סיבות פלעגט דער צענטראַל־קאָמיטעט נישט קענען אונטערהאַלטן דירעקטע פאַרבינדונגען מיט קלענערע שטעט און שטעטלעך, און די ידיעות וועגן די וויכטיקערע געשעענישן אין יענע ערטער פלעגט ער קריגן פון מיר. און פאַרקערט, דורך מיר פלעגט ער זיי לאָזן וויסן וועגן אייניקע פּאַרטיי אָנגעלעגנהייטן און דער עיקר ווען און וויאַזוי זיי וועלן באַזאָרגט ווערן מיט דער בונדישער פּרעסע און מיט דער בונדישער ליטעראַטור אין אַלגעמיין.

פאַר אונז, אין אויסלאַנד, האָבן אָט די קאָנספּיראַטיווע אויסרעכענונגען פון צענטראַל־קאָמיטעט נישט געקענט גילטן אין אַזאַ מאָס ווי פאַרן לאַנד. רעכטס און לינקס האָבן מיר געקאָנט פונאַנדערטיילן און מיר האָבן טאָקע פונאַנדערגעטיילט אַן אַ צאָל אויסלענדישע אַדרעסן צו אונזערע אָרגאַניזאַציעס אין רוסלאַנד — עס איז נישט געווען וואָס צו שרעקן זיך פאַר אַ דורכפאַל. קיין געפאַר האָט אַזעלכע אַדרעסאַטן נישט געדראָט. זיי אַלע זיינען געווען אויסלענדער, סאָציאַליסטן, אין פאַרשידענע שטעט און לענדער פון מערב אייראָפּע. די בריוו, צייטונגען, פּעקלעך, וואָס זיי פלעגן דערהאַלטן פון רוסלאַנד, פלעגן זיי תיכף אָפּשיקן צו מיר וואו איך זאָל זיך נישט געפינען. אַ חוץ אָט דיווירקלעכע אַדרעסן האָט מען זיך אויך באַנוצט מיט אויסגעטראַכטע פיקטיווע נעמען. פאַר אָט דעם צוועק האָבן געדינט „פּאָסט־רעסטאַנט" (דזשענעראַל דעליווערי) אָדער אַ פּאָסט־קעסטל (פּאָסט אָפיס באָקס), ווען איך האָב געלעבט אין מאָנטרע, למשל, האָב איך געדונגען דריי קעסטלעך — אין מאָנטרע גופא און אין די דערבייאיקע צווי קור־אָרטן קלאַראַן און טעריטע. די קאָרעספּאָנדענץ וואָס איך פלעג דערהאַלטן פון רוסלאַנד, איז אויף אַזאַ אופן נישט געווען קאָנצענטרירט אין איין אָרט, וואָס וואָלט געקאָנט אַרויסרופן אַ פאַרדאַכט, נאָר זי איז געווען צעטיילט צווישן די דריי ערטער. דאָס זעלבע איז געווען מיט די בריוו אַדרעסירט „פּאָסט רעסטאַנט".

ווען די „לעצטע נאַכריכטן" האָבן אָנגעהויבן אַרויסגיין אין דער פאָרם פון אַ געדרוקטער צייטונג, (אָקטאָבער 1901 אין לאָנדאָן) האָבן

זיך מיינע פאַרבינדונגען אויסערגעוויינלעך צעוואַקסן. יעדער קאָמיטעט און יעדע אָרגאַניזאַציע, אַפילו די קלענסטע, איז געווען פאַראינטערע־סירט אין דעם, אַז אויך ידיעות פון זייער לעבן און קאַמף זאָלן דער־גרייכן די איבעריקע פּאַרטיי חברים און ווערן באַקאַנט דורך דער פּרעסע דער גאַרער וועלט; גלייכצייטיק איז פאַר זיי געווען זייער וויכ־טיק, אַז די „לעצטע נאַכריכטן" זאָלן צו זיי אָנקומען אָן איבעררייס, רעגולער און גיך.

מיר איז אויסגעקומען אין שייכות מיט דעם צו קאָרעספּאָנדירן מיט עטלעכע צענדליק שטעט און נישט סתם קאָרעספּאָנדירן, נאָר אויך צושטעלן זיי כאַטש אין עטלעכע עקזעמפּלאַרן סיי די „לעצטע נאַכ־ריכטן", סיי אויך אַנדערע אונזערע אויסגאַבן, געדרוקט אין אויסלאַנד.

אונזער פאַרלעגערישע טעטיקייט האָט זיך דאַן אַנטוויקלט ביז דער העכסטער מדרגה. עס איז פּובליקירט געוואָרן אַ גרויסע צאָל זייער וויכטיקע בראָשורן. עס זיינען דערשינען די זשורנאַלן „וועסטניק בונדאַ" (רוסיש) און „גלאָס בונדו" (פּויליש). די „לעצטע נאַכריכטן" האָבן זיך פאַרוואַנדלט, ווי שוין געזאָגט, פון אַ ביולעטין אין אַ צייטונג, רייך אין מאַטעריאַל, אינטערעסאַנט אין אינהאַלט, אַ קוואַל פון די ניי־עסטע און גלויבווירדיקסטע ידיעות וועגן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין גאַנצן ראַיאָן פון „בונד". זיי האָבן געהאָלפן זאַמלען כוחות און וועקן דעם אינטערעס צום „בונד" אין דער גאַנצער אידישער סביבה, און נישט נאָר אין דער אידישער. אָט דער געדרוקטער אוצר האָט געמוזט ווערן אָפּגעשיקט גלייך קיין רוסלאַנד. אָבער אויף די געוויינלעכע רעגולערע טראַנספּאָרט־מעגלעכקייטן האָט מען נישט אַלע מאָל געקאָנט זיך פאַרלאָזן. אָפט פלעגט דאָס בעמען צו לאַנג, די נייעס, אַלס נייעס, פלעגן פאַרלירן יעדן ווערט, יעדע פאַרשפּעטיקונג פלעגט אַרויסרופן פאַרדרוס און אומצופרידנקייט. די געשעענישן האָבן זיך באַוועגט מיט גרויסער שנעלקייט און דער דורשט נאָך תיכף׳דיקע נייעס, קאָנטראָלירטע און צוטרוילעכע, איז געווען אומגעהויער גרויס. אין דער הינזיכט האָבן די „לעצטע נאַכריכטן" געוויס פאַרדינט די פולע אָנער־קענונג. אַלע קאָרעספּאָנדענצן וואָס זיינען געווען געדרוקט אין זיי זיינען, מיט דער אויסנאַם אפשר פון אַ האַלב־טוץ, געווען אָפיציעלע באַריכטן פון אונזערע אָרגאַניזאַציעס אָדער פון צענטראַלן קאָמיטעט

אַליין. זיי פלעגן געבן אַ בילד פון לויפנדע, טאָג־טעגלעכע געזעלשאַפט־לעכע פּאַסירונגען און פון דעם פּאַרטיי לעבן אין אַלע זיינע צווייגן. מיר האָבן זיך אָנגעשטרענגט צו געפינען מיטלען, ווי צוצושטעלן אונ־זערע אויסגאַבן וואָס אָם גיכסטן. מיר האָבן אויסגעפּרובירט אַלערליי קונץ־שטיק, ווי אָפּצונאַרן די וואַכזאַמקייט פון די רוסישע באַאַמטע, און אַלס כלל פלעגט זיך דאָס אונז איינגעבן, אָבער מערסטנטיילס בלויז אויף אַ קורצע צייט.

אַט, צום ביישפּיל, האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז פון קעניגסבערג, פּרייסן, ווערן כסדר געשיקט קיין רוסלאַנד מוסטערן פון תבואה אין קליינע זעקלעך. פּראַנץ קורסקי, דאַן, ביז הערבסט 1902, אין בערלין, האָט זיך פאַרבונדן מיט חברים אין קעניגסבערג, איך האָב צוגעשטעלט צוגעפּאַסטע אַדרעסן פון מעל געשעפטן, מילן אָדער בעקערייען אין עטלעכע שטעט — איך געדענק ווילנע, קאָוונע, באַברויסק, באָריסאָוו, מאָהילעוו — און אַ געוויסע צייט זיינען די זעקלעך מיט אַ באַהאַלטענע אין דער תבואה „לעצטע נאַכריכטן" טאַקע דערגאַנגען. ביי דעם ערשטן דורכפאַל האָבן מיר נאַטירלעך זיך געמוזט אָפּזאָגן פון שמוגלען ווייטער אונזער ליטעראַטור אויף אָט דעם וועג.

מערסטן טייל האָבן מיר זיך באַנוצט מיט דעם דירעקטן, איינפאַכן און נאָרמאַלן וועג — מיר פלעגן שיקן די „לעצטע נאַכריכטן", ווי אויך דינע בראָשורן אין קאָנווערטן ווי געוויינלעכע בריוו. אַזוי ווי זיי פלעגן זיך דרוקן אויף דעם דינעם, אַזוי גערופענעם „פּאַפּיראָסן פּאַפּיר", פלעגט דער וואָג פון יעדן „בריוו" ניט אַרויסרופן קיין פאַרדאַכט.

דער איינפאַכער וועג איז אָבער אין דער זעלבער צייט געווען אויך אַ זייער קאָמפּליצירטער. די ליסטע פון אַדרעסן, וואָס האָט זיך געפונען ביי מיר, איז געווען אומגעהויער לאַנג, אַזוי לאַנג, אַז פאַר אייניקע שטעט האָט מען פּשוט געקאָנט צוזאַמענשטעלן אַן אַדרעס־בוך . . . די בונדיסטן פון די סטודענטישע קאָלאָניעס איבער גאַנץ אייראָפּע פלעגן קריגן אַ געוויסע צאָל פון אָט די אַדרעסן מיט אינסטרוקציעס, ווי אַזוי זיי צו באַנוצן. וועגן יעדן פאַל, ווען איינער פון זייערע אַדרעסן פלעגט אַדורכפאַלן, אָדער פלעגט ווערן אָפּגעשטעלט, אָדער אומגעביטן, פלעגט מען זיי גלייך וועגן דעם געבן צו וויסן. איך פּערזענלעך פלעג אַזעלכע „בריוו" אַרויסשיקן אַרום צען יעדן טאָג. זיי זיינען געווען באַשטימט

דער עיקר, פאַרן צענטראַל־קאָמיטעט. געבראַכט האָב איך קאָנווערטן פאַרשידענע אין קאָליר אומפאַנג, פאָרם, קוואַליטעט פון פאַפיר. וואו נאָר איך האָב געקענט, האָב איך זיי אַרויסגעקראָגן... אין האָטעלן און קורזאַלן, אין רייזע ביוראָען, אין שיף־קאָמפּאַניעס. אָדער איך פלעג זיי לאָזן אָפּדרוקן מיט אויסגעטראַכטע נעמען פון פיקטיווע אינדוס־טריעלע אָדער האַנדל־פירמעס. אויך טרויער־קאָנווערטן מיט שוואַרצע ראַנדן האָבן געדינט דעם זעלבן צוועק. אַלע אַדרעסן האָב איך אַליין געשריבן. עס האָט גענומען אַ ביסל געדולד, צייט און פּראַקטיק ביז איך האָב זיך אויסגעלערנט צו בייטן מיין האַנטשריפט אַזוי, אַז דער בעס־טער עקספּערט וואָלט ניט געקאָנט אויסגעפינען, אַז אַט די אַלע אַדרעסן ווערן געשריבן פון דער זעלבער האַנט.

טאָוולען פון ביכער — דאָס איז געווען נאָך אַ וועג, ווי צו שיקן ליטעראַטור. עס איז אומגלויבלעך, וואָס פאַר אַ מאַסע ליטעראַטור איז אויף אַט דעם אופן אַריבערגעשמוגלט געוואָרן. אין אַ פאָר טאָוולען פון אַ גרעסערן בוך האָט מען געקאָנט אַריינפּאַקן אַ פערציק עקזעמ־פלאַרן „לעצטע נאַכריכטן" און אַפט, ווי אַ צוגאָב, אַ צווי, דריי בראָ־שורן. כדי די רוסישע צענזאָרן זאָלן ניט אָפּהאַלטן אויף לאַנג די ביכער, פלעג איך אויסקלייבן די אייגנאַרטיקסטע, אָפט משונה'דיק־סטע „ביכער... דיקע קאַטאַלאָגן, אַלט־פאַרשימלטע מוזיק־נאָטן, שונד ראָמאַנען אין פאַרשיידענע אויסלענדישע שפּראַכן. די הויפּטזאַך איז געווען, אַז זיי זאָלן האָבן געזונטע און פּראַקטיקע טאָוולען. אין ניצא, פראַנקרייך, האָבן אַ פאָר בוכהענדלער פון אַלטע ביכער שוין אַזוי גוט מיך געקענט, אַז ווען איך פלעג פאַרבייגיין, פלעגן זיי מיך אַריינרופן אין זייער געשעפט, רעקאָמענדירט „די בעסטע ביכער", וואָס זיי האָבן אָקאָרשט דערהאַלטן. וואָס זיינען געווען יענע „ביכער"? דער עיקר קאַטאַלאָגן אָבער שיין איינגעבונדן. יענע בוכהענדלער האָבן זיכער מיך געהאַלטן פאַר אַ מאַניאַק...

אַ לענגערע צייט זיינען אַזעלכע ביכער געשיקט געוואָרן צו נח'ן אויפן אַדרעס פון גענעראַל אוטגאָף אין וואַרשע, צו אונזערע קאָוונער חברים אויפן אַדרעס פון פרינץ וואַסילטשיקאָוו אין זיין הויף נישט ווייט פון שטאָט. די אַדעסער פלעגן דאָס קריגן דורך דעם „דייסטוויטעלני סטאַטסקי סאָוועטניק" (ציווילער גענעראַל), אַ דירעקטאָר פון

דזשאַן מילל

אַ אַרטיקער גימנאַזיע, די פּעטערבורגער — דורך פּירסט באַריאַ־טינסקי. איך האָב זיך באַנוצט מיט אַ סך מער אַזעלכע אַדרעסן מיט אַריסטאָקראַטישע נעמען אָבער לײדער האָב איך זײ פאַרגעסן.

אָבער טראָץ דער „קאָנספּיראַציע", טראָץ די גוט דורכגעטראַכטע פאַרזיכט־מיטלען, טראָץ דער פאַרשידנאַרטיקײט פון די געברויכטע מעטאָדן, איז אָט די אַרבעט נישט אַלע מאָל דורכגעגאַנגען גלאַטיק, אָן קאָפּדרײעניש, אָן עגמת נפש. אַפילו די הויכע אַריסטאָקראַטישע נעמען האָבן נישט געהאָלפן און זײערע אַדרעסן פלעגן סוף־כל־סוף אויך דורכפאַלן. עס האָט נישט געקאָנט זײן אַנדערש. אויב מיר האָבן געקענט זיך רימען מיט „שאַרפזיניקײט", בריה'שאַפט און פײאיקײט אויף פאַרשידענע אופנים אָפּצונאַרן די װאַכזאַמקײט פון די רוסישע זשאַנדאַרמען, זײנען די לעצטע, אין אַ סך פאַלן, גאַרנישט געװען אַזעלכע לעמעשקעס נישט צו װיסן װי אויסצושפּירן אונזערע געגנג און אונזערע קונץ־שטיק. זײ האָבן דאָך געהאַט אין זײער רשות אַ מחנה שפּיאָנען, צעשפּרײט אין אַלע יענע ערטער פון מערב אײראָפּע װאו עס האָט זיך נאָך געפונען די שטודירנדיקע יוגנט פון רוסלאַנד אָדער רוסישע פּאָליטישע עמיגראַנטן. דורך זײ פלעגט די „רוסישע אָכראַנע" באַקומען אַלע מעגלעכע ידיעות, װי דאָס האָבן באַװיזן אירע שפּעטער אויפגעדעקטע געהײמע דאָקומענטן.

דעם 26־טן יאַנואַר, 1905, שרײבט דער פּאָליצײ דעפּאַרטמענט פון פּעטערבורג צו דעם נאַטשאַלניק פון דער קיעװער „אָכראַנע":

„דער אַדרעס, װאָס אויף אים גײט דער דריטער פון די בײגע־לײגטע בריװ — ראַזין, רי סאַנט מאַרסײ, פּאַריז 13, — געהערט צו די אַדרעסן װאָס זײ באַנוצט אײנער פון די אָנגעזעענסטע טוער פון „בונד", יוסף שלאָמאָ כאַאימאָװ מילל, װעלכער איז באַצײכנט אין דעם צירקולאַר פון פּאָליצײ דעפּאַרטמענט פון 19־טן מערץ 1902, אונטערן נומער 1907..."

אַרום דער זעלבער צײט האָבן מיר באַקומען עטלעכע געהײמע צירקולאַרן, װאָס אונזערע חברים אין מינסק האָבן אַרויסגעקראָגן פון דער מינסקער זשאַנדאַרמעריע. דאָס רוב פון זײ האָבן אַנטהאַלטן לאַנגע רשימות פון מענטשן, װעלכע די זשאַנדאַרמען האָבן געװאָלט תיכף אַרעסטירן. צװישן זײ זײנען אָנגעצײכנט געװען נעמען פון פּערזאָנען,

וועלכע האָבן ביים אַריבערפאָרן די גרעניץ אויפן וועג קיין רוסלאַנד געדאַרפט ווערן „רעווידירט, אַרעסטירט און גלייך צוגעשטעלט קיין פעטערבורג אין רשות פון דער מאַכט.‟ יענע אַנגערופענע פּערזאַנען האָט מען פונדעסטוועגן קיין מאָל נישט אַרעסטירט — דאָס זיינען געווען פיקטיווע נעמען פון מיינע פאַרנאַנדערגעשיקטע אַדרעסן...

איך וויל דאָ נאָך פאַרצייכענען צוויי אינטערעסאַנטע דערפאַרונגען. אין לוצערן, שווייץ, בעת מיין דאַרטיקן קורצן אויפהאַלט בין איך אויפגעפאָדערט געוואָרן פון דער פּאָסט־פאַרוואַלטונג צו דערקלערן, וואָס זיינען דאָס די פּעקלעך גע׳חתמ׳עט „געשעפטס־פּאַפּירן‟, וועלכע איך פלעג דערהאַלטן פון פאַרשידענע שטעט פון גאַנץ אייראָפּע.

אַ פּאָר פּעקלעך זיינען געעפנט געוואָרן און זייער אינהאַלט ווייזט נישט, אַז די דאָקומענטן זאָלן האָבן עטוואָס צו טאָן מיט „געשעפט‟. ווי קען איך דאָס דערקלערן און אין וואָס אייגנטלעך באַשטייט מיין באַשעפטיקונג? גיי דערקלער זיי דעם כאַראַקטער פון מיין „געשעפט‟! איך האָב געפּרואווט זיי איינריידן, אַז איך בין אַ זשורנאַליסט און אַלע יענע דאָקומענטן זיינען מאַטעריאַל פאַר מיינע צייטונג־אַרטיקלען. זיי האָבן געוואָלט וויסן דעם נאָמען פון דער צייטונג, אין וועלכער איך בין אַ מיטאַרבעטער. האָב איך זיי געענטפערט, אַז איך בין פאַרבונדן נישט מיט איינער נאָר מיט עטלעכע צייטונגען און זשורנאַלן, אָבער איך וואָלט בעסער נישט וועלן אויפדעקן זייערע נעמען.

איך האָב נאַטירלעך גלייך פאַרלאָזן לוצערן.

עטוואָס ערנסטער איז פאָרגעקומען אין ניצא, פראַנקרייך. דורך אַ צופאַל האָב איך זיך דערוואוסט, אַז איינער פון די צוויי בריוו־טרעגער, וואָס פלעגן ברענגען מיין פּאָסט אויף מיין אייגענעם נאָמען אין האָטעל, איז געווען אונטערגעקויפט פון רוסישע שפּיאָנען. איין מאָל האָב איך דערהאַלטן צוויי פּאַקעטן, און אַ בריוו, וואָס האָט געזאָלט זיין אין איין פּאַקעט, איז פון דעם אונטערגעקויפטן בריוו־טרעגער אין אייליגניש אַריינגעלייגט געוואָרן אין דעם צווייטן פּאַקעט. עס איז געווען קלאָר, אַז מיין קאָרעספּאָנדענץ איז געעפנט, דורכגעקוקט און ווידער פאַרקלעפּט איידער איך קריג איר.

נאָך אַן אויפגערעגטן שמועס מיטן בריוו־טרעגער, בין איך אַוועק זיך באַקלאָגן צו דעם דירעקטאָר פון דער פּאָסט פאַרוואַלטונג.

דזשאָן מיל

זייער אַ העפלעכער פראַנצויז, האָט ער אַן צערעמאָניעס אַרויסגענומען פון אַן אַלמער אַ גרויס בוך, עטלעכע מינוט עפּעס געזוכט אין אים און דאַן אָפן, אַן באַהעלטעניש זיך געווענדעט צו מיר... „מיר האָבן דאָ פאַרצייכנט די נעמען פון אַלע פּערזאָנען — דער עיקר זיינען דאָס דייטשן, — וואָס זיינען פאַרדעכטיקט אין שפּיאָנאַזש און אויף וועמענס קאָרעספּאָנדענץ מיר דאַרפן האַלטן אַן אויג. אייער נאָמען איז אין בוך נישטאָ. עס מוז זיין אַ מיספאַרשטענדעניש. מיר וועלן עס גריינטלעך אויספאָרשן און מיר וועלן אייך לאָזן וויסן וועגן דעם רעזולטאַט פון דער אויספאָרשונג”. איך האָב גלייך וועגן דעם געגעבן צו וויסן אַלעמען, וועמען מען האָט געדאַרפט, און קאָסאָווסקי, פון זשענעווע, האָט זיך תיכף אָפּגערופן. אייער מיינונג, האָט ער מיר געשריבן, אַז מען האַלט אייך פאַרדעכטיקט, מסתמא אַלס אַ דייטשן אַגענט, האָט קיין גרונט נישט. נישט אַלס אַ דייטשן אַגענט, נאָר אַלס רוסישן רעוואָלוציאָנער שפּיאָנירט מען אייך נאָך.

וואָס גיכער איר וועט פאַרלאָזן ניצא, אַלס בעסער און געזינטער...

אין עטלעכע טעג אַרום בין איך שוין געווען אין זשענעווע, און נאָך אַ קורצער צייט האָב איך דערהאַלטן פון דירעקטאָר פון דער פּאָסט־פאַרוואַלטונג אין ניצא, אַן אָפיציעלן בריוו, וואָס איז מיר איבערגע־שיקט געוואָרן פון האָטעל. אין אים, אין יענעם בריוו, שרייבט דער דירעקטאָר, אַז מען האָט אונטערזוכט די האַנדלונג פון בריוו־טרעגער און מען האָט קיין שום פאַרדעכטיקעס אָדער אומנאָרמאַלעס ניט געפונ־נען, דערביי פאַרשפּרעכט ער מיר, אַז אין דער צוקונפט וועט מיין קאָרעספּאָנדענץ זיין אונטער אַ ספּעציעלן שוץ און השגחה...

אין 1906, ווען פראַנץ קורסקי האָט זיך באַזעצט אין זשענעווע, איז אַ גרויסער טייל פון מיין אויבן־באַשריבענער, ספּעציעלער קאָנ־ספּיראַטיוו־טעכנישער אַרבעט, אַריבער צו אים.

אַן אָרעם לעבן

מאַטעריעל איז דאָס לעבן פון די מיטגלידער פון דעם אויסלענ־דישן קאָמיטעט פון „בונד" געווען אַן אָרעם לעבן. אָבער אָרעם צו אָרעם איז נישט גלייך. אַפילו אין די קלאָגעדיקע באַדינגונגען פון יענער צייט, ווען דער לעבנס־סטאַנדאַרד פון די אייראָפּעאישע פאָלקס מאַסן איז געשטאַנען אויף זייער אַ נידעריקן ניוואָ, האָט די פינאַנציעלע לאַגע פון די קאָמיטעט־מיטגלידער געקענט פאַררעכנט ווערן פאַר אַ סך אַן ערגערע ווי די לאַגע פון אַ דורכשניטלעכן אַרבע־טער. די גרעסטע צאָל פון זיי פלעגן איבערהויפּט קיין געהאַלט נישט באַקומען און עס איז איבערגעלאָזן געוואָרן צו זיי אַליין צו זאָרגן וועגן זייערע מאַטעריעלע נויטן און צו געפינען מיטלען אויף צו לעבן. עס האָט געהערשט צווישן זיי אַן אייגנאַרטיקע קאָנקורענץ: נישט וואָס מער צו נעמען פון דער קאַסע, נאָר וואָס וויניקער זי צו באַלאַסטן. וואָלטן מיר געווען אַן אָפּענע לעגאַלע פּאַרטיי מיט אָפּענע לעגאַלע מעגלעכקייטן צו באַפרידיקן אַלע פינאַנציעלע נויטן פון דער אָרגאַני־זאַציע און פון יענע, וואָס גיבן אָפּ זייער גאַנצע צייט און אַלע זייערע כוחות פאַר די אינטערעסן פון דער אָרגאַניזאַציע, וואָלט אַזאַ שטעלונג געווען אַן אומנאָרמאַלע דערשיינונג, — נײן, מער ווי דאָס: זי וואָלט געווען אַ פּשוטע משוגעת, אַ מין אַסקעטיזם. אָבער אונזער פּאַרטיי איז געווען אַן אונטערערדישע און אירע אײנקונפטן — אָפּט פון מענטשן, וואָס פלעגן אַרויסרייסן דעם לעצט ביסן פון זייער מויל — זיינען געווען באַשטימט ספּעציעל פאַר רעוואָלוציאָנערע צוועקן. יעדער אַריינ־געקומענער גראָשן איז דעריבער געווען באַטראַכט פון אונז אַלס עטוואָס הייליקעס, וואָס מען טאָר נישט אָנרירן, מיט וואָס מען טאָר זיך נישט אַרומוואַרפן. און אויף אַזאַ אופן האָבן די מיטגלידער פון קאָמיטעט זיך פינאַנציעל געמאַטערט און געזוכט אַלערליי מיטלען ווי־עס־איז „דורכ־

צושטופן", ווי־עס־איז צו מאַכן אַ לעבן — אפילו דאָן, ווען אונזער קאַסע איז געווען פאַרהעלטניסמעסיק רייך. מען האָט געדאַרפט אַ קוק טאָן אויף מעדעמ'ס „מעבל", ווען ער און זיין פרוי האָבן זיך איינגע־אָרדנט אויף אַ נייער דירה אין זשענעווע (אין 1908 נאָך זיין צוריק־קומען פון רוסלאַנד). מען האָט געדאַרפט אַריינקוקן אין אַרקאַדי קרע־מערס און וולאַדימיר קאָסאָווסקיס צימער אין דעם אידישן „געטאָ" אויף ווהייטשעפּעל אין לאָנדאָן (אין די יאָרן 1901 ביז סוף 1903) צו באַקומען אַ באַגריף, וואָס דאָס הייסט אמת'ע זעלבסטבאַגרענעצונג. ווען פּאַטי, אַרקאַדיס פרוי, איז אַנטלאָפן פון פאַרשיקונג און אָנגעקומען קיין לאָנדאָן (1902) און דערזען די אומבאַשרייבלעכע אָרימקייט פון זייַן דירה און די דלות־באַדינגונגען פון זיין לעבנס־שטייגער, האָט זי נישט געקענט גלויבן אירע אויגן און מיט אַ פאַרוויטיקטן האַרצן האָט זי געפרעגט:

„סטייטש, איך האָב דיר דאָך די גאַנצע צייט געשיקט געלט. צו דען האָסטו זיך נישט געקענט איינאָרדנען אַ ביסל מער באַקוועם, מער מענטשלעך"?

אַרקאַדי האָט כלומרשט נישט פאַרשטאַנען וועגן וואָס זי האָט גערעדט און זי האָט געמוזט אים דערמאָנען, אַז אין משך פון כמעט צוויי יאָר האָט זי פינקטלעך געשיקט אים דורך מיר 40 רובל אַ חודש.

„אַ, יענע געלט", האָט ער אויסגערופן, „איך האָב געשריבן צו דזשאָנ'ען, אַז ער זאָל דאָס אָוועקגעבן דער קאַסע פון „בונד". פאַר וואָס עפּעס פאַר מיר אַליין? און אויב דו ביסט אומצופרידן, האָט ער מיט איראָניע צוגעגעבן, זע צו פועלן ביי דזשאָנען, אַז ער זאָל דיר דאָס געלט צוריקגעבן"...

צווישן אַלע מיטגלידער פון אויסלענדישן קאָמיטעט בין איך גע־ווען דער איינציקער, — שפּעטער אפשר אויך בראָניסלאָוו גראָסער, — וואָס האָט אין דער הינזיכט געהאַט „מזל". די גאַנצע צייט בין איך גע־ווען פריי פון פינאַנציעלער זאָרג. די קללה פון מאַטעריעלער נויט האָט מיך ניט געפּלאָגט. אין משך פון 17־18 יאָר, וואָס איך האָב פאַר־בראַכט אין דעם אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד", איז מיין לאַגע געווען אַזאַ, אַז קיין איינציקן גראָשן — בוכשטעבלעך — איז מיר נישט אויסגעקומען אָנצורירן פון די געזעלשאַפטלעכע געלטער. דער

פיאָנערן און בויער

וואונדער איז געקומען נישט פון דעם, וואָס איך זאָל האָבן גע׳ירש׳נט אַ גרויס פאַרמעגן, אָדער פון שפּילן אין פערד־געוועטן, אָדער פון ספּעקולאַציע אויף דער בירזשע... מיין זעלטענער „מזל״ איז געווען צו פאַרדאַנקען ווידער דער טיפער פריינטשאַפט, מיט וועלכער די פוילישע פאַמיליע, די דאָווגיערדס, וואָס איך האָב שוין פריער אַזוי אָפט דערמאָנט, האָט זיך באַצויגן צו מיר. יעדעס יאָר פלעגן זיי פאַר־ברענגען אין אויסלאַנד 8־9 חדשים און עס האָט זיך שוין אַזוי איינגע־שטעלט, אַז איך בין תמיד געווען זייער גאַסט אָדער איך פלעג אויס־העלפן אין זייערע סטודיעס זייערע פלימעניצעס אָדער אַ פלימעניק, וועלכן זיי פלעגן מיטנעמען מיט זיך. אַ דאַנק זיי האָב איך געקראָגן די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט כמעט אַלע אייראָפּעאישע לענדער, מיט זייער קולטור, מיט די קונסט־אוצרות פון פיל שטעט, מיט זייערע טעאַטערן און מוזייען, מיט היסטאָרישע מערקווירדיקייטן. בלויז אין ניצא פלעגן זיי רעגלמעסיק פאַרברענגען יעדעס יאָר אַרום פינף חדשים, די איבעריקע עטלעכע חדשים פלעגן זיי אַרומרייזן פון לאַנד צו לאַנד, פון שטאָט צו שטאָט, פון איין קוראָרט צו אַ צווייטן, אָפּשטעלנדיק זיך בלויז אויף אַזוי פיל צייט, וויפיל עס איז געווען נויטיק צו זען אַלץ און צו געניסן פון אַלץ.

אָט־דער מין ציגיינער לעבן, דאָס לעבן פון אייביקע וואַנדערער, האָט מיר צום גליק אויף אַ האָר ניט געשטערט אין מיין געזעלשאַפט־לעכער אַרבעט. פאַרקערט, נישט וואַרפנדיק זיך אַזוי אין די אויגן אין די צענטערן פון דער רוסישער פּאָליטישער עמיגראַציע, האָב איך געקענט אין אַ גרעסערער מאָס פאַרזיכערן די קאָנספּיראַטיווקייט פון אַלע מיינע פאַרטיי־פאַרבינדונגען מיט רוסלאַנד.

די באַזוכער: הענריק ערליך, אסתר ריסקינד, ליעסין

ווי אין אַלע אונטערערדישע פּאַרטייען, איז דער צענטראַל־קאָמיטעט אויך ביי אונז געווען אַרומגערינגלט מיט סודות׳קייט און מיט אַ געוויסער אָפּגעזונדערטקייט. וואָס ווייניקער מענטשן האָבן געוואוסט וועגן זיין פּערזענלעכן באַשטאַנד און וועגן דעם אָרט פון זיין אויפהאַלט, אַלץ זיכערער האָט ער זיך געפילט, אַלץ בעסער איז ער געווען באַשיצט. פאַר דעם ברייטן עולם האָט דעריבער דעם אָרט פון צענטער פאַרנומען דער אויסלענדישער קאָמיטעט. אַלע האָבן געוואוסט, אַז זשענעווע איז זיין זיץ אָרט, אַלע האָבן געקענט דעם אַדרעס: קאַרוזש 81. און פאַרשידענע עלעמענטן האָבן אים באַזוכט מחמת די אָדער יענע סיבות, צוליב די אָדער יענע צילן. אַרום האָבן זיך תמיד געדרייט מענטשן, וואָס זיינען אין אַ קלענערער אָדער גרעסערער מאָס פאַראינטערעסירט געווען אין „בונד״, אין זיינע פירער, אין זיינע אַקציעס. צווישן זיי האָבן זיך געפונען נייע, יונגע חברים, וואָס פלעגן ספּעציעל קומען אָנצוקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט די בונדישע פירער. סטודענטן און סטודענטינס פאַר זייער צוריקקער קיין רוסלאַנד אויף פּאַרטיי־אַרבעט האָבן געזוכט אָנווייזונגען, פאַרבינדונגען, דירעקטיוון; לונגען־קראַנקע, אַרבעטער־בונדיסטן האָבן געטראַכט, אַז דער באַקוועמסטער און בעסטער אָרט, וואו צו זוכן היילונג, איז שווייצאַריע מיט איר געזונטן קלימאַט, אין דער חבר׳שער פריינטלעכער סביבה אַרום דעם אויסלענדישן קאָמיטעט; עס פלעגן קומען אַקטיווע חברים, וואָס האָבן זיך גענויטיקט אויף אַ קורצע צייט זיך אָפּצורוען נאָך אָנגעשטרענגטער און נערוועזער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט אין רוסלאַנד; מענטשן פון אַנדערע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס אָדער פון אַנדערע געזעלשאַפטלעכע שיכטן, וואָס האָבן געזען אין „בונד״ איינע פון די שטאַרקסטע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין רוסלאַנד און האָבן דעריבער געוואָלט וויסן זיין שטעלונג אין די פּראָבלעמען פון דער רוסישער רעוואָלוציע; און, אויך פּאָליטיש פאַרדעכטיקע, טונקעלע פּערזאָנען...

אַלס איינער פון אויסלענדישן קאָמיטעט האָב איך, נאַטירלעך, זיי אַלעמען געקענט, מיט זיי אַלעמען זיך געטראָפן.

פּיאָנערן און בויער

מיט אַ גרויס פאַרגעניגן און נאָך מיט אַ גרעסערן טרויער דערמאָן איך זיך מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט הענריק ערליך. ער האָט באַזוכט זשענעווע אַרום 1902, יונג, נאָך אומדערפאַרן, אָבער פול מיט פּלענער פאַר דער בונדישער אַרבעט אין פּוילן. פון גאַנצן קאָמיטעט האָט ער געפונען בלויז מיך. ער האָט מיך גלייך שטאַרק פאַראינטערעסירט אַלס מענטש און אַלס איינער פון די ערשטע, איינער פון די געציילטע פּויליש־אידישע אינטעליגענטן, וואָס האָבן אַקצעפּטירט דעם בונדיזם.

ווער וואָלט דאָס דעמאָלט, ווען דער סאָציאַליזם אין אַלע זיינע שאַטירונגען איז געווען באַצירט מיט אַן אָרעאָל פון יושר און האָט אַזוי הייס און איבערצייגענד געפּרעדיקט די הייליקייט פון פּערזענלעכע רעכט און פון פּערזענלעכע פרייהייט, געוואָגט פאָרויסצוזען, אַז מיט עטלעכע צענדליק יאָר שפּעטער זאָלן מענטשן וואָס טרומייטערן איבער דער גאַנצער וועלט, אַז בלויז זיי זיינען די טרעגער פון אמת׳ן סאָציאַליזם און פון דער העכסטער פּאָליטישער מאָראַל — אַז אָט די זעלבע מענטשן זאָלן מיט אַזאַ אומגלויבלעכער ווילדקייט אומברענגען דעם באַבעלן מענטש און סאָציאַליסט און דעם אַנערקענטן און באַליבטן פירער פון די אידישע פאָלקסמאַסן אין פּוילן? אים און זיין פריינט און חבר, אויך אַ באַליבטן אַרבעטער און סאָציאַליסטישן פירער, אַלטערן?

פון אַרום 1903, האָבן מיר אָנגעהויבן צו האָבן מער און מער באַזוכער. פון אַרבעטער געדענק איך סינאַי, וועגן וועלכן איך האָב שוין געשריבן; הלל בלום, וואָס איז מיט עטלעכע יאָר צוריק געשטאָרבן אין אַמעריקע; אין 1901 זיינען געקומען שפרה מיט איר מאַן מאַרק ווילטער, איצט אין פּאַריז; אַרום 1910 — קוראָקי (ראַוורעבע) וואָס האָט זיך דערוואָרבן אַ גרויסע פּאָפּולאַריטעט ביי די אידישע אַרבעטער אין בערדיטשעוו, ביאַליסטאָק, גראָדנע, לאָדז — אַ האָפנונגלאָז קראַנקער אויף שווינדזוכט איז ער פון זשענעווע אָפּגעפאָרן קיין נערווי, איטאַליע, וואו ער איז אין גיכן געשטאָרבן.

צאָלרייכער זיינען געווען די באַזוכער־אינטעליגענטן:

דער באַגייסטערטער, לעבענסלוסטיקער און קאַמף־לוסטיקער סעמיאָן מאַרגאָלין; ער איז שפּעטער טויטלעך פאַרוואונדעט געוואָרן אין 1905, אין וואַרשע, אויף אַ בונדישער דעמאָנסטראַציע ביי דער

דזשאַן מיל

תפיסה „פּאַוויאַק" ; אין 1907 ביז סוף 1908 דער ערנסטער באַריס פרומקין ; אַ קורצע צייט אַרום 1907 דער שטילער און באַשיידענער משה טערמאַן ; אין 1909 די אַרבעטזאַמע, ענטוזיאַסטיש־איבערגע־געבענע ראַזאַ לעוויט („פרידאַ"), וואָס האָט זיך קיין מאָל נישט געלאָזט בויגן פון די צאַרישע פאַרפאָלגונגען און וועלכע, ווי ווייט איך ווייס, האָט זיך ביז צום היינטיקן טאָג נישט געלאָזט ברעכן פון דער באָלשעוויסטישער פּאָליציי (געפּעאו) ; 1909־1914 וו. שולמאַן, איצט אין ניו־יאָרק ; אין 1902 יצחק פּייסאַכזאָן, וואָס איז מיט עטלעכע יאָר צוריק דערמאָרדעט געוואָרן פון די נאַצישע בעסטיעס ; אין 1906 פּאַניאַ נירענבערג, איר מאַן און איר ברודער דוד ליפּיעץ („מאַקס גאָלדפאַרב", „חרפה"), וואָס איז נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָ־לוציע געוואָרן אַ קאָמוניסט און שפּעטער דערשאָסן געוואָרן פאַר טראָצקיסטישע סימפּאַטיעס ; מיטשניק („טשעך") פון קישינעוו און נאָך און נאָך.

פון זיי האָבן איינקע, ווי ב. פרומקין און וו. שולמאַן מיטגעאַרבעט אין צענטראַל־ביוראָ פון די אויסלענדישע גרופּעס ביי דעם אויסלענ־דישן קאָמיטעט.

אסתר ריסקינד האָט געהערט צו די אינטערעסאַנטסטע, די ליכ־טיקסטע און באַליבסטע פרויען געשטאַלטן אין „בונד". זי איז געקומען קיין זשענעווע באַלד נאָכדעם, ווי זי איז אַנטלאָפן פון סיביר, אין 1904, און האָט פאַרבראַכט ביי אונז אומגעפער אַ האַלב יאָר אויסנוצנדיק די צייט פאַר אַ גוטן אָפּרו, אין וועלכן זי האָט זיך אַזוי שטאַרק געניי־טיקט, און אויך אויף אויפצופרישן און צו דערגענצן איר בילדונג, אין וועלכער זי האָט זיך געפילט היינטערשטעליק נאָך די לאַנגע יאָרן אין די טורמעס און אין סיביר.

אסתר ריסקינד איז געבוירן געוואָרן אין 1877 ביי זייער אָרעמע, קאָנסערוואַטיוו־חסידישע עלטערן. נאָך כמעט אַ קינד האָט זי ביי אומ־מענטשלעכע שטערנישן, בלויז דורך איר אייגענער ענערגיע און ווילנס־כוח, זיך אויסגעלערנט גוט רוסיש און געהיים פון אירע עלטערן געזוכט מיטלען ווי צו קומען צו די קוואַלן פון מאָדערנער, וועלטלעכער בילדונג.

פיאָנערן און בויער

זי איז געווען 16 יאָר אַלט, ווען זי ווערט געוואָר, אַז אירע עלטערן קלייבן זיך זי חתונה צו מאַכן מיט אַ חסידישן בחור, און זי נעמט אָן אַ תיכפ'דיקן באַשלוס צו אַנטלויפן פון דער היים. זי פאַרלאָזט אויף אייביק איר געבורטס־אָרט, אַ פאַרוואָרפן, פון גאָט און פון מענטשן פאַרגעסן שטעטל. זי קומט קיין כּאַרקאָוו און דאָ באַקענט זי זיך מיט ראַדיקאַלע סטודענטן און רעוואָלוציאָנערן, צווישן זיי מיט פינאַי ראָזענטאַל, דעם צוקונפטיקן בונדישן פירער. זיי העלפן איר צו פאַרשטיין דעם אָרעמקן געזעלשאַפלעכן לעבן און זי לערנט זיך פלייסיק און זוכט מיט אַלע אירע כוחות צו פאַרשטיין די וויכטיקע פּראָבלעמען פון דער צייט. אין כּאַרקאָוו איז זי טאַקע אויסגעוואַקסן גייסטיק און פּאָליטיש און ווען פינאַי אָרדנט זיך איין אַלס אַ דאָקטאָר אין ביאַליסטאָק, פאָרט זי אויך אַריבער אין יענע פאַבריק־שטאָט און וואַרפט זיך גלייך אַריין אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

און דאָ־אָט הייבט זיך אָן איר גלענצענדע קאַריערע אין דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג. אַלע אָן אָן אויסנאָם האָבן איר ליב. די אַרבעטער ליבן און שעצן איר גרענעצלאָזע איבערגעבענקייט צו די אידעאַלן פון סאָציאַליזם, איר נאָענטקייט צו די מאַסן, איר פאַרשטענדעניש פאַר זייערע נויטן, זייער זאָרג און פרייד, איר צאַרטע פריינטשאַפט. ווען זי פאָרט אַריבער קיין וואַרשע, פאַלט זי אַריין אין די קרייזן פון ליטעראַטן און זיי אַלע — צווישן זיי פּרץ, נאָמבערג, אברהם רייזען — באַוואונדערן די ניי־אָנגעקומענע בונדיסטקע און שאַצן זייער הויך איר אָריגינעלן אינטעלעקט, אירע קינסטלערישע נייגונגען, איר עסטעטישן און ליטעראַרישן געשמאַק. די יאָרן אין וואַרשע, ווי זי פלעגט דערציילן, זיינען געווען די גליקלעכסטע אין איר לעבן. ענגלעך צו ראָזאַ לעווויט, האָט זי געהאַט אַ גרויסן „חסרון״: זי איז צו אָפט געווען אויף קעסט אין די צאַרישע תפיסות . . .

ביי די ערשטע סימנים פון דער רוסישער רעוואָלוציע אין 1905, פאַרלאָזט זי זשענעווע און קערט זיך אום צוריק קיין ביאַליסטאָק, וואו מיט אייפער און ברען שטייט זי אין די פאָדערשטע רייען פון אַלע דאָרטיקע שטורמישע רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען. אָבער דער אום'רחמנות'דיקער גורל האָט געמאַכט אַ גיכן סוף צו איר יונגן און שיינעם לעבן: אין אויגוסט פון דעם זעלבן יאָר ווערט זי און איר

דזשאַן מילל

חבר׳טע די בונדיסטקע ג. זאַקהיים דער׳הרג׳ט דורך אַ באָמבע, וואָס די אַנאַרכיסטן האָבן געוואָרפן אין אַ מיליטערישן פּאַטרול לעבן דער בונדישער „בירזשע״ אויף דער סוראַזשער גאַס.

איר פּריציייטיקער און אומזיניקער טויט האָט אויפגעטרייסלט ביז די טיפענישן אַלע יענע, וואָס האָבן געהערט וועגן איר און נאָך מער די, וואָס האָבן זי געקענט פּערזענלעך.

אַ גאַנץ היפּשע צאָל באַזוכער האָבן מיר געהאַט פון ענגלאַנד און פון אַמעריקע. ראַטשטשיינען האָב איך שוין דערמאָנט אויף אַן אַנדער אָרט. איך וועל דאָ אויך דערמאָנען, אַלס אַ קוריאָז, דעם באַוואוסטן רייכן ענגליש־אידישן פילאַנטראָפּ און כלל־טוער לוסיען וואָלף. ער האָט זיך זייער פּאַראינטערעסירט מיט׳ן „בונד״, געהאַט גרויסע סימ־פּאַטיעס פאַר אים, אָבער „אין די אינטערעסן פון די רוסישע אידן און זייער זיכערקייט״ האָט ער געוואָלט, אַז דער „בונד״ זאָל אויפגעבן זיין קאַמף קעגן צאַר און זיין רעגירונג. נישט מער און נישט ווייניקער ! . . .

געוויסע צרות האָבן אונז פאַרשאַפן די באַזוכן פון אַמעריקע. עס איז זיי שווער געווען צו פאַרשטיין, אַז זשענעווע איז נישט ניו־יאָרק, און אַז די מיטגלידער פון אויסלענדישן קאָמיטעט האָבן נישט געהאַט די מעגלעכקייט און זיינען נישט געווען אימשטאַנד צו אָרגאַניזירן פאַר זיי אַרויסטרעטונגען מיט פייערלעכע רעדעס און מיט באַנקעטן. ב. פייגענבוים און זיין פרוי, מילך, אויך איניקע טרייד־יוניאָניסטישע טוער האָבן טאַקע פאַרלאָזן זשענעווע, שטאַרק בייזערנדיק זיך אויף אונז, אַנטוישט און אומצופרידן. איינער פון אַט־די טרייד־יוניאָניס־טישע פירער — איך געדענק נישט זיין נאָמען — האָט אפילו נאָך זיין צוריקקער קיין ניו־יאָרק געפּונען פאַר ראַטזאַם אָפּצודרוקן אין „פאָר־ווערטס״ אַ בייזן אַרטיקל, פול מיט שאַרפע פאַרוואורפן קעגן אונז פאַר דעם נישט גענוג העפלעכן און נישט גענוג אויפמערקזאַמען אויפ־נאַם, וואָס ער האָט געקראָגן מצד אונזער קאָמיטעט.

אַנדערש איז געווען ליעסין. ער איז אָפּגעווען אין זשענעווע אַ לענגערע צייט, פאַרברענגענדיק גאַנצענע טעג אין אונזער הויפּט־קוואַרטיר און נישט געזוכט קיין ספּעציעלן כבוד. און ווען ער האָט ענדלעך אונז פאַרלאָזן, איז דאָס געווען מיט דער גרעסטער ליבע צום „בונד״ און מיט דער האַרציקסטער פריינטשאַפט צו די בונדיסטן. מיט

פּיאָנערן און בויער

עטלעכע יאָר שפּעטער האָט ער אפילו אָנגעשריבן צוויי פּאָעמעס, „די פּיאָנערן" — געווידמעט אַ. קרעמערן, און „אין גאָנג׳ס קלויז" — געווידמעט פּראַנץ קורסקי׳ן. מיינע באַציאונגען מיט אים זיינען געווען אַלע מאָל פריינטלעכע און ביז זיין טויט האָבן מיר קאָרעספּאָנדירט, כאָטש מיט אייניקע איבעררייסן.*

פון אַנדערע פּאַרטייען וויל איך דאָ פאַרנאָטירן דעם אַמאָליקן „נאַראָדאָוואָלעץ" אַפּטעקמאַן און זיין פרוי, וואָס איז צוריקגעקומען פון סיביר זייער אַ קראַנקע; דעם באַוואוסטן סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער גאָץ, וועלכער האָט צוזאַמען מיט זיין פרוי נאָך זייער צוריקקער פון סיביר אונז באַזוכט אין דער האָפענונג מער זיך צו באַקענען מיטן „בונד" און האָט דאַן גענומען ביי אונז די רוסישע אויסגאַבע פון דעם 25־טן יובילעי נומער „אַרבעטער שטימע" — שפּעטער פלעג איך זיך אָפט טרעפן מיט אים אין ניצא, וואו ער האָט געזוכט היילונג פון אַ טויטלעכער קראַנקהייט; וואַרינסקי, דער זון פון דעם אויפגעהאָנגענעם אין וואַרשעווער פעסטונג באַרימטן פירער פון דער פּאַרטיי „פּראָלעטאַריאַט", ער איז דאַן געווען אַן אָנהענגער פון די פּ. ס. ד., שפּעטער איז ער אַריבער צו דער פּ. פּ. ס.; בולגאַרישע אידישע סאָציאָליסטן, וואָס האָבן געזוכט ביי אונז „אינספּיראַציע"; זיי פלעגן אונז פאַרזאָרגן מיט זייערע אויפרופן און בראָשורן, אָבער — אונזערע אויגן האָבן אָט די ליטעראַטור געזען נאָר זי פאַרשטיין האָבן געקענט נאָר אייניקע פון אונז, די אויפרופן און בראָשורן זיינען געווען געדרוקט אויף עספּאַניאָליש.

איין פרימאָרגן, ווען איך בין געקומען אויף אונזער דירה, האָט קאָסאָווסקי מיך באַגעגענט מיט די ווערטער: „גייט נישט אַוועק, איר וועט דאָ זען אימיצן". דער „אימיצער" איז טאַקע באַלד געקומען, מיט פלינקע באַוועגונגען אַזוי ווי זיך אַריינגעגליטשט אין טיר און מיט איילעניש אַריין אין אונזער פּריוואַטן צימער. דאָס איז געווען גאַפּאָן, דער „העלד" פון 9־טן יאַנואַר אין פּעטערבורג, ווען די היטער פון דער צאַרישער אָרדנונג האָבן געמאַכט אַ בלוט־באָד צווישן די דעמאָנסטרירנדיקע רוסישע אַרבעטער. צי איז דאָס טאַקע ער? שווער צו

*) אַ דריטע פּאָעמע געווידמעט קאַפּעלזאָנען.

דזשאָן מילל

גלויבן, שווער צו דערקענען. איך האָב געזען זיינע בילדער אין די רוסישע צייטונגען, ווען די פּעטערבורגער אומוויסנדע פּראָלעטאַריער האָבן נאָכגעפּאָלגט זיין פירערשאַפט: די לאַנגע האָר פון אַ רוסישן פּאָפּ, די באָרד, די לאַנגע שוואַרצע סוטאַנע, דער גרויסער צלם אויף זיין ברוסט. איצט עפּעס אַן אומרואיקער, נערוועזער שייגעץ, אין אַ צוקנייטשטען, נישט גוט צוגעפּאַסטן גרויען בגד; ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַן אָרעמען ליטווישן אָדער פּוילישן שניידער אָדער שוסטער, וואָס פּוצט זיך אויס אַ ביסל אויף זונטאָג... לאַנג איז ער נישט פאַרבליבן מיט אונז, עס איז נישט געווען וועגן וואָס מיט אים צו ריידן. אַן עם־הארץ אין פּאָליטישע און פּאַרטיי פראַגן, האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיט׳ן געדאַנק צו ווערן דער פאַרבינדונג־גליד פון אַלע דעמאָלטדיקע צעריסענע און שטרייטנדיקע רוסישע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס. און געטויגט האָט ער פאַר אַזאַ ראָל ווי אַ מענטש מיטביידע אַמפּוטירטע פיס פאַר אַ פוט־באָל שפּיל...

אַן אמת׳ע סענסאַציע האָט אַרויסגערופן אַמפיטעאַטראָווס ווענדונג צו אונז אָפּצודרוקן אין אונזער דרוקעריי אַלס זיין פּערזענלעכע אויסגאַבע און אויף זיינע אייגענע מיטלען זיין פּעליעטאָן „גאָספּאָדאַ אָבמאַנאָווי" און אַ סעריע אַנדערע בראָשורן. דער דאָזיקער טאַלאַנטפולער פּעליעטאָניסט האָט אָפּגעדרוקט זיין דערמאָנטן פּעליעטאָן קעגן דער צאַרישער משפחה ראָמאַנאָוו אין דער קאָנסערוואַטיווער צייטונג „ראָסיאַ". ער איז פאַר אָט דער „פאַרברעכערישער" מאַיעסטעט־באַליידיקונג תיכף (יאַנואַר 1902) פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר. זומער 1905 איז אים דערלויבט געוואָרן אַרויסצופאָרן קיין אויסלאַנד, און ער האָט דאַמאָלט געמאַכט אונז דעם דערמאָנטן פאָרשלאָג. מיר זיינען געווען מסכים די בראָשורן אַרויסצוגעבן און זיי זיינען דערשינען מיט אַ שער־בלאַט, וואו מען האָט געקענט לייענען: „געדרוקט אין דער דרוקעריי פון אַלגעמיינעם אידישן אַרבעטער־בונד אין ליטע, פוילן און רוסלאַנד".

אַ פאָר פּראָווינציעלע רוסישע שוואַרץ־מאה׳דיקע בלעטלעך האָבן טאַקע פאַרנאָטירט דעם פאַקט, באַשולדיקנדיק אַמפיטעאַטראָוון, אַז ער האָט זיך פאַרקויפט צו די „זשידעס". אין אונזער פאַרלאַג איז שפּעטער אַרויס אַ גאַנצע סעריע פון אַמפיטעאַטראָווס סאַטירישע בראָשורן.

„פּאַוועל פּאָלסקי"

דאָס איז געווען אַ „באַזוכער" פון גאָר אַ באַזונדערן סאָרט...

זיין אמת׳ער נאָמען איז געווען איגנאַץ קאָקאָטשינסקי. אין דער פּאַרטיי האָט מען אים געקענט לויט זיין קאָנספּיראַטיוון נאָמען „פּאַוועל פּאָלסקי".

ער איז געווען אַ פּוילישער איד, אַן אינטעליגענטער יונגערמאַן פון קאַליש. וואו אין זיין געבורט־שטאָט, אַזוי אויך אין לאָדז און אין אַנדערע שטעט אין פּוילן, האָט ער אַרויסגעוויזן אין זיין פּאַרטיי־אַרבעט אַ סך ענערגיע און איבערגעבנקייט. מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַן אויפריכטיקן רעוואָלוציאָנער. קיין מאָל איז אויף אים נישט געפאַלן דער קלענסטער פאַרדאַכט אין פּאָליטישער אומערלעכקייט, אין טונ־קעלע געהיימע מעשים.

צום ערשטן מאָל האָב איך זיך מיט אים געטראָפן אין זשענעווע אַרום 1906.

אַ הויכער, אַ שיינער, מיט אַ בלאַסן געזיכט, מיט אַ לאַנגער אויס־געבאָליעטער שוואַרצער באָרד, מיט אידעלע מאַנערן האָט ער אוי־סערלעך געמאַכט אַ סימפּאַטישן איינדרוק. אָבער נישט נאָר אויסערלעך פלעגט ער צוציען צו זיך. ביי נאָענטער באַקאַנטשאַפט פלעגט מען באַמערקן אין אים אַ פיינטלעכע אויפמערקזאַמקייט אין זיינע באַצי־אונגען צו חברים. איך האָב קיין מאָל נישט געהערט אַ שלעכט וואָרט וועגן אים.

זיין מוטער־שפּראַך איז געווען פּויליש, אָבער ער האָט גערעדט רוסיש נישט ערגער ווי פּויליש. אויך דייטש און פראַנצויזיש האָט ער נישט שלעכט באַהערשט. אויף פאַרזאַמלונגען — אידישע, פּוילישע און רוסישע — פלעגט ער זיין אַן אָפטער רעדנער, אומעטום פּאַרטיי־דיקט ער די פּאָזיציע פון „בונד" אין פאַרשידענע פראַגן. מען האָט געקענט אים רעכענען פאַר אַ מיטלמעסיקן רעדנער און אפשר גאָר פאַר אַ גוטן.

דזשאַן מילל

אומגעפער אַ יאָר שפּעטער האָב איך אים ווידער באַגעגנט. דאָס איז געווען קורץ נאָך זיין חתונה. זיין ווייב האָט געשטאַמט פון אַ פּויליש־אידישער קאַלישער רייכער פאַמיליע (בוימגאַרטן). מען האָט מיר דערציילט, אַז עס האָט מיט אים פּאַסירט אַ מין „אידישע טראַגעדיע״: מען האָט צוגעזאָגט זיין ווייב אַ גרויסן נדן און אויסגעלאָזן האָט זיך, אַז זי האָט נישט געקראָגן אַ גראָשן.

די לעצטע צען יאָר פאַר דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע האָט קאַקאַטשינסקי געלעבט אין פּאַריז. ער האָט פאַרקערט אין פאַרשידענע רעוואָלוציאָנערע קרייזן און איז געווען באַקאַנט מיט דער גאַנצער צאַרייכער פּאָליטישער עמיגראַציע. אָבער אַ פּסיכאָלאָגיש מאָדנע, אומפאַרשטענדלעכע זאַך: פון „בונד״ איז ער אָפּגעשטאַנען מער און מער. עס פלעגט מיר אויסקומען צו זיין אין פּאַריז, אָבער מען פלעגט מיך אָפּריידן צו זען זיך מיט אים, ווייל — „עס איז אַ פאַרלוירענע צייט, ער טוט גאָר נישט, ער איז ווייט פון „בונד״, ער איז אָפּגעשטאַנען פון אַלץ און פון אַלעמען״.

די רוסישע רעוואָלוציע פון 1917 האָט אויפגעדעקט דעם סוד וועגן אים; וועגן אים און וועגן הונדערטער פון זיין מין. עס זיינען אויפגעקלערט געוואָרן די גרעסטע פּאָליציי געהיימנישן פון דער צאַרישער רעגירונג און אַ שטראַל פון ליכט איז אַריינגעדרונגען אין די פינצטערסטע און שמוציקסטע ווינקעלעך פון איר פּאָליטישער פּאָליציי, פון דער באַרימטער „אָכראַנאַ״.

די דאָקומענטן, וואָס די רעוואָלוציאָנערן האָבן געפונען אין די אַרכיוון פון דער „אָכראַנאַ״; די לאַנגע רשימות פון שפּיאָנען און פּראָוואָקאַטאָרן; די נעמען פון מענטשן, וואָס זיינען געווען באַוואוסט אין פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע שיכטן און אויף וועמען קיין פאַרדאַכט איז קיין מאָל פריער נישט אַרויפגעפאַלן; די פאַלשע, פאַנטאַסטישע באַריכטן פון די רעגירונגס־אַגענטן — דאָס אַלץ האָט קלאָר געמאַכט פריער אומפאַרשטענדלעכע געשעענישן אין לעבן פון די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען אין רוסלאַנד אין דעם צאַר׳ס צייטן.

אין אַלע פּאַרטייען זיינען געווען אַזעלכע פאַרקויפטע פאַרשוינען, אָדער נעסטן פון אַזעלכע בריאות מיט דער מאַסקע פון איבערגעגעבענע רעוואָלוציאָנערן און אין דער אמת׳ן באַצאָלטע דינערס פון דער

פּיאָנערן און בויער

געהיימער פּאָליציי... קיין אָפּאָזיציאָנעלע פּאַרטיי איז נישט געווען געשאָנעוועט פון דער מגפה.

דער „בונד", אין פאַרגלייך מיט אַנדערע סאָציאַליסטישע פּאַר־טייען, האָט נישט שלעכט אָפּגעשניטן.

עס איז ריכטיק, די „אַרבעטער שטימע" האָט געדרוקט לאַנגע ליסטן פון שפּיאָנען, וואָס האָבן „געאַרבעט" אין „בונד". דאָס זיינען אָבער געווען, קליינע פישלעך. קיינער האָט זיי נישט געקענט, קיינער האָט נישט געהערט זייער נאָמען, מיט קיינעם זיינען זיי נישט געווען פאַרבונדן. אַ גאַנצע אַרמיי פון מאָראַליש אומגעלומפּערטע נפשות, אָרעמע און אומוויסנדע אַרבעטער, וואָס האָבן גאָרנישט נישט געוואוסט און גאָרנישט נישט געקענט אַרויסגעבן און וועמען מען האָט געצאָלט פאַר זייערע אינפאָרמאַציעס בלויז נעבעכדיקע עטלעכע רובל אַ חודש.

קאָקאָטשינסקי, און מיט יאָרן פריער קאַפּלינסקי, זיינען געווען סענסאַציאָנעלע אויסנאַמען.

אין פּאַריז האָט קאָקאָטשינסקי זיך איינגעאָרדנט אַלס אַ סאָלידער „געשעפטסמאַן". געהאַט אַן אינדוסטריעלע אַגענטור. דאָס איז געווען די אידייע פון דער „אָכראַנאַ", וועלכע האָט דורך דעם געוואָלט פאַר־בלענדן די אויגן פון קאָקאָטשינסקי׳ס פריינט און חברים.

ווען די רוסישע רעוואָלוציע אין 1917 איז אויסגעבראָכן, איז דער שעף פון דער רוסישער „אָכראַנאַ" אין פּאַריז, קראַסילניקאָוו, גראָד געווען אָפּוועזנד און אויסנוצנדיק די גליקלעכע געלעגנהייט האָבן די פּאָליטישע עמיגראַנטן אַרויסבאַקומען פון קאָנסול זיין אַרכיוו און אויף אָט־דעם אופן אויפגעדעקט קאָקאָטשינסקיס שפּיאָנישע ראָל. לויט די געפונענע דאָקומענטן האָט ער אָנגעהויבן צו „דינען" אין 1910. גערופן האָט ער זיך מיט׳ן נאָמען „גרעטכען". געגעבן האָט ער ידיעות וועגן „בונד" אין אַלגעמיין, וועגן אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד", וועגן די מענשעוויקעס און די באָלשעוויקעס, וועגן די פּוילישע פּאַרטייען. אָנגעהויבן האָט מען אים צו צאָלן 500 פראַנק (הונדערט דאָלאַר) אַ חודש, אָבער גיך זיינען זיינע „פאַרדינסטן" דערגאַנגען צו צוויי טויזענט רובל אַ חודש! דאָס איז געווען מער ווי אַ מיניסטאָרישער

דזשאָן מילל

געהאַלט אין דאַמאָלטדיקן רוסלאַנד. עס איז קלאָר, אַז ער האָט געמוזט געבן זייער וויכטיקע ידיעות.

צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט, האָט קאָקאָטשינסקי נישט געלייקנט, אַז ער האָט געדינט דער געהיימער פּאָליציי... ער האָט געזוכט צו דערקלערן, פּאַר וואָס ער איז אַזוי שענדלעך געפאַלן. אומגליקלעכע אומשטענדן, די קראַנקהייט פון זיין פרוי און אָרעמקייט, האָט ער גע׳טענה׳ט, האָבן אים אַריינגעשטופּט אין דעם שרעקלעכן אָפּגרונט.

אַ מאָדנער צוזאַמענפאָר. — דער היסטאָריקער דוב־נאָוו און דער „בונד“. — מעדעם און די ציוניסטן

דאָס איז געווען אַ מאָדנער צוזאַמענפאָר, דער זעקסטער צוזאַמענ־פאָר פון „בונד“. אָן אַן אָנהייב און אָן אַ סוף. אַ סדר־היום, וואָס זיינע פונקטען האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַרעלטערט און נישט צוגעפּאַסט צו די נייע אומשטענדן נאָך איידער מען איז צוגעטראָטן זיי צו באַהאַנדלען. דער צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען אין ציוריך, אין אָקטאָבער 1905, ווען די ערשטע אַלגעמיינע רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען אין רוסלאַנד האָבן אויסגעבראָכן מיט אַ ספּאָנטאַנעם כּוח, מיט אויסער־געוויינלעכן אימפּעט און ברען; אַלע פרייהייט־ליבנדע מענטשן האָבן פאַרבונדן מיט יענע אַרויסטרעטונגען אָן אַ שיעור דערוואַרטונגען און האָפנונגען. דער רעוואָלוציאָנערער גייסט פון די דאָזיקע אַרויס־טרעטונגען, די צאָלרייכע מאַניפעסטאַציעס, דער מאַסן־כאַראַקטער פון די סטרייקן, וואָס האָבן זיך גיך פאַרוואַנדלט אין אַ גענעראַל־סטרייק איבערן גאַנצן לאַנד — דאָס אַלץ איז געווען פאַר די אָקערשט אָנגעקומענע דעלעגאַטן ווי אַ דונער פון אַ קלאָרן הימעל. אַ סך פון די דעלעגאַטן זיינען מחמת דעם אייזנבאַן־סטרייק און דער אַלגעמיינער פאַרקריפּלונג פון דער קאָמוניקאַציע געשטערט געוואָרן צו קומען צום קאָנגרעס. עס זיינען נישט געקומען די שליחים פון פוילישן ראַיאָנעם קאָמיטעט, פון וואַרשע, פון ריגע, פון האָמעל. עס האָבן געפעלט אַרקאַדי קרעמער, (נח איז באַפרייט געוואָרן פון טורמע ערשט נאָכן צוזאַמענ־פאָר) גראָסער און אַנדערע. און די, וועמען עס האָט זיך יע איינגעגעבן צו קומען — פון 18 שטעט — האָבן זיך געפילט ווי אויף אַ וויסטן, פאַרוואָרפענעם אינזעל, אויפגערעגט, בידערגעשלאָגן, פון אַלעמען אָפּגעריסן. עס האָט זיי געעגבערט אַ טיפער פאַרדרוס, וואָס אין אַזאַ היסטאָריש־וויכטיקער צייט זיינען זיי געווען אָפּגעשניטן פון דעם אַקטיוון קאַמף אויפ׳ן אָרט. ביי אַזאַ שטימונג און אין אַזאַ ליידנשאַפט־

לעכער אַטמאָספער איז געווען שווער זיך צו קאָנצענטרירן, און רואיק ערנסט צו פאַרהאַנדלען די פראַגן פון טאָג־אָרדנונג איז געווען פשוט אוממעגלעך. בלויז דריי פראַגן זיינען דיסקוטירט געוואָרן און עס זיינען אָנגענומען געוואָרן וועגן זיי פאַסענדע רעזאָלוציעס. די לייזונג פון דער אידישער פראַגע אין זין פון נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע איז ענדגילטיק פאָרמולירט געוואָרן און איז געוואָרן אַ באַשטאַנדטייל פון בונדישן פראָגראַם. אין אַן אַנדערער רעזאָלוציע האָט דער צוזאַמענפאָר גענומען אַ שטעלונג אין דער פראַגע „פוילן", אַרויסזאָגענדיק זיך קעגן אַריינגעמען אין אונזער פראָגראַם די פאָדערונג פון ווידעראויפבויען אַן אומאָפהענגיק פוילן. ער איז אַרויסגעגאַנגען פון דעם שטאַנדפונקט, אַז די אינטערעסן פון דעם פוילישן פראָלעטאַריאַט וועלן אַם בעסטן באַפרידיקט ווערן דורך אַ דעמאָקראַטישן איבערבוי פון דער רוסישער מלוכה, ביי אַ ברייטער טעריטאָריאַלער זעלבסטפאַרוואַלטונג און פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע. די דריטע רעזאָלוציע פון צוזאַמענפאָר איז געווען געווידמעט די פאַרשידענע סאָציאַליסטישע פראַקציעס אין ציוניזם. דער כלומרשט'דיקער סאָציאַליזם פון די דאָזיקע פראַקציעס איז דערקלערט געוואָרן אַלס אַן אינהאַלטסלאָזע פראַזעאָלאָגיע, מיט דער הילף פון וועלכער דער בורזשואַזער ציוניזם שטרעבט אונטערצוואַרפן אונטער זיין השפעה די אידישע פראָלעטאַרישע מאַסן. עס ווערט נאָך אַ מאָל אונטערגעשטראָכן די נויטיקייט פון קאַמף מיט'ן ציוניזם אין אַלע זיינע שאַטירונגען.

צום סוף פון צוזאַמענפאָר האָבן זיך פלוצלינג באַוויזן שוואַרצע, דראָענדע וואָלקענס אויפ'ן שיינעם הימל פון די גליקלעכע דערוואַרטונגען און האָפנונגען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. ווי אַן אויפגעריסענע באַמבע האָט געווירקט די פאַרעפנטלעכטע ידיעה וועגן די מורא'דיקע פאָגראָמען, וואָס די קאָנטער־רעוואָלוציע האָט אויפגעהעצט און אָרגאַניזירט. רויב און מאָרד אין אַרום 150 אידישע שטעט און שטעטלעך האָבן באַוויזן, אויף וואָס דער בעסטיאַלישער צאַריזם איז נאָך געווען פעאיק. אַ געוויסע פעסימיסטישע שטימונג האָט זיך אַריינגעגנב'ט אין די הערצער פון אייניקע דעלעגאַטן. און באַלד האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז כמעט די גאַנצע אידישע

פּיאָנערן און בויער

ליבעראַלע און נאַציאָנאַליסטישע אינטעליגענץ איז אַרומגעכאַפּט געװאָרן פון אַ יאוש. זייער כאַראַקטעריסטיש אין אָט־דער הינזיכט איז געװען דער שאַרפער אַרויסטריט פון פּראָפעסאָר דובנאָװ קעגן „בונד”. אין אַן אַרטיקל אונטער דעם נאָמען „קנעכטשאַפט אין דער רעװאָלוציע”, אָפּגעדרוקט אין דעם רוסיש־אידישן זשורנאַל „װאָסכאָד”, אַטאַקירט ער נישט בלויז די אַסימילאַטאָריש־געשטימטע אידישע סאָציאַליסטן, װאָס זיינען געװען טעטיק אין דער אַלגעמיינער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַװעגונג, נאָר נאָך אַ סך מער דעם „בונד” פאַר זיין גלויבן אין דער צוקונפטיקער עמאַנסיפּאַציע פון די אידן דורך דער רעװאָלוציאָנערער פרייהייטס־באַװעגונג פון רוסישן פאָלק.

פאַרן „בונד”, זאָגט דובנאָװ, זיינען די פּאָגראָמען בלויז אַן עפּיזאָד פון דער קאָנטר־רעװאָלוציע. דער „בונד”, װאָס שרייבט זיך צו אַזאַ װיכטיקע ראָל אין דער רעװאָלוציאָנערער באַװעגונג, פּרעטענדירט צו זיין דער פאַרטרעטער פון די אידישע נאַציאָנאַלע אינטערעסן. די דאָזיקע פּרעטענזיעס, מיינט דובנאָװ, זיינען לחלוטין נישט באַרעכטיקט. אַלס אַ פּאַרטיי, װאָס האָט אָנגענומען אַן אויסשליסלעך קלאַסן־פּראָלעטאַרישן פּראָגראַם, קען דער „בונד” נישט דינען דער פאַרטיידיקונג פון די אינטערעסן פון אידישן פאָלק. דער קאַמף צװישן די אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע און פון דעם פּראָלעטאַריאַט פאַרשטעלט אין גאַנצן פאַר די בונדיסטן דעם קאַמף פאַר נאַציאָנאַלע אינטערעסן. פאַר די אָנהענגער פון „בונד” איז דער אידישער עטיקעט בלויז אַן עטישער, נישט קיין נאַציאָנאַלער. זיי רעכענען זיך נאָר מיט דער שפּראַך פון דער מאַסע — מיט׳ן זשאַרגאָן, זיי ריידן װעגן „פרייהייט פון זעלבסטבאַשטימונג” און אפילו װעגן „נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע”, אַלס די הויפּט עיקרים פון דער אַלגעמיינער פרייהייט; אָבער װעגן אַ װירקלעכער אַנטװיקלונג פון אידנטום אין זיין נאַציאָנאַל־היסטאָרישן גייסט, װעגן אַ נאַציאָנאַלער דערציאונג, אַלס אַ קעגנװירקונג קעגן אַסימילאַציע, װעגן זעלבסטשטענדיקער אידישער פּאָלקס־פּאָליטיק טראַכטן זיי נישט. פאַר דעם זיינען זיי צופיל „קלאַסן־פּאָליטיקער”. דאָס אידנטום אַלס אַ גאַנצעס אַנערקענען זיי בכלל נישט. זיי צעשניידן אַ לעבעדיקן אָרגאַניזם אויף צװיי טיילן און זאָגן: אָט דאָס איז אונזער טייל, דער פּראָלעטאַרישער, און דאָס איז אַ פרעמדער, װאָס שטאַמט

דזשאָן מיל

„פון טייוול", פון דער בורזשואַזיע, פון ציוניסטן, פון נאַציאָנאַליסטן...
זיי רירט לחלוטין נישט דער פאַקט, וואָס די אידישע רעכטלאָזיקייט
דריקט גלייך דעם פּראָליטאַריער, דעם קאַפּיטאַליסט און דעם קליינעם
אייגנטימער, אַז אויף די גאַסן פון די צעראַבעוועטע שטעט זיינען גע־
לעגן איינע נעבן די אַנדערע מיט צושפּאָלטענע שאַרבנס מענטשן פון
די דאָזיקע דריי קאַטעגאָריעס...

אָפּגעפרעמדקייט פון די דאָזיקע מאַרקסיסטישע פאַנאַטיקער פון
אידנטום, זאָגט ווייטער דובנאָוו, האָט זיך אַרויסגעוויזן אין אַ טראַגי־
שער פאָרם בעת די לעצטע געשעענישן. מיינענדיק, אַז זיי זיינען די
העלדישע באַשיצער פון דער אַלרוסישער רעוואָלוציע, האָבן די בונ־
דיסטן באַמיט זיך אין די אָקטאָבער מאַניפעסטאַציעס צו זיין „מער
רוסיש ווי די רוסן אַליין" און ווען נאָך די דאָזיקע מאַניפעסטאַציעס
איז אָוועק אַ רייע הריגות אויף אידן, האָבן זיי גענומען אַראָפּוואַרפן
פון זיך די שולד און טענה'ן: „דאָס איז נישט מער ווי אַ קאָנטר־
רעוואָלוציע"...

אויב מיט אַזאַ לשון האָט גערעדט דעמאָלט דער היסטאָריקער
דובנאָוו, קען מען זיך שוין פאָרשטעלן, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן ביי
דער נאַציאָנאַליסטישער יוגנט. זי איז פּשוט אַריינגעפאַלן אין אַ
היסטעריע.

נאָכן צוזאַמענפאָר, אויפן וועג צוריק קיין זשענעווע, האָבן מעדעם
און איך זיך אָפּגעשטעלט אין בערן, וואו מעדעם האָט געדאַרפט אַרויס־
טרעטן אויף אַ פּראָטעסט־מיטינג פון דער אידישער סטודענטישער
יוגנט קעגן די פּאָגראָמען. דער גרויסער זאַל איז געווען געפּאַקט און
אַפילו אין פּאָרצימער איז נישט געווען קיין אָרט צו שטיין. אַ נערוועזער
און אויפגערעגטער עולם, האָט טומלדיק, מיט היץ און ביטערקייט דיס־
קוטירט די לעצטע טראַגישע געשעענישן אין רוסלאַנד. ווען מעדעם
האָט זיך באַוויזן אויף דער פּלאַטפאָרמע איז אַלץ שטיל געוואָרן און
ווי עס האָט געשיינט זיינען אַלע געווען נייגעריק צו הערן, וואָס אַזאַ
מענטש ווי מעדעם האָט צו זאָגן וועגן דער נייער אידישער טראַגעדיע.
אין אָנהייב איז אַלץ דורכגעגאַנגען גלאַט. מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט
האָט מען זיך צוגעהערט צו זיין גלענצענדן אַנאַליז פון די אומשטענדן
און פון די געזעלשאַפטלעכע כוחות, וועלכע האָבן געבראַכט צו די רע־

פּיאָנערן און בויער

וואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען, און פון דער בעסטיאַלישער פּאָליטיק פון דער רעגירונג, וואָס האָט אַרויסגעפירט אויף דער סצענע קאָנטער־רעוואָלוציע און פּאָגראָמען. אָבער גאָר צום סוף פון זיין רעדע איז אויס־געבראָכן אַ שענדלעכער סקאַנדאַל, וועלכן איך קען ביז היינט נישט פאַרגעסן. דער סקאַנדאַל איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך מעדעמס היסטאָריש־ריכטיקער באַהויפּטונג, אַז דאָס בלוט אין יעדער רעוואָ־לוציע איז אויל, אָן וועלכער עס רוקט זיך נישט פאָרויס דער וואָגן פון דער געשיכטע. די ציוניסטן פון אַלע מינים האָבן אויפגעשפּרונגען פון זייערע ערטער, פּראָטעסטירנדיק אויף אַ מיאוסן אופן קעגן מעדעמ'ן. זיי האָבן פאַלש אויסגעטייטשט זיינע ווערטער און גלייך אָנגעהויבן אַ שטורם אין אַלע סטודענטישע קאָלאָניעס און אין זייער פּרעסע, באַהויפּטנדיק, אַז מעדעמס ווערטער האָבן געמיינט בלויז איין זאַך: אַז „דאָס בלוט פון די פּאָגראָמירטע אידן איז דער נויטיקער בוים־אויל פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע". נישט געקוקט אויף מעדעמס קאַטעגאָרישע אָפּלייקענונג, האָבן זיי אים מיט דער דאָזיקער אומזיניקער און פאַלשער באַשולדיקונג נישט אויפגעהערט צו באַפאַלן אין דער פּרעסע און אויף זייערע פאַרזאַמלונגען ביז זיין טויט.

אויפֿן וועג צו אייניקייט

אין פֿייער פֿון די רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען פֿון די מאַסן אין די יאָרן 1905־1906 האָט זיך גענומען שמידן אַ נייער ווילן צו אייניקייט. אַלע האָבן געפֿילט, אַז די צעשפּליטערונג אין די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע רייען און די אָפּגעזונדערטקייט פֿון די פֿאַרשידענע נאַציאָנאַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ שווערע מניעה פֿאַרן דערפֿאָלג פֿון די קאַמפֿן. דער שאָדן פֿון דער צעשפּליטערונג איז געווען אין אַ סך פֿאַלן אומבאַשרייבלעך. דער צושטאַנד פֿון צעררריסנקייט פֿון די רעוואָלוציאָנערע כּוחות איז געווען פֿאַרבונדן מיט דעזאָרגאַניזירטקייט, האָט אויפֿגעדעקט די אינערלעכע שוואַכקייט און האָט בלויז געשפּילט אין די הענט פֿון דער רעאַקציע און פֿון דער קאָנטר־רעוואָלוציע. די שטרעבונג צו קאָאָרדינאַציע און, נאָכמער, דער ווונטש פֿאַר אַ פֿולשטענדיקער פֿאַראייניקונג איז געוואָרן אַלץ בולטער און די איניציאַטיוו צו אַזאַ פֿאַרשטענדיקונג פֿלעגט קומען אַמאָל פֿון „בונד“, אַמאָל פֿון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. אויף איר דריטן צוזאַמענפֿאָר האָט די „פּאַרטיי“ אין אַ ספּעציעלער רעזאָלוציע אָפּן דערקלערט, אַז עס איז די העכסטע צייט אָנצווענדן אַלע כּוחות צו קומען צו אַ פֿאַרשטענדיקונג מיט די נאַציאָנאַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען מיטן ציל פֿריער פֿאַר אַלץ צו פֿאַראייניקן די אַרבעט אויף די ערטער און אויף אַזאַ אופֿן צוגרייטן די מעגלעכקייט צוזאַמענצוגיסן אַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען. און ווען אין צייט פֿון דער זיבעטער קאָנפֿערענץ פֿון „בונד“ אין בערן, אין אַפּריל 1906, איז דערהאַלטן געוואָרן אַן איינלאַדונג צו נעמען אַן אָנטייל מיט באַראַטונגרעכט אין דעם צוזאַמענפֿאָר פֿון דער „פּאַרטיי“ אין סטאָקהאָלם, האָט די קאָנפֿערענץ אויפֿגענומען דעם פֿאַרשלאַג מיט׳ן גרעסטן ערנסט און האָט טאַקע גרינטלעך אַרומגערעדט און אויסגעאַרבעט די באַדינגונגען, אויף וועלכע דער „בונד“ וואָלט געקענט ווידער ווערן אַן אָרגאַנישער באַשטאַנדטייל פֿון דער „פּאַרטיי“.

פּיאָנערן און בויער

רייך איז געווען די טאָג־אָרדנונג פון דער קאָנפערענץ. אַזעלכע אַקטועלע פראַגן ווי די פּאָליטישע לאַגע אין לאַנד און אונזערע באַוועגט־סטע אויפגאַבן, די פּאָליטישע פּערספּעקטיוון, די טאַקטיק בעת די וואַלן צו דעם אָקערשט פּראָקלאַמירטן רוסישן פּאַרלאַמענט („דומאַ"), די לעגאַליזירונג פון אונזער פּרעסע און פון די פּראָפעסיאָנעלע פּאַריי־נען — אַט די אַלע פראַגן האָבן געזאָלט גרינטלעך באַהאַנדלט ווערן. אָבער די איינלאַדונג קיין שטאָקהאָלם האָט אין גאַנצן אומגעביטן דאָס בילד. די ווּיכטיקסטע פראַגע, וועלכע איז געשטאַנען פאַרן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר אין שטאָקהאָלם איז געווען די פראַגע וועגן דער פּאַראיי־ניקונג נישט בלויז צווישן די מענשעוויקעס און די באָלשעוויקעס, נאָר אויך מיט דער פּוילישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, מיט די לעטן, די אַרמעניער און מיט'ן „בונד". האָט אונזער קאָנפערענץ פאַרשטאַנען, אַז זי מוז אויפן פּאַרשלאַג תיכף רעאַגירן און מיט גרויס היץ אַרומגע־רעדט די באַדינגונגען פון מעגלעכן ווידעראַריינטריט אין דער „פּאַרטיי". צי דאַרף מען איינגיין אויף וועלכע נישט איז פּשרות, און אויב יע — וועלכע הנחות זאָלן מיר מאַכן? — אַט דאָס זיינען געווען די פראַגן, אַרום וועלכע עס האָבן זיך געפירט די וויכוחים. און כאָטש אַ קאָנפעּ־רענץ האָט בלויז אַ באַראַטונגס־כאַראַקטער און קיינע ענדגילטיקע, אָבלי־גאַטאָרישע באַשלוסן האָט זי נישט געקענט אָננעמען, האָט מען זיך פונדעסטוועגן באַצויגן צו דעם ענין, ווי שוין געזאָגט, זייער ערנסט און אויפמערקזאַם. צו ווּיכטיק, צו אָנגעווייטאָגט איז ער געווען, צו שטאַרק האָט ער אָנגערירט דעם לעבנסנערוו פון דער באַוועגונג.

נישט קוקנדיק אויף די שאַרפע חילוקי־דעות צווישן די פּשרה'־ניקעס און די קעגנער פון נאָכגעבן אין געוויסע פּונקטן, וועלכע זיי האָבן געהאַלטן פאַר אומבאַדינגט נויטיק פאַר דער נאָרמאַלער עקזיס־טענץ פון „בונד", איז די אַטמאָספער פון דער קאָנפערענץ פאַרבליבן די גאַנצע צייט אַ פריינטלעכע, אַן אָנגענעמע, אַ וואַרעמע. דאָס איז באמת געווען אַ "one big happy family" — טראָץ וואָס איין דעלעגאַט, ווען מען האָט אויף אַט־דעם אופן כאַראַקטעריזירט די קאָנפערענץ, האָט אויסגעשריען: „נישט אַ פאַמיליע זיינען מיר, נאָר אַ פּאָליטישע פּאַרטיי". אין אַ געוויסער הינזיכט איז ער אפשר געווען גערעכט, אָבער דער אַלגעמיינער איינדרוק איז פאַרט געווען, אַז דאָס איז אַ שטאָלצע

בונדישע משפּחה, צופרידן מיט איר אַרבעט, מיט אירע ביז־איצטיקע דערפאָלגן, וואָס מאַניפעסטירט איר האַרציקע צוגעבונדקייט צו דער אָרגאַניזאַציע און איר רירנדיקן, באַגייסטערטן בונדישן פּאַטריאָטיזם.

איך פערזענלעך האָב זיך אויך געפילט ווי אין אַן אינטימער משפּחה, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס נישט אַלע פון די אומגעפער 50 דעלעגאַטן, וואָס האָבן רעפּרעזענטירט אַרום 20 שטעט, זיינען מיר ביז איצט געווען באַקאַנט. געוויס, איך האָב וועגן זיי געוואוסט און גע־הערט, אָבער פּנים־אל־פּנים האָב איך זיך מיט זיי געטראָפן בלויז דאָ. פון די־אָט מענטשן געדענק איך: יעוזגעני גיסער, זאַלאָטאַריאָוו, כאָווקין, ל. בערמאַן, „טל־ומטר"; צווויי ברידער גרינפעלד — איינער פון אָדעס, דער צווייטער פון קישינעוו; דעוועניטסקי (אַ. וויטער), דער באַגאַבטער דיכטער, וואָס איז אַזוי טראַגיש אומגעקומען אין ווילנע אין 1919 פון די הענט פון דעם פּוילישן חיל; אַלבערט לוריע, וואָס איז געווען פאַר׳משפּט אויף צוועלף יאָר קאַטאָרגע פאַר נעמען אַן אָנטייל אין דעם באַוואוסטן יאַקוטסקער אויפשטאַנד פון די פּאָליטישע פאַר־שיקטע; דוד זאַסלאַווסקי, שוין דאַמאָלט אַ זשורנאַליסט מיט אַ נאָמען. איצט איז ער דער בייזער און בייסיקער קאָמוניסטישער ציישונג־שרייבער און קאָמענטאַטאָר פון דער סאָוועטישער אויסלענדישער פּאָ־ליטיק; זיינע זשורנאַליסטישע פאַרדינסטן ווערן, ווי עס שיינט אין די רוסישע רעגירונג־ספערן געשאַצט אַזוי הויך, אַז אַפילו זיינע אַמאָליקע פּאָליטישע זינד זיינען פאַרגעסן געוואָרן — אַ זאַך אַ זעלטענע אין דעם ראַטן־פאַרבאַנד... אויף דער צענטער קאָנפערענץ, אין 1917, איז ער אַפילו אויסגעקליבן געוואָרן אין דעם צענטראַלן קאָמיטעט פון „בונד".

מיט אַ פאַרכאַפּטן אינטערעס און מיט אַ טיפן נייגיר האָב איך זיך צוגעקוקט צו אַ טייל פון אָט־דעם נייעם דור פון בונדישע טוער, צו זייער רירעוודיקייט, וואַכזאַמקייט, אַגרעסיווקייט. זיי האָבן אַריינגע־טראָגן אין די פאַרהאַנדלונגען עטוואָס נייעס, וואָס עס איז מיר שווער דאָ צו דעפינירן, אַ סך גלויבן אין די אייגענע כוחות, אַ געזונטן, אַגרע־סיוון אָפּטימיזם.

די מערהייט פון דער קאָנפערענץ האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר איינגיין אויף געוויסע הנחות. די פאָדערונג צו אַנערקענען דעם „בונד"

פיאָנערן און בויער

אַלס דעם איינציקן פאַרשטייער פון דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט אין דער פּאַרטיי איז אויפגעגעבן געוואָרן. די מינדערהייט איז נאַטיר־לעך געווען אומצופרידן מיט די קאָנצעסיעס, אָבער זי האָט זיי נישט אויפגענומען גאָר טראַגיש, ווייל אַלץ איז אייגנטלעך נאָך געהאַנגען אין דער לופטן — נישט מען האָט געוואוסט עפּעס־וואָס וועגן דער שטעלונג פון דער „פּאַרטיי" און נישט מען האָט געקענט פאָראויסזען, ווי עס וועלן אויסקוקן די באַשלוסן פון דעם צוקונפטיקן צוזאַמענפאָר פון „בונד" אין דעם דאָזיקן ענין.

דריי דעלעגאַטן זיינען אויסגעקליבן געוואָרן צו רעפּרעזענטירן דעם „בונד" אין שטאָקהאָלם: אַבראַמאָוויטש, קאַיגען און ליבער. זיי דריי און אויך אַרקאַדי, מעדעם און איך האָבן זיך דערלויבט צו נעמען נאָך דער קאָנפערענץ אַ קורצן אָפּרו. מעדעם האָט זיך אין אים געגעווי־טיקט מער פאַר אונז אַלעמען, — ער איז דאָך געווען דער פּערמאַנענטער פאָרזיצער פון דער קאָנפערענץ אין משך פון דער גאַנצער צייט. דורך לוצערן, מיט דער באַרימטער און אינטערעסאַנטעסטער אין אייראָפּע סאַן־גאָטאַרדער אייזנבאַן האָבן מיר זיך אַוועקגעלאָזן קיין לאָקאַרנאָ אין דער איטאַליענישער שווייץ, אויפן ברעג פון דער וואונדער־שיינער בלויער אָזערע לאַגאָ מאַדזשיאָרע. צוויי טעג האָבן מיר דאָ פאַרבראַכט אין אַ קליינעם און ביליקן, אָבער זייער ציכטיקן האָטעל און ווי אמת׳ע טוריסטן האָבן מיר אויסגענוצט די געלעגנהייט און זיך באַקענט מיט אַ פּאָר אָרטיקע מערקווירדיקייטן. מיר האָבן באַזוכט אַ קלויסטער אויף אַ דערבייאיקן באַרג, אַ פּילגרים אָרט פון פרומע קאַטאָליקן. אַ מאַדאָנע פון אַ באַרימטן מאָלער, וועמענס נאָמען איך געדענק נישט, איז געווען די הויפּט־צוציאונג. אַ פּאָר פון אונזער חברה האָבן זיך געהאַלטן פאַר גרויסע קונסט־קענער, אָבער אין קלויסטער האָט קיינער פון זיי נישט געקענט טרעפן, וועלכע מאַדאָנע פון די דריי, וואָס האָבן זיך געפונען אין דעם דאָזיקן קלויסטער, איז געווען די, צוליב וועלכער מיר האָבן אַרויפגעקלעטערט אויף דעם הויכן באַרג . . . און ווען מיר האָבן ענד־לעך אויסגעפונען דעם ריכטיקן בילד, האָט אַרקאַדי גאָר אַרויסגעזאָגט: „אַ געטשקע ווי אַלע געטשקעס!" . . .

אינטערעסאַנטער און אָנגענעמער איז געווען אונזער קורצע עקסקורסיע צו דעם מיניאַטור אינזל איזאָלאַ בעללאַ, וואָס געפינט זיך

דזשאַן מילל

אין מיטן אַזיערע. אַלץ זעט דאָ אויס זייער אָריגינעל, ווי אַן איזאָלירטע, זעלבשטענדיקע פּיטשענקע מלוכה׳לע, וואָס פאַרמאָגט אַ סך רייץ און צויבער. דער פּראַכטפולער גאָרטן מיט עקזאָטישע פלאַנצן און בלומען, די מאַיעסטעטיש אַרומשפּאַצירנדיקע פּאַוועס, דער מיטל־אַלטלעכער שלאָס, וואו מען ווייזט נאַפּאָלעאָן דעם ערשטענס שלאָפצימער, וואָס ער האָט באַנוצט בעת זיינע מיליטערישע קאַמפּאַניעס קעגן איטאַליע — אַלץ האָט אונז פאַראינטערעסירט און פאַרשאַפט פיל פאַרגעניגן. עס האָט אונז שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס מיר האָבן נישט געקענט פאַר־ברענגען דאָ אַ ביסל מער צייט.

די סטאָקהאָלמער באַשלוסן

אין סטאָקהאָלם זיינען ביידע צדדים געווען גרייט צו גיין אויף קאָמפּראָמיסן. דעם „בונד׳ס" מאַטיוון זיינען געווען קלאָר — ער האָט טאַקע אויפריכטיק געגלויבט אין דער מעגלעכקייט און אין דער אויסער־געוויינלעכער וויכטיקייט פון דער פאַרייניקונג. לעבינס מאָטיוון און די שטעלונג פון זיינע נאָכפאָלגער זיינען אייגנטלעך אויך געווען לייכט צו פאַרשטיין: דעם „בונד׳ס" דאַמאָלטדיקע פּאָליטישע איינשטעלונג, ספּעציעל זיין נעגאַטיווע באַציאונג צו דער דומע, ווי אויך זיין אָפּ־שאַצונג פון די נאָענסטע פּאָליטישע אויפגאַבן, זיינען געווען אידענטיש מיט לעבינ׳ס שטעלונג, און די באָלשעוויקעס האָבן דעריבער געקוקט אויפן „בונד" ווי אויף אַ זיכערן פאַרבינדעטן אין זייער קאַמף מיט די מענשעוויקעס. אַזוי אָדער אַזוי — די בונדישע דעלעגאַציע האָט געבראַכט פון סטאָקהאָלם אַ פאַראייניקונג־פּראָיעקט, לויט וועלכן דער „בונד" ווערט אַנערקענט אַלס די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע פון אידישן פּראָלעטאַריאַט, קריגט זעלבשטענדיקייט אין זיינע אינ־ווייניקסטע אַנגעלעגנהייטן, אין פראַגן פון פּראָפּאַגאַנדע, אַגיטאַציע און אָרגאַניזאַציע און באַקומט אויך די אָרגאַניזאַציאָנעלע מעגלעכ־קייטן אויסצואיבן אַ געניגנדיקן איינפלוס אויף דעם אַלגעמיינעם פּאַר־טיי־לעבן און אויף די אַלגעמיינע פּאַרטיי־צוזאַמענפאָרן און זייערע באַשלוסן. דעם „בונד׳ס" נאַציאָנאַלע פּראָגראַם איז אָפיציעל נישט אַנערקענט געוואָרן, אָבער מען האָט אים אויך נישט אָפּגעוואָרפן און נישט געצוואונגען דעם „בונד" פון אים זיך אָפּצוזאָגן. מען האָט די פראַגע פּשוט נישט דיסקוטירט.

די מערהייט פון דער מיטגלידערשאַפט אין „בונד" האָבן אויפ־גענומען דעם פאַראייניקונג־פּראָיעקט מיט צופרידנקייט, אַפילו מיט פרייד, ווייל זיי האָבן געזען אין אים אַ הילף לגבי די צרות, וועלכע האָבן געריסן און געפּליקט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין רוסלאַנד. און אַפילו אַ סך פון יענע, וואָס זיינען ביז דאַן געשטאַנען שטאַל און

דזשאָן מילל

איזן פאַר די אָרגאַניזאַציאָנעלע פּרינציפּן פון „בונד" און פאַר זיין פּראָגראַם און טאַקטיק, האָבן געזען אין דעם פּראָיעקט אַ גרויסן זיג פון „בונד". זיי האָבן דעם דאָזיקן זיג דערקלערט מיט דעם, וואָס דאָס לעבן אַליין האָט שוין די „פּאַרטיי" אַ ביסל אויסגעלערנט און וואָס די דעמאָלטדיקע רעוואָלוציאָנערע עפּאָכע און די לאָגיק פון דער רעוואָלוציע האָבן געטריבן די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן נישט ווייניקער ווי דעם „בונד" צו פאַרייניקן זיך, געצוואונגען צו קאָמפּראָמיסן, כאָטש אינערלעך זיינען זיי געבליבן אויף זייערע פריערדיקע פּאָזיציעס.

גאָר אַנדערש האָט רעאַגירט די צאָלרייכע מינדערהייט אין „בונד", וועמענס וואָרטזאָגערס זיינען געווען גראָסער און ליטוואַק. זי האָט געזען אין דעם פּראָיעקט אַ געפערלעכע קאַפּיטולאַציע. אַנגעמען אים, האָבן זיי געזאָגט, הייסט מאַכן אַ תל פון „בונד", הייסט אָפּהאַקן אים קאָפּ, הענט און פיס. דער פּראָיעקט נעמט צו ביי דעם „בונד" זיינע וויכטיקסטע רעכט. זיין נאַציאָנאַלע פּראָגראַם, וואָס אויף איר אַנטוויקלונג און באַפעסטיקונג איז אַוועקגעגעבן געוואָרן אַזוי פיל צייט און כוח, איז געבליבן הענגען אין דער לופטן! אויך דאָס רעכט צו בלייבן ביי אַן אייגענער טאַקטיק נעמט דער פּראָיעקט צו ביים „בונד", און נישט ווייניקער ווערט דער „בונד", לויטן פּראָיעקט, צעמזיקט אָרגאַניזאַציאָנעל. ניט בלויז דער פעדעראַטיווער פּרינציפּ איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן, נאָר אַפילו פון דער בונדישער אויטאָנאָמיע איז נישט פיל געבליבן. אין פּראָיעקט זיינען נאָר דאָ צייכנס פון אויטאָנאָמיע, נישט מער! דורך דער גרינדונג פון אַלגעמיין־שטאָטישע קאָמיטעטן, אין וועלכע דער „בונד" אַלס אַזעלכער וועט קיין פאַרטרעטער נישט האָבן, ווערט דער צווייג, אויף וועלכן עס זיצט דער „בונד", אין גאַנצן אונטערגעזעגט. אַלע קאָנצעסיעס, וואָס די „פּאַרטיי" האָט געמאַכט, זיינען נישט ווערט אַן אויסגעבלאָזענע איי, אויב דער „בונד" פאַרלירט זיין גאַנצן אינהאַלט און פון אים בלייבט נאָר זיין אַלטער נאָמען. מען טאָר נישט אָננעמען די אויסגעאַרבעטע באַדינגונגען. אויב מען וועט זיי יע אָננעמען, דאַרף מען די זאַך אָנרופן מיט איר ריכטיקן נאָמען, מען דאַרף זאָגן אָפן און קלאָר: דער „בונד", אַזוי ווי ער איז געווען, הערט אין גאַנצן אויף צו עקזיסטירן, עס בלייבט בלויז זיין נאָמען, דער באַרימטער היסטאָרישער נאָמען, אָן זיין אינהאַלט. דער „בונד" אָן זיין פּראָ־

פּיאָנערן און בויער

גראַם, אָן זיין טאַקטיק, אָן זיינע אָרגאַניזאַציאָנעלע פּרינציפּן — „דאָס איז נישט אונזער בונד".

אַט אַזוי האָט רעאַגירט די צאָלרייכע מינדערהייט אויף דעם פאַרייניקונג־פּראָיעקט, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אין שטאָקהאָלם.

די חלוקי־דעות האָבן אַריינגעבראַכט אין „בונד" אַ סך אויפרעגונג, אַ סך היים בלוט. אייביק האָט זיך דאָס נאַטירלעך נישט געקענט ציען. עס האָט זיך געלייגט אויפן שכל, אַז אַ קאָמפּעטענטער ענטפער אויף אַלע ספקות מוז געגעבן ווערן, און וואָס גיכער, אַלץ געזינטער.

אונזער צענטראַל־קאָמיטעט האָט באַשלאָסן טאַקע באַלד צוזאַמענצורופן אַ צוזאַמענפאָר. ער איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין סעפּטעמבער 1906 אין לעמבערג.

לעמבערג. — װלאָדעק. — ציוניסטן בײזערן זיך

דער זיבעטער צוזאַמענפאָר פון „בונד", אין לעמבערג, קען באַטראַכט װערן װי אײנער פון די װיכטיקסטע און אינטערעסאַנטסטע צװישן אַלע בונדישע צוזאַמענפאָרן ביז דער ערשטער װעלט־מלחמה. איך האָב אָנטײלגענומען אין דאָס רוב בונדישע צוזאַמענפאָרן און קײנער פון זײ — אַחוץ דעם גרינדונג צוזאַמענפאָר — האָט נישט געמאַכט אויף מיר אַזאַ קאָלאָסאַלן אײנדרוק. און װי װײט איך װײס, נישט בלויז אויף מיר אַלײן. ער האָט אימפּאָנירט מיט אַלץ: מיט דעם אופן װי די בונדישע מיטגלידערשאַפט איז אויפגעקלערט געװאָרן װעגן די פראַגן פון דעם סדר־היום און ספּעציעל װעגן די צװײ שטעלונגען אין דער פראַגע פון דער פאַרײניקונג; מיט דער צאָל אָרגאַניזירטע אַרבעטער, װאָס האָבן גענומען אַן אָנטײל אין די װאַלן; מיט דער צאָלרײכער פאַרטרעטונג; מיט די קורצע, אָבער זאַכלעכע און ערנסטע דעבאַטן; מיט דעם טיפן באַװאוסטזײן פון פאַראַנטװאָרטלעכקײט, װאָס די דעלעגאַטן האָבן אַרויסגעװיזן.

עטלעכע חדשים נאָכאַנאַנד האָט מען זיך געגרײט צו אים. רעדנערס פון בײדע צדדים האָבן באַזוכט די בונדישע אָרגאַניזאַציעס פון צענדליקער גרעסערע און קלענערע שטעט און דורכגעפירט אַן אײנדרוקפולע קאַמפּאַניע פון אויפקלערונג אין דער הויפּט־פראַגע, אין דער פראַגע פון פאַרײניקונג. דורך דעם האָבן די װײלער אויסגעצײכנט געקענט זיך פאַנאַנדערקלײבן אין דער פראַגע און, שטימענדיק פאַר דעם אָדער יענעם דעלעגאַט, האָבן זײ זײער גוט געװאוסט װאָס זײ שטעלן אין קאָן דורך אָננעמען אָדער דורך אָפּװאַרפן דעם פאַראײניקונג־פּראָיעקט.

דער „בונד" האָט צו יענער צײט פאַרמאָגט אַרום 40 טויזענט מיטגלידער. נישט אַלע אָבער זײנען געװען װאַל־באַרעכטיקטע, װײל די מיטגלידערשאַפט פון צענדליקער קלײנע שטעטלעך האָט נישט

פּיאָנערן און בויער

דערגרייכט דעם נויטיקן מינימום צו קריגן רעכט אויף צו שיקן אַ פאָרשטייער. קיינע מאַיאָריזירונג אין די וואַלן האָט נישט געקענט פאַרקומען — די וואַלן זיינען געווען פּראָפּאָרציאָנעלע און אויף אַזאַ אופן האָבןביידע טענדענצן געפונען אַן אויסדרוק אין די באַשלוסן פון צוזאַמענפאָר.

הונדערט דעלעגאַטן — 68 מיט שטימרעכט, די איבעריקע מיט באַראַטונגרעכט, זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אין לעמבערג. צוויי דעלע־גאַטן פון וואַרשע, צביה און כאַצקעל, זיינען אַרעסטירט געוואָרן ביים אָפּפאָרן פון וואַרשע.

עס זיינען געווען געסט פון די ברודער־פּאַרטייען: פון דער רוס־לענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, פון די לעטן, פון די אַרמע־ניער; דעם גאַליציאַנער „בונד" האָבן רעפּרעזענטירט איינאייגלער, קראַנץ און גראָסמאַן; דער צענטראַלער פאַרבאַנד פון די בונדישע גרופּן אין אַמעריקע, וואָס מיר פלעגן פון אים דאַמאָלס קריגן גרויסע פינאַנציעלע און מאָראַלישע הילף, האָט געשיקט אַ. ליעסינען און פערלשטיינען.

אויפן וועג פון שווייצאַריע קיין לעמבערג, אין קראָקע, האָב איך זיך באַגעגנט מיט מעדעמ׳ן. ער איז געקומען פון רוסלאַנד און אין אַ באַזונדערער וואַגאָן־אָפּטיילונג האָבן מיר ווייטער צוזאַמען פאָרגעזעצט אונזער רייזע צום צוזאַמענפאָר. אַ קורצע צייט נאָכדעם, ווי מיר האָבן פאַרלאָזן דעם קראָקעווער באַנהויף, איז צו אונז פלוצלונג אַריין אין וואַגאָן אַ יונגערמאַן פון יאָר 20־21, אַ הויכער, אַ דאַרער, און מיט אַ וואָרעמען, גוטן שמייכל אונזז האַרציק באַגריסט. ער האָט געקענט מעדעמ׳ן, אָבער איך האָב נישט געוואוסט ווער ער איז. „אַ, האָט אויס־גערופן מעדעם, איר קענט זיך נישט פאַרזענלעך" און, ווענדענדיק זיך צו מיר, האָט ער צוגעגעבן: „דאָס איז אונזער חבר דער „יונגער לאַסאַל", איר ווייסט דאָך וועגן אים". נאַטירלעך, האָב איך זייער גוט געוואוסט, כאָטש דאָ האָב איך זיך געטראָפן מיט אים צום ערשטן מאָל. זיין נאָמען איז שוין דאַן געווען אַ פאַמיליאַרער פאַר אַלע בונדיסטן, צי זיי האָבן אים געקענט פּערזענלעך צי נישט. גיך איז ער געוואָרן פּאָפּו־לער און באַליבט צווישן די אידישע מאַסן — צווישן די אַרבעטער

דזשאַן מילל

און סתם פֿאָלקסמענטשן. אין אַ קורצע צייט האָט ער זיך אַרויסגערוקט אין די פֿאָדערשטע רייען פֿון „בונד" אַלס איינער פֿון די פּעאיקסטע און ענערגישסטע אַגיטאַטאָרן, אַלס אַן אויסגעצייכנטער, פּאָפּולערער, פֿאָלקסטימלעכער רעדנער, אַלס אַ טרייער, איבערגעגעבענער בונדיסט. און נישט קוקנדיק אויף זיין שפּעטערדיקן אַזוי דערפֿאָלגרייכן געזעל־שאַפֿטלעכן לעבן אין אַמעריקע, איז זיין ליבע צום „בונד" און זיין גרייטקייט גרענעצלאָז צו דינען אים קיין מאָל נישט אָפּגעשוואַכט גע־וואָרן. און מיר, בונדיסטן, האָבן געוואוסט ווי אָפּצושאַצן זיין איבער־געבנקייט און צוגעבונדנקייט צום „בונד" און באַצאָלט אים מיט דער זעלבער מטבע: עס איז נישט געווען אַ בונדישער טוער אין צאַרישן רוסלאַנד און שפּעטער אין אומאָפּהענגיקן פּוילן, וואָס זאָל נישט האָבן פֿאַרמאָגט פֿאַר וולאַדעקן געפֿילן פֿון אויפֿריכטיקער און טרייער ליבע.

וולאַדעק, דער „יונגער לאַסאַל", איז נאַטירלעך נישט געווען דער איינציקער אויפֿ'ן צוזאַמענפֿאָר, וועמען איך האָב באַגעגנט צום ערשטן מאָל. פּונקט ווי אויף דער קאָנפֿערענץ אין בערן האָב איך אויך דאָ, אין לעמבערג, זיך געטראָפֿן מיט אַ סך נייע טוער אין „בונד". איך געדענק די נעמען: ווירגילי קאַהאַן, ווינער, סאָלוצקי, דראַזנעס, וו. שולמאַן, ראַפּעס, ראַוורעבע, סערגיי ברוין און אַשפּיז.

אין אָרגאַניזירן דעם צוזאַמענפֿאָר האָבן אונז מיטגעהאָלפֿן אונזערע גאַליצישע חברים. עס איז נישט געווען פֿון די לייכטע זאַכן איינצו־אָרדנען אַזאַ גרויסע מחנה מענטשן קאָנספּיראַטיוו און צופֿרידנשטעלנ־דיק פֿאַר אַלעמען. מען דאַרף זיך וואונדערן, וואָס אַזאַ גרויסע צאָל נייע, פֿרעמדע מענטשן אין אַזאַ שטאָט ווי לעמבערג, וואו עס האָט געווימלט סיי מיט אָריגינעל רוסישע שפּיאָנען, סיי אויך מיט אונטערגעקויפֿטע גאַליצישע שפּיאָנען, האָט נישט געצויגן אויף זיך זייער אויפֿמערקזאַמ־קייט. בלויז איין מאָל זיינען מיר געווען אַלאַרמירט דורך פֿאַרדעכטיקע סמנים פֿון שפּיאָנעריי, אָבער דער אַלאַרם האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן פֿאַר פֿאַלש.

די פֿאַרהאַנדלונגען פֿון צוזאַמענפֿאָר, וואָס האָבן זיך געפֿירט אין די זאַלן פֿון דעם טעאַטער „גראַף סקאַרבעק", זיינען געווען אַ סך געלאַסענער, רואיקער, ווי מען האָט געקענט דערוואַרטן. אויפֿגערעגט

פיאָנערן און בויער

און צעהיצט זיינען געווען בלויז די קליינע גרופּע באַריכט־אָפּגעבער און אָפיציעלע רעדנער. די מערהייט פון עולם האָט זיך בלויז צוגעהערט און נישט אַלע גענוג אויפמערקזאַם. די דיסקוסיעס האָבן נישט אַרויסגערופן אַ צו גרויסן אינטערעס, ווייל מען האָט דאָך שוין פאַרויס פאַרשטאַנען דעם רעזולטאַט, וואָס די אָפּשטימונג וועט געבן.

ווידער און ווידער האָבן די רעדנערס איבערגע'חזר'ט די שוין באַקאַנטע מאָטיוון פאַר און קעגן דעם ווידעראַריינטריט אין דער „פּאַרטיי". אייגנטלעך, זיינען דאָך אַלע אָן אַן אויסנאַם געווען פאַר אַ פאַראייניקונג. דער שטרייט איז געווען וועגן דעם, אויף וועלכע באַדינגונגען דאָס דורכצופירן. איין צד האָט געשראָקן מיט דער איזאָלירטקייט פון „בונד" און גע'טענה'ט, אַז דער „בונד" קען נישט און טאָר נישט שפּילן די ראָל פון אַ זעלבשטענדיקער פּאָליטישער פּאַרטיי. דער צווייטער צד האָט געהאַלטן, אַז דער „בונד" האָט יע אַ זעלבשטענדיקע פּאָליטישע באַדייטונג, און אַז זיין טעטיקייט אויפן באָדן פון קולטור און אָרגאַניזאַציע טאָרן נישט זיין באַדראָט דורך די אומקלאָרע און אפשר גאָר קלאָרע באַגרענעצונגען פון דעם שטאָקהאָלמער פּראָיעקט.

ווי עס איז באַוואוסט, האָבן געזיגט יענע, וואָס זיינען געווען פאַר דעם, אַז דער פּראָיעקט זאָל אָנגענומען ווערן. די זיגערס האָבן געקראָגן 48 שטימען קעגן 20.

טראַגיש האָבן אויפגענומען דעם רעזולטאַט פון דער אָפּשטימונג בלויז עטלעכע פון אונז. דער דעמאָקראַטישער אופן ווי די דעלעגאַטן זיינען אויסגעקליבן געוואָרן, דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט־געפיל, די בונדישע דיסציפּלין און דער בונדישער פּאַטריאָטיזם, די פאַרשטייענדיקע וויכטיקע פּראַקטישע אַרבעט — אַלץ האָט געמאַכט פּשוט אוממעגלעך און אומדענקבאַר, אַז עס זאָל פאָרקומען אַ ריס אין דער אָרגאַניזאַציע. עס האָט נישט געדויערט זייער לאַנג, און די אויפגערעגטע געמיטער האָבן זיך אין גאַנצן באַרויִקט.

מוז מען דאָ אגב צוגעבן, אַז מחמת די אייביקע קריגערייען אין דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, איר צעריסנקייט

דזשאַן מילל

אויף פיינטלעכע פּראַקציעס, איר אומנאָרמאַלע פונקציאָנירן, האָט זי נישט געהאַט די מעגלעכקייט אריינצומישן זיך אין די אינערלעכע ענינים פון „בונד". די פאַרבינדונגען מיט דער „פאַרטיי" איז דערי־בער געווען מער אַ פאָרמעלע, ווי אַ פּראַקטישע. אין דער ווירקלעכ־קייט איז דער „בונד" פאַרבליבן גאַנץ זעלבשטענדיק, גענוי אַזוי ווי פריער.

דער זיבעטער צוזאַמענפאָר האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע פאַר־אינטערעסירונג ביי אַלע פּאָליטישע גרופּירונגען אין אידישן פאָלק. כמעט אַלע האָבן דעם „בונד" שאַרף קריטיקירט און געטאַדלט פאַר זיין נאָכגעבן דער „פאַרטיי". מער פאַר אַלעמען די ציוניסטן־סאָציאַ־ליסטן פון אַלע מינים: ס״ס, „סיימיסטן", די פועלי־ציוניסטן. עס איז געווען קלאָר, אַז זיי האָבן זיך געפילט אָפּגענאַרט אין זייערע ווייט־גייענדיקע דערוואַרטונגען און האָפנונגען. און אַלע צוזאַמען, גאַר ווי זיי וואָלטן זיך אָפּגערעדט, האָבן אָנגעהויבן צו דונערן קעגן דעם „בונד" און צו שיטן פּעך און שוועבל אויף אים. זיי האָבן „קאָנ־סטאַטירט פאַקטן" וועגן דעם שענדלעכן אָפּגרונט, אין וועלכן ער איז אַריינגעפאַלן; זיי האָבן אים באַקלאָגט און געזאָגט מוסר; דער „בונד" האָט „באַוויזן", אַז ער איז אַ פּאַרטיי פון אַסימילאַטאָרן, אַן אַגענט פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע; אַ פרעמדער אין אידישן פאָלק; ער האָט פאַרראַטן די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון די אידישע אַרבעטער; ער האָט פאַרלוירן זיין נשמה; ער האָט באַנ־קראָטירט און כדי צו באַהאַלטן זיין שאַנדע פאַר דער אויסערער וועלט, כדי צו ראַטעווען דאָס פאַרבליבענע ביסל כבוד האָט ער אומגעביטן די שילד פון זיין פירמע; ער האָט נישט געוואָלט שיין לעבן און ער איז נישט בכוח אַפילו שיין צו שטאַרבן...

און די ציוניסטן האָבן זיך געטרייסט מיט דעם אומפאַרמיידלעכן טויט פון „בונד": „דער בונד פאַרשווינדט", פון אַ זעלבשטענדיקער נאַציאָנאַל־אידישער אָרגאַניזאַציע איז ער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין גאָרנישט, ער האָט פאַרלוירן אַפילו די ענלעכקייט פון אַ פּאָליטישער פאַרטיי; די געוועזענע בונדיסטן וועלן פאַרלאָזן דעם לאַגער, וואו זיי זיינען געווען אַזוי מיאוס פאַרפירט און וועלן קומען „צו אונז — צו דער אידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער פּאַרטיי פּועלי־ציון"...

פיאָנערן און בויער

מילא, זיי זיינען געווען שטאַרק אָפּגעצאַרט אין זייערע דער־וואַרטונגען און האָפֿנונגען. קיינער פון „בונד" איז צו זיי נישט גע־קומען. בלויז דעווענישסקי (אַ. ווייטער) האָט פאַרלאָזן די רייען פון „בונד" און אַפילו ער איז פּאָליטיש און פּאַרטייאיש פאַרבליבן אין אַ זייט און צו די ציוניסטן נישט געגאַנגען.

עס וועט, צום סוף, נישט איבעריק זיי צו פאַרצייכענען, ווער עס זיינען געווען אויפן צוזאַמענפאָר די געסט־דעלעגאַטן פון די באַפריינ־דעטע פּאַרטייען. פון צ. ק. פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישער פאַרטיי 2 דעלעגאַטן: פיקער־מאַרטינאָוו און לעאָן גאָלדמאַן, אַ ברודער פון ליבער׳ן, ביידע דעמאָלט מענשעוויקעס, שפּעטער קאָמו־ניסטן. פון דער לעטישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי: ריבאַק־בושעוויטש, אַ באָלשעוויק. פון דער אַרמענישער סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישער פּאַרטיי: מיכאַיל באַגדיאַטיאַן, אַ באָלשעוויק. פון דער אידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי פון גאַליציע (גאַליציאַנער „בונד"): דר. הענריק גראָסמאַן, דר. קאַראַל איינאַייגלער, מ. פּאַפּיער, קראַנץ און, דוכט זיך, נאָך ווער. די 2 דעלעגאַטן פון אַמעריקאַנער צענטראַל פאַרבאַנד פון „בונד", ליעסין און פּערלשטיין, זיינען שוין פריער דער־מאָנט געוואָרן.

די גאַליציאַנער געסט האָבן בלויז באַגריסט דעם צוזאַמענפאָר, אָבער אין די דעבאַטן קיין אָנטייל נישט גענומען. דאַגעגן האָבן אַלע אַנדערע געסט, אויסער זייערע באַגריסונגס־רעדעס גענומען אַ טיכטיקן אָנטייל אין די דעבאַטן אַרום אַלע וויכטיקע פּאָליטישע און אָרגאַניזאַ־ציאָנעלע פראַגן (אָבער, פאַרשטייט זיך, נישט געשטימט).

די לעגאַליזירונג פון דער אַרבעט

די פראַגע וועגן דער פאַרייניקונג איז נישט געווען די איינציקע וויכטיקע פראַגע אויפ׳ן לעמבערגער צוזאַמענפאָר, וואָס האָט אַרויס־גערופן אַן אַלגעמיינע פאַראינטערעסירונג. די באַציאונג צו דער צווייטער „דומע“, נאָכדעם ווי די ערשטע איז פון דער רעגירונג פאַנאַנ־דערגעלאָזן געוואָרן; דער כאַראַקטער פון די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַ־ניזאַציעס; די פּאַרטיזאַנישע אַרויסטרעטונגען פון אומפאַראַנטוואָרט־לעכע פּערזאָנען, וואָס האָבן נישט זעלטן געטראָגן אַלע סימנים פון פשוט׳ן באַנדיטיזם — אין די־אָט אַלע פראַגן האָט דער צוזאַמענפאָר געמוזט נעמען אַ קלאָרע שטעלונג. אַ גוזמא אַנדערע פראַגן זיינען געבליבן נישט פאַרענטפערט, אָבער באַלד, אין לויף פון קאַמף, האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד“ און די בונדישע פּרעסע גע־האָלפן צו פאַנאַנדערקלייבן זיך אין זיי און צו געפינען די ריכטיקע פּאַרטיי־ליניע.

די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן, די געענדערטע פּאָליטישע לאַגע, די לעגאַלע — אמת, זייער באַגרענעצטע — מעגלעכקייטן אויפ׳ן געביט פון דער פּרעסע און פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג האָבן אין אַ סך הינזיכטן גורם געווען גרויסע און טיפע פאַר־ענדערונגען אין דער בונדישער טעטיקייט סיי אין רוסלאַנד גופא, סיי אין אויסלאַנד, אין דעם אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד“. די גאַנץ נייע פּראָבלעמען, וואָס יענע צייט האָט אַרויסגערוקט, די נייע סיטואַציע, די פרישע געזעלשאַפטלעכע כוחות, וועלכע זיינען פּלוצ־לונג אַרויפגעשוואומען אויפ׳ן אויבערפלאַך פון פּאָליטישן לעבן אין לאַנד, האָבן געפאָדערט נייע אָריענטאַציעס און אַ נייעם צוגאַנג. די צייט איז געווען פול מיט שפּאַנונג, די פּאַסירונגען האָבן געפאָלגט איינע די אַנדערע מיט אַן אומגעהויערער שנעלקייט. „ראַטן פון אַר־בעטער דעפּוטאַטן“ זיינען אויסגעוואַקסן באַלד דאָ, באַלד דאָרטן אין אַ סך שטעט. עס איז געוואַקסן די צאָל פון בירגערלעך־ליבעראַלע

און ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע גרופּירונגען, אַנאַרכיסטן האָבן דורכ־געפירט עקספּראָפּריאַציעס, עס האָבן גערודערט די „פּאַרטיזאַנען", און זיי האָבן פאַרזייט פיל האַס און דורך דעם געבראַכט אַן אַ שיעור שאָדן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג; — אויף דעם אַלץ האָט מען געמוזט רעאַגירן מיט קלאָרע דבורים, און טאַקע גיך. די לעגאַלע און די האַלב־לעגאַלע מעגלעכקייטן האָבן אַ סך מיטגעהאָלפן אין אָט־דער אַרבעט.

נישט געקוקט אויף דעם אינסטינקטיוון און גאַנץ נאַטירלעכן אומצוטרוי צו דער פּרעסע־„פרייהייט", וועלכע די רעגירונג האָט פּראָ־קלאַמירט, האָט דער „בונד" פונדעסטוועגן באַשלאָסן תיכף אויסצו־נוצן אַלע מיטלען פון דער דאָזיקער באַגרענעצטער „פרייהייט". אין וואַרשע איז נאָך סוף 1905 געגרינדעט געוואָרן דער בונדישער פאַר־לאַג „אַרבעטער שטימע"; אַ ביסל שפּעטער איז אין ווילנע אַוועק־געשטעלט געוואָרן דער רייכערער, און אַן אַ מאָס מער פּרוכטבאַרער פאַר־לאַג „די וועלט", וועלכער האָט איבערגעדרוקט אַ טייל פון אונזערע זשענעווער בראָשורן און ביכער. קאָפּעליזאָן איז געווען דער פאַרוואַל־טער פון דעם דאָזיקן פאַרלאַג. און גרויס, גרענעצלאָז איז געווען די פרייד, ווען עס האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אין ווילנע (סוף דעצעמ־בער 1905) די ערשטע טעגלעכע בונדישע צייטונג, דער „וועקער". אָבער דער וועג פון דער טעגלעכער בונדישער פּרעסע איז געווען אַן אמת'ער מאַרטירערוועג, — קאָנפיסקאַציעס, אָן אַ שיעור פאַרבאָטן. נאָך דעם „וועקער" — די „נייע וועלט", נאָך דער „נייע וועלט" — די „פאָלקסצייטונג", דאַן די „האָפנונג". נאָך ערגער אפשר האָט אָפּ־געשניטן אונזער לעגאַלע פּרעסע אין דער רוסישער שפּראַך: „יעוור־רייסקי ראַבאָטשי" אין פּעטערבורג און „נאַשע סלאָוואָ" און „נאַשאַ טריבונאַ" אין ווילנע. אייביקע רדיפות און אַרעסטן פון די מיטאַר־בעטער און אין אַלגעמיין פון יענע, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט אַרויסגעבן די צייטונגען. עס איז נויטיק דאָ צו דערמאָנען, אַז די אַר־בעט אַרום די צייטונגען האָט אויסגעפירט אַ גרופּע בונדיסטן, זייער אַן אָנגעזעענע, הן אין צאָל און הן אויך לויט דעם אָרט וואָס זיי האָבן פאַרנומען אין „בונד": נח פּאָרטנאָי, וולאַדימיר קאָסאָווסקי, ליבער, אַרקאַדי קרעמער, אַבראַמאָוויטש, יונה קאָיגען, ליטוואַק, אַלגין, וויטאַלי־

דזשאַן מילל

אייזענשטאַט, יר. וויינשטיין, גראָסער, פינאי ראָזנטאַל, צביון, טיומין, טערמאַן, בענסקי, ש. עפּראָס, בלומשטיין, יוסף באָסקין, איסר ראַבקין, מאַקס מאַזאָווער, דימיטרי זאַקהיים און זיין שוועסטער, פּייסאַכזאָן, דוד זאַסלאַווסקי, מאַכלין א. אַ.

אומעטיק איז אָבער געוואָרן אין זשענעווע. איך און אויך אַנדערע פון אויסלענדישן קאָמיטעט, וואָס זיינען פאַרבליבן אין אויסלאַנד, האָבן זיך געפילט ווי אַרבעטסלאָזע, וואָס האָבן פאַרלוירן זייערע אַרבעט־פּלעצער אָדער ווי עס פילט מסתמא אַ געשעפטסמאַן אין צייט פון אַ דעפּרעסיע, אין צייט פון אַ שווערן ווירטשאַפטלעכן און פינאַנציעלן קריזיס. דער פאַרלאַג איז כמעט אויפגעגעבן געוואָרן. אונזער דרוקעריי האָט אויפגעהערט צו אַרבעטן. די „לעצטע פּאָסירונגען", „דער אידישער אַרבעטער", „פּאָסלעדניאַ איזוועסטיאַ", „וויעסטניק בונדאַ" און „גלאָס בונדו" זיינען אָפּגעשטעלט געוואָרן. מען האָט מער זיך נישט געניויטיקט אין „טראַנספּאָרט" און אין שמוגלען אונזערע אויסגאַבן איבער דער גרענעץ. די טעכניש־קאָנספּיראַטיווע פונקציעס זיינען געוואָרן מינימאַלע.

עס מוז אָבער פאַרצייכנט ווערן, אַז פאַר די צוויי מיטגלידער פון אויסלענדישן קאָמיטעט, וואָס האָבן צו יענער צייט געלעבט אין זשענעווע גופא (באָריס פרומקין און פ. קורסקי), איז געווען צוגעקומען אַ נייע פונקציע וואָס האָט טאָג־טעגלעך געפאָדערט זייער פיל אַרבעט — די זאָרג פאַר דער ווילנער „פאָלקס־צייטונג". אַ דאַנק זיי איז די „פאָלקסצייטונג" געווען אויסגעצייכנט אינפאָרמירט וועגן דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. די גרויסע אייראָפּעאישע סאָציאַליסטישע צייטונגען: די פאַריזער „הומאַניטע", די ווינער „אַרבעטער־צייטונג", דער בערלינער „פאָרווערטס", די „לייפּציגער פאָלקס־צייטונג", א. א., זיינען אין רוסלאַנד געווען פאַרבאָטן. פלעגן יעדן טאָג אויסגעשניטן ווערן די וויכטיקערע אַרטיקלען און געשיקט ווערן צו דער רעדאַקציע אין פאַרמאַכטע קאָנווערטן, ווי בריוו. דאָס פלעגן שטענדיק זיין גאַנץ וואָגיקע" בריוו, אָבער זיי פלעגן אָנקומען. עס איז נויטיק געווען אונטערצוהאַלטן אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיט די צאָלרייכע מיטאַרבעטער, וואָס די „פאָלקסצייטונג" האָט געהאַט אין אויסלאַנד: ראָטשטיין אין לאָנדאָן, שאַרל ראַפּאָפּאָרט אין פאַריז, פּראָפעסאָר

פיאָנערן און בויער

קונאָוו און שטרעבל אין בערלין, א. ש. זאַקס א. א., וויניקער באַרימטע. יעדע וויכטיקע סאָציאַליסטישע בראָשור, וואָס איז צו יענער צייט אַרויס אין לאָנדאָן, פּאַריז, ציוריך, ווין, בערלין, קראָקע, בודאַפּעשט, בריסל, איז פּינקטלעך דערגאַנגען צו דער „פאָלקסצייטונג". דאָס איז, אגב, ניט געווען קיין פּשוט׳ע טעכנישע אַרבעט.

אַזאַ צושטאַנד האָט געדויערט אַזוי לאַנג, ביז די פאַרשטאַרקטע רעאַקציע, וואָס האָט אָנגעהויבן צו בושעווען אין רוסלאַנד, האָט צע־שטרייט די אילוזיעס וועגן אומגעשטערטע לעגאַלע מעגלעכקייטן און האָט אָנגעהויבן צו „ליקווידירן די ליקווידאַטאָרס" — יענע, וואָס האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט אַזעלכע אילוזיעס און געגלויבט, אַז אונטערערדישע אַרבעט געהערט צו דער פאַרגאַנגענהייט.

בונדישע טרייד־יוניאָנס

אויך אויפ׳ן באָדן פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג האָבן אַ סך פון די אָנפירערס טייער באַצאָלט פאַר זייערע אילוזיעס, אַז עס איז מעגלעך אַ פרייע לעגאַלע טעטיקייט און אַן אומגעשטערטער עקאָנאָמישער קאַמף אין די אומזיכערע באַדינגונגען, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן נאָך דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע.

אייגנטלעך, שוין נאָך אַ זייער קורצן פאַרהעלטניסמעסיק פרייען פעריאָד פון אָפּכאַפּן דעם אָטעם האָבן די לעגאַלע און האַלב־לעגאַלע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען געמוזט אויסשטיין אומצאָליקע רדיפות. אַלערליי שיקאַנעס מצד דער פּאָליציי האָבן זיי געשטערט נאָרמאַל צו פונקציאָנירן, אַרעסטן און פאַרשיקונגען פון זייערע פירערס און וואָרט־זאָגערס האָבן אין אַ סך פאַלן פשוט פּאַראַליזירט זייער גאַנצע אַרבעט. טראָץ אָט־די אַלע אומגינסטיקע אומשטענדן איז פונדעסטוועגן אַ געוויסע צאָל פאַריינען נישט אונטערגעגאַנגען. זיי זיינען באַטירלעך שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרן און אָפּט קוים זיך געהאַלטן אויף די פיס. מיט גרויס מי און איינגעשפּאַרטקייט האָבן זיי פּרובירט אויסצוהאַלטן דעם שרעקלעכן דרוק פון די פינצטערע כוחות פון דער רעאַקציע.

די בונדישע טרייד־יוניאָנס זיינען געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן אויף אַן אייגנאַרטיקן, אָריגינעלן אופן. זייערע איניציאַטאָרס, בויערס און הויפּט־דעה זאָגערס זיינען געווען פריער די פּיאָנערן פון דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, און שפּעטער, נאָכדעם ווי דער „בונד" האָט זיך געגרינדעט, די בונדיסטן. אַלע פּראָפעסיאָנעלע גויטן זיינען געווען באַדינט דורך די מיטגלידער פון אונזער פּאַרטיי. יעדער סטרייק, אַפילו דער קלענסטער, איז געווען אַ טייל פון אונזער אַרבעט. אומגעפער, ביז 1907, האָט קיין קלאָרע, דייטלעך אָנגעמערקטע, גרענעץ צווישן דער אידישער פּראָפעסיאָנעלער און דער פּאָליטישער באַוועגונג נישט עקזיסטירט. די ערשטע

פיאָנערן און בויער

איז געווען כמעט ווי אַן אינטעגראַלער טייל פון דער צווייטער און פערקערט — די צווייטע פלעגט אין אַ גרויסע מאָס ציען איר יניקה פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. אונזער פּאַרטיי איז געווען פאַרטראָטן אין די אָנפירנדיקע אינסטיטוציעס פון די יוניאָנס דורך פאַרשטייער, וועלכע האָבן געהאַט דאָס רעכט פון וועטאָ. די רייכערע יוניאָנס האָבן געמוזט אָפּגעבן אַ געוויסען פּראָצענט פון זייערע הכנסות — אָפט אַרום 25 אָדער 30 — פאַר די בונדישע אָרגאַניזאַציעס. יעדע פּאָליטישע אַרויסטרעטונג פון „בונד", יעדע פּאָליטישע אַקציע זיינע פלעגט ווערן אַקטיוו און דירעקט אונטערשטיצט דורך די עקאָנאָמיש־אָרגאַניזירטע אַרבעטער. ריין פּאָליטישע סטרייקן, פּראָקלאַמירט דורכן „בונד", פלעגן אין יענער צייט זיין אַן אָפטע דערשיינונג. די פייערונג פון דעם ערשטן מאַי דורך אַן אַלגעמיינעם אָפּשטעלן די אַרבעט איז געווען אָבליגאַטאָריש.

אויף אַזאַ אופן זיינען די דאַמאָלדיקע טרייד־יוניאָנס אונזערע געווען קאַמף־אָרגאַניזאַציעס אין פולן זינען פון וואָרט. זיי זיינען געשטאַנען אויפן באָדן פון קלאַסנקאַמף, אונטער דער אידעאישער פירערשאַפט פון „בונד", און אין פולן הסכם מיט זיינע דירעקטיוון אין פּאָליטישע פראַגן און אין פראַגן פון טאַקטיק.

זינט 1907 קומט ביסלעכוויז פאַר אַ געוויסע פאַרענדערונג אין די אויבן אָנגעצייכנטע באַציאונגען צווישן די צוויי פאָרמען פון דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג. אין זייערע ריין פּראָפעסיאָנעלע אָנגעלעגנהייטן באַקומען די טרייד־יוניאָנס אַ פולשטענדיקע אויטאָנאָמיע. דאָס וועטאָ־רעכט פון די בונדישע פאַרשטייער ווערט אָפּגעשאַפט. אויך ווערן אָפּגעשאַפט די אָפּצאָלונגען פאַר די בונדישע אָרגאַניזאַציעס.

די דאָזיקע פאַרענדערונגען טראָגן אָבער מער נישט ווי אַ פאָרמעלן כאַראַקטער. אין תוך איז פּאַקטיש אַלץ געבליבן ווי אַמאָל. נישט בלויז די השפעה פון „בונד" אויף די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, נאָר אַפילו זיין אַקטועלע אָנפירונג מיט זיי זיינען אויף אַ האָר נישט אָפּגעשוואַכט געוואָרן.

דאָס איז ריכטיק אַפילו פאַר דער ראָל פון „בונד" אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג מיט יאָרן שפּעטער, ווען די יוניאָנס זיינען

פאַרטייאישע, „אינטערנאַציאָנאַלע", און וואו די אידישע אַרבעטער האָבן געבילדעט זייערע אָפּטיילונגען, די אַזוי גערופענע קולטור־נאַציאָנאַלע סעקציעס. אויך דאָ איז די אידעאישע פאַרבינדונג צווישן דעם „בונד" און די יוניאָנס נישט איבערגעריסן געוואָרן; אויך דאָ איז דאָס געווען דער „בונד", וואָס האָט זיי באַדינט אין אַלע זייערע עקאָנאָמישע ענינים; אויך דאָ איז די גאַנצע פּאָליטישע און קולטור־רעלע אַרבעט אין די פאַריינען געלעגן אויף זיינע פּלייצעס: ער האָט איינגעאָרדענט לעקציעס, געהאָלפן אַרויסגעבן זייער פּרעסע.

דער ריינער יוניאָניזם, דער "pure and simple" יוניאָניזם, האָט קיין מאָל ניט עקזיסטירט אין דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג. די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג איז נישט געווען אַ באַוועגונג בלויז פאַר סטרייקן, פאַרן קאַמף צו געווינען בעסערע אַרבעט־באַדינגונגען. זיי זיינען געווען אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען געשטאַנען אויפ'ן שטאַנד־פּונקט פון קלאַסן־קאַמף, פון קאַמף נישט בלויז קעגן דעם אָדער יענעם אונטערנעמער און קעגן דער אָדער יענער גרופּע אונטער־נעמערס, נאָר קעגן דעם גאַנצן קלאַס קאַפּיטאַליסטן, קעגן דעם גאַנצן קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם. זייער וועגווייזער איז געווען דער „בונד". אונטער זיין איינפלוס און אונטער זיינע רויטע פענער האָבן זיי גע־קעמפט פאַר דער פּאָליטישער דעמאָקראַטיזירונג פון לאַנד און פאַר אַ נייעם געזעלשאַפטלעכן סדר, פאַרן סאָציאַליזם.

דער חורבן נאָך דער מפּלה

פּאַמעלעך ציען זיך די לאַנגע און שווערע יאָרן, גרויע און אומעטיקע. נישטאָ מער די רעוואָלוציאָנערע און אין דער זעלבער צייט יום־טוב׳דיקע טעג. מען זיצט ביי דעם צובראָכענעם וואָגן און צערונען זיינען די האָפנונגען צו זען באַלד אַ בעסער, אַ פרייערס, אַ יושר׳דיק רוסלאַנד. די רעוואָלוציאָנערע כוחות האָבן זיך אַרויסגע־וויזן נאָך צו שוואַך גובר צו זיין דעם פאַרהאַסטן שונא און פּטור צו ווערן פון דעם פּאָליטישן יאָך פון צאַריזם.

די ווילדע רעאַקציע בושעוועט. ווי אַ דיקער, ביטערער, ווערגנ־דיקער רויך דרינגט זי אַריין אין אַלע געביטן פון דעם געזעלשאַפט־לעכן לעבן און פאַר׳סמ׳ט אַלץ אויף איר וועג. אומעטום ברענגט זי חורבן. ווי אַלע מאָל אין אַזעלכע פאַלן, רעכנט זיך אָפּ דער טריאומ־פירנדיקער זיגער מיט זיינע שונאים אויף אַן אומפאַרשעמטן, אכזריות־דיקן אופן. אַרעסטן, תפיסות, פאַרשיקונגען, עקזעקוציעס, שטראָף־עקספּעדיציעס, אַלע באַוואוסטע מיטלען פון מיטלאַלטערלעכן טעראָר ווערן אָנגעווענדעט כדי צו באַפעסטיקן די יסודות פון דעם אַלטן רעזשים.

פון די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס זיינען פאַרבליבן בלויז רעשטלעך. און אויך זיי, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, ווייזן נישט אַרויס אונטער דעם שטענדיקן דרוק פון דער פּאָליציי, קיין שום באַמערקבאַרע סימנים פון לעבן. די באַלעבאַטים, ווילנדיק אויסנוצן די גינסטיקע פאַר זיי לאַגע, נעמען ביסלעכוויז צו צוריק אַלע הנחות, וועלכע זיי האָבן געמאַכט די אַרבעטער, אין די רעוואָלוציאָנערע טעג. דאָס נייע וואָפן, דער לאָקאַוט, ווערט געברויכט דורך זיי ברייט און ווייט. דער ענטפער פון די אַרבעטער איז נישט אַ שטאַרקע ענערגישע אָפענסיווע, נאָר אַ שוואַכער, אָנמעכטיקער אָפּווער.

נישטאָ מער די לעגאַלע סאָציאַליסטישע פּרעסע (די בונדישע פּרעסע איז פאַרבאָטן געוואָרן סוף 1907). ווידער האָט מען געמוזט

דזשאַן מילל

אַרונטערקריכן אונטער דער ערד און דורך דעם פאַרקלענערן די השפּעה פון אונזער פרייען וואָרט אויף די ברייטערע פאָלקס־מאַסן

צאָלרייכע שיכטן פון אידישן פאָלק, אַנטוישט און אַפּהעגטיק, טראָגן זיך מער נישט אַרום מיט מונטערע דערוואַרטונגען אויף אַ באַל־דיקע הילף אין זייער טרויעריקער לאַגע, אויף אַ בעסערן און זיכערן לעבן אין רוסלאַנד — און מען לויפט וואו נאָר די אויגן טראָגן. מען עמיגרירט קיין אַמעריקע, קיין דרום אַפריקע, אַפילו קיין אויסטראַליע, דער עיקר קיין אַמעריקע.

אויפן באָדן פון יאוש און מהומה און אין דער אומגעזונטער לופט פון פעסימיזם וואַקסן אויס שעדלעכע שטימונגען, נאַציאָנאַליזם און שאָוויניזם, איזאָלאַציע און פּאָליטישע גלייכגילטיקייט געפינען אַ צוטריט צו אַ סך אַנטוישטע, פאַרצווייפלטע און אַנטמוטיקטע. נייע רייסערייען און מחלוקות ברעכן אויס אין כמעט אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און דורך דעם ווערן די דאָזיקע פאַרטייען נאָך מער אָפּגע־שוואַכט און דעזאָרגאַניזירט.

קיין איינציקע רוסישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט זיך נישט איינגעגעבן אויסצומיידן נייע שפּאַלטונגען. אָבער אַם ערגסטן האָבן זיך די באַציונגען אַנטוויקלט אין דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישער אַרבעטער פּאַרטיי. דאָ האָט זיך דער פאַרביטערטער קאַמף צעפלאַקערט, צוליב אַ גאַנצע רייע פראַגן, ווי די באַציאונג צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פראַקציע אין דער „דומע”, די אָפּשאַצונג פון די לעגאַלע מעגלעכקייטן ביי די נייע אומגעענדערטע פּאָליטישע אומשטענדן, די ראָל און דער ווערט פון דער אומלעגאַלער אַרבעט, און נאָך עטלעכע אַנדערע טאַקטישע פראַגן. אַנשטאָט דער פריער־דיקער צעטיילונג אויף באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס איז איצט יעדער פון די ביידע טיילן פון דער „פּאַרטיי” נאָך מער צעברעקלט געוואָרן אין עטלעכע גרעסערע און קלענערע גרופּעס: די אַנהענגער פון פּלעכאַנאָוון — „די פּלעכאַנאָווצעס,” — וועלכע האָבן אונטער־שטיצט די באָלשעוויקעס אין זייער קאַמף קעגן די גרינגשעצער אָדער קעגנער פון דער אומלעגאַלער אַרבעט; די „אָטזאָוויסטן” (אָפּרופער), וועלכע האָבן געפאָדערט, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע דעפּוטאַטן זאָלן אָפּגערופן ווערן פון דער רעאַקציאָנערער „דומע”;

פיאָנערן און בויער

די טראָצקיסטן, וואָס האָבן דאָ פאַרנומען אַ מיטעלע שטעלונג צווישן די באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס, לונאַטשאַרסקיס מיסטיש־רעליגיעזע גרופּע און נאָך אַנדערע גרופּירונגען, וועגן וועלכע עס איז שווער געווען צו זאָגן וואָס זיי ווילן און וואו זיי גייען... אַפילו פאַר יענע, וואָס פלעגן פאַרקערן מיט זיי און לייענען זייערע אויסגאָבעס, איז געווען נישט גרינג זיך צו אָריענטירן אין זייערע חילוקי־דעות.

אַן ענלעכער פּראָצעס פון פונאַנדערפאַלונג איז פאָרגעקומען אויך אין דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פּ. פּ. ס.), וואָס איז ביז דאַן געווען פאַררעכנט פאַר איינע פון די שטאַרקסטע און פון די בעסט דיסציפּלינירטע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין דער צאַרישער מלוכה.

די פוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי שפּאַלט זיך

די שפּאַלטונג אין דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָט אַרויסגערופן אַן אמת׳ע סענסאַציע ביי אַ טייל און אַ באַפרידיקונג ביי אַנדערע. געפרייט זיך מיט דער שפּאַלטונג האָבן אַלע יענע, וואָס האָבן אַזוי ליידנשאַפטלעך געוואָלט זען דעם פּוילישן סאָציאַליזם אויף אַ ריכ־טיקן וועג, נישט פאַרטונקלט און פאַרקריפּלט דורך דעמאַגאָגיע און קליינבירגערלעכן נאַציאָנאַליזם. פאַר די אויפמערקזאַמע באַאָבאַכטער פון דער אינערלעכער אַנטוויקלונג פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי איז דער אויסגעבראָכענער קריזיס קיין איבעראַשונג נישט געווען. אַדרבה, זיי האָבן זיך געקענט בלויז וואונדערן פאַר וואָס ער איז נישט געקומען אַ סך פריער. שוין אַ לענגערע צייט ווי צוויי שטרעמונ־גען האָבן אָנגעהויבן זיך אויסצוקריסטאַליזירן אין די רייען פון פּ. פּ. ס. די אַזוי גערופענע „לעוויצאַ״ („לינקע״), וואָס האָט אויסגעמאַכט די מערהייט אין דער פּאַרטיי, האָט גענומען דעם סאָציאַליזם ערנסטער, בעת אירע קעגנער פון דער „רעוואָלוציאָנערער פראַקציע״, וועמענס הויפּט־פירער איז געווען פּילסודסקי, האָבן אידעאָלאָגיש פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ טענדענץ, וועלכע איז נישט געווען זייער ווייט פון די נאַציאָ־נאַליסטיש־רעאַקציאָנערע „נאַראָדאָווע דעמאָקראַטן״. נאַטירלעך, עס האָט די נ. ד. געפעלט די רעוואָלוציאָנערע פראַזע, אָן וועלכער די „פראַקציע״ האָט זיך נישט געקענט באַגיין.

פאַרן ניינטן צוזאַמענפאָר פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, דאָס הייסט, נאָך פאַר דער שפּאַלטונג, האָט אַ הייפל איינפלוס־רייכע מענטשן, וועמענס אידעאָלאָגיע האָט ווייניק געהאַט געמיינזאַמעס מיט די שטרעבונגען און מיט דער טאַקטיק פון אַ סאָציאַליסטישער אַרבעטער פּאַרטיי, פאַרנומען דעם אויבן־אָן אין דער פּ. פּ. ס. זיי האָבן פאַרשטאַנען די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פּשוט ווי אַ פּויליש־רוסישע מלחמה מיטן ציל אָפּצורייסן פּוילן פון רוסלאַנד און אויפצובויען אַן אומאָפּהענגיקע פּוילישע מלוכה, אין די גרענעצן פון די צען דאַמאָלט־

דיקע גובערניעס. דורכן עקסטרעמען נאַציאָנאַליזם האָבן זיי געזוכט אַריינצוציען אין רעוואָלוציאָנערן לאַגער צאָלרייכע שיכטן פון פּאַטרי־אָטישן קליינבירגערטום. איגנאָרירנדיק די אינטערעסן פון אַן אַרבע־טער מאַסן־באַוועגונג און די מעטאָדן פון פּראָלעטאַרישן קאַמף, האָבן זיי אָרגאַניזירט באַוואָפנטע פּאַרטיזאַנישע אָנפאַלן און געיאָגט זיך נאָך די פייערווערק עפעקטן פון טעראָריסטישע אַרויסטרעטונגען.

די פונאַנדערגרענעצונג פון די ביידע צדדים איז נישט פאָרגע־קומען מיט אַמאָל.

דער קאַמף צווישן דער „לעוויצאַ" און דער „רעוואָלוציאָנערער פראַקציע", ווי עס פּאַסירט אָפט אין ענלעכע סיטואַציעס, האָט זיך אָנגעהויבן איבער אַ קליינער, באַגרענעצטער צאָל שטרייט־פראַגן און דערביי גאַרנישט די וויכטיקסטע. אָבער אין פּראָצעס פון די רייסע־רייען איז דער דאָזיקער קאַמף אין גיכן אויסגעוואַקסן אין אַ פאַרמעס־טונג פון צוויי פאַרשידענע וועלט־אַנשויאונגען, אַט גאָר ווי דאָס איז פאָרגעקומען פריער מיט די רוסישע „עקאָנאָמיסטן" און „פּאָליטיקער" און שפּעטער מיט די באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס. אין משך פון אַ קורצער צייט האָבן ביידע שטרייטנדיקע צדדים זיך פאַרוואַנדלט פון צוויי פראַקציעס פון איין און־דערזעלביקער פּאַרטיי אין צוויי גאַנץ באַזונדערע פּאַרטייען. דער אומשטאַנד, וואָס ביידע האָבן געטראָגן אָפי־ציעל איין־און דעמזעלביקן נאָמען — פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי — און אַרויסגעגעבן דעם צענטראַל־אָרגאַן אויך מיט דעם זעלביקן נאָמען — „ראָבאָטניק" — האָט נאַטירלעך נישט געענדערט די עצם־זאַך אויף אַ האָר. אומעטום האָבן זיי געהאַט זייערע אייגענע אָרטיקע און צענטראַלע אינסטיטוציעס, אייגענע קאַמף־גרופּעס („באָיואוקעס"), אייגענע ליטעראַטור. אין גאַנג פון קאַמף האָט זיך מער און מער אַנט־פּלעקט, אַז זיי זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען אין אַלע וויכטיקע פראַגן פון פּראָגראַם און טאַקטיק. די „לעוויצאַ" איז באַשולדיקט געוואָרן פון דער „פראַקציע" אין מעסיקייט, אין אָפּאָרטוניזם, אין אָפענער און באַהאַלטענער סימפּאַטיע צו די פּוילישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, אין נאָכלויפעניש נאָך די רוסישע רעוואָלוציאָנערן, אין פאַרראַט צו דעם אַלטן פּראָגראַם פון דער פּ. פּ. ס. די „לעוויצאַ" פון איר זייט האָט אויך

נישט געשוויגן און אַרויסגערוקט אירע אייגענע אַרגומענטן און טענות. ריידנדיק, צום ביישפּיל, וועגן דעם „ראַבאָטניק" פון דער רעוואָלוציאָנערער פראַקציע" האָט זי אים גאַנץ ריכטיק כאַראַקטעריזירט ווי אַ „זייער פּוילישע", אָבער „ווייניק סאָציאַליסטישע" ציַיטונג — אַנדערש גערעדט, זי האָט באַשולדיקט די פריערדיקע פריינט און חברים אין נאַציאָנאַליזם און אויסגעדריקט ספקות אין דעם ווערט פון זייער סאָציאַליזם. עס איז כדאי דאָ צו באַמערקן, אַז דער „ראַבאָטניק" פון דער „פראַקציע" האָט זיך דאַן געפירט כמעט פּונקט אַזוי ווי ער האָט זיך געפירט דורך דער גאַנצער צייט, וואָס די פּ. פּ. ס. האָט עקזיסטירט. פּאָזיציעס, וועלכער יעדער פּרומער פּ. פּ. ס'ניק האָט אין משך פון מער ווי צוועלף יאָר געהאַלטן פאַר הייליק און וואָס מען פלעגט מיט אַזעלכע נישט פּאַסיקע און אַפילו מיאוסע מיטלען פאַרטיידיקן קעגן דעם „בונד", זיינען ערשט געוואָרן אַן אָביעקט פון שאַרפער קריטיק מצד דער „לעוויצאַ". אָבער אין דער ווירקלעכקייט זיינען די אַנהענגער פון דער „פראַקציע" נישט געוואָרן מערער פּויליש און ווייניקער סאָציאַליסטיש, געשען איז פאַרקערט: די פּוילישקייט פון דער „לעוויצאַ" איז אויף פיל גראַד געפאַלן און דער סאָציאַליזם פון אירע אַנהענגער געשטיגן.

עס זיינען אַ פּאָר מאָל געמאַכט געוואָרן פּראָבעס צו ברענגען צו אַ שלום צווישן די ביידע צדדים. אָבער נישט אידעאישע קעגנערשאַפט אליין איז געשטאַנען אין וועג פאַר אַזאַ שלום, די אָנפירער פון דער „פראַקציע" האָבן געטאָן אַלץ צו מאַכן אוממעגלעך ווידער איינצופירן איינקייט. זיי האָבן אינגאַנצן אונטערגעגראָבן דעם צוטרוי צו זיך, דעם גלויבן אין זייער פּאָליטישער אויפריכטיקייט. זיי האָבן אַריינגעכאַפּט אין זייערע הענט די „טעכניק" און די פאַרטיי־געווער, אָפט מיט געוואַלט, שרעקנדיק די אַנהענגער פון דער „לעוויצאַ" מיט אַ „קויל אין שטערן"... זייערע ציַיטונגען, אום אַריינצונאַרן די אָפּגעשטאַנענערע אַרבעטער־מאַסן, האָבן זיך געדרוקט אונטער די אַלטע פאַרטיי־נעמען. אין זייער פּאָלעמיק האָבן זיי זיך כסדר באַנוצט מיט מיטלען, וואָס פלעגן דערמאָנען די שמוציקסטע שטיק פון רעאַקציאָנערע פּאַרטייען. אין דאָמבראָווער ראַיאָן, אין וואַרשע, אין לאָדז און אין אַנדערע ערטער האָבן זיי אין קאַמף מיט דער „לעוויצאַ" אַפּילו אַפּעלירט צו די אַנטיסעמיטישע

פּיאָנערן און בויער

אינסטינקטן פון די וויניקער באַוואוסטזיניקע אַרבעטער. אפשר טייל־ווייז איז דאָס געווען דערפאַר, וואָס כמעט די גאַנצע אידישע סעקציע פון דער פּ. פּ. ס. איז צוגעשטאַנען צו דער „לעוויצאַ".

די שפּאַלטונג און דער אינערלעכער קאַמף האָבן דער פּ.פּ.ס. גע־בראַכט זייער פיל שאָדן: די רייען זיינען געוואָרן דעזאָרגאַניזירט, די אינערלעכע פּאַרטיי־מחלוקות האָבן צוגענומען די גאַנצע צייט און אַלע כוחות, עס איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן דער קאַמף קעגן אַנדערע פיינט־לעכע פּאַרטייען, אָבער דאָס ערגסטע איז געווען, וואָס די מאַטעריעלע און פּאָליטישע אינטערעסן פון די אַרבעטער־מאַסן זיינען פאַרנאַכ־לעסיקט געוואָרן.

צו קיין שלום איז שוין קיין מאָל נישט געקומען. זייערע וועגן זיינען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אַלץ מער און מער. די „לעוויצאַ" האָט זיך אידעאָלאָגיש ביסלעכווייז דערנענטערט צו די פּוילישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, אָבער זיי האָבן זיך פונדעסטוועגן נישט צוזאַמענגעגאָסן, מיטן אויסנאָם פון עטלעכע אירע פירערס, וואָס האָבן שפּעטער צוזאַמען מיט דער פּ. ס. ד. דורכגעמאַכט דעם וועג צום קאָמוניזם.

דער „בונד" בלייבט גאַנץ

יענע עטלעכע מיטגלידער פון דער „לעוויצאַ", וועלכע האָבן זיך דערנענטערט צו דער פּוילישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע (פּ. ס. ד.), זיינען אַריינגעפאַלן פון איין פייער אין אַ צווייטן.

אויך ביי דער פּ. ס. ד. איז ווייט נישט אַלץ געווען אין אָרדענונג. אויך זיי האָבן זיך באַקעמפט און געשפּאָלטן. מער ווי אומעטום איז דער קאַמף אויסגעבראָכן צווישן דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע און דער עקזעקוטיווע פון דער פּאַרטיי, וואָס בראָש פון איר איז דאַמאָלסט געשטאַנען ראָזאַ לוקסעמבורג. די וואַרשעווער האָבן באַשולדיקט די עקזעקוטיווע אין דיקטאַטאָרישע מעשים, און לוקסעמבורג—אין פּאָליטישן אָפּאָרטוניזם!... דער טרויעריקער סוף פון דעם סכסוך איז געווען, אַז די הויפּט־פּאַרוואַלטונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי האָט דערקלערט דעם וואַרשעווער קאָמיטעט אַלס אַן אינסטרומענט אין די הענט פון דער געהיימער רוסישער פּאָליציי, פון דער „אָכראַנאַ", און האָט אים אָפיציעל פונאַנדערגעלאָזן און זיך גענומען צו אָרגאַניזירן אַ פּאַראַלעלן קאָמיטעט.

דער „בונד" אַליין האָט געהאַט „גליק". ער האָט זיך געקענט ריימען, וואָס אין דעם אַלגעמיינעם כאָאָס ביי די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין רוסלאַנד און פּוילן איז ער געבליבן גאַנץ, זיך נישט צעשפּאָלטן, און האָט איינגעהאַלטן זיין אָרגאַניזאַציע. אמת, אונטער די האַרטע קלעפּ פון דער ברוטאַלער רעאַקציע און דורך דער מאַסן דעזערציע פון אַ טייל פון דער אינטעליגענץ, פון די מיטלויפער און אַפילו פון אַ סך אַרבעטער, איז ער, נאַטירלעך, שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרן און האָט פיל געליטן נישט נאָר קוואַנטיטאַטיוו, נאָר אויך קוואַליטאַטיוו. אָבער ער איז ביי געקומען דעם קריזיס, נישט אויפגעגעבן זיין אָרגאַניזאַציאָנעלן אַפּאַראַט, אויסגעגלייכט די חילוקי־דעות אין זיינע רייען, געזוכט זיך צוצופּאַסן צו די נייע באַדינגונגען און זיך באַוואָרענען

מיט אָנשפּאַר־פּונקטן, וועלכע זאָלן אָנטשפּרעכן דער ניי־געשאַפענער לאַגע. ער האָט נישט קעגנגעשטעלט די צוויי מעטאָדן אונטערער־דישע אָרגאַניזאַציע און קאָנספּיראַטיווע אַרבעט, פון איין זייט, און אַל־זייטיקע אויסנוצונג פון לעגאַלע מעגלעכקייטן פון דער אַנדערער זייט, פאַר אים איז דאָס נישט געווען אַ פראַגע פון פּרינציפּ. וואו נאָר עס פלעגט זיין אַ מעגלעכקייט צו טאָן אָרגאַניזאַציאָנעל־פּאַרטייאישע און פּאָליטישע אַרבעט אויף אַ לעגאַלן אופן, פלעגט ער זיך אָן דעם אָנ־כאַפּן, אָבער אויסאיבנדיק דערביי זיין קאָנטראָל, האָט ער נישט אויפ־געגעבן זיין קאָנספּיראַטיוו־אונטערערדישע מעטאָדן פון קאַמף און די אַלטע פאָרמען פון אָרגאַניזאַציע. זיין שטעלונג איז געווען אַ סינטעז פון ביידע פאָרמען און מעטאָדן פון פּאַרטיי־אַרבעט, אַזאַ סינטעז האָט באַפרידיקט כמעט אַלעמען און נישט איבערגעלאָזן קיין אָרט פאַר ערנסטע מחלוקות.

אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין יענע יאָרן אין „בונד" איז אַ באַ־שטעטיקונג פון אָט דער טאַקטיק.

נאָך אַ לאַנגן איבעררייס פון כמעט פיר יאָר, יאָרן פוןליידן, און זאָרג, און מאַטערניש, רופט דער „בונד" צוזאַמען די אַכטע קאָנפערענץ אין לעמבערג, אין אָקטאָבער 1910.

דאָס איז געווען אַ מאָגערע, און אָרעמע אסיפה. בלויז 25 דעלע־גאַטן, שוין אַריינגערעכנט די, וואָס האָבן געהאַט נאָר באַראַטונג־רעכט. צווישן זיי זיינען געווען עטלעכע, וואָס האָבן גענומען אָן אָנטייל אין בונדישע צוזאַמענפאָרן צום ערשטן מאָל: הענריק ערליך, ליבמאַן הערש, דוד מייער, דואַ (געשטאָרבן אין שיקאַגאָ), טשעמערינסקי, צאַלעוויטש און נאָך.

די קאָנפערענץ האָט זיך נישט פאַרנומען מיט קיין גרויסע אַב־סטראַקט־פּרינציפּיעלע און פּאָליטישע פּראָבלעמען. עטלעכע פּראַק־טישע טאָג־טעגלעכע פראַגן האָבן אויסגעפילט די טאָג־אָרדנונג. טראָץ דעם וואָס די פראַגן זיינען געווען, אויבן־אויף גענומען, פון צווייט־ראַנ־גיקער באַדייטונג, האָבן זיי אָנגערירט אין אַ גרויסער מאָס וויכטיקע אינטערעסן פון די אידישע אַרבעטער און פון די אָרעמערע שיכטן פון

דזשאָן מילל

די אידישע פאָלקס־מאַסן בכלל. דער גייסט פון רעאַליזם דרינגט אַרויס פון די דעבאַטן און פון אַלע אַנגענומענע באַשלוסן. דאָס רעכט אויף שבת־רו אַנשטאָט דעם פאַרפליכטנדיקן זונטאָג־רו — אַ זאַך, וואָס האָט געמיינט אַזוי פיל פאַר די מאַטעריעלע אינטערעסן ספּעציעל פון דעם צאָלרייכן אידישן האַנדלס־פּראָלעטאַריאַט און וואָס האָט אַנגערירט די געוויסנס־פרייהייט פון ברייטע שיכטן פון דעם אידישן פאָלק; די רעפאָרמירונג און דעמאָקראַטיזירונג פון דער הונדערטער־יאָרן אַלטער, אַרכאַאישער אינסטיטוציע, דער אידישער קהילה, אין גייסט פון די מאָדערנע נאַציאָנאַלע און קולטורעלע אינטערעסן פון די אידישע מאַסן און פון אמת׳ער סאָציאַלער הילף; דער קאַמף פאַר גלייכבאַרעכטיקונג פון דער אידישער שפּראַך אין אַלע געזעלשאַפטלעכע איינריכטונגען און פאַר אידישע מלוכה־שולן; די איניציאַטיוו צו גרינדן אַלערליי לעגאַלע קולטורעלע און בילדונגס־געזעלשאַפטן און נעמען אַן אַנטייל אין די שוין עקזיסטירנדיקע — אָט דאָס זיינען געווען די הויפּט פּונקטן פון דעם סדר־היום פון דער קאָנפערענץ.

אומגעפער אין צוויי יאָר אַרום, איז אין ווין אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ ספּעציעלע באַראַטונג פון צענטראַלן קאָמיטעט מיטן אויסלענדישן קאָמיטעט. צו יענער צייט האָבן די אידישע אַרבעטער־מאַסן ווידער אָנגעהויבן אַרויסצואווייזן צייכנס פון לעבן און קאַמפּלוסט. איז פּאַרטיק געוואָרן אַ פּלאַן ווידער צו פּרובירן אַרויסגעבן אַ וואָכנבלאַט אין וואַרשע, די „לעבנס־פּראַגן״. דער וואוין אָרט פון דער רעדאַקציע האָט געזאָלט זיין ווין, ווייל זיך באַזעצן אין וואַרשע גופא וואָלט דאַמאָלט פאַר די מיטאַרבעטער געווען אַ גרויסע ריזיקע.

וואָלט די פּראַגע געשטאַנען בלויז וועגן דעם, ווי זיך צו באַציען צו דעם פּלאַן און אויב ער ווערט אָנגענומען, ווי אים דורכצופירן אין לעבן, וואָלט דער ענין מסתמא קיינע מיינונגס־פאַרשידנקייטן נישט אַרויסגערופן. אָבער באַלד איז קלאָר געוואָרן, אַז פאַר אַ פּאָר מיטגליי־דער פון דעם צענטראַלן קאָמיטעט האָט זיך דאָ געהאַנדלט וועגן עטוואָס ערנסטערס.

אין גרונט גענומען, האָבן זיי געצילט צו רעווידירן די קעגנ־

פּיאָנערן און בויער

זייטיקע באַציאונגען צווישן די צוויי צענטראַלע קערפּערשאַפטן, איבער־צולאָזן אין רשות פון דעם אויסלענדישן קאָמיטעט בלויז טעכניש־פּראַקטישע אַרבעט און איבערצוגעבן די פּאָליטישע פירערשאַפט דער ווינער גרופּע.

דאָס האָט אייגנטלעך אויסגעקוקט ווי אַ פּרואוו צו ליקווידירן דעם אויסלענדישן קאָמיטעט און צו איבערטראָגן דעם צענטראַלן קאָמיטעט אין אויסלאַנד, אין ווין.

די שטעלונג צום פּראָיעקט פון אויסלענדישן קאָמיטעט — אין יענער צייט: מעדעם, פראַנץ קורסקי, וולאַדימיר קאָסאָווסקי, יונה קאָיגען און איך — איז געווען דורכאויס אַ נעגאַטיווע, און מיר האָבן באַשלאָסן צו דער באַראַטונג נישט צו פאָרן. מעדעם האָט שפּעטער געענדערט זיין מיינונג און אויך יונה, וועלכער האָט זיך דאַן געהיילט אין אַ קוראָרט אין די בערג, האָט געלאָזט וויסן, אַז ער איז גרייט מיט־צואַרבעטן מיטן צענטראַלן קאָמיטעט וואו ער זאָל זיך נישט געפינען.

מצד דעם צענטראַלן קאָמיטעט איז אין גיכן דערהאַלטן געוואָרן אַן אויפקלערונג, אַז די גאַנצע מעשה איז געווען אַ מיספאַרשטענדעניש. ער האָט אונז צוגעשיקט צוויי טעלעגראַמעס, אויפפאָדערנדיק אונז אַלעמען צו קומען קיין ווין. די ערשטע טעלעגראַמע האָט זיך געלייענט אַזוי:

„די אַנטשטאַנענע מיספאַרשטענדעניש פאָדערט דורכויס, אַז מיר זאָלן זיך תיכף פּערזענלעך דורכשמועסן. קומט אַלע. לאָזט וויסן דזשאַנען און ראַקאָוו׳ן“.

די צווייטע טעלעגראַמע:

„קומט גלייך. לאָזט וויסן דזשאַן“.

ראַקאָוו — דאָס איז יונה. איך האָב זיך דאַן געפונען נישט אין זשענעווע, נאָר אין מאָנטרע. טראָץ די ענערגישע עצות פון פראַנצ׳ן און וולאַדימיר׳ן בין איך מיט זיי נישט מיטגעפאָרן. אין ווין האָבן זיי געטראָפן גראָסערן, אַבראַמאָוויטשן, מעדעמען, ליבערן, ראַפּעסן, ווײַנשטיינען. איסאַי אייזענשטאַט און נח זיינען דעמאָלט נישט געקומען.

בינו לבינו האָט זיך קיין שום זאַך נישט געביטן: דער אָרט פון אויסלענדישן קאָמיטעט איז אויך ווייטער געבליבן זשענעווע, די מיט־

דזשאַן מילל

גלידער פון דער רעדאַקציע־קאָלעגיום אין ווין, זיינען פאַרבליבן אין אויסלענדישן קאָמיטעט. און דער גאַנצער פּראָיעקט איז אין גיכן דורכגעפאַלן, ווייל נאָך צוויי קאָנפיסקירטע נומערן פון די „לעבנס־פראַגן״ איז די צייטונג פאַרבאָטן געוואָרן. דערביי האָט מען אין וואַרשע אַרעסטירט דעם פאַראַנטוואָרטלעכן רעדאַקטאָר, דעם פאַרוואַלטער פון דער אַדמיניסטראַציע און נאָך אייניקע, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו דער אונטערנעמונג. מען האָט פאַרפירט קעגן זיי אַ פּראָצעס, וואָס האָט זיך געענדיקט גאַנץ טראַגיש: מען האָט זיי פאַר׳משפּט אויף קאַטאָרגע און סיביר. דעם זעלבן גורל האָט געטראָפן מעדעמען באַלד נאָכדעם, ווי ער האָט זיך צוריקגעקערט קיין רוסלאַנד (1913).

ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה

די פּאָר יאָר פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, זיינען געווען יאָרן פון ווידעראויפלעבונג פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. די שוואַרצע, געדיכטע וואָלקנס פון האָפנונגלאָזיקייט, וואָס האָבן אַזוי שווידערלעך געדריקט דעם געמיט פון די מאַסן, נעמען זיך אויסלייטערן. דער גלויבן אין זיך, אין די אייגענע כוחות און די איבערצייגונג, אַז דער זיג מוז קומען, קערן זיך אום צוריק. די אַרבעטער גייען אַריבער פון דעפענסיווע צו אָפענסיווע. פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס, לעגאַלע ווי אומלעגאַלע און האַלב־לעגאַלע, ווערן געגרינדעט אָדער פאַרשטאַרקט. עס ברעכן אויס צאָלרייכע סטרייקן. דער סוף פון דעם שווערן אינדוסטריעלן קריזיס באַפעסטיקט אויסערגעוויינלעך די פּאָזיציעס פון די קעמפנדיקע אַרבעטער־מאַסן.

אויפן פּאָליטישן געביט פאַרלויפן זיך אין יענער צייט גרויסע פּאָליטישע מאַסן־אַרויסטרעטונגען. אין צוזאַמענהאַנג מיט די בלוטיקע געשעענישן ביים טייך לענאַ, אין סיביר (1912), וואו אַרום פינף הונדערט סטרייקנדיקע און דעמאָנסטרירנדיקע גאָלדגרובן אַרבעטער זיינען געוואָרן אומ׳רחמנות׳דיק אויסגעשאָסן אָדער פאַרוואונדעט דורך די צאַרישע רוצחים, ווערן דורכגעפירט פּראָטעסט־סטרייקן אין זייער אַ גרויסער צאָל שטעט. נאָך מער אימפּאָזאַנט איז דורכגעגאַנגען ביי די אידישע אַרבעטער דער איינטאָגיקער סטרייק אין אומגעפער צוואַנציק שטעט קעגן דער רעגירונג צוליב דעם עלילות־דם בלבול קעגן אידן און פאַר משפט׳ן בייליסן פאַר אַ פאַנאַטישן ריטועלן מאָרד. די מעשה „ביילים” האָט דאַן פאַרקלונגען איבער דער גאַנצער וועלט און האָט נאָך מער אויפגעדעקט דעם אַזוי אויך מיאוסן און פאַרהאַסטן פּנים פון דער רוסישער זעלבסטהערשונג. ליידער זיינען די אידישע אַרבעטער אין רוסלאַנד געבליבן כמעט אַליין אין אָט־דעם אויסדרוק פון פּראָטעסט. זיי זיינען געווען אונטערגעשטיצט בלויז פון אַ קליינער צאָל אַרבעטער אין פּעטערבורג און אויך פון אַ הייפל פּוילישע אַרבעטער.

דזשאָן מיל

דער בונד״ ווערט פון דאָסניי אַ מאַסן־אָרגאַניזאַציע אין פּוילן זינען פון וואָרט. עס ריגגלען אים ווידער אַרום סימפּאַטיעס פון פאַר־שידענע שיכטן פון אידישן פאָלק, מען הערט זיך צו צו זיין וואָרט, מען פאָלגט נאָך זיין פירערשאַפט.

זיין פּרעסע האָט אַ קאָלאָסאַלן דערפאָלג. דער צענטראַלער אָרגאַן „די צייט״ און דאַן „אונזער צייט,״ וואָס האָט זיך געדרוקט אין פּעטער־בורג, פריער איין מאָל אַ וואָך, שפּעטער צוויי מאָל, האָט זיך געהאַלטן אַנדערטהאַלבן יאָר — ביז אַפּריל 1914. די אָנפירונג פון דער צייטונג איז געלעגן אין די הענט פון הענריק ערליך, דוד זאַסלאַווסקי, באָריס פרומקין, א געוויסע צייט אויך פון ליבמאַן־הערש.

ערליך און אויך בייניש מיכאַלעוויטש זיינען אין 1912 קאָאָפּטירט געוואָרן אין צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד״.

די וואַל־קאַמפּאַניע צו דער פערטער דומע, און דאָס דערוויילן דעם סאָציאַליסט יאַגעלאָ אין וואַרשע אַלס אַ רעפּרעזענטאַנט פון דער פּ. פּ. ס. „לעוויצאַ״ און פון „בונד״ האָט אויך אַ סך בייגעטראָגן, אַז דער פּרעסטיזש פון „בונד״ זאָל אומגעהייער וואַקסן. דער בלאָק צווישן די ביידע פּאַרטייען צו וועלכן די פּ. ס. ד. האָט זיך אָנטזאָגט צוצושטיין, איז באַשלאָסן געוואָרן נאָך אויף דער ניינטער קאָנפערענץ פון „בונד״.

אין דער צווישן צייט האָט דער „בונד״ גענומען אויסשטיין נייע רדיפות. די נייע קלעפּ מצד דער רעגירונג האָבן דערמאָנט די אַלטע זובאַטאָוו־צייטן, ווען די פאַרניכטונג, די אויסראָטונג פון „בונד״ איז געווען דער ציל פון דער רוסישער „אָכראַנע״. עס זיינען אַרעסטירט געוואָרן (אין סעפּטעמבער 1912) : אייזענשטאַט, אסתר פרומקין, ראַפּעס א. א. אין אָדעס, זומער 1913 — מעדעם אין קאָוונע ; מאַרק ליבער איז פאַרשיקט געוואָרן אין וואָלאָגדער גובערניע ; אַננאַ ראָזענטאַל און יעקב פּעסקין זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן אויף דריי יאָר קיין אויסלאַנד. עס זיינען געווען נאָך צאָלרייכע אַנדערע קרבנות.

יאַגעלאָס נצחון, וואָס ער האָט אָפּגעהאַלטן קעגן אַן אַנטיסעמיט און שוואַרץ־מאה'ניק, האָט אַריינגעבראַכט אין אַן אמת'ן שגעון אַלע נאַציאָנאַליסטישע און רעאַקציאָנערע עלעמענטן פון פּוילישן פאָלק. פאַר קיינע מיטלען האָבן זיי זיך נישט אָפּגעשטעלט צו שעדיקן די אידן

פּיאָנערן און בויער

און צו פּראָוואָצירן שנאה און האָס קעגן זיי. און באַלד האָט מען זיך געמוזט רעכענען מיט אַן אַנטי־אידישן באָיקאָט, מיט אַ נייעם מין אַנטי־סעמיטיזם — „פּראָגרעסיוון", מיטן אַרויסשטופּן אידישע אַרבעטער פון זייערע אַרבעט־פּלעצער, מיטן נישט צולאָזן זיי אין יענע צווייגן פון דער אינדוסטריע, וואו מען האָט געברויכט מעכאַנישע קראַפט, מאַשינעס. דער לאָזונג „פּוילן פאַר פּאָליאַקן!" איז געוואָרן דער העצ־געשריי פון אַלע אַנטיסעמיטן.

אַנטיסעמיטיזם אין פּוילן. — דער רוסישער „אַסעמיטיזם"

ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט דער אַנטיסעמיטיזם אין פּוילן אָנגענומען זייער פאַרשאַרפטע פאָרמען. אָבער עס איז שוין דעמאָלט אין דערווירקלעכקייט געווען גאָר ניט קיין נייע אָדער אומ־דערוואַרטעטע דערשיינונג. דער אַנטיסעמיטיזם אין פּוילן פאַרמאָגט אַ גאַנץ היפּשע געשיכטע. אַפילו די בעסטיאַלישע פּאָגראָמען פון מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אין פּוילן, וואָס זייער העכסטער אויסדרוק איז געווען דער פּאָגראָם אין קיעלץ, אין 1946, זיינען ניט קיין דערשיינונג וואָס איז אויפגעקומען בלויז אין די לעצטע יאָרן. מיט צענדליקער יאָרן פריער זיינען שוין געווען פּאָגראָמען אין פּוילן, אמת, אין פאַרהעלטניס־מעסיק גאַנץ קליינעם מאַסשטאַב. מען קען באַווייזן, אַז אין דער פיל־הונדערטיאָריקער געשיכטע פון אידן אין פּוילן זיינען געווען צאָל־רייכע בלעטלעך פון אונטערדריקונג און פאַרפאָלגונגען. פּוילישע היס־טאָריקער האָבן ליב צו באַזינגען דעם גן־עדן התחתון, וואָס פּוילן האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט פאַר אידן: אין דער צייט, ווען אין דער גאַנצער וועלט האָבן אידן ניט געהאַט וואו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן, זאָל דאָס פּוילישע פאָלק, לויט אָט דער ווערסיע, צו זיי האָבן אַרויסגעוויזן טאָ־לעראַנץ, גאַסטפריינטלעכקייט און גוטהאַרציקייט. אָט די ווערסיע איז פול מיט איבערטרייבונגען. דער געשיכטלעכער אמת איז, אַז פון פו־לער טאָלעראַנץ האָבן די אידן אין פּוילן קיינמאָל ניט גענאָסן. עס איז געווען באַגרענעצט פאַר אידן דאָס רעכט צו באַזעצן זיך אין אַ סך ערטער. עס איז זיי געווען פאַרבאָטן צו וואוינען אין די אַזוי־גערופענע „גייסטלעכע" שטעט, ד. ה. אין יענע שטעט, וואו די קאַטוילישע קירך האָט געהאַט די גאַנצע דעה. אויך ניט אין די „קעניגלעכע" שטעט, וועלכע, ווי וואַרשע צום ביישפּיל, האָבן געהאַט פון די פירסטן און קעניגן ספּעציעלע „פּריווילעגיעס", מיט אַ רעכט אַוועקצושטעלן זייערע

פּיאָנערן און בויער

אידן אין באַזונדערע אויסנאַמס־באַדינגונגען. דער פּוילישער מיטל־קלאַס, די „מיעשטשאַנסטוואָ", שיצנדיק זיך קעגן קאָנקורענץ, האָט ניט צוגעלאָזן די אידן צו אַ סך ספערן פון עקאָנאָמישער טעטיקייט. אידן האָבן געמעגט זיין באַשעפטיקט בלויז אין געוויסע צווייגן פון האַנדל און האַנטווערקעריי. אומאָפּהענגיק פון אָט־די באַגרענעצונגען האָבן פאַרשידענע סטאַטוטן און קאָנסטיטוציעס פאַרבאָטן די אידן צו אַרענדירן אומבאַוועגלעכע גיטער און נאַציאָנאַלע איינקונפטן, ווי למשל גרענעץ־אָפּצאָלונגען. קריסטלעכע אַרבעטער און דינסטן האָבן זיי ניט געטאָרט דינגען. אַן אויסנאַם זיינען געווען אַרבעטער פאַר ברויערייען און פּורמאַנעס, ווייל אין די אינטערעסן פון די אייגנטימער פון די ברויערייען — די פּריצים — איז געווען, אַז די ברויערייען זאָלן פונקציאָנירן וואָס אַמבעסטן: די אידן זיינען דאָך געווען מער ניט ווי זייערע אַרענדאַטאָרס. דריקנד פאַר אידן איז געווען דאָס שטייער־סיסטעם. אַחוץ אַלגעמיינע אָפּצאָלונגען האָבן זיי געמוזט נאָך צאָלן אַ ספּעציעלן שטייער, אַ קאָפּ־שטייער. זייענדיק דער עיקר אַ שטאָטישע באַפעלקערונג, האָבן זיי פונדעסטוועגן קיין איינפלוס אויף דער פירונג פון דער שטאָטישער ווירטשאַפט ניט געקענט האָבן, ווייל נישט צו די מאַגיסטראַטן און נישט צו די צעכן זיינען זיי ניט געווען צוגעלאָזן. אפילו אויסערלעך האָט מען אין פאַרשידענע צייטן אַרויפגעלייגט אויף די אידן אַ שטעמפּל פון אָפּגעזונדערטקייט. אַ סטאַטוס פון זיגמונד דעם ערשטן באַפעלט זיי צו טראָגן געלע היטלען. שפּעטער איז צוגעקומען אַ ספּעציעלער באַנד און נאָך אַנדערע פאַראָרדענונגען פון דעם זעלבן כאַראַקטער און מיטן זעלבן ציל.

אָט־די און ענלעכע אויסנאַם־געזעצן און שיקאַנירונגען פלעגן זיך אָפּט ענדערן, פלעגן אָנגעווענדעט ווערן, אַמאָל דאָ, אַמאָל דאָרטן, אָבער ווי אַ ווייסער פאָדעם ציען זיי זיך דורך דער געשיכטע פון די פּוילישע אידן.

באַזונדערס שטאָלצירן די „ליבעראַל"־פּאַטריאָטישע פּאָליאַקן מיט דער קאָנסטיטוציע פון דריטן מאַי פון יאָר 1791. אָבער אויך זי האָט ניט פּראָקלאַמירט די פולשטענדיקע בירגערלעכע און פּאָליטישע גלייכבאַרעכטיקונג פון אידן. דאָס איז געווען אַן אמת־שליאַכטישע קאָנסטיטוציע, וואָס האָט ניט באַפרייט אַפילו די פּויערים פון פּאַנשטשיזנע און

דזשאַן מילל

מען האָט פון איר אַפילו ניט געקענט דערוואַרטן אַ יושר׳דיקע באַפרי־דיקונג פון די אידישע אינטערעסן . . .

נישט אידנפריינטשאַפט, נישט ליבעראַליזם האָבן דיקטירט די פּאָ־ליאַקן צו דערלויבן די פון אַנדערשוואו געטריבענע אידישע וואַנדערער צו באַזעצן זיך אין זייער לאַנד. אַריינלאָזנדיק די אידן, האָבן די פּוי־לישע קעניגן און דער פּוילישער הערשנדיקער קלאַס, די פּריצים, גע־האַט אין זינען נישט אַלטרואיזם, נאָר טאַקע גאַנץ פּשוט׳ע מאַטעריעלע אינטערעסן. די געלט־ווירטשאַפט אין איראָפּע אין אויך טיילווייז אין פּוילן, האָט זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען, די נאַטוראַל־ווירטשאַפט האָט אויפגעהערט צו באַפרידיקן די אַלץ־וואַקסנדיקע באַדערפעניש פון דער פּוילישער אַריסטאָקראַטיע מיט די קעניגן און הויף־לייט בראָש. און די אידן זיינען דעמאָלט געווען נוציק פאַר זייערע אינטערעסן. די אידן אַליין האָבן געדינט פאַר אַ גוטן קוואַל אויף צו שעפּן געלט, דערצו נאָך האָבן די הערשער פון פּוילן, אַוועקשטעלנדיק די אידן אין אַ לאַגע פון עקאָנאָמישע פאַרמיטלער צווישן זיך און די גרויסע פּויערים־מאַסן, פאַרוואַנדלט זיי אין אַן אינסטרומענט פון עקספּלואַטאַציע און אויספּרעסונג. די ראָל, וואָס די אידן האָבן געשפּילט אַלס פּראָצענט־ניקעס און הענדלער, אַלס דירעקטע און אומדירעקטע עקספּלואַטאַטאָרן פון פּויערטום אין די דערפער און פון קאָנקורענטן פון דער „מיעש־טשאַנסטוואָ” אין די שטעט, האָט באַשאַפן אַ פּרוכטבאַרן באָדן פאַרן האַס צו זיי מצד די דאָזיקע עלעמענטן. די קינסטלעכע אָפּגעזונדערט־קייט פון די אידן האָט נאָך דעם האַס פאַרגרעסערט. דער פּויערים־אַנטיסעמיטיזם און דער מיעשטשאַנסקער אַנטיסעמיטיזם האָבן זיך טיף איינגעוואָרצלט. שפּעטער איז נאָך צוגעקומען דער אַנטיסעמיטיזם פון דער קליינער שליאַכטע, פון די פאַראָרעמטע פּריצים. און דער רעזול־טאַט: אַ גאַנצע רייע אַנטי־אידישע אַרויסטרעטונגען אין אַלטן פּוילן, ווי אין פּויזן, קראָקע, קאַליש, פּיאָטראָקאָוו, לובלין.

דער גרויסער קריזיס אין פּאָליטישן לעבן פון דער פּוילישער מלוכה, איר צעפאַלונג, דער פולשטענדיקער פאַרלוסט פון איר זעלבסט־שטענדיקייט, האָבן געבראַכט אַ געוויסע פאַרענדערונג אָדער בעסער — אַ וואונטש פון פאַרענדערונג — אין די פּויליש־אידישע באַציאונגען. ווען פּוילן איז אַריינגעטראָטן אין אַ לאַנגן פּעריאָד פון אויפשטאַנדן

פיאָנערן און בויער

און פון נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערע קאַמפן, ווען פאַרן דערפאָלג פון די קאַמפּען איז געווען נויטיק צו געווינען די סימפּאַטיעס און אונטער־שטיצונג פון אַלע עלעמענטן, וואָס האָבן געוואוינט אין לאַנד, זיינען געמאַכט געוואָרן פּרוואון צו דערנענטערן די אידן צו דעם פּוילישן פאָלק, צו זיין קולטור, צו זיינע פּאָליטיש־נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס. די פאָרטשריטלעכע עלעמענטן צווישן די אידן, אויספּרובירנדיק שוין דעם טעם פון דער רוסישער צאַרישער הערשאַפט אין ליטע און פּוילן, זיי־נען אויך געווען גענויגט צו אַ דערנענטערונג מיטן פּוילישן פאָלק. אין כמילאָווסקי׳ס בוך „סטאַסונקי נאַ ליטווי׳ע״ קען מען געפינען פיל איינ־טערעסאַנטעס וועגן די דאָזיקע פּרוואון פון דערנענטערונג. אָבער אַרויס־געקומען פון דעם איז זייער ווייניק. די רעזולטאַטן פון אַ פיל־הונדערט־יאָריקער פּאָליטיק האָבן זיך ניט געלאָזט אומבייטן אַזוי גרינג . . .

דער ערב־מלחמה׳דיקער אַנטיסעמיטיזם אין פּוילן האָט זיך אונ־טערשיידט אין פיל פּרטים ניט נאָר פון אַלטן אַנטיסעמיטיזם אין פּוילן, נאָר אויך פון אַנטיסעמיטיזם אין אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער. אין עסטרייך צום ביישפּיל, אין דעם קלאַסישן לאַנד פון אַנטיסעמיטיזם האָט דער אַנטיסעמיטיזם געוואָרצלט אין דער שטרעבונג פון דעם קריסטלעכן קליין־קאַפּיטאַל צו דעראָבערן נייע פּאָזיציעס און די גאַנ־צע אַנטיסעמיטישע באַוועגונג איז געווען אַ קליינבירגערלעכע באַוועגונג. אין רוסלאַנד אין די לעצטע עטלעכע יאָר פאַר דער מלחמה איז שוין אויפגעקומען אַן אַנדער פאָרמע פון אַנטיסעמיטיזם — אַ קולטור־רעלער אַנטיסעמיטיזם פון פּאָליטיש־ליבעראַלע און פרייהייט־ליבנדיקע אינטעליגענטן. געוויס, דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער עלעמענט איז דאָ ניט ווייניקער שטאַרק. אָבער זיינע אָנהענגער האָבן דאָס ניט געוואָלט אָנערקענען. זיי האָבן געלייקנט, אַז דאָס איז איבערהויפּט געווען אַנטי־סעמיטיזם און האָבן אים גערופן „אַסעמיטיזם״. זיי האָבן זיך ענער־גיש אָפּגעגרענעצט פון דעם רעגירונגס־אַנטיסעמיטיזם, וועלכער, ווי באַוואוסט, איז מוראדיק געוואָקסן צוזאַמען מיטן וואוקס פון דער ראַדיקאַלער און סאָציאַליסטישער באַוועגונג צווישן די אידישע אַר־בעטער־מאַסן און צווישן דער אידישער אינטעליגענץ. ליבעראַלע און ראַדיקאַלע שרייבער, זשורנאַליסטן, סטודענטן האָבן פּראָקלאַמירט דעם „קולטורעלן״ אַנטיסעמיטיזם און אַזעלכע מענטשן, ווי דער סאָציאַל־

פּאָליטיקער סטרואווע, די באַוואוסטע שרייבער טשיריקאָוו און אַנדערע האָבן מיט אים איינגעשטימט. די רוסישע ליטעראַטור, די רוסישע זשורנאַליסטיק, דער גאַנצער גייסטיקער לעבן פון רוסלאַנד, — האָבן זיי געֿטענה'ט, — איז כלומרשט שטאַרק באַאיינפלוסט פון דער אידי־שער אינטעליגענץ. דאָס איז ניט נאָרמאַל. דאָס איז שעדלעך פון שטאַנדפּונקט פון די קולטורעלע און נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון רו־סישן פאָלק. די אידישע אינטעליגענץ האָט אַריינגעטראָגן אין דעם גייסטיקן לעבן פון רוסישן פאָלק אירע אידעאַלן און שטרעבונגען, איר גייסט און נשמה. קעגן אַזאַ השפּעה איז נויטיק אָוועקצושטעלן אַ באַ־ריערע. זאָל זיך דאָס רוסישע גייסטיקע און קולטורעלע לעבן אַנט־וויקלען אין די באַדינגונגען, וואָס די רוסישע געשיכטע האָט באַ־שאַפן, מיט אידעאַלן, וואָס זיינען אַ פּראָדוקט פון דער רוסישער לאַנג־יאָריקער געשיכטע און נישט וועלכע זיינען אַריינגעבראַכט געוואָרן פון גייסטיק און פּסיכאָלאָגיש פרעמדע עלעמענטן . . .

פּוילן האָט ניט געהאַט די דאָזיקע פאָרם פון אַנטיסעמיטיזם. אין דער פּוילישער ליטעראַטור און זשורנאַליסטיק האָבן די אידן פאַרנומען זייער אַן אומבאַדייטנדיקן אָרט. די פּוילישע פּרעסע און ליטעראַטור איז געווען „אידן־ריין" אָדער כמעט „אידן־ריין". עס איז ניט געווען קיין גרונט מורא צו האָבן פאַר דער אידישער קאָנקורענץ, פאַר דער אידישער השפּעה. פאַר וועמען איז געווען מורא צו האָבן? פאַר דעם זיס־וואַ־סערדיקן סאָציאַל־עקאָנאָמיסט און זשורנאַליסט קעמפּנער? פאַר דעם רעדאַקטאָר פון דעם זשורנאַל „קריטיקאַ" — פעלדמאַן? פאַר אַ פּאָר פּראָפעסאָרן, ווי דיקשטיין און אַשקענאַזי? אָדער פאַר אַ פּאָר אַנדערע שרייבער ניט געענוג באַקאַנטע און אַן וועלכטן נישט איז קענטיקן איינ־פלוס? אַ חוץ דעם זיינען זיי נאָך אַלע געווען אַסימילירט ביזן מאַרך פון זייערעביינער, מער פּאָליאַקן ווי די פּאָליאַקן אַליין, מענטשן, וואָס האָבן ניט געקענט דאָס אידיש לעבן און האָבן עס ניט געוואָלט קענען. עס וואָלט געווען לעכערלעך פאַר די פּוילישע אַנטיסעמיטן צו נעמען זיי ערנסט. זיי זיינען געווען אַ „קאַנטיטע נעגליזשאַבל", אַ זאַך, מיט וועלכער מען רעכנט זיך ניט.

אָבער דערפאַר האָט דער סאָציאַל־פּאָליטישער און עקאָנאָמישער אַנטיסעמיטיזם אין פּוילן דערגרייכט די העכסטע מדרגה. דאָס איז

פיאָנערן און בויער

ניט געווען אַ באַוועגונג פון איין טייל פון דער באַפעלקערונג. דאָס איז געווען כמעט אַן אמת'ע נאַציאָנאַלע באַוועגונג. זי האָט אַרומגעכאַפּט אַלע שיכטן פון פאָלק, אַלע קלאַסן, אַלע פּראָפעסיעס. זי איז געווען אַ לאָגישער רעזולטאַט פון פּאָליטישן און עקאָנאָמישן צושטאַנד, אין וועלכן פּוילן האָט זיך געפונען נאָך דעם נישט־איינגעגעבענעם אויפ־שטאַנד פון 1863. דער רוף זיך צו נעמען פאַר „אָרגאַנישע אַרבעט" און צו פאַרגעסן וועגן די חלומות פון די פאַטערס האָט געפונען אַ גינסטיקן אָפּקלאַנג. די פאַרשוילדעטע און רואינירטע שליאַכטאַ, די מיעשטשאַ־נעס, די ערשטע שפּראָצן פון דער פּוילישער בורזשואַזיע, האָבן אָנגע־הויבן אַ מלחמה פאַרן לעבן. די פּאָליטישע באַגרענעצונגען מצד דער רוסישער רעגירונג, די אַנטי־פּוילישע אויסנאַמסגעזעצן האָבן פאַר־שפּאַרט פאַר די פּאָליאַקן דעם וועג צו רעגירונגס־שטעלן, האָבן פאַר־קלענערט דעם קרייז, וואו זיי וואָלטן געקענט אָנווענדן זייער אַרבעטס־קראַפט, זייערע פעאיקייטן און קענטענישן און דורך דעם פאַרערגערט די לאַגע. זיי האָבן זיך אַ וואַרף געטאָן אויף האַנדל, אינדוסטריע, פרייע פּראָפעסיעס, אין באַנק־וועזן, אָבער עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אידן האָבן שוין דאָ זיך געהאַט שטאַרק פאַרוואָרצלט. אויף אָט־דעם באָדן איז אויסגעוואַקסן דער ווילדעסטער אַנטיסעמיטיזם. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מען האָט ניט געוואָלט ניט נאָר קויפן ביי אידן, נאָר אַפילו זיי ניט צו פאַרקויפן. דער באָיקאָט איז געווען אַ פולשטענדיקער. מאַכן דאָס לעבן פון די פּוילישע אידן אַ גהינום, אין גאַנצן פּטור צו ווערן פון זיי — דאָס איז געוואָרן דער ציל.

אַפילו דער אַרבעטער־קלאַס איז געווען פאַר'סמ'ט פון אַנטיסע־מיטיזם. אין ביאַליסטאָק, לאָדזש און אין אַנדערע ערטער זיינען פאַר־געקומען קאָנפליקטן צווישן אידישע און פּוילישע אַרבעטער. די שטאַר־קע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע „נאַראָדאָווי זוויאָנזעק ראָבאָטניטשי" איז געווען ניט בלויז אידן־פיינטלעך, נאָר אויך פּאָגראָמיסטיש.

און וואָס האָבן דעמאָלט געהאַט צו זאָגן די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען? ווי האָבן זיי רעאַגירט?

די פוילישע סאָציאַליסטן אויף אַ פאַלשן וועג

אין יענע יאָרן, ווי שוין געזאָגט, האָט דער אַנטיסעמיטיזם אין פוילן אַרומגעכאַפּט נישט נאָר די פּויערים און די פּריצים, די קליינבירגער און די גרויס־בורזשואַזיע, די סטודענטנשאַפט און די אינטעליגענץ בכלל, נאָר, צו באַדויערן, אויך די אַרבעטער. אַז פּוילישע אַרבעטער האָבן אַרויסגעוויזן אַז אָפן האַרץ און אָפענע אויערן פאַר דער אַנטי־אידישער פּראָפּאַגאַנדע און העצע איז אַ פאַקט, וועלכן קיינער לייקנט נישט. אויב מען וויל, קען מען זאָגן, אַז דעם אַרבעטער־קלאַס, אַלס אַזעלכן, איז יעדער נאַציאָנאַלער האַס און יעדער ראַסן־האַס פרעמד, און אויב פון צייט צו צייט ברעכט אויס אין זיינע רייען אַ פיינטשאַפט צו אַנדערע נאַציעס און ראַסן, — אין אונזער פאַל צו אידן, — איז דאָס צו פאַרדאַנקען דער אַנטיסעמיטישער העצע פון פאַרשידענע פיינטערע כוחות, פון קלעריקאַלן, פון רעאַקציאָנערע דעמאַגאָגן, פון אידנפיינטלעכע רעגירונגען, פון פאַלשע פריינט זיינע, וואָס ווילן כלומרשט נישט צולאָזן, אַז ער זאָל זיין עקספּלואַטירט פון „פרעמדע". אָבער כדי אַ העצע זאָל האָבן דערפאָלג, מוז זי געפינען אַ גינסטיקן באָדן, און אַזאַ באָדן אין פוילן איז דאָמאָלט געשאַפן געוואָרן דורך די סאָציאַל־עקאָנאָמישע באַדינגונגען פון דעם אידיש־פּוילישן צוזאַמענלעבן.

די גרויסע מערהייט פון אידישן פאָלק אין פוילן האָט געוואוינט אין די שטעט. אַ גרויסער טייל פון די אידישע שטאָטישע איינוואוינער זיינען געווען פאַרמיטלער, הענדלער, קליינע סוחרים. אַ פּוילישער האַנדלס־מיטלקלאַס האָט אַ לאַנגע צייט לחלוטין נישט עקזיסטירט. אין די פּראָווינציעלע שטעט און שטעטלעך פלעגן די קריסטן אין שבת און אין די אידישע ימים־טובים גאָרנישט קענען קויפן, ווייל אַלע געשעפטן, זייענדיק אין אידישע הענט, פלעגן זיין צוגעמאַכט. די פּוילישע פאָלקס־מאַסע, די אָרעמע פּויערים, די אַרבעטער האָבן געמוזט אָנקומען צום אידן צו קויפן ביי אים יעדע קלייניקייט. די דאָזיקע שיכטן פון פּוילישן פאָלק האָבן געהאַלטן, אַז זיי האָבן קעגן זיך אַ „פרעמדן"

עלעמענט, וואָס איז אים פרעמד נישט נאָר אין זיין רעליגיע, שפּראַך, קולטור, זיטן און געוואוינהייטן, נאָר וואָס איז נאָך געווען אַחוץ דעם זייער „בלוטזויגער" — אַן אַנטאַגאָניזם פון דעם קאָנסומענט און פון דעם אָנבאָטער, פון דעם קויפער און פאַרקויפער. אַ מאַסן־מענטש פילאָזאָפירט נישט וועגן דעם, אַז פאַרמיטלעריי און האַנדל זיינען נויטיקע פונקציעס אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט און וועלן פאַרשווינדן צוזאַמען מיטן קאַפּיטאַליזם, אָדער אויב נישט אידן, וואָלטן זייער אָרט פאַרנומען קריסטן, וועלכע וואָלטן אַלס פאַרמיטלער געווען נישט בעסער ווי די אידן. די אַלץ שטייגענדע פּרייזן אויף די נויטיקסטע אַרטיקלען פון טאָג־טעגלעכן געברויך און דערהויפּט דאָס וואַקסן פון פּרייזן אויף נאַרונגס־מיטלען האָבן פּשוט געבראַכט צו דעם, אַז באַדייטנדיקע טיילן פון די פּוילישע אַרבעטנדיקע מאַסן זיינען געוואָרן דם־שונאים פון אָט־דעם „פּאַראַזיטישן" עלעמענט.

די אַנטיסעמיטישע העצערס און די וואָרטזאָגערס פון דעם פּוילישן יונגען און שוואַכן מיטל־קלאַס האָבן אויסגענוצט אָט־די געפילן פון דער פּוילישער באַפעלקערונג און זיך גענומען כאַפּן פיש אין מוטנע וואַסער. פאַר דער אַנטי־אידישער באַיקאָט־באַוועגונג איז דאָס געווען ווי געפונען. עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן פויערים און אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוון וואָס איינער פון זייערע צילן איז געווען צו רואינירן דעם אידישן האַנדל און אונטערצוגראָבן דעם פונדאַמענט פון עקזיסטענץ פון דעם גרעסטן טייל פון דער אידישער באַפעלקערונג. קאָאָפּעראַטיוון — אין אַלגעמיין אַ פּראָגרעסיווע באַוועגונג — זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אינסטרומענט פון אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע און אָנגריף.

אָבער נישט בלויז דער איד אַלס אַ הענדלער, נאָר אויך אָפט דער איד אַלס אַן אַרבעטער האָט אַרויסגערופן פיינטשאַפט ביי זיינע פּוילישע חברים. מחמת פאַרשידענע סיבות האָבן זיך אין פּוילן אַנטוויקלט אינדוסטריעס, וואו נאָר קריסטלעכע אַרבעטער זיינען געווען באַשעפטיקט. דער עיקר זיינען דאָס געווען אינדוסטריעס, וואו מען האָט געברויכט מעכאַנישע קראַפט. די פּוילישע אַרבעטער אין יענע אינדוסטריעס האָבן געקוקט אויף זיך, ווי אויף די אמת'ע באַלעבאַטים און זיך געפילט אין אַ מין פּריווילעגירטער לאַגע: נאָר זיי האָבן דאָס רעכט צו אַר־

דזשאַן מילל

בעטן אין די דאָזיקע אינדוסטריעס, נישט אידן. אָבער אידישע אַרבעטער האָבן פאַרט אָנגעהויבן אַריינצודרינגען אין אַ סך פון אָט־די צווייגן פון אינדוסטריע, ווי למשל אין מעכאַנישע וועבערייען און מעכאַנישע שוך־פאַבריקן. דאָס האָט געבראַכט צו קאָנפליקטן צווישן פוילישע און אידי־שע אַרבעטער. צו די קאָנפליקטן האָט געשטויסן די מורא פון די פוי־לישע אַרבעטער פאַר דער קאָנקורענץ פון די אידישע אַרבעטער. די ראַסן־שלעגערייען און אומרועןן אין אַמעריקע זיינען דאָך אויך נישט בלויז אַ זאַך פון „מאַב", פון לומפּן־פּראָלעטאַריאַט, פון כוליגאַניזם אויפן באָדן פון ראַסן־פיינטשאַפט; אין זיי ווערן אויך אַריינגעצויגן אַרבעטער אויפן באָדן פון קאָנקורענץ. דער אַנטיסעמיטיזם צווישן די פוילישע און אידישע אַרבעטער איז אויך געווען אַ רעזולטאַט פון וויר־קלעכער אָדער אויסגעטראַכטער קאָנקורענץ: „אויסגעטראַכטער" — ווייל דער אידישער פּראָלעטאַריער אין פוילן איז געווען גענוג קלאַסנ־באַוואוסט און נישט געשפּילט די ראָל פון אַ „סקעב" אָדער פון אַן אַרונטערהאַקער פון שכירות. אַדרבה, אָפט פלעגט אויסקומען גראָד פאַרקערט...

פרעגט זיך: ווי האָבן די פוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען זיך געדאַרפט באַציען צו די אַנטיסעמיטישע שטימונגען פון די פוילישע אַרבעטער און צו דער פאָרם, אין וועלכער אַזעלכע געפילן זיינען געקו־מען צום אויסדרוק? צי האָבן זיי דערפילט זייער סאָציאַליסטישן חוב און אויפגעקלערט די אַרבעטער אין דער פראַגע? צו האָבן זיי אויפגעע־וויזן, אַז דאָס אידישע פאָלק איז נישט נאָר אַ פאָלק פון הענדלער, נאָר אויך פון אַרבעטער, וועלכע טראָגן אַ צווייפאַכן יאָך אַלס אַרבעטער און אַלס אידן? און אַז די אידישע אַרבעטער האָבן געפירט אַ שווערן קאַמף פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון די הויכע אידעאַלן פון אַרבעטער־קלאַס און האָבן באַשאַפן אַ רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע מיט וועלכער די פּראָלעטאַריער פון יעדער אַנדערער נאַציע וואָלטן געקענט זיין שטאָלץ?

אַזאַ אויפקלערונג־אַרבעט וואָלט געווען דער ריכטיקער, דער איין־און־איינציקער וועג. זי וואָלט אַם בעסטן געדינט די אינטערעסן פוןביידע צדדים הן פון די פוילישע אַרבעטער הן פון די אידישע. אָבער די פירער פון די פוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן ניט אויס־געקליבן אָט דעם וועג. אַנשטאָט אַן אומברחמנות'דיקן קאַמף קעגן אַנ־

פיאָנערן און בויער

טיסעמיטיזם אין אַלע זיינע פאָרמען האָבן זיי, צום גרויסן באַדויערן, אומדירעקט אונטערגעהאַלטן ביי די אַרבעטער אַנטיסעמיטישע פאָראורטיילן, פאַלשע באַשולדיקונגען קעגן אידן, פאַרקריפּלטע פאָר־שטעלונגען וועגן דער ראָל, וואָס זיי האָבן געשפּילט אין לעבן פון לאַנד. אַנשטאָט צו קריטיקירן די נישט־פּראָלעטאַרישע האַנדלונגען פון די פּוילישע אַרבעטער, אַנשטאָט צו רופן זיי צו אחדות מיט די אידישע אַרבעטער, האָבן זיי געפונען פאַר פּאַסיק צו אַטאַקירן דעם „בונד", צו דיסקרעדיטירן די אידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע אַלס „סעפּאַ־ראַטיסטיש", צו זידלען די אידישע אַרבעטער פאַר זייער „נאַציאָנאַליזם", וואָס איז באַשטאַנען אין דער פאָדערונג פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע, פּרעדיקן ביי יעדער געלעגענהייט, אַז די אידן דאַרפן זיך פולשטענדיק אַסימילירן און אַז אַסימילאַציע איז די איינציקע רפואה אָפּצושאַפן די שנאה צו זיי.

די פּוילישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן — די שפּעטערדיקע קאָמו־ניסטן — האָבן אין זייער אָרגאַן „וואָלני גלאָס" („פרייע שטימע"), וואָס איז געווען אַרויסגעגעבן פון לוקסעמבורג, יאָגיכעס, וואַרסקי, זיך געווענדעט אין אַ רייע אַרטיקלען מיט דרשות נישט צו די פּוילישע צעשטערער פון פּראָלעטאַרישער סאָלידאַריטעט, פון פּראָלעטאַרישער מאָראַל, פון פּראָלעטאַרישע טראַדיציעס, נאָר צו די אידישע אַרבעטער! און נאָך מיט וועלכע דרשות! די אידן זיינען „פּאַראַזיטן", זייער שפּראַך — „באַרבאַריש", די נאַציאָנאַלע שטרעבונגען פון די אידישע אַרבע־טער — אַ „רעאַקציאָנערע אוטאָפּיע", די אידישע פּראָלעטאַריער רעקרוטירן זיך דער עיקר פון דער קליין־בורזשואַזיע און זיינען נאָר טיילווייז אַרבעטער, ווייל אַחוץ זייער אַרבעט באַשעפטיקן זיי זיך אויך מיט קליין־האַנדל... זאָלן זיי זיך לערנען פּויליש, רעדן פּויליש און דענקען פּויליש. זאָלן זיי פייערן די פּוילישע יום־טובים און נישט אַרויסשטעלן די שעדלעכע פאָדערונג פון שבת־רו: דער אַפּאַראַט פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע און אויסטויש דאַרף זיך נישט צו־פּאַסן צו דעם אידישן לוח, צו דער רעליגיע און מנהגים פון די אידן...

דאָס איז געווען נישט אַ קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, נאָר — אומ־דירעקט — אַ באַרעכטיגונג פון אים.

די מאָטיוון, די צילן און די אויסגאַנג־פּונקטן פון דער פּוילישער

דזשאַן מילל

סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פּ. פּ. ס.) אין איר פיינטלעכער באַציאונג צו דעם „בונד" זיינען געווען גאָר אַנדערע.

פּעפּעעס׳יזם איז נישט געווען אַ סינטעז פון סאָציאַליזם און נאַציאָנאַליזם. דאָס איז געווען נאַציאָנאַליזם מיט אַ גאַנץ קליינער דאָזע סאָציאַליזם. פּילסודסקי, דער אַמאָליקער רעדאַקטאָר פון צענטראַלן פּאַרטיי־אָרגאַן „ראַבאָטניק" און דער שפּעטערדיקער „הערשער" פון פּוילן, איז געווען דער טיפּישסטער פּ. פּ. ס.־ניק.

דער באַרבאַרישער פּאָליטישער און נאַציאָנאַלער יאָך, וואָס פּוילן האָט געדאַרפט אויסשטיין פון צאַרישן רוסלאַנד און אויך פון פּרייסן, האָט ביי די פּוילישע אַרבעטער באַשאַפן די פאַלשע פאַרשטעלונג, אַז אַלע זייערעליידן קומען פון „נאַיאַזד", פון דער פרעמדער הערשאַפט. „נאַציאָנאַל" האָט אַרויסגעשטופּט „סאָציאַל", די נאַציאָנאַלע אינטערעסן האָבן אויסגעקוקט וויכטיקער ווי די קלאַסן־אינטערעסן.

דער פּעפּעעס׳יזם איז געווען דער אמת׳ער אויסדרוק פון אַט־דער לאַגע. די פּאַרטיי האָט צוגעפּאַסט צו איר די פּראָגראַם און טאַקטיק. דער הויפּט־שונא איז נישט דער צאַריזם אַליין, נאָר די רוסישע מלוכה. דער קאַמף קעגן שונא דאַרף אַננעמען די פאָרמע פון אַ פּויליש־רוסישער מלחמה, וואָס דער רעזולטאַט פון איר וועט זיין אַ פרייע, גרויסע פּוילישע רעפּובליק.

די רעפּובליק דאַרף זיין גרויס, אין אירע היסטאָרישע גרענעצן, „אָד מאָזשאַ דאָ מאָזשאַ", פון באַלטישן ים ביזן שווארצן ים, ווייל נישט בלויז די פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע אינטערעסן פאָדערן דאָס, נאָר אויך די עקאָנאָמישע.

און אַלע, וואָס האָבן זיך נישט אָריענטירט אין דער דאָזיקער ריכטונג, זיינען דערקלערט געוואָרן אַלס שונאים פון פּוילנ׳ס פרייהייט. שונאים פון פּוילישן פאָלק.

און פּלאָכאָצקי־וואָסילעווסקי אין „פּשעדשוויט", און דאַשינסקי אין „נאַפּשוד", און יאָדקאָ, און פּערל, און פּילסודסקי — אַלע האָבן זיי געסטראַשעט די אידן און דער עיקר דעם „בונד": היט זיך! איר וועט האָבן אַ פּאָליטיש־נאַציאָנאַלן אַנטיסעמיטיזם!...

עס איז געקומען די ערשטע וועלט־מלחמה, פּוילן איז געוואָרן פריי, אָבער די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, אין די ערשטע

פּיאָנערן און בויער

עטלעכע יאָרן פון פּוילנ׳ס אומאָפּהענגיקייט, איז געבליבן טריי צו איר פאַרגאַנגענהייט. צום „בונד״ און צו די נאַציאָנאַלע פאָדערונגען פון די אידישע אַרבעטער האָט זי זיך באַצויגן אַזוי ווי פריער. בירגערלעכע און פּאָליטישע גלייכבאַרעכטיקונג פאַרן אידן — יע, אָבער נאַציאָנאַלע רעכט? קיין מאָל נישט! וואָס — איר ווילט אַ ירושלים אין וואַרשע? אַ אידישע נאַציע אויף דער פּוילישער ערד? אַ מלוכה אין אַ מלוכה? מיר וועלן אייך נישט געבן ספּעציעלע „פּריווילעגיעס״, מיר וועלן קיין מאָל נישט איינוויליקן, אַז אונזער לאַנד זאָל ווערן „זשאַרגאָניזירט״ — און נישט ווילנדיק האָט די פּ. פּ. ס. אונטערגעהאַלטן דעם אַנטיסעמי־טיזם אין די ברייטע פּוילישע מאַסן.

עס האָט גענומען נאָך יאָרן און יאָרן, ביז די פּ. פּ. ס. האָט אָנגע־הויבן צו קוקן אין אַ ריכטיקן ליכט אויף די גערעכטע שטרעבונגען פון די אידישע אַרבעטער אין פּוילן. בלויז דאַן זיינען די באַציאונגען צווישן „בונד״ און פּ. פּ. ס. געוואָרן באמת חבר׳שע און פריינטלעכע.

זשאָרעס דערמאָרדעט

סוף יולי 1914. איך בין אין פּאַריז, וואו איך האָב זיך אָפּגעשטעלט בלויז אויף עטלעכע טעג. איך האָב זייער ליב געהאַט פּאַריז. מיט צענ־דליקער יאָרן צוריק האָב איך דאָ געהאַט פריינט, וועלכע פלעגן מיך ווען איבערצייגן, אַז די פראַנצויזישע הויפּטשטאָט איז דער איינציקער אָרט אין אייראָפּע, וואו דאָס לעבן איז אינטערעסאַנט, באַלערנדיק און אַנגענעם און אַז אין אַ סך הינזיכטן קען קיין אַנדער שטאָט זיך נישט פאַרמעסטן מיט איר. דאָס איז געווען נאַטירלעך אַ גרויסע איבערטריי־בונג. אָבער פון צייט צו צייט צו באַזוכן פּאַריז איז תמיד געווען אַ דער־קוויקונג און אַ יום טוב.

נישט דאָס מאָל!

עס איז ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה. די לופט איז אָנגעפילט מיט אומרו, מיט געשפּאַנטקייט, מיט אומקלאָרע און אומבאַשטימטע פאַרגעפילן. די שטאָט איז קוים צו דערקענען. עס קאָכט אין די גאַסן מער ווי ווען־עס־איז פריער. די בולוואַרן זיינען געדיכט געפּאַקט מיט מענטשן. די ספּעציעלע אויסגאַבן פון די צייטונגען, פון די „עקסטראַס", ווערן געריסן פון די הענט. מען דיסקוטירט מיט היץ אין די גאַסן און אין די קאַפעס. אומעטום שמועסט מען וועגן דער פּאָליטישער לאַגע אין איירא־פּע און וועגן די דראָענדיקע געפאַרן. מען לויפט פון איין צייטונג צו אַן אַנדערער כדי זיך צו דערוויסן די לעצטע נייעס. לעבן דער צייטונג „מאַטען" איז כמעט אוממעגלעך זיך דורכצושפּאַרן. אַ צוזאַמענגע־פּרעסטע נייגעריקע און אויפגערעגטע מאַסע שטייט און לייענט די לעצ־טע טעלעגראַמעס, וואָס ווערן אַרויסגעשטעלט אין די פענצטער פון דער צייטונג אָדער אָנגעקלעפּט אויף דער וואַנט פון דעם בנין. אויך איך בין דעם טאָג געווען לעבן „מאַטען" אַ דריי מאָל. אָט שטיי איך און וואַרט אויף נייעסן. מען הענגט עטוואָס אויס מיט דיקע גרויסע אותיות. מען הייבט אָן צו לייענען און מען גלויבט נישט די אייגענע אויגן. ווי אַ שרעקלעכער באַטויבנדער דונער גיט אַ קלאַפּ איבערן קאָפּ: „זשאָ־

פיאָנערן און בויער

רעס דערמאָרדעט !״ אויף אַ קורצע ווײלע הערשט אַ טויטע שטילקייט און דאַן מאָמענטאַל ברעכט אויס אַ געוויין פון פאַרשידענע זייטן. עס וויינען אַלטע און יונגע, מענער און פרויען. צאָלרייכע גרופּן פון עולם לאָזן זיך אין אַלע עקן פון שטאָט, מיט אויסגעשרייען: „וויף זשאָרעס !״ „עס זאָל לעבן זשאָרעס !״ דאָס איז געווען אַ שטורמישע, אַ קאָכעדיקע נאַכט. מען דערוויסט זיך, אַז זשאָרעס איז דער׳הרג׳עט געוואָרן פון אַ קויל פון אַ שאָוויניסטיש געשטימטן האַלב־משוגענעם. פּאַריז איז די נאַכט ניט געשלאָפן. אויך די רעגירונג איז ניט געשלאָפן. אין מיטן דער נאַכט איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ זיצונג פון מיניסטאָרן־קאַבינעט, און ס׳איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ מאַניפעסט צום פאָלק, מיטן רוף צו בלייבן רואיק און מיטן צוזאָג צו באַשטראָפן דעם מערדער. ווער ווייס, וואָס זשאָרעס׳עס טויט וואָלט אַרויסגערופן, ווען ניט דער אינטערנאַ־ציאָנאַלער תהו ובוהו, די דייטשע געפאַר און די אַלגעמיינע מאָבילי־זאַציע אין פראַנקרייך, וועלכע איז דערקלערט געוואָרן עטלעכע שעה נאָך דער געשעענער טראַגעדיע.

זשאָרעס ! 34 יאָר זיינען שוין פאַרביי. יאָרן פון אומגליק, קאַטאַסאָט־ראָפעס, אומבאַשרייבלעכע טראַגעדיעס, מאַסן־מאָרדן, און אַפילו איצט דערלאַנגט פון ווייטיק אַ צופּ אין האַרצן, ווען מען דערמאָנט דעם נאָמען.

פיל קענען זשאָרעס׳עס לעבנס־געשיכטע און ווייסן וואָס פאַר אַ ראָל ער האָט געשפּילט אין דעם פּאָליטישן לעבן פון פראַנקרייך און אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג נישט בלויז אין זיין לאַנד נאָר אויך אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע. צו זיינע ווערטער פלעגט מען זיך צוהערן אין גאַנץ אייראָפּע — איז ער דאָך געווען דער אַנערקענט־סטער פאָלקס־טריבון און איינער פון די באַגאַבטסטע און איינפלוס־רייכסטע פיגורן אין דעם פראַנצויזישן פּאַרלאַמענט. זייענדיק דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון „הומאַניטע״ — דאַמאָלט דער צענטראַל־אָרגאַן פון דער פראַנצויזישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי — האָט ער די צייטונג אויסגעהאָדעוועט און אַוועקגעשטעלט אויף אַ פעסטן באָדן. זיין אינטעליגענץ, זיינע גרויסע קענטענישן, די נאַבלקייט פון זיין כאַ־ראַקטער פלעגן אַרויסרופן טיפע אַכטונג און ליבע נישט נאָר ביי חברים און פריינט, נאָר אויך ביי קעגנער. זשול געד, וועמענס אַנשויאונגען אין פראַגן פון סאָציאַליסטישער טעאָריע און פּראַקטיק, פלעגן זיך אַזוי

דזשאָן מילל

אָפּט און אַזוי שאַרף פֿאַנאַנדערגייין מיט זשאָרעס׳ אנשויאונגען, האָט באַקומען צווייי האַרץ־אַטאַקעס און האָט געַחלש׳ט, ווען ער האָט זיך דער־וואוסט וועגן דעם מאָרד. און טראָץ, וואָס ער איז געווען ערנסט קראַנק, האָט מען אים געמוזט אָנטאָן — דאָס איז געווען איינס אַזייגער ביינאַכט — און תּיכּף אָוועקפֿירן אין דער רעדאַקציע פֿון „הומאַניטע", וואו ער האָט אויסגעדריקט זיין גרויסן טרויער. פּואַנקאַרע, דער פּרעזידענט פֿון דער פֿראַנצויזישער רעפּובליק, האָט אין אַ וואַרעמען מיטלייד־בריוו צו זשאָרעס׳ פֿרוי, אַנגעוויזן אויף זיינע גרויסע סימפּאַטיעס און רעספּעקט, וואָס ער האָט געהאַט פֿאַר זשאָרעסן — דעם אומגליק־לעכן קרבן פֿון דעם שוידערלעכן מאָרד. וויוויאַני, דער מיניסטער־פּרעזידענט, אין אַ מאַניפֿעסט צום פֿאָלק, האָט באַצייכנט זשאָרעסן אַלס אַ גרויסן רעדנער, וואָס האָט באַשיינט מיט זיין טאַלאַנט די פֿראַנצויזישע טריבונע, און אַלס אַ גרויסן סאָציאַליסט, וואָס האָט געקעמפּט פֿאַר אַ נאָבעלן ציל. די פּאַריזער שטאָט־רעגירונג, וואו די סאָציאַליסטן זיינען דאַמאָלט געווען פֿאַרהעלטניסמעסיק אין אַ קליינער צאָל, האָט באַשלאָסן אָנצורופֿן איינע פֿון די גאַסן אין שטאָט מיטן נאָמען זשאָרעס. די איינפֿלוסרייכע לאָנדאָן־מאַנטשעסטער ליבעראַלע צייטונג, די „דיילי ניוס ענד לידער" האָט אָנגערופֿן זשאָרעסעס טויט „אַן איראָפּעאישער אומגליק".

און דאָס איז געווען אמת. אַלע האָבן געפֿילט ווי שרעקלעך נויטיק זשאָרעס איז געווען אין יענער שווערער צייט, פֿול מיט אימה און מהומה.

די מלחמה האָט זיך צוגערוקט אַלץ נענטער און נענטער. אַ סך האָבן זיך שוין ווי כּמעט צוגעוואוינט צו דעם געדאַנק, אַז אָט־אָט וועט זי אויסברעכן, אַז זי איז אומפֿאַרמיידלעך. איך האָב פֿאַרלאָזן דעם פֿיבער־האַפֿטן פּאַריז און זיך געלאָזט אין וועג אַריין, קיין ווישי. פֿאָרן, אייגנט־לעך, האָב איך געדאַרפֿט קיין זשענעווע, אָבער אין דער לעצטער מינוט האָב איך באַשלאָסן זיך אָפּשטעלן אויף עטלעכע טעג אין ווישי, וואו עס האָט זיך דאָן אויפֿגעהאַלטן די פֿאַמיליע דאַוויגערד.

אַ געצוואונגענער אויפהאַלט אין ווישי

ווען מען דערמאָנט איצט דעם נאָמען ווישי, שטעלט מען זיך גלייך פאַר די טרויעריק־באַרימטע צייטווייליקע הויפּט־שטאָט פון פראַנקרייך אין צייט פון היטלערס אָקופּאַציע און דעם גענעראַל פּעטענס שענדלעכע ממשלה און דיקטאַטור, וועלכע ער האָט אויסגעאיבט פון ווישי איבער די אומגליקלעכע פּראָווינצן. אָבער אין נאָרמאַלע צייטן איז ווישי געווען אַ באַרימטער קוראָרט, וואו קראַנקע פון אַלע עקן וועלט פלעגן קומען היילן זיך מיט די פאַרשידענע מינעראַל־וואַסערן, וואָס דער קוראָרט איז זייער רייך מיט זיי. און ווי אַלע פראַנצויזישע קורערטער, פלעגט אויך ווישי צוציען נישט בלויז קראַנקע, נאָר אויך גאַנץ געזונטע באַזוכער, צו פאַרברענגען די צייט אנגענעם און אינטערעסאנט. אין זומער איז דאָס געווען אין אַ סך הינזיכטן אַ קליינער פּאַריז.

אין אָט־דעם קוראָרט, אַנשטאָט צו פאַרברענגען דאָ בלויז עטלעכע טעג, בין איך, אָנהייב אויגוסט 1914, פאַרוואָרפן געוואָרן אויף מערערע וואָכן, אָפּגעריסן פון דער גאַנצער וועלט, פון פריינט, חברים, קרובים. איך האָב דערבײַ נישט געהאַט די קלענסטע מעגלעכקייט צו געבן זיי צו וויסן וועגן זיך אָדער צו קריגן וועלכע נישט איז ידיעות פון זיי. עס איז פלוצלונג דערקלערט געוואָרן מלחמה, און כאָטש מען האָט פריער אַזוי פיל גערעדט וועגן איר, איז קיין זאַך נישט געווען צוגעגרייט און צוגעפּאַסט, און דאָס לעבן איז ווי אַראָפּ פון די רעלסן. ספּעציעל אין אָנהייב, אין די ערשטע עטלעכע וואָכן. אַלע אייזנבאַנען זיינען פאַרנומען געוואָרן דורך דער אַרמיי, און זיינען גענוצט געוואָרן אויף טראַנספּאָרטירן מער נישט ווי חיל און קריגס־מאַטעריאַלן; פּריוואַטע, ציווילע מענטשן האָבן זיך נישט געקענט רירן פון אָרט; דער טעלעגראַף איז איבער־געגעבן געוואָרן אין די הענט פון קריגס־מיניסטעריום און אַ געוויסע צייט האָט מען נישט געקענט שיקן קיינע פּריוואַטע טעלעגראַמעס; די פּאָסט האָט נישט געאַרבעט ווי געהעריק; דער גרעסטער טייל פון די געשעפטן פאַרמאַכט; די באַנקן געשלאָסן; פאַר אויסלענדישע פּאַפּיר־

געלט, פאַר טשעקס, פאַר „לעטערס אָוו קרעדיט" האָט מען נישט געקענט קריגן „אַ סענט" און עס איז טאַקע געוועז ביטער מיט יענע, וואָס האָבן נישט געהאַט פראַנצויזיש געלט. אַלץ איז געווען טויט.

מיר זיינען געווים געווען גערעכט אין יענער צייט, ווען מיר האָבן באַהויפּטעט, אַז יענע מלחמה לויט דער צאָל אַנטיילנעמער, לויט אירע טעכנישע הילפּס־מיטלען, לויט דעם שרעק און אומגליק, וואָס זי האָט גלייך אָנגעהויבן צו ברענגען, האָט אַריבערגעשטיגן אַלע איבעריקע פעלקער־צוזאַמענשטויסן, וועגן וועלכע מיר האָבן געלערנט אין דער געשיכטע פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. אָבער מיר זיינען געווען שלעכטע נביאים, ווען מיר האָבן געטראַכט, אַז ערגערס, מער פאַרניכטנדיקעס, אַכזריות'דיקערעס וועט שוין קיין מאָל אין דער צו־קונפט זיך נישט טרעפן. מיר ווייסן דאָך היינט, צום אומגליק ווייסן מיר דאָס צו גוט, אַז די מלחמה פון 1914, אין פאַרגלייך מיט דער צווייטער וועלט־מלחמה קוקט אויס ווי אַ קינדערשפּיל...

נאָך צען טעג פון מאָביליזאַציע — זי האָט אין גאַנצן געדויערט דריי וואָכן — האָט מען שוין אַפילו אין אַזאַ אָרט ווי ווישי נישט גע־קענט זען קיין יונגע און געזונטע מענער: אַלע זיינען אַוועק צו די פעס־טונגען אָדער צו דער גרענעץ צו באַגעגענען דעם שונא. פרויען, און אַלטע, און אַזעלכע מענער, וואָס האָבן נישט געטויגט פאַרן אַקטיוון מיליטער־דינסט, זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער פאַרטיידיקונגס־אַרבעט און יעדערער האָט זיך געריסן צו העלפן אין דער דאָזיקער אַרבעט, לויט זיינע מעגלעכקייטן. דער האַס קעגן דייטשלאַנד איז גע־ווען נישט צום באַשרייבן. פאַר אַ דייטש איז געווען אַ געפאַר זיך צו באַווייזן אויף דער גאַס, און אין דעם האַס האָבן זיך פאַראייניקט אַלע. עס זיינען אָפּגערוקט געוואָרן אין אַ זייט אַלע פאַרטיי־פראַגן און פאַרטיי־וויכוחים, מען האָט זיי דערווייליע פשוט פאַרגעסן. איין זאָרג און איין ציל האָבן אַרומגענומען אַלעמען — ראַטעווען דאָס לאַנד. אַ גרויסע סענסאַציע האָט דאַמאָלט אַרויסגערופן די ווענדונג פון הערווע, צו דעם קריג־מיניסטער, מיט אַ ביטע, אַז מען זאָל אים אַריינעמען אין מילי־טער־דינסט. דער זעלבער הערווע, אין יענער צייט נאָך אַ באַוואוסטער סאָציאַליסט, האָט פריער אַ סך מאָל געשמאַכט אין תפיסות פאַר זיין אַנטי־מיליטאַריסטישער פּראָפּאַגאַנדע. אַפילו די אַנאַרכיסטישע צייטונג

פּיאָנערן און בויער

„באַטאַיל סענדיקאַליסט״ האָט גערופן די אַרבעטער צו דערפילן זייער פליכט און נישט צו שטערן דער רעגירונג אין קאַמף קעגן דעם דייטשן באַרבאַריזם.

אַלץ האָט פּאַסירט אַזוי גיך: די הריגה פון דעם עסטרייכישן יורש צום טראָן, עסטרייכ׳ס אולטימאַטום און מלחמה־דערקלערונג דער קליינער מדינה סערביע, רוסלאַנד׳ס אַלגעמיינע מאָביליזאַציע און אירע סטראַשונקעס קעגן עסטרייך. פונדעסטוועגן האָבן מיר זיך אַלץ אַרומגעטראָגען מיט אָפּטימיסטישע האָפנונגען. מיר זיינען געוועזן איבערצייגט, אַז אַן אַלגעמיינע אייראָפּעאישע מלחמה איז פון אַ סך שטאַנדפּונקטן, דער עיקר פון שטאַנדפּונקט פון די וויטאַלעווירטשאַפטלעכע אינטערעסן פון די אייראָפּעאישע פעלקער, פּשוט אומדענקבאַר. מיר זיינען געוועזן דורכגעדרונגען מיט גלויבן, אַז דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־קלאַס פאַרמאָגט גענוג כוח נישט צו דערלאָזן צום קריג. אין אָט דער איינרעדעניש זיינען מיר געוועזן געקרעפּטיקט דורך דעם, וואָס דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער פּראָלעטאַריאַט האָט תיכף אָנגעהויבן אָנצונעמען מיטלען קעגן דער זיך אָנרוקנדיקער מלחמה־געפאַר. עס האָבן זיך אַ שאָט געטאָן אומצאָליקע שטאַרקע, אויפגערייצטע פּראָטעסטן קעגן דער גזלנישער פּאָליטיק פון די רעגירונגען און פון די קריגס־פּאַרטייען. עס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן הונדערטער פולגעפּאַקטע פאָלקס־פאַרזאַמלונגען, אויף וועלכע מען האָט אומדערשראָקן פּראָקלאַמירט מלחמה קעגן מלחמה. הערלעכע, אימפּאָזאַנטע אַרבעטער־דעמאָנסטראַציעס זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אויף די גאַסן פון בערלין, ברוסעל, פּאַריז. עס איז צוזאַמענגערופן געוואָרן אַן עקסטרא־זיצונג פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן ביוראָ אין ברוסעל, וואו עס איז באַשטימט געוואָרן אַריבערצוטראָגן דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס, וואָס האָט געדאַרפט פאָרקומען אין ווין, קיין פּאַריז. מען האָט אַזוי פיל האָפנונגען געלייגט אויף דעם דאָזיקן קאָנגרעס, אַזוי פיל דערוואַרט פון אים. מען האָט געגלויבט, אַז ער וועט אָננעמען באַשלוסן און אָנווענדן מיטלען, וועלכע וועלן זיין אַ גוטער שטראָם קאַלטע וואַסער אויף די צעהיצטע קעפּ פון די קריגס־פּאַטריאָטן.

ווי גיך און ווי טראַגיש האָבן די נאָכפאָלגנדיקע געשעענישן אָפּגענאַרט אַלע די דאָזיקע האָפנונגען!

דזשאַן מילל

מאַנאַטאָן און אומעטיק האָבן זיך געצויגן די טעג אין ווישי. איך האָב נישט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיך, ווי דורכצושטופּן די צייט. ציללאַז און פּלאַנלאָז, האָב איך זיך אַרומגעשפּאַצירט אין פּאַרק און אין די גאַסן צווישן דעם טרויעריקן און באַזאָרגטן עולם, נישט געווען אימ־שטאַנד צו לייענען, זיך נישט געקענט קאָנצענטרירן. דער טעאַטער און די קינאָמאַטאָגראַפן פאַרמאַכט, קאָנצערטן פאַרבאָטן, קיינע צייטונגען. בלויז איין מאָל אַ טאָג פלעגט מען אין דער קאַסינאָ אויסהענגען די מאָגערע און טרוקענע אָפיציעלע טעלעגראַמעס וועגן דעם גאַנג פון די מיליטערישע אָפּעראַציעס. מיר האָבן דאַן אַזוי שטאַרק געדורשט נאָך ריכטיקע, נישט צענזורירטע נאַכריכטן.

די איינציקע „אַטראַקציע״, וואָס האָט אַ ביסל באַלעבט אונזער לאַנגווייליקע עקזיסטענץ אין ווישי, איז געווען דאָס באַגעגענען פון צוגן אויף דער אייזנבאַן־סטאַנציע. פון מערב האָבן זיך כסדר געצויגן לאַנגע צוגן מיט פולגעפּאַקטע וואַגאָנען — דאָס זיינען יונגע, געזונטע, נאַר־וואָס רעקרוטירטע סאָלדאַטן געשיקט געוואָרן צו די שלאַכט־פעלדער ביי דער דייטשער גרענעץ; פון מזרח פלעגן אָנקומען אויך נישט ווייניקער אָנגעפּאַקטע וואַגאָנען — מיט פאַרוואונדעטע און פאַרקריפּלטע קרבנות פון קריג. גאַנץ ווישי איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קראַנקן־לאַגער, האָטעלן — אין שפּיטעלער. און גיכע אָפּעראַציעס אויף די פאַר־וואונדעטע אין די גרויסע זאַלן פון די האָטעלן מיט אַ מאַסע באַאָבאַכ־טער, וואָס פלעגן אַריינקוקן דורך די גרויסע פענצטער, איז געוואָרן אַ פאַמיליאַרע סצענע אין ווישי...

מיר האָבן זיך געפילט גליקלעך, ווען מען האָט אונז ענדלעך גע־געבן די געלעגנהייט צו פאַרלאָזן ווישי און גאַנץ פראַנקרייך. איין צוג טעגלעך פאַר ציווילע האָט ווידער אָנגעהויבן צו קורסירן צווישן ווישי און שווייצאַריע. מיין וועג איז געווען קיין זשענעווע.

זשענעווע אין דער צייט פון מלחמה

נאָך ווישי, וואו אַלץ איז געווען לאַנגווייליק, נידערגעשלאָגן, טויט, האָט זשענעווע אין דעם ערשטן אויגנבליק געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ קאָכעדיקן קעסל. נישט די שטאָט גופא. די שטאָט האָט אויסגעזען אַ ביסל פאַרשלאָפן. שווייצאַריע האָט תמיד געלעבט פון אויסלענדער — טוריסטן, און זיי, די טוריסטן, פלעגן אַלע מאָל אין אַ גרויסער מאָס באַלעבן יעדן ווינקל פון לאַנד. אָבער נישט איצט. פון וואַנען האָט מען איצט, נאָך דעם אויסברוך פון דער מלחמה, געקענט דערוואַרטן וועלכע עס איז טוריסטן? זיינען טאַקע די האָטעלן געווען כמעט פוסט, די גאַסן פאַרלאָזן, די איינגעבוירענע שווייצער שטאַרק פאַרזאָרגט. עס האָט „געקאָכט” בלויז אין די רוסישע און אידישע אַקאַדעמישע קרייזן און אויך ביי דער גרויסער צאָל פּאָליטישע עמיגראַנטן פון די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס פון אַלע מינים און שאַטירונגען. אַזאַ אויפגערעגטן עולם צווישן די עמיגראַנטן האָב איך שוין לאַנג נישט געהאַט געזען. כמעט טאָג־טעגלעך זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן פאַרזאַמלונגען, רעפעראַטן, דיסקוסיעס. די מלחמה האָט אַרויסגערופן אַזוי פיל נייע, באַאומרואיקנדיקע פראַגן, שמערצלעכע אַנטוישונגען, באַרעכטיקטע ספקות, און אַלע האָבן געוואָלט זיך אָפּגעבן אַ דין־וחשבון אין זיי. אויפן באָדן פון דער באַציונג צו דער מלחמה און פון דער אָפּשאַצונג פון דער טאַקטיק פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען אין די מלחמה־פירנדיקע לענדער האָבן זיך דאָ אויסגעקריסטאַליזירט נייע טענדענצן און אָריענטאַציעס. אַ סך פון די נעכטיקע אידעאישע און פּאַרטייאישע פריינט זיינען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען, און אַ סך פון די נעכטיקע קעגנער האָבן פּלוצלונג געפונען אַ געמיינזאַמע שפּראַך און אַ געמיינזאַמען וועג.

די מיאוסע קאַפּיטולאַציע פון כמעט אַלע סאָציאַל־דעמ. פּאַרטייען אין די מלחמה־פירנדיקע לענדער און דער באַנקראָט פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל האָבן אַרויסגערופן גרויס פריד ביי די מאַרד־פּאַט־

ריאָטן, אָבער האָבן אַריינגעבראַכט אַ גרויסן טומל און צעמישעניש אין יענע סאָציאַליסטישע רייען, וועלכע האָבן געגלויבט אין דער פעסט־קייט, הייליקייט, שטאַנדהאַפטיקייט פון אַלע אַנטי־מלחמה באַשלוסן, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן אויף די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַ־ליסטישע קאָנגרעסן. די סאָציאַליסטן אין דייטשלאַנד, פראַנקרייך און סערביע האָבן, ווי באַוואוסט, צוגעשטימט צו באַווילליקן קרע־דיטן פאַר מלחמה־צוועקן, מיטן אויסנאַם פון קאַרל ליבקנעכט אין דייטשלאַנד, די צוויי סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטן אין סערביע און דער ס.־ד.'ער דומע־פראַקציע אין רוסלאַנד. די אַלע שיין־קלינגענדיקע, לאָגיש־אויסגעהאַלטענע און דורכאויס קלוגע רעזאָלוציעס פון די סאָציאַ־ליסטישע קאָנגרעסן וועגן — „מלחמה קעגן מלחמה", וועגן „קיין סענט און קיין זעלנער" אויפן מזבח פון מיליטאַריזם, וועגן קלאַסן־אחדות פון אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט אַנשטאָט דער נאַציאָנאַלער איי־ניקייט — זיינען אַוועק מיטן ווינט. דעם אָרט פון אָט־די אַלע שיינע זאַכן האָט פאַרנומען דער „בורגפרידן" אין יעדן באַזונדערן לאַנד און די פּראָקלאַמירונג פון אידענטישקייט פון די נאַציאָנאַלע אינטע־רעסן פון אַלע סאָציאַלע שיכטן פון פאָלק. מען איז אַרויסגעקומען מיט אַ שפּאָגל־נייער טעאָריע וועגן „אָנפאַל" און „אָפּווער", וועגן אָפענסיווע און דעפענסיווע מלחמות מיט אַ רעכטפאַרטיקונג פון די לעצטע, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס אין יענער טיפּיש־אימפּעריאַליסטישער מלחמה איז געווען פּשוט אוממעגלעך אויפצואווייזן, ווער אייגנטלעך האָט גע־טראָגן די הויפּט־שולד פון פּראָוואָצירן דעם קריג. ביידע צדדים זיינען געווען שולדיק אין דעם.

און די חשובע, פון אַלעמען אָנערקענטע וואָרטזאָגער פון אינטער־נאַציאָנאַלן סאָציאַליזם: זשיל געד, וואַיאַן, וויקטאָר אַדלער, פּלעכאַ־נאָוו און אַנדערע — וואו זיינען זיי פאַרפאַרן? עס איז געווען שווער זיך צו פאַנאַנדערקלייבן אין די פּסיכאָלאָגישע סיבות פון זייער אידעאָלאָ־גישן איבערברוך. ווען די סאָציאַליסטן אין רוסלאַנד האָבן אַרויסגע־שטעלט די פאָדערונג פון אַמנעסטיע פאַר די פּאָליטישע אַרעסטירטע און פאַרשיקטע, איז פּלעכאַנאָוו אַרויס (אין אַ פּריוואַטן שמועס) מיט אַ כאַראַקטעריסטישן ווערטל: „נישט קיין אַמנעסטיע דאַרפן מיר, נאָר קאַנאָנען". ער האָט גע'טענה'ט: דייטשלאַנד איז אַ האַלב־דעספּאָטישע

פּיאָנערן און בויער

מלוכה בשעת פראַנקרייך און ענגלאַנד זיינען דעמאָקראַטיעס; עס איז דער חוב פון די רוסישע סאָציאַליסטן צו פאַרטיידיקן די דעמאָקראַטיעס און זען, אַז רוסלאַנד — דאָס צאַריסטיש רוסלאַנד! — זאָל זיין צוזאַמען מיט זיי. און די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, פאַרקערט, האָבן פאַרטיידיקט זייער שטעלונג מיטן אויסרייד, אַז רוסלאַנד איז אַ באַרבאַריש לאַנד און באַדראָט אַלע שווער אויסגעקעמפטע דעמאָקראַטישע און סאָציאַלע דערגרייכונגען פון די דייטשע אַרבעטער, און דעריבער איז די מלחמה קעגן רוסלאַנד אַ נויטיקער מיטל פון זעלבסט־פאַרטיידיקונג און פון זעלבסט־דערהאַלטונג. און דער פועל־יוצא פון די דאָזיקע איינשטעלונגען איז געווען, אַז אַ ברודער איז אַרויס קעגן אַ ברודער און דאָס בלוט פון די סאָציאַליסטן האָט זיך געגאָסן פאַר די אינטערעסן פון זייערע קלאַסן־שונאים, אָבער אין נאָמען פון די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון גאַנצן פאָלק. אָט אַרום די דאָזיקע פראַגן האָט מען זיך דאָן אַרומגעריסן אין זשענעווע.

אויך אונזער בונדישער משפחה דאָרט, האָט נישט געקענט אין גאַנצן אויסמיידן די דאָזיקע אידעאישע צעמישונג. אייניקע פון אונז האָבן אין סאַמען אָנפאַנג פון קריג אַ ביסל זיך פאַרלוירן, אָבער די נישט־אַנטשלאָסנקייט און נישט־באַשטימטקייט האָט געדויערט בלויז אַ קורצע צייט. ביסלעכוויז האָבן די אַרונטערגעגאַנגענע „פון גלייכן וועג" בונדיסטן אין אויסלאַנד זיך אָפּגעטרייסלט פון אַלע צופעליקע, זייטיקע, פרעמדע שטימונגען און צייטווייליקע איינפלוסן.

אין זשענעווע האָב איך געטראָפן נישט בלויז די מיטגלידער פון אויסלענדישן קאָמיטעט פראַנץ קורסקי, קאָסאָווסקי, ליבמאַן־הערש, קאָיגען, נאָר אויך אַ גרויסע גרופּע בונדיסטן, וואָס זיינען נאָר־וואָס אָנגעקומען פון רוסלאַנד — צווישן זיי נח, מאַרק ליבער, מ. ראַפּעס, אסתר פרומקין און טשעמערינסקי. געפאָרן זיינען זיי קיין ווין, אויפן פּראָיעקטירטן אַכטן צוזאַמענפאָר פון „בונד", אָבער מחמת דער אויסגעבראָכענער מלחמה האָט מען דעם צוזאַמענפאָר נישט געקענט אָפּהאַלטן און זיי אַלע האָבן „פאַרבלאָנדזשעט" קיין זשענעווע. דריי יאָר זיינען אַוועק ביז דער דאָזיקער צוזאַמענפאָר איז צושטאַנד געקומען, אָבער ביי גאָר אַנדערע באַדינגונגען און מיט גאָר נייע פּראָבלעמען. דאָס איז שוין געווען אין פּעטראָגראַד, אין דעצעמבער 1917.

דזשאַן מילל

אין אַלגעמיין איז די דאָמאָלטדיקע אָריענטאַציע ביי די בונדיסטן אין זשענעווע געווען איינגעשטעלט אויף דער מפלה פון צאַרישן רוס־לאַנד. דאָס איז אגב געווען די דאָמינירנדיקע שטעלונג פון אַלע סאָ־ציאַליסטישע גרופירונגען אין רוסלאַנד — מיטן אויסנאָם פון פלעכאַ־נאָוו'ס גרופע. — ניט ווייל זיי האָבן ליב געהאַט דעם דייטש'ן רעזשים פון ווילהעלם דעם 2־טן, נאָר ווייל זיי האָבן אַזוי טיף געהאַסט דעם צאַריזם און זיינען געווען איבערצייגט, אַז אַ גרינטלעכע מפלה פון רוסלאַנד וואָלט געמוזט ברענגען ראַדיקאַלע ענדערונגען אין דעם פּאָ־ליטישן לעבן אין לאַנד. די נייע אַנטי־אידישע גזרות, וואָס האָבן גע־בראַכט רואין, טויט, און פאַרניכטונג פון דעם אידישן ישוב אין גאַנץ ליטע און אין אַלע פּראָווינצן ביי דער דייטשער און עסטרייכישער גרע־נעץ, האָבן געשאָטן זאַלץ אויף די וואונדן און פאַרשטאַרקט די דעפּי־טיסטישע שטימונג בנוגע רוסלאַנד. קאָסאָווסקיס בראָשור „דער חורבן פון די אידן אין רוסלאַנד" (ראַזגראָם יעווריעוו וו ראָסיאי") איז גע־ווען אַן אויסדרוק פון יענע געפילן.

דער קריזיס אין צווייטן אינטערנאַציאָנאַל. — צימערוואַלד

די מלחמה האָט געבראַכט אַ קריזיס נישט נאָר אין אינטערנאַציאָנאַליזם אַלס אַן אידעאָלאָגישע קאָנצעפּציע, נאָר אויך אין סאָציאַליסטישן אַרבעטער אינטערנאַציאָנאַל אַלס אַן אָרגאַניזאַציע.

אין יענער ערנסטער און טראַגישער צייט האָט דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל באַנקראָטירט און ער איז זיך פאַנאַנדערגעפאַלן ווי אַ קאָרטן־הייזל. אין די געשעענישן פון וועלט־היסטאָרישער וויכטיקייט איז זיין פירערשאַפט פאַרשוואונדן, זיינע לאָזונגען פאַרגעסן געוואָרן. דאָס איז נישט געווען בלויז איניציאַטיוו־לאָזיקייט, פאַרלאָרנקייט, נישט־פעאיקייט. דאָס איז אויך געווען, ווי אַ סך האָבן דאָס באַטראַכט, אַן איינפאַכער פאַרראַט מצד אַ רייע פון די אָנגעזעענסטע פירער בנוגע זייערע פריערדיקע איינשטעלונגען און בנוגע אַלץ, וואָס זיי האָבן ביז דאַן געפּרעדיקט. דעם אָרט פון אינטערנאַציאָנאַליזם האָט פאַרנומען נאַציאָנאַליזם פון ערגסטן סאָרט. די „גענעראַלן" זיינען נישט אַנטלאָפן פון די מאַסן, נאָר געפירט זיי אויף פאַלשע וועגן.

אום צו זיין גערעכט, מוז מען דאָ פאַרצייכנען, אַז די טראַגישע לאַגע איז אַרויסגעפלאָסן נישט בלויז פון אַ שלעכטן ווילן פון די טאָן־געבערס פון אינטערנאַציאָנאַל, די געשאַפענע לאַגע איז אויך — און אפשר דער עיקר — געווען אַ רעזולטאַט פון דעם בוי פון אינטערנאַציאָנאַל, זיין גאַנצער סטרוקטור. זיין אויספיר־ביוראָ איז תמיד געווען אַ מין דיסקוסיע קלוב, אַ לויזע אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט נישט געהאַט נישט דאָס רעכט און נישט דעם כוח צו צווינגען די פאַרשידענע נאַציאָנאַלע סעקציעס דורכצופירן אירע באַשלוסן. ביי אַזעלכע באַדינגונגען איז אַ קאַטאַסטראָפע געווען אומפאַרמיידלעך ביי דער ערשטער ערנסטער פּראָבע, ביי דעם ערשטן וויכטיקן קאָנפליקט. דער עיקר און זין פון די פונקציעס פון דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע, די גרונט יסודות פון איר עקזיסטענץ זיינען געהאָנגען אין דער לופטן. די שטרעבונג פון אינטערנאַציאָנאַל — גוט אָדער שלעכט, קאָנסעקווענט אָדער זיגזאַג־אַרטיק צו פאַראייניטלעכן די טעטיקייט פון די אָנגעשלאָסענע פּאַרטייען, צו סטימולירן געמיינזאַמע אַקציעס, צו זען, אַז אַלע זיינע

דזשאָן מילל

באַשלוסן אין אינטערנאַציאָנאַלע פראַגן זאָלן זיין אָבליגאַטאָריש פאַר אַלע זיינע נאַציאָנאַלע סעקציעס, פלעגן זיך כסדר אָנטרעפן אויף אומ־באַזיגבאַרע מניעות. עס זיינען געווען אָנגעשלאָסן אָן אים פאַרטייען, וועלכע האָבן געקוקט אויף אים פון אויבן אַראָפּ און האָבן נישט געמאַכט קיין סוד פון דעם, אַז זיי האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ נישט נויטיקע,שווע־רע לאַסט. זייער וואונטש איז געווען צו פאַרוואַנדלען אים אין אַ ביוראָ פון אינפאָרמאַציע, פון באַראַטונגען, פון אַן איינפאַכן, צו אַ גאָר נישט פאַרפליכטענדיקן אויסטויש פון מיינונגען.

אייגנטלעך איז דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל שוין אייביק אַזוי פאַרבליבן. אפילו אַ פּאָר צענדליק יאָר שפּעטער, ווען אויפן אָרט פון פאַרשטאָרבענעם פאַרזיצער פון זיין ביוראָ, וואַנדערוועלדע, איז אויס־געקליבן געוואָרן אַלבאַרדאַ, האָט ער — און מיט אים צוזאַמען אויך אַנדערע מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע — ווידער און ווידער גע־טענה׳ט, אַז דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער אינטערנאַציאָנאַל קען נישט און דאַרף נישט צווינגען די אָנגעשלאָסענע נאַציאָנאַלע סעקציעס אָנצונעמען אַ באַשטימטע ריכטונג אָדער די אָדער יענע באַשלוסן. קיין נאַציאָנאַלע פּאַרטיי, האָבן זיי געהאַלטן, וועט האָבנדיק אין זינען איר פאַראַנטוואָרטלעכקייט, נישט זיין אימשטאַנד אָקצעפּטירן אָדער אויס־פירן אַזעלכע באַשלוסן, אויב זי איז נישט אַליין אין גאַנצן מסכים מיט זיי. פּאָליטיק, נאָך זייער מיינונג, איז אַ קונסט אויסצונוצן מעגלעכ־קייטן. די־אַ מעגלעכקייטן זיינען פאַרשידן אין פאַרשידענע לענדער, זיי זיינען אָפּהענגיק פון באַדינגונגען פון נאַציאָנאַלן לעבן, פון דער גע־שיכטע און טראַדיציעס, פון נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. אַ נאַציאָנאַלע פּאַרטיי קען מער ווי אימיצער פון דער זייט אויסגעפינען ווי בעסער צו רעאַליזירן די דאָזיקע מעגלעכקייטן. אַזאַ פּאַרטיי דאַרף דעריבער נישט זיין געשטערט אין אירע שריט און דאַרף זיין באַשיצט פון אַ וועלכער נישט איז „ארייננמישונג״ — אין דעם פאַל פון אַן אריינמישונג פון ביוראָ פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל אָדער פון אינטערנאַציאָנאַל אַלס אַ גאַנצן.

עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז נישט אַלע פון צווייטן אינטער־נאַציאָנאַל האָבן אַזוי אַרגומענטירט און זיך געהאַלטן ביי אַזאַ שטאַנד־פונקט. באַלד נאָך דעם ווי די מלחמה איז אויסגעבראָכן און די איינפלוס־

פּיאָנערן און בויער

רייכסטע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען זיינען צוגעשטאַנען צו דעם לאַגער פון די „קריגס־פּאַטריאָטן”, האָבן זיך אומעטום, כמעט אין אַלע אייראָ־פּעאישע לענדער, אויסגעפאָרמירט אָפּאָזיציאָנעלע מינדערהייט־גרופּן, וועלכע זיינען, צוזאַמען מיט איניקע גאַנצע לאַנד־סעקציעס פון אינטער־נאַציאָנאַל, פאַרבליבן טריי צו די פּרינציפּן פון אינטערנאַציאָנאַליזם. פאַר זיי איז די פראַגע געשטאַנען שאַרף, אַרויספאָדערנדיק, דרינגלעך: וואָס ווייטער? נאָך עטלעכע נישט איינגעגעבענע פּרואוון ווידער ווי־עס־איז צו פאַרבינדן זיך איז ענדלעך געלונגען צוזאַמענצוברענגען די „אינטערנאַציאָנאַליסטן” אויף אַ קאָנפערענץ אין צימערוואַלד, שווייץ, אין סעפּטעמבער 1915. עס זיינען זיך צוזאַמענגעקומען 37 דעלעגאַטן. נישט אַלע פון זיי, קומענדיק צו דער קאָנפערענץ, האָבן געהאַט די זעל־ביקע כוונות. פאַרשידן איז געווען דער צוגאַנג צו דער אָנגעווייטיקטער עיקר־פראַגע ביי די דעלעגאַטן. אַ באַדייטנדע מינאָריטעט פון די דע־לעגאַטן מיט לענינען בראש האָט געהאַלטן, אַז די אויפגאַבן פון דער קאָנפערענץ איז צו גרינדן אַ נייעם, דריטן, אינטערנאַציאָנאַל. מיט קלאָרקייט, אָפנהאַרציק זיינען זיי אַרויסגעטראָטן פאַר אַ פולשטענ־דיקער ליקווידאַציע פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל. דער נייער אינטער־נאַציאָנאַל דאַרף זיין אַ קאַמף־אָרגאַניזאַציע פון אַלוועלטלעכן פּראָלע־טאַריאַט, אַן אָנפירנדיקע רעוואָלוציאָנערע קערפּערשאַפט, וואָס נישט בלויז זי נעמט אָן באַשלוסן, נאָר וואָס היט אָפּ, זיי זאָלן דורכגעפירט ווערן אין לעבן; אַזאַ קערפּערשאַפט דאַרף דעם קריג פאַרוואַנדלען אין אַ בירגער־קריג פאַרן טריאומף פון אַרבעטער קלאַס, פאַר אַ סאָציאַ־לער רעוואָלוציע. דער אַלטער אינטערנאַציאָנאַל איז טויט, האָבן זיי פאַרזיכערט, זאָל לעבן אַ נייער אינטערנאַציאָנאַל, דער דריטער!

די מאַיאָריטעט האָט זיך אָבער געהאַלטן אין אַן אַנדער מיינונג. דער אַלטער אינטערנאַציאָנאַל איז נישט טויט. ער איז ערנסט קראַנק, מען מוז אים מיט אַלע מעגלעכע מיטלען העלפן זיך ווידער שטעלן אויף די פיס, אַריינבלאָזן אין אים אַ ניי לעבן, אַריינשפּריצן נייע, יונגע, גע־זונטע בלוט. מען דאַרף אים אַוועקשטעלן אין באַדינגונגען, וועלכע זאָלן אים מאַכן פאַרן ווענגווייזער פון די סאָציאַליסטישע אַרבעטער מאַסן. יעדער געדאַנק פון שפּאַלטונג מוז ווערן אָפּגעוואָרפן.

אין אַ מאַניפעסט, וואָס די קאָנפערענץ האָט אַרויסגעלאָזן, האָט זי

אַפּעלירט צו די אַרבעטער אָנצופירן אַן ענערגישן קאַמף פאַר ענדיקן די מלחמה. דער הויפּט־לאָזונג אין דעם דאָזיקן קאַמף דאַרף ווערן אַ שלום פאַר יעדן פּרייז, דעם אָרט פון בורג־פרידן מוז פאַרנעמען אומקאָמפּראָמיסלעכער קלאַסן־קאַמף.

אויף דער צימערוואַלדער קאָנפערענץ איז אויך געווען אַ דעלע־גאַט פון אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד" — פון אויסלענדישן און נישט פון צענטראַלן, ווייל מיט דעם לעצטן איז דעמאָלט צוליב דער מלחמה געווען שווער זיך צוזאַמענצורײדן. צום אויסלענדישן קאָמיטעט האָבן דאַן געהערט: קאָסאָווסקי, פראַנץ קורסקי, יונה קאַיגען, הערש און איך *. קאָסאָווסקי האָט זייער פעסימיסטיש און מיט גרויס אומ־צוטרוי געקוקט אויף דער קאָנפערענץ און קיין גוטס פון איר נישט דער־ווארט. און טאַקע דעריבער האָט ער זיך אָנטזאָגט צו רעפּרעזענטירן אויף איר דעם „בונד". אויך פראַנץ קורסקי, דער דעלעגאַט פון „בונד" אין אינטערנאַציאָנאַל זינט 1905, האָט נישט געוואָלט פאָרן. ער האָט ריכטיק פאָרויסגעזאָגט, אַז די קאָנפערענץ וועט דערפירן צו אַן ענדגילטיקער שפּאַלטונג פון אינטערנאַציאָנאַל. פונדעסטוועגן, איז באַשלאָסן געוואָרן צו נעמען אין איר אַנטייל, אָבער בלויז מיט אינפאָרמאַציע צוועקן, און ליבמאַן־הערש איז געווען דער בונדישער דעלעגאַט. אַ ביסל שפּעטער האָט קאָסאָווסקי געביטן זיין מיינונג און אויף דער צווייטער קאָנפערענץ פון די „אינטערנאַציאָ־נאַליסטן", אין קינטאַל, האָט ער שוין פאַרטראָטן דעם „בונד". צו דעם מאַניפעסט, וואָס די צימערוואַלדער האָבן אָנגענומען, איז אָפיציעל צוגעשטאַנען דער אויסלענדישער קאָמיטעט און דאַן אויך דער צענ־טראַלער, און דער „בונד" האָט נישט פאַרדינט די זלזולים, מיט וועל־כע זינאָוויעוו האָט אים מכבד געווען פאַר זיין כלומרשט נעגאַטיווער באַציאונג צו דער פאַראייניקונג פון די קאָנסעקווענטע אינטערנאַ־ציאָנאַליסטן.

---

*) צום אויסלענדישן קאָמיטעט האָט געהערט אויך אַבראַמאָוויטש. ער האָט דאַן געלעבט אין ווין. צוליב דער מיליטער־צענזור איז אוממעגלעך געווען זיך מיט אים צו פאַרשטענדיקן. מעדעם איז שוין געווען אויף קאַטאָרגע. ליטוואַק — שוין אין אַמעריקע.

דער „בונד" פאַרן רעוואָלוציאָנערן קלאַסן־קאַמף און אינטערנאַציאָנאַליזם. — פאַלשע באַשולדיקונגען

עס זיינען נאַטירלעך געווען אין „בונד" פאַרשידענע עלעמענטן, אמת, נישט אין אַ גרויסער צאָל, וועלכע אין דער פראַגע פון מלחמה און פון דער טאַקטיק פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פאַרטייען אין דער דאָזיקער מלחמה זיינען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אין אייניקע פּרטים מיט דער שטעלונג פון דעם צענטראַלן קאָמיטעט.

אָפיציעל און אין דער פּראַקטיק האָט דער צענטראַלער קאָמיטעט פון „בונד" אָפּגעוואָרפן יעדן געדאַנק פון „נאַציאָנאַלער אחדות" און פון „פאַרטיידיקן דאָס לאַנד" און איז אַנגעגאַנגען מיט זיין אַרבעט אין דעם גייסט פון אינטערנאַציאָנאַליזם. דאָס קען מען זען, ווי מיר האָבן דאָס שוין פאַרצייכנט, פון דעם פאַקט, וואָס ער איז צוגעשטאַנען צו דעם צימערוואַלדער מאַניפעסט. אָבער שוין מיט פינף חדשים פאַר צימער־וואַלד האָט ער אומצווייַדייטיק באַשטעטיקט, אַז ער איז נישט געשטאַ־נען אין לאַגער פון די מלחמה־פּאַטריאָטן און נעאָ־נאַציאָנאַליסטן און אַז ער האָט זיך אָריענטירט, ווי אַלע מאָל פריער, אויפן אינטערנאַציאָ־נאַליזם. אין דעם ערשטן מאַי אויפרוף פון 1915 און אין די שפּעטער־דיקע אויפרופן, וואָס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן צוזאַמען מיט דער פּ. פּ. ס. „לעוויצאַ" און מיט דער פּ. ס. ד., אין דעם אַנאַליז פון די סיבות פון דער מלחמה, ווערט אָנגעוויזן, אַז די וועלט־קאַטאַסטראָפע איז אויס־געוואַקסן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג מיט איר אומזיניקער קאָנקורענץ, פון דעם נאָכיאָגן זיך נאָך אַלץ נייע און נייע מערק, פון דער שטרעבונג צו פאַרכאַפּן פרעמדע לענדער, פון דער עגאָאיסטי־שער רויבערישער פּאָליטיק פון די הערשנדיקע קלאַסן. די לאָזונגען אין קאַמף פאַר שלום ווערן פאָרמולירט אין טראַדיציאָנעלן גייסט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין רוסלאַנד : קעגן נאַציאָנאַלער שנאה און פאַר אינטערנאַציאָנאַלער ברידערלעכקייט, קעגן צאַריזם און פאַר אַ דעמאָ־

קראַטישער רעפּובליק, קעגן דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם פון עקס־פּלואַטאַציע און אונטערדריקונג און פאַר סאָציאַליזם.

עס איז ווערט דאָ צו פאַרצייכענען, אַז גראָד יענע, וואָס זיינען נישט געווען מסכים מיט דער אינטערנאַציאָנאַליסטישער איינשטעלונג פון „בונד" און זיינען געוואָרן פאַרכאַפּט פון רוסישן מלחמה־פּאַטריאָ־טיזם, האָבן שפּעטער, נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, ווען זיי זיינען אַריבערגעגאַנגען צו די קאָמוניסטן, בייזווייליק און ליגנעריש געמאָלט דעם „בונד" אַלס אַ קליינבירגערלעכע, סאָציאַל־פּאַטריאָטישע, נאַציאָנאַליסטישע פּאַרטיי. איינער פון זיי איז געווען ראַפּעס, דער קאָ־מוניסטישער פעלשער פון דער געשיכטע פון דער אידישער סאָציאַ־ליסטישער באַוועגונג אין רוסלאַנד און אין פּוילן. וואָס פאַר אַ קורצער זכרון איז אים מיט אַמאָל באַפאַלן! פון זיינע קאָרעספּאָנדענצן פון רוס־לאַנד, וועלכע ער פלעגט שיקן פאַר דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע פאַר דעם „אינפאָרמאַציע בלעטל" פון דעם אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד", פלעגט מען מוזן אויסמעקן גאַנצע שטיקער, ווייל ער האָט אין זיי געפּרעדיקט די נויטיקייט און פליכט צו פאַרטיידיקן רוסלאַנד. די קאָרעספּאָנדענצן פלעגן זיין אָנגעפּיקעוועט מיט פּערלען פון רוסישן נאַציאָנאַליזם און אימפּעריאַליזם. אין איין קאָרעספּאָנדענץ, געדענק איך, האָט ער זיך אַרויסגעזאָגט פאַר דעם, אַז רוסלאַנד — צאַ־ריסטיש רוסלאַנד! — דאַרף אַנעקסירן גאַליציע און מאַכן אַ סוף צו דער גאַליצישער אָרעמקייט און קולטורעלער אָפּגעשטאַנענקייט!...

דאָס איז געווען ער, וועלכער אין יוני 1915 האָט אויף דער בונדישער קאָנפערענץ, אין כאַרקאָוו, אַריינגעטראָגן אַ רעזאָלוציע, רעקאָמענ־דירנדיק די בונדיסטן צו נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין די מיליטעריש־אינדוסטריעלע קאָמיסיעס, וועמענס ציל איז געווען צו פאַרשטאַרקן די קאַמף־צוגרייטונגען פון דעם רוסישן חייל. די קאָנפערענץ האָט די רעזאָלוציע אָפּגעוואָרפן.

די דייטשע אינוואַזיע אין ליטע און אין פּוילן, האָט צעריסן די אידישע באַפעלקערונג אין צוויי טיילן. דורך דעם איז אויך דער „בונד" פאַנאַנדערגעטיילט געוואָרן אין צוויי טיילן, יעדער באַזונדער, האָט איצט פאַרגעזעצט די פּאַרטיי־אַרבעט אין פאַרשידענע פּאָליטישע באַ־דינגונגען. יענע בונדיסטן, וואָס זיינען פאַרבליבן אין רוסלאַנד, האָבן

פּיאָנערן און בויער

דורכגעמאַכט אַלע פּאַזן פון דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע ביז צו די באָלשעוויקעס, וואָס האָט זיי פריער צעשפּאָלטן און שפּעטער אין גאַנצן חרוב געמאַכט זייער אָרגאַניזאַציע. די בונדיסטן אין פּוילן, כאָטש וואָס דער רעזשים פון דעם דייטשן אָקופּאַנט איז געווען נישט פיל בעסער ווי דער צאַרישער רעזשים, האָבן דאָך געקראָגן לעגאַלע און האַלב־לעגאַלע מעגלעכקייטן פאַר זייער פּאַרטיי־אַרבעט, ספּעציעל אויפן באַדן פון דער פיל פאַרצווייגטער קולטורעלער און אויך פּראָפעסיאָנעלער און קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג. עס קאָנסטיטואירט זיך אַ קאָמיטעט פון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין פּוילן, אין וועלכן עס גייען אַריין נח, מושקאַט, אָזשעך א. אַ. עס ווערט באַשאַפן אַ צענטראַל ביוראָ פון פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, צו וועלכע עס שטייען צו אַ טוץ ניי־געגרינדעטע יוניאָנס. עס ווערט פאַרשפּרייט אַ רייע פּראָקלאַמאַציעס, וועלכע מאַכן קלאָר די שטעלונג פון „בונד" אין די אַנגעוויטיקטע פראַגן פון דער דאַמאָלטדיקער ערנסטער צייט. דער פּוילישער „בונד" איז געבליבן טריי די פּרינציפּן פון רעוואָלוציאָנערן קלאַסן־קאַמף און פון אינטערנאַציאָנאַליזם.

אין דער איבערגאַנג־צייט

די ברייט־פאַרשפרייטע מיינונג אין די ערשטע טעג, אַז די מלחמה וועט נישט לאַנג דויערן, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר פאַלש. עס איז פאַרביי אַ יאָר, אַנדערטהאַלבן יאָר, בלוט האָט זיך געגאָסן אויף אַלע מלחמה־פראָנטן און מען האָט נאָך אַלץ ניט געקענט זען דעם סוף. אדרבה, די לאַגע איז כסדר געוואָרן קאָמפּליצירטער און די גרעסטע אָפּטימיסטן האָבן נישט געקענט אַנטדעקן וועלכע נישט איז סימנים פון אַ גיכן שלום. דער צוערשט באַגרענצטער קאָנפליקט האָט זיך מער און מער פאַרוואַנדלט אין אַ וועלט־מלחמה.

אונז, אין זשענעווע, האָט געדראָט אַ פולשטענדיקע איזאָלאַציע. אונזערע פאַרבינדונגען מיט ליטע, פוילן און רוסלאַנד זיינען געוואָרן אַלץ שווערער, אַלץ שוואַכער. עס איז כמעט אוממעגלעך געווען צו קאָרעספּאָנדירן. די צענזור האָט אַרויפגעלייגט אויף אַלע בריוו איר שווערע לאַפּע, און זייער וויכטיקע מאַטעריאַלן, וואָס מען האָט אונז אַרויסגעשיקט, זיינען אייניקע מאָל פאַרפאַלן געוואָרן. פון די ידיעות אָבער, אָפּט צופעליקע, וואָס פלעגן צו אונז דערגרייכן, האָט מען געקענט זען, אַז די בונדישע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך גיך צוגעפּאַסט צו די נייע סיטואַציעס, וואָס די מלחמה האָט געשאַפן. אין רוסלאַנד איז זייער טעטיקייט אין דער פּאָליטישער און פראָפעסיאָנעלער באַוועגונג געווען שטאַרק באַשווערט דורך די כסדרדיקע פאַרטרייבונגען פון די אידן, גרויסע מאַסן אידן זיינען געווען געצוואונגען אַרומצואוואַנדערן פון איין אָרט אויף אַ צווייטן. מחמת די אומגליקלעכע באַדינגונגען זיינען כמעט אַלע אָנשטרענגונגען געווען קאָנצענטרירט אויף הילפס־אַרבעט. די הויפּט־אויפגאַבעס פון יענער צייט זיינען געווען העלפן די פאַרטריבענע און אַרבעטסלאָזע, אָרגאַניזירן אַרבעטס־ביוראָען, וואָס זאָלן זאָרגן, אַז די היימלאָזע אַרבעטער זאָלן געפינען אַ באַשעפטיקונג, גרינדן צייטווייליקע קולטור אינסטיטוציעס פאַר זיי.

נאָכדעם ווי די דייטשן האָבן פאַרטריבן די רוסן פון פוילן האָט

פּיאָנערן און בויער

זיך דאָרטן, הגם אין באַדינגונגען פון מלחמה־דיקטאַטור, אָנגעהויבן צו אָטעמען גרינגער. אמת, אָן אָפֿענע פּאָליטישע טעטיקייט איז נאָך אַלץ געווען אוממעגלעך. אָבער עס האָבן אָנגעהויבן לעגאַל צו עקזיס־טירן טרייד־יוניאָנס, אַרבעטער בילדונגס־פֿאַריינען און אַ ביסל שפּע־טער אויך אַן אַרבעטער־פּרעסע. עס האָבן זיך געגרינדעט אין וואַרשע 13 פּראָפֿעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס מיט איבער צען טויזענט מיטגלי־דער. אַלס סעקרעטאַר פון זייער צענטראַל־ביוראָ איז אויסגעקליבן געוואָרן וו. שולמאַן. עס זיינען כסדר אָפּגעהאַלטן געוואָרן גראַנדיעזע מיטינגען. די טרייד־יוניאָנס האָבן געעפֿנט אַרבעטער־קיכן און טיי־הייזער, געגרינדעט אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוון. זייער אינטענסיוו איז געווען געפֿירט די קולטור טעטיקייט. עס עפֿנט זיך אין וואַרשע אַן אַר־בעטער קלוב מיט אַ רייכער ביבליאָטעק. די „געזעלשאַפֿט צו באַקעמפֿן אַנאַלפֿאַבעטיזם" טוט אויסגעצייכנטע אַרבעט. קורסן און לעקציעס פֿאַר דערוואַקסענע אַרבעטער ציען צו גרויסע מאַסן. דאָס דערשיינען פון די „לעבנס־פֿראַגען" אונטער מעדעמס רעדאַקציע, מיט דער מיטאַרבע־טערשאַפֿט פון נח, בייניש מיכאַלעוויטש, זיבערט, דוד איינהאָרן, אַזשעך א. א. רופֿט אַרויס אַן אַלגעמיינע באַגייסטערונג. דער נייער בונדישער אָרגאַן ווערט דער אַנערקענטער אידעאישער וואָרטזאָגער פון די אידי־שע אַרבעטער אין פּוילן.

די טעטיקייט פון „בונד" אין אַנדערע שטעט, ווי ווילנע, לאָדז, טשענסטאָכאָוו וכדומה טראָגט דעם זעלבן כאַראַקטער און קען באַשריבן ווערן כמעט מיט די זעלבע ווערטער. ספּעציעל לאָדז האָט אַרויסגעוויזן אַ סך לעבעדיקייט און איניציאַטיוו. אויף די ריין בונדישע פֿאַרזאַמלונ־גען פֿלעגן קומען פֿינף הונדערט ביז צוויי טויזנט מענטשן, אויף די גע־מישטע — פון בונדיסטן און פון פּוילישע אַרבעטער — פון צוויי ביז אַכט טויזענט. אַן אויסערגעוויינלעך וויכטיקע ראָל האָט געשפּילט די בונדישע קולטור־געזעלשאַפֿט „האַרפֿע", וואָס האָט געציילט אַן ערך טויזנט מיטגלידער. אירע רעפֿעראַטן פֿלעגן זיין באַזוכט פון טויזנטער אַרבעטער. די האַרץ און די נשמה פון „האַרפֿע" איז געווען ח. פּאָזנאַנ־סקי, וועלכער איז ביים אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אומ־געקומען פון די היטלערס מערדער.

אָט־די דערפֿרישנדיקע ידיעות און די אַלץ צאָלרייכערע סימנים,

דזשאַן מילל

אַז רוסלאַנד גייט אויפֿן וועג פון אַן אומפאַרמיידלעכער רעוואָלוציע איז געווען דער איינציקער טרייסט אין אונזער אָפּגעריסנקייט און איזאָ־לירטקייט. מיר האָבן זיך געפונען אין אַ צושטאַנד פון אומרואיקע נישט קלאָרע דערוואַרטונגען. עס איז אַלץ ווייניקער געוואָרן וואָס צו טאָן. דאָס „אינפאָרמאַציע בלעטל” („אינפאָרמאַציאָני ליסטאָק”), וואָס דער אויסלענדישער קאָמיטעט האָט אַרויסגעגעבן, האָט זיך אָפּגעשטעלט סוף 1915. נאָך אים זיינען דערשינען צוויי נומערן פון „ביולעטין” — און דאָס אַלץ. עס האָט אַחוץ דעם אָנגעהויבן צו פלאָגן די מאַטעריעלע זאָרג. אַלע אָן אויסנאַם זיינען געווען אויף צרות. דער אַלץ וואַקסנדיקער יקרות האָט די לאַגע נאָך פאַרערגערט. די אונטערשטיצונג, וואָס די פּאָליטישע עמיגראַנטן אין זשענעווע האָבן אָנגעהויבן צו באַקומען פון דעם רעוואָלוציאָנערן „רויטן קרייץ” אין אַמעריקע איז געווען צו קליין צו באַפרידיקן די נויט. די 50־80 פראַנק (10־16 דאָלאַר) אַ חודש, וואָס דער דאָזיקער „רויטער קרייץ” האָט געזאָלט שיקן, פלעגט נישט אָנקומען רעגעלמעסיק, אָנשטאָט יעדן חודש, פלעגט דאָס אָנקומען איין מאָל אין צוויי חדשים. צום ערשטן מאָל, זינט איך האָב פאַרלאָזן פּאָנעוועזש, האָב איך פערזענלעך אויך אָנגעהויבן צו פילן דעם טעם פון פינאַנציעלער נויט.

„דער גורל דרייט זיך ווי אַ ראָד"... איך פאָר קיין אַמעריקע. — אַ ירושה

נישט נאָר די פּאָליטישע עמיגראַנטן האָבן זיך געפונען אין אַזאַ פיינלעכער פינאַנסיעלער לאַגע. די גרויסע מאַסע רוסישע בירגער, וואָס זיינען דורך דער מלחמה אָפּגעריסן געוואָרן פון זייערע היימען און געבליבן זיצן אין די לענדער פון רוסלאַנדס פאַרבינדעטע און אין די נייטראַלע לענדער, ספּעציעל אין דער שווייץ, האָבן באַלד אויך דער־פילט, אַז זיי זיינען אויף גרויסע צרות. אייניקע פון זיי, אַפילו פון די גרעסטע גבירים, זיינען געבליבן אָן אַ גראָשן אין קעשענע. זיי האָבן געזוכט הילף אין די רוסישע אַמבאַסאַדעס, געשיקט פּעטיציעס, זיך גע־בעטן, אָבער אָן קיין שום פּעולה. די רוסישע רעגירונג האָט דעמאָלט געהאַט וויכטיקערע זאָרג און די פאַרצווייפלטע בקשות פון אירע פאַר־וואָרפענע בירגער, כאָטש אָנגעהעריקע צום פּריווילעגירטן קלאַס, האָבן איר ווייניק געריִרט. ווען איך בין נאָך געווען אין ווישי, האָבן די דאָר־טיקע רוסישע קוראָרט־געסט, צו וועלכע עס האָט געהערט די „שמאַנט" פון דער רוסישער געזעלשאַפט — אַריסטאָקראַטן, גענעראַלן, הויך־ראַנגיקע באַאַמטע — אָוועקגעשיקט אַ דעלעגאַציע מיטן אָרטיקן רוסישן פּאָפּ בראָש קיין פּאַריז צו דעם אַמבאַסאַדאָר איזוואָלסקי, זיך משתדל זיין פאַר זיי און אויסבעטן באַלדיקע הילף — און די דעלעגאַציע האָט זיך צוריקגעקערט מיט ליידיקע הענט... די באַליידיקטע באַשיצער פון רוסישן צאַריזם האָבן זיך „צעבונטעוועט" און גערופן אַ פאַרזאַמלונג, עס האָבן זיך געלאָזט הערן גאַנץ האַרבע ווערטער קעגן דעם אומפאַר־געבלעכן אינדיפערענטיזם פון רוסלאַנד לגבי אירע „טרייע זין".

די אומבאַשטימטקייט און נישט קלאָרקייט פון דער לאַגע, דער ספק צי די מלחמה וועט זיך באַלד ענדיקן, די געצוואונגענע אומטעטי־קייט פונם אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד" און דער עיקר די פינאַנ־ציעלע שוועריקייטן, פון וועלכע אויך איך האָב אָנגעהויבן צו ליידן,

דזשאַן מילל

האָבן מיך באַוואויגן גוט זיך צו פאַרטראַכטן וועגן אַ פאַרשלאַג, וואָס מיינע קרובים פון שיקאַגאָ האָבן מיר געמאַכט.

„צו וואָס איצט, אין אַזאַ אומרואיקער און שווערער צייט, זיצן אין אייראָפּע ?" האָבן זיי ביי מיר געפרעגט ; „עס איז אָפן פאַר דיר אַ גריג־גער „דזשאָב", אַ באַשעפטיקונג אין אָפיס פון אונזער דענטיסטישער לאַבאָראַטאָריע ; אויב עס וועט דיר דאָ נישט געפעלן, אויב דו וועסט נישט וועלן דאָ פאַרבלייבן כדי זיך איינאָרדנען אין אַמעריקע, וועסטו דאָך קענען גלייך נאָך דער מלחמה זיך אומקערן צוריק קיין אייראָפּע".

עס האָט געקלונגען שכלדיק, לאָגיש. וואָס האָב איך געקענט פאַר־לירן ? איך האָב דאָך סיי־ווי־סיי נישט געהאַט וואָס צו טאָן. אפשר איז עס אַן עסק בלויז פון עטלעכע חדשים, און איך וועל זיין צוריק.

וולאַדימיר קאָסאָווסקי און פראַנץ קורסקי, האָבן מיר געראָטן נישט צו מאַכן אַזאַ שריט. פאַר די געלט פון די רייזע־הוצאות וועל איך דאָך קענען באַקוועם אָפּלעבן עטלעכע חדשים אין דער שווייץ, און דער עיקר — עס איז זייער געפערלעך אונטערצונעמען די דאָזיקע רייזע : די דייטשע סאָבמאַרינעס לויערן אין די וואַסערן פון דעם אַטלאַנטישן ים און נישט וויניק שיפן זיינען דורך זיי שוין דערטרונקען געוואָרן.

אויך דאָס איז געווען לאָגיש און שכלדיק. אָבער די צרה איז באַ־שטאַנען אין דעם, וואָס די געלט האָב איך געקענט קריגן — אויב איך פאָר, און נישט אויף צו פאַרנוצן אין דער שווייץ.

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס מיינע קרובים אין שיקאַגאָ זיינען מיר פערזענלעך געווען גאַנץ פרעמד, האָבן זיי פונדעסטוועגן מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם איין־און־איינציקן קוואַל, פון וואַנען איך האָב געקענט באַרגן געלט.

די דאָווגיערדס ? זיי זיינען גראָד דאַן געבליבן שטעקן אין לאָזאַן און זיך נישט געקענט רירן נישט אַהין און נישט אַהער, ווייל ענלעך צו אַנדערע, וואָס האָבן געשטאַמט פון רוסלאַנד, האָבן אויך זיי נישט גע־קענט זיך געבן אַן עצה אין דעם ענין „געלט". די אַלע וואַקסענדע אינ־פלאַציע, דאָס פאַלן פון דעם ווערט פון דעם רוסישן רובל, די אוממעג־לעכקייט צו קריגן אַ הלוואה אין די בענק קעגן אַ פאַרזיכערונג פון רוסישע ווערט־פּאַפּירן, און שפּעטער דער תוהו ובוהו אין ליטע און פוילן מיט די טיפע פאָליטישע און סאָציאַלע פאַרענדערונגען, האָבן זיי

אָוועקגעשטעלט אין אַ פּאָזיציע, וואָס ווי זיי האָבן געאורטיילט, לויט די אומגינסטיקע סמנים, איז געווען אַ קנאַפּע האָפענונג, אַז מען זאָל פון איר קענען געפינען אין גיכן אַן אויסוועג. עס האָט מיך ניט געוואונדערט, ווען שפּעטער שוין זייענדיק אין שיקאַגאָ, האָב איך דערהאַלטן פון זיי אַ בריוו, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט די פאָלגנדע ווערטער פון אַ משל:

(דער גורל דרייט זיך ווי אַ ראָד, היינט איך, מאָרגן — דו).
‘‘Fortuna kołem się toczy, Dziś ja, jutro — ty’’.

ניין, דעמאָלט האָבן זיי גאָרנישט געקענט טאָן פאַר מיר און איך האָב גאָרנישט דערוואַרט. גראָד פאַרקערט. מיין הייסעסטער, לײדנשאַפטלעכסטער וואונש איז געווען צו געפינען אין דער דאָזיקער אײַבערגאַנגס־צייט אַ וועג ווי קומען זיי צו הילף. איך בין זיי דאָס געווען שולדיק — פאַר זייער נישט־אונטערגעבראָכענער פריינטלעכער, האַרציקער באַציאונג צו מיר אין משך פון 25 יאָר, פאַר זייער אייביקער גרייטקייט צו העלפן מיר אין פאַל פון נויט, פאַר דער אויסערגעוויינלעכער אויפמערקזאַמקייט, מיט וועלכער זיי האָבן מיך תמיד אַרומגערינגלט.

און טאַקע, גלייך ווי איך האָב זיך איינגעאָרדנט אין שיקאַגאָ און אָנגעהויבן צו פאַרדינען, האָב איך אויך אָנגעהויבן פּינקטלעך צו טיילן זיך מיט זיי מיט מיינע באַשיידענע פאַרדינסטן און דאָס האָט געדויערט ביז די מלחמה האָט זיך געענדיקט און זיי האָבן זיך צוריקגעקערט קיין וואַרשע און ווילנע.

וויל איך שוין דאָ אגב דערציילן, כאָטש איך פאַרלויף פאָרויס, וואָס פאַר אַ סורפּריז איך האָב געהאַט מיט אַ 15 יאָר שפּעטער. אין 1931 איז צופעליק, פּשוט דורך אַ נס, דערגאַנגען צו מיר אין שיקאַגאָ, אַ בריוו, וואָס האָט אַרומגעוואָנדערט אַן ערך אַ יאָר צייט מחמת דעם, וואָס ער איז געווען אַדרעסירט אויף אַ זייער אַלטן אַדרעס מיינעם. אין דעם דאָזיקן בריוו האָט דאָוגיערדס פלימעניצע מיר מיטגעטיילט, אַז צווישן די איבערגעלאָזענע פּאַפּירן פון די פאַרשטאָרבענע דאָוגיערדס האָט זיך אויך געפונען אַ צעטל וועגן אַ דעפּאָזיט אויף מיין נאָמען פון עטלעכע צענדליק טויזנט רובל אין ווערט־פּאַפּירן אין דער בערלינער „רייכסבאַנק”. דער דעפּאָזיט איז געווען אויסגעשטעלט מיט אַ פינף־

דזשאַן מיל

זעקס יאָר פאַר דער מלחמה מיטן תנאי, אַז בלויז נאָך דאַוועיגיערדס טויט זאָל ער איבערגיין צו מיר. אויך אַ מין צוואה האָט זיך געפונען צווישן די פּאַפּירן געשריבן אין ווערטער פון טיפער פריינטשאַפט און דאַנקבאַרקייט פאַר מיין „גוט האַרץ", פאַר דעם, וואָס איך האָב זיי נישט פאַרגעסן אין דער שווערער צייט, וואָס זיי זיינען דורכגעגאַנגען !...

איך האָב זיך תיכף געשטעלט אין פאַרבינדונג מיטן באַנק אין בערלין. יע, די באַנק האָט פיל מאָל פּרובירט אויסזוכן די דאַוועיגיערדס אָדער מיך, אָבער אַלע פּרוואוון האָבן זיך אויסגעלאָזן מיט גאָרנישט: די בריוו פלעגן קומען צוריק. איצט, ווי נאָר איך וועל צושטעלן אַ סערטיפיקאַט פון דאַוועיגיערדס טויט, וועט דער דעפּאָזיט דאַן געזעצלעך איבערגיין צו מיר.

איך האָב זיך תיכף געווענדעט צום פּוילישן קאָנסול אין שיקאַגאָ, און אין דריי חדשים אַרום האָב איך אַזאַ סערטיפיקאַט דערהאַלטן.

נישט אַפּלייגנדיק אויף לאַנג, זיינען מיר — מיין פרוי און איך — אָפּגעפאָרן קיין בערלין אָפּצונעמען די ירושה. זי איז באַשטאַנען פון פאַר'מלחמה'דיקע אָבליגאַציעס פון די שטעט וואַרשע, לאָדז און פון ווילנער „אַגראַר באַנק". זייער ווערט איז, מחמת די פאַרשידענע אינפלאַציעס און צוליב דער רעאָרגאַניזירונג פון די בענק, נאָכדעם ווי פּוילן איז געוואָרן אַ זעלבסטשטענדיקע מדינה, געפאַלן כמעט צו גאָרנישט. אַנשטאָט די עטלעכע צענדליק טויזענט רובל האָב איך באַקומען קוים אַכט הונדערט דאָלאַר שוין אַריינגערעכנט די אָנגעזאַמלטע צינזן — און די דאָזיקע סומע האָט געדעקט בלויז אַ טייל פון די רייזע־הוצאות. אַ גרויסע, אָבער כמעט אַ ווערטלאָזע ירושה !...

איינראָפּע האָב איך פאַרלאָזן סוף 1915. אָפּגעפאָרן בין איך אין אַן אומעטיקער, געדריקטער שטימונג, נערוועז, מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ, טראָץ וואָס איך האָב געהאָפט גאָר גיך זיך צוריקצוקערן. אַז די אומשטענדן זאָלן זיך אַזוי ראַדיקאַל פאַרענדערן אין משך פון גאָר אַ קורצער צייט און זאָלן מיך צווינגען צו פאַרבלייבן אין אַמעריקע — פון אַזאַ סוף האָב איך נישט געהאַט דעם קלענסטן פאַרגעפיל. אַזאַ געדאַנק וואָלט מיר דאַמאָלט אויסגעקוקט ממש פאַר אוממעגלעך.

פּיאָנערן און בויער

אָבער דאָס אוממעגלעכע און אומדענקבאַרע איז פאַרט געוואָרן אַ רעאַליטעט.

דער גאַנג פון דער רוסישער רעוואָלוציע, די געשעענישן אין „בונד", די ליקווידאַציע פון זיין אויסלענדישן קאָמיטעט, דער כאַאָס אין אייראָפּעאישן לעבן, און דער עיקר די אויסזיכטסלאָזיקייט איינצו־אָרדנען זיך מאַטעריעל וואו־עס־איז אין אייראָפּע — דאָס אַלץ האָט באַ־דייט איין זאַך: בלייב אַוואו דו ביסט . . .

מיין ווייטערדיק לעבן איז געווען אַ מיזאַמע צופּאַסונג צו גאָר נייע באַדינגונגען און אינטערעסן: פּאָליטישע, סאָציאַלע און פּאַרטייאישע.

מיט דעם אייגנטלעך וואָלט איך געקענט פאַרענדיקן מיינע מעמו־אַרן פאַר דער עפּאָכע 1898־1916. אָבער אין די ערשטע פאַר יאָר אין שיקאַגאָ, האָב איך גייסטיק נאָך פאַרגעזעצט צו לעבן מיטן לעבן פון אייראָפּע, מיט אירע פאַרשידענע אינטערעסן, און מיינע דאַמאָלטדיקע איבערלעבונגען זיינען אין אַ גרויסער מאָס געווען פאַרקניפּט מיט די גע־שעענישן „דאָרטן", אויף יענער זייט ים.

עפּילאָג

איך בין אין שיקאַגאָ... אין דער גרויסער, טומלדיקער שטאָט פּיל איך זיך נידערגעשלאָגן, פרעמד, און מיין שטימונג איז אָפּט אויף דער גרענעץ פון יאוש. עס איז מיר שווער זיך צוגעוואוינען צו דער נייער סביבה, צו דעם נייעם אַרום. עס פעלט מיר דער דערפרישנדיקער, אויפמונטערנדיקער קאָנטאַקט מיט אינטימע פריינט און חברים, ווי איך האָב דאָס געהאַט אין איראָפּע. איך קען ממש זיך נישט צופּאַסן צו די פּאָליטיש און גייסטיק פרעמדע פאַר מיר מענטשן, און ווי־עס־איז שלום מאַכן מיט די באַדינגונגען, וואָס האָבן אַזוי גרינטלעך אומגעביטן מיין לעבנס־שטייגער. אָן אַ וועלכער נישט איז פּאַראינטערעסירונג, אַפּאַטיש, אַפילו מיט אַ געוויסער דאָזע ווידערווילן, טו איך אָפּ טאָג־איין טאָג־אויס מיין אַרבעט אין אָפּיס, אָן אַרבעט, וואָס וועט געטאָן אָן דעם מינדעסטן גייסטיקן סטימול און וועלכע עס וואָלט געקענט לייכט אויס־געפירט ווערן פון אַ 14־15 יאָריק מיידל. מיט מיינע קרובים, די אייגנ־טימערס פון דער לאַבאָראַטאָריע, האָב איך נישט קיין שום געמיינזאַמע אינטערעסן און איך האָב גאָר נישט מיט זיי וועגן וואָס צו רעדן. אָפּט שעם איך זיך פאַר זיך אַליין, אַז אויף אָט־דעם וועג, דורך אַזאַ מין קינ־דערשע אַרבעט קומט מיר אויס צו „מאַכן אַ לעבן". איך האָב נישט קיין שום וואונטש און אַמביציע צו זוכן עטוואָס בעסערס, נוצלעכערס שכלי־דיקערס. צו וואָס? עס איז נישט אויף לאַנג. באַלד, אָט־אָט, וועל איך דאָך זיך לאָזן אויפן וועג צוריק קיין איראָפּע... אָבער דער „צוריק" איז קיינמאָל ניט געקומען...

דערווייל האָב איך זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן צו דער דאָזי־קער שטימונג און ווי מעגלעך זיך געראַנגלט קעגן איר. אַפילו אין דער קורצער צייט, וואָס איך האָב פּראָיעקטירט דאָ צו פאַרברענגען, האָב איך נישט געוואָלט פאַרגליווערט ווערן געזעלשאַפטלעך און פּאָליטיש. אַ רעקאָמענדאַציע בריוו פון אַב. קאַהאַן, דעם רעדאַקטאָר פון „פאָר־ווערטס", צו פּיטער זוסמאַן, דאַמאָלט אַ באַוואוסטער אַרבעטער־טוער

און אַדוואָקאַט, האָט מיך אַריינגעפירט אין די שיקאַגער סאָציאַליסטישע קרייזן, אידישע און נישט אידישע, און דורך דעם געעפנט פאַר מיר אַ וועג פאַר באַשיידענער סאָציאַליסטישער אַרבעט. איך האָב אויך אויסגעזוכט עטלעכע אַמאָליקע בונדיסטן און בונדישע סימפּאַטיקער, און אויף אַזאַ אופן האָט זיך אין אַ געוויסער מאָס באַשאַפן אַ קרובה׳שע גייסטיקע אַטמאָספערע.

ווי איך האָב שוין דערמאָנט, האָב איך די ערשטע פאָר יאָר מיט אַלע מיינע געדאַנקען און מיט מיין גאַנצער נשמה געפילט ווי איך וואָלט זיך געפונען נישט אין שיקאַגאָ, נאָר ווי איך וואָלט נאָך געווען אין אייראָפּע. די געשעענישן פון וועלט־היסטאָרישער באַדייטונג האָבן זיך אַנטוויקלט מיט אַן אומבאַשרייבלעכער שנעלקייט. בלויז עטלעכע חדשים זיינען פאַרביי זינט איך האָב פאַרלאָזן זשענעווע. און ווי שטאַרק דאָס בילד האָט זיך אָנגעהויבן צו ענדערן! אַ נייע וועלט, נייע סאָציאַלע און פּאָליטישע באַציאונגען, נייע אויפגאַבן און צילן. אַלטע גרענעצן פאַרווישט, נייע מלוכות געבאָרן. אונזערע חלומות הייבן אָן פאַרווירקלעכט צו ווערן. סוף כל סוף פאָרט דערלעבט די ליכטיקע שעה. דער צאַריזם איז געפאַלן, די רוסישע דעספּאָטיע איז אין חורבות, רוסלאַנד איז פריי. די אידישע אַרבעטער זיינען שטאָלץ, וואָס מיט זייערע לאַנגיאָריקע שווערע קרבנות און מיט דעם בלוט, וואָס זיי האָבן אַזוי ווילּיק פאַרגאָסן, האָבן זיי מיטגעהאָלפן ברענגען די מפּלה פון די שוואַרצע כוחות. אַלע בירגער פון לאַנד, אָן אונטערשייד פון ראַסע, נאַציע, רעליגיע האָבן גלייכע רעכט און די זעלבע פליכטן. עס הערשט אומבאַגרענצטע קאָאַליציע פרייהייט, פרייהייט פון וואָרט. עס איז פאַרשוואונדן דער „אונטערערד״, אַלץ ווערט געטאָן אָפן, אָן באַהעלטעניש. שווער איז צו טרויען די אייגענע אויגן. אָט איז שוואַרץ אויף ווייס אין אַ רוסישער צייטונג אין פּעטראָגראַד: „נעכטן איז אין ליטייני טעאַטער פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג פון דעם „אַלגעמיינעם אידישן אַרבעטער בונד״, מיט רעפעראַטן איז אַרויסגעטראָטן ה. ערליך, ד. זאַסלאַווסקי, מ. ראַפּעס און אין אַן אַנדער אָרט פון דער זעלבער צייטונג: „אין סאָוויעט פון אַרבעטער דעפּוטאַטן איז דער „בונד״ פאַרטראָטן דורך ערליכ׳ן און זאַסלאַווסקין;״ אָט גייט אַרויס אָפן, פריי אַ בונדישע צייטונג די

דזשאָן מילל

„אַרבעטער שטימע״ מיט דער מיטאַרבעטערשאַפט פון ערליך, קאַנטאָראָוויטש, זאַסלאַווסקי, ראַפעס, הייליקמאַן; אַט קריג איך אַ פּאָסטקאַרט פון אַנאַ ראָזענטאַל, דעמאָלט פּאַרטיי סעקרעטאַרן פון „בונד״, וואָס בעט מיך שרייבן אויפן אַדרעס: „ביוראָ בונדאַ, ניקאָלאַיעווסקאַיאַ 78, פּעטראָגראַד״; אַט שרייבט מען מיר פון זשענעווע, אַז עס איז דערהאַלטן געוואָרן די פאָלגענדע טעלעגראַמע פון פּעטראָגראַד: „אויסלענדישער קאָמיטעט פון בונד, קאַרוזש 81, דעם ערשטן אַפּריל (1917) ווערט אָפּגעהאַלטן ווערן אַ קאָנפערענץ פון „בונד״, מיר דערוואַרטן 75 דעלעגאַטן פון פאַרשידענע שטעט, צענטראַלער קאָמיטעט פון „בונד״...

אַלץ קלינגט אומגלויבלעך, פאַנטאַסטיש.

אויסערגעוויינלעך און אומגלויבלעך זיינען אויך די ידיעות, וואָס איך קריג פון זשענעווע. פראַנצ׳ס בריוו זיינען פול מיט באַגייסטערונג און עקזאַלטאַציע, וולאַדימירס, אַ סך רואיקער, געלאַסענער. ביידע קלייבן זיך אין גיכן צו פאָרן קיין פּעטראָגראַד, זיי וואַרטן בלויז אויף די נויטיקע וויזעס. דער אויסלענדישער קאָמיטעט האָט זיך פאַנאַנדערגעלאָזן, זיין הויפּט־קוואַרטיר אויף קאַרוזש, וועלכע ער האָט פאַרנומען אין משך פון 15 יאָר, איז שוין אויפגעגעבן, די ביבליאָטעק און אַרכיוו שוין איינגעפּאַקט און אַריבערגעפירט אין אַ שפּייכלער. ווען פאָר איך קיין פּעטראָגראַד? פרעגן זיי ביי מיר. פאַר זייער אָפּפאָרן וועלן זיי מיר טעלעגראַפירן, און — „זייט געזונט, מיר וועלן זיך זען אין קורצן אין פּעטראָגראַד״...

גאָר וואונדערבאַר זיינען אויך די נאַכריכטן פון פּוילן. ווער האָט זיך געקענט ריכטן אויף אַזעלכע גרינטלעכע ענדערונגען אין אַזאַ קורצע צייט? די געשעענישן דאָ באַוועגן זיך — כאָטש נישט אויפן זעלבן אופן און נישט מיט די זעלבע רעזולטאַטן — אפשר נישט פּאַמעלעכער ווי אין רוסלאַנד גופא. פריער אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע, שפּעטער אין באַפרייטן פּוילן וואַקסט דער „בונד״ אויס אין אַן אמת׳ער אָפּענער פּאָליטישע פּאַרטיי פון די אידישע אַרבעטער. אַט קומען פאָר וואַלן אין די שטאָט־ראַטן אין פאַרשידענע שטעט, און דער „בונד״ קען פאַרצייכנען אַ שיינעם דערפאָלג טראָץ דעם, וואָס אַלע אַנדערע אידישע פּאַרטייען און גרופּירונגען — אָרטאָדאָקסיע, אַסימיליאַטאָרן און ציוי־

פיאָנערן און בויער

גיסטן פון אַלערליי קאַלירן — האָבן זיך פאַרייניקט אין קאַמף קעגן זיין פּלאַטפאָרמע. אין לאָדזש, ווערט אויסגעוויילט דער לערער י. ליכטענשטיין, אין וולאָצלאַוועק, דער אַרטיקער לאַנגיאָריקער בונדישער טוער הילער, אין קאַליש צוויי בונדיסטן, אין בענדין פּיסאַכזאָן, איינער פון די פּיאָנערן פון דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג אין פּוילן, אַ מיטגליד פונם „בונד" זינט זיין עקזיסטענץ. די צאָל מיטאַרבעטער אין דער וואַל־קאַמפּאַניע אין לאָדז, איבער פינף הונדערט. מיטינגען מיט מעדעמען אַלס הויפּט רעדנער, וואָס איז ספּעציעל געקומען פון וואַרשע, ציען צו פיר טויזענט צוהערער. די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס פון טעקסטיל אַרבעטער, פון בעקער, לעדער־אַרבעטער, מאַלער, האָלץ און פּאַפּיר אַרבעטער, נעמען אָן דעם „בונדס" פּלאַטפאָרמע. אַפילו אין דער קליינער שטאָט וולאָצלאַוועק, האָט דער „בונד" געהאַט ביין וואַל־מיטינגען מיט פינף טויזענט אַנטיילנעמער.

אַט ווערט צום צווייטן יאָר זינט עס דערשיינען די „לעבנס־פראַגען" אָרגאַניזירט אין גאַנץ פּוילן אַ פּרעסע־טאָג. ער ווערט געקרוינט מיטן גרעסטן דערפאָלג הן אין פינאַנציעלער הן אין מאָראַלישער הינזיכט. אַט אַראַנזשירט דער אַרבעטער קלוב אויפן נאָמען פון „בראָניסלאַוו גראָסער" אין וואַרשע, צוויי ליטעראַריש־מוזיקאַלישע אָוונטן געווידמעט דעם 60־יאָריקן יובילי פון מאָריס ווינטשעווסקי, מיט אַ פּראָגראַם, וואָס ווערט אויסגעפירט דורכן כאָר און פון דער דראַמאַטישער סעקציע ביים קלוב. אַט פאַרעפנטלעכט די בונדישע „געזעלשאַפט צו באַקעמפן דעם אַנאַלפאַבעטיזם" אַ סעריע לעקציעס מיט טעמעס פון: פּאָליטישע עקאָנאָמיע, פּוילישע ליטעראַטור, עקאָנאָמישע און פּאָליטישע געאָגראַפיע, אַלגעמיינע געשיכטע, די יסודות פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, קולטור געשיכטע...

דאָס אַלץ איז אַזוי ביי, אַזוי פאַרשידן אין אינהאַלט און פאָרמע, אַז מען קען נישט נתפּעל ווערן פונם פאַרנעם און כאַראַקטער פון דער בונדישער טעטיקייט ווי זי האָט זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען. דאָס איז דאָך גאָר אַן אַנדער וועלט, וואו מען קען אָטעמען, וואו מען קען לעבן, וואו די לופט איז רייבער און געזינטער.

ווי באַוואוסט, האָבן אָבער די דאָזיקע האָניק־חדשים לאַנג

נישט געדויערט. איידער מען האָט באַוויזן זיך אַרומצוקוקן, איז דער שיינער בלויער הימל פון ישועה און האָפנונג באַלד באַדעקט געוואָרן מיט געדיכטע שוואַרצע שטורם־וואָלקענס. דער באַוואָפנטער אויפשטאַנד פון אַ מינאָריטעט פון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע, די באָלשעוויסטישע איבערקערעניש, האָט צונישט געמאַכט אַלע פּלענער און דערוואַרטונגען. דער אומבאַגרענעצטער טעראָר פון די באָלשעוויקעס, די פאַרפאָלגונגען, אונטערדריקונג און צום סוף די פולשטענדיקע פאַרניכטונג פון אַלע געזעלשאַפטלעכע עלעמענטן, וואָס זיינען נישט געווען הונדערט פּראָצענט קאָמוניסטיש, האָבן אויסגעמעקט די פריערדיקע אילוזיעס וועגן דער מעגלעכקייט פון אַ ווייטערדיקער פרייער און נאָרמאַלער אַנטוויקלונג אויפן וועג צום סאָציאַליזם. עס האָט זיך נישט איינגעגעבן צו מאָביליזירן און קאָנצענטרירן די כוחות פון אַרבעטער־קלאַס אַרום דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן פּראָגראַם און זיך אַנטקעגנשטעלן דער דיקטאַטור פון דער מינדערהייט. דאָס לעבן ביי אַזעלכע באַדינגונגען האָט נאַטירלעך נישט נאָר פאַרלוירן יעדן רייץ, נאָר אויך געוואָרן געפערלעך פאַר אַלע יענע, וואָס האָבן באַקעמפט דעם עצם פון דיקטאַטור, אָדער וואָס זיינען אפילו איינפאַך נישט געווען מסכים מיט אירע מעטאָדן.

אויף פּוילן, נאָך דעם, ווי זי איז אויפגעשטאַנען תחית המתים, נאָך די ערשטע יום־טוב׳דיקע יובל־טעג און פאַר׳שכורט׳קייט, האָט זיך אַ קערעווע געטאָן אויף שעדלעכע געפערלעכע אָפּט שענדלעכע וועגן. אַלע אַמאָליקע פייערלעכע דערקלערונגען פון די פּוילישע סאָציאַליסטן, אַז אין אומאָפּהענגיקן פּוילן וועלן די אידן זיין זיכער מיט זייער לעבן און וועלן געניסן גלייך מיט די פּאָליאַקן בירגערלעכע און קולטורעלע פרייהייט, האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר פאַלש. אַ פּאָגראָם כוואַליע האָט זיך באַלד פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד, דערהויפּט אויף דער פּראָווינץ און אין גאַליציע, און אידיש בלוט האָט זיך געגאָסן אין פּינסק, לידע, לובלין, ווילנע און אַפילו אין וואַרשע. מיט זייער אַכזריותדיקייט האָבן די פּאָגראָמען אָפּטמאָל דערמאָנט די אידישע בלוט־באָד פון 1905 אין רוסלאַנד. באַזונדערס שטאַרק האָט געווילדעוועט דאָס מיליטער. פאַקטיש איז דאָן די גאַנצע רעגירונגס־מאַכט געלעגן אין די

פּיאָנערן און בויער

הענט פון קרעאַטורן פון דעם אַנטיסעמיט און „נאַראָדאָוויעץ" דמאָווסקי, און פון אַ מיליטערישער קליקע, וועלכע האָט געשטאַמט פון די אַלטע צאַרישע צייטן. דער קריגס מיניסטער אַליין, גענעראַל לעסנעווסקי, האָט פאַר דער באַפרייאונג פון פוילן געדינט אין דער צאַרישער אַרמיי און אַפילו נישט געקענט ריידן פויליש ווי געהעריק.

בינו לבינו האָבן די פאַרענדערונגען פון וועלט־היסטאָרישער וויכ־טיקייט געבראַכט אַנטוישונגען אָן אַ סוף, נייע זאָרג און ספקות, אָן אַ שיעור אומקלאָרע און אומבאַשטימטע דערוואַרטונגען, אומרואיקייט און פּיין.

עס איז אָבער געווען אַ גרויסע נפקא־מינה צווישן דער לאַגע אין רוסלאַנד און אין פוילן. דאָרטן איז דער „בונד" צוזאַמען מיט אַלע אַנ־דערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין גיכן אין גאַנצן באַרויבט געוואָרן פון יעדע עקזיסטענץ־מעגלעכקייטן, אין פוילן האָט דער „בונד" פאַרט געקענט פאַנאַנדערוויקלען אַלע זיינע כוחות און אויסאיבן אַ געוויסע השפעה אויף אַלץ גרעסערע מאַסן. עס זיינען פאַרביי בלויז אַ פּאָר יאָר און די ראָל, וואָס דער „בונד" האָט אָנגעהויבן צו שפּילן אין פוילן, איז באמת געוואָרן אימפּאָזאַנט. „אונזער גאַנצע חברה אין וואַרשע" — האָט מען מיר געשריבן — „אַרבעט אויף טיש און אויף בענק. מיר האָבן ווידער באַהערשט די גאַנצע אידישע אַרבעטער באַוועגונג און שטייען פעסט און מעכטיק אויף די פיס. אַפילו די גרויסע צרות פון אַלערליי פאַשיסטן און אַנדערע כוליגאַנישע אָרגאַניזאַציעס שרעקן אונז נישט. מיר האָבן געשאַפן קעגן זיי אַ זעלבסטשוץ, וואָס באַשטייט פון אַן ערך טויזנט אידישע אַרבעטער און אַרבעט אין אַ קאָנטאַקט אויך מיט די פוילישע לינקע אָרגאַניזאַציעס... נח, איז שוין גרוי געוואָרן אין דער פּאַרטיי אַרבעט. ער איז דער פאָרזיצער פון אונזער פּאַרטיי און, ווי אַ געטרייער סאָלדאַט, גיט ער אַוועק זיינע 24 שעה פאַר דער באַוועגונג. ביניש איז מיט אַ זעקס יאָר יינגער פון אים, ווי איר ווייסט, אָבער ער מאַכט דעם איינדרוק פון אַ גרייז־גרויען זקן, און ער האָט נאָך אַ האַרץ־פעלער דערצו. פונדעסטוועגן האַלט ער זיך גלענצנד. ער פילט אויס גאַנצע זייטן פון דער „פאָלקס־צייטונג" און מיט זיין וואונדערלעכער לייבן־שטימע רודערט ער אויף ביי יעדער געלעגנהייט די אַרבעטער־

ד ז ש אַ ן   מ י ל ל

מאַסן פון וואַרשע .ערליך איז דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון אונזער צייטונג. אַ קרישטאַל־ריינער מענטש, וועלכער איז ביי אַלעמען האַרציק באַליבט און פון אַלעמען, אָן אויסנאַם, טיף געשעצט. ער האָט זיך גלענצענד אויסגעאַרבעט און איז געוואָרן איינער פון אונזערע שענסטע און בעסטע פירער. אפילו די פּוילישע שוואַרץ־מאה׳ניקעס פון אונזער שטאָט־ראָט האָבן פאַר אים שטאַרק דרך ארץ, שוין נישט רײדנדיק פון די אַרבעטער מאַסן — סיי אידישע, סיי פּוילישע, וואָס פאַרגעטערן אים ממש. אַ גאָלדענער מענטש״...

עס איז אפשר אינטערעסאַנט דאָ צו דערמאָנען, אַז דאָס אויסשליסן פון אָט־די מענטשן: פון נח, ערליך, מיכאַלעוויטש, ווי אויך דאָקטאָר בראָס און י. ליכטענשטיין (פון לאָדז) האָט דער קאָמאינטערן געשטעלט אַלס איינע פון די באַדינגונגען צוצולאָזן דעם „בונד״ אין זיינע רייען...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

מחמת דער פאַרענדערטער לאַגע זיינען קאַסאָווסקי און קורסקי קיין רוסלאַנד נישט געפאָרן. פון זשענעווע האָבן זיי זיך אַריבערגעקליבן קיין בערלין, וואו פראַנץ קורסקי איז אין גיכן — אַ דאַנק זיין אינטי־מער פריינטשאַפט מיט די גרוזינישע סאָצ. דעמ. דעפּוטאַטן טשכעאידזע, טשענקעלי א. אַ. — באַשטימט געוואָרן אַלס שטעלפאַרטרעטענדער אַמ־באַסאַדאָר פון דער גרוזינישער סאָצ. רעפּובליק. זיין דיפּלאָמאַטישע קאַריערע האָט זיך אָבער באַלד איבערגעריסן. די באָלשעוויסטישע אינוואַזיע פון דער גרוזינישער סאָציאַליסטישער רעפּובליק האָט גע־מאַכט אַ גיכן סוף סיי פון איר און סיי אויך פון איר סאָציאַליסטישער רעגירונג.

אויך פאַר מיר איז די פאַרענדערטע לאַגע געווען דעצידירענד: איך האָב דערוויל אויפגעגעבן דעם געדאַנק פון פאָרן צוריק קיין איי־ראָפּע. דאַקעגן האָב איך מער און מער געזוכט זיך איינצואוואָרצלען אין דער אַמעריקאַנער סביבה און ווי־עס־איז זיך צוטוליען דאָ צו דער סאָ־ציאַליסטישער באַוועגונג, וועלכע האָט דעמאָלט געשפּרודעלט מיט לעבן און איניציאַטיוו.

און ווידער הייבט זיך אָן פאַר מיר אַ ניי לעבן, ביי גאָר אַנדערע אומשטענדן און אין גאָר נייע באַדינגונגען.

פאָטאָגראַפיעס

וולאַדימיר מעדעם



מאַרק ליבער

בראָניסלאַוו גראָסער

ר. אַבראַמאָוויטש
(פאָטאגראַפירט אין 1903)



פּאַוועל אַקסעלראָד



געאָרגי פּלעכאַנאָוו

וועראַ זאַסוליטש

עדואַרד בערנשטיין

קאַרל קאַוטסקי

מאַרקוס קאַסוואַן

סאַראַ קאַסוואַן

סינאַי

דר. ק. אייניגלער

פּראָפ. ליבמאַן הערש

אַלבערט לוריע, אַנאַ און פּאַוועל ראָזענטאַל, טאַראַס
(פֿאָטאָגראַפֿירט 1906 אין בערן בשעת דער 7טער קאָנפֿערענץ)

פראַניאַ גראַבעלסקאַ

אסתר ריסקינד, זאַקהיים
(אומגעקומען 1905 אין ביאַליסטאָק)

ב. װלאַדעק

דזשאַן מילל און זיין פרוי אויף דער עלטער



הענריק ערליך

וויקטאָר אַלטער

זוכצעטל פון נעמען

זוכצעטל פון נעמען

אַבראַמאָוויטש — 11, 170, 209, 221, 237.
אַבראַם (איינבינדער) — 16.
אַדלער, וויקטאָר — 164, 167, 262.
אַזעף, יעוונא — 74, 75, 77, 79.
אַלבאַרדאַ — 266.
אַלטער, וויקטאָר — 191.
אַלעקסאַנדרינסקי, אַבראַם — 16.
אַמפּיטעאַטראָוו — 196.
אַנאַסאָוו — 28.
אַנדרעיעוו — 43.
אַנזעל — 163.
אַגמאַן — זע ראָזענטאַל, פּאַוועל.
אַנסקי, ש. — 23.
אַנשעלעס — 95, 96.
אַפּטעקמאַן און פרוי — 195.
אַקימאָוו (מאַכנאָוויעץ) — 28, 100, 114, 116.
אַקסעלראָד, פּאַוועל — 25, 28, 100, 121.
אַקסעלראָד, ליובאַ — 107.
אַרקאַדי — זע קרעמער.
אשפּיז — 109, 216.
אַשקענאַזי — 246.
אַזשעך — 271, 273.
אַלגין — זע נאָוואָמייסקי.
אוטגאָף, גענעראַל — 183.
אוליאַנאָוו — זע לענין.
איזביצקי, יוסף — זע מיכאַלעוויטש, בייניש.
איוואַנשין — 28, 100.
אינגערמאַן — 28.
איש־תקוה — זע הפּמאַן־ צביון.
איידלמאַן — 116.
אייזענשטאַט, איסאַי („וויטאַלי") — 109, 116, 221, 237, 240.
אייזענבערג, מאַריאַנע — 157.
איינהאָרן, דוד — 273.
באַזאַראָוו (רודנעוו) — 44.
באַסקין, יוסף — 222.
באַריאַטינסקי, פירסט — 184.
באַנעוואור — 109.
בוכהאַלץ — 31.
ביילים — 239.
ביין — 72.
בייניש — זע מיכאַלעוויטש.
בלום, הלל — 191.
בלומשטיין — 33, 72, 80, 222.
„בן־אהוד" — זע זשיטלאָווסקי, ח.
בעבעל — 163, 164.
בעלאָצערקאָווסקאַיאַ — 45.
בענסקי, ב. — 11, 222.
בערמאַן, פּאַוועל — 5, 11, 13, 14.
בערנשטיין, לעאָן — 16.
בערנשטיין, עדואַרד — 161.
בראַנשטיין, אָלגאַ — 44.
בראַס, דר. — 286.
ברוין, סערגיי — 216.
ברוקער — 116.
ברוקער (פרוי) — 117.
ברעשקאָווסקאַיאַ — 163.
גאַפּאָן — 195, 196.

גאַרווי — 142.
גאַזשאַנסקי — 11.
גאָלדע — 71.
גאָץ — 195.
גורעוויטש, מ. — 45.
גינסבורג־„גיסער", יעווגעני — 95, 208.
געד — 86, 89, 163, 164, 255, 262.
גראַבעלסקאַ, פאַניאַ — 72.
גראָס, איגנאַץ — 152, 153.
גראָסמאַן — 44.
גראָסער, בראָניסלאַוו („זעלצער") — 11, 170, 174, 177, 188, 201, 212, 222, 237.
גרינעוויטש — זע קאַגאַן, מ.
גרינפעלד (ברידער) — 208.
דאַווידזאָן — 45.
דאַשינסקי — 146, 152, 153.
דאַוגיערדס (צעלינע און פאַמיליע) — 53, 58, 77, 78, 189, 256, 276, 277, 278.
דואַ — 235.
דובנאָוו, ש. — 203, 204.
דזיערדזשינסקי, פעליקס — 136, 143, 144.
דיקשטיין — 246.
דמאָווסקי — 285.
דעווענישסקי (א. ווייטער) — 208, 219.
דראַזנעס — 216.
האַמונקולוס — זע זאַסלאַווסקי, דוד.
האַפּמאַן, ב. (צביון) — 71, 72, 79, 80, 222.
הויסמאַנס, קאַמיל — 167.
הורוויטש, צביה — 5, 16, 17, 18, 109.
הילקוויט — 163.
הייליקמאַן — 95, 282.
היינדמאַן — 167.
העלער (אַדנרעיעוואַ) — 45.
הערצל, דר. — 132.
הערווע — 258.
הערש, ליבמאַן — 11, 236, 240, 263, 268.
וואַיאַן — 88, 262.
וואַנדערוועלדע — 163, 164, 266.
וואַן־קאָל — 167.
וואַסילטשיקאָוו, פּרינץ — 183.
וואַרינסקי — 195.
וואַרסקי — 163, 167, 251.
וואַינאַראָווסקאַ, צעזאַרינאַ — 163.
וואָלף, לוסיען — 194.
וויוויאַני — 256.
וויטאַלי — זע אייזענשטאַט איסאַי.
ווילבושעוויטש, מאַניאַ — 126.
ווילטער, מאַרק און שפרה — 191.
ווינאַקור, מאַקס — 11, 109, 173, 174.
ווינטשעווסקי, מ. — 23.
ווינער — 216.
ווינשטיין, אַראָן („ירחמיאל") — 11, 54, 62, 63, 66, 222, 237.
ווייסנבלום, שמאי („קרומקאָפּ") — 62, 109.
וולאַדימיר — זע קאַסאָווסקי.
וולאַדעק, ב. — 215, 216.
זאַלקינד, אַלבערט — 18.
זאַסוליטש, ווערא — 25, 28, 100, 121.
זאַסלאַווסקי, דוד („פּיליפּ", האַמונקולוס") — 96, 97, 208, 222, 240, 281, 282.
זאַקאַן, חיים — 157.
זאַקהיים, דימיטרי — 222.
זאַקס, א. ש. — 223.
זאַלאָטאַראָוו — 95, 208.
זובאַטאָוו — 1, 16, 61, 125.
זוסמאַן, פּיטער — 280.
זיבערט — 273.

זינאָוויעוו — 268.
זינגער, זלמן — 109.
זעלדאָוו, סערגיי — 11, 15, 17.
זשאַלודסקאַ, מאַריאַ — 16.
זשיטלאָווסקי, ח. — 23, 33, 34, 35, 40, 54, 55.
זשאַרעס — 86, 90, 164, 254, 256.
טאַראַס — זע קאַץ, דוד.
טאַביאַס, מאַקס — 18.
טיומין — 72, 222.
טעסלער — 28, 100.
טעפּלאָוו — 28.
טערמאַן, משה — 192, 222.
טראַיאַנאָווסקי — 57.
טראָצקי — 20, 99, 121, 229.
טרולסטראַ — 163.
טרוסעוויטש — 44.
טרעפּאָוו — 125.
טשיריקאָוו — 246.
טשכעאידזע — 286.
טשכענקעלי — 286
טשעמערינסקי — 235, 263.
יאַגעלאָ — 240.
יאַגיכעס — 251.
יאַדקאַ — 252.
יוזעפּאָוויטש, ליובאַ — 45.
ירחמיאל — זע וויינשטיין, אַראָן.
כאָווקין — 208.
כאַנזשי — 44.
כמילאָווסקי — 245.
לונאַטשאַרסקי — 229.
לועגער, קאַרל, דר. — 2, 3.
לוריע, אַלבערט — 157, 208.
לוקסעמבורג, ראָזאַ — 136, 163, 164, 234, 251.
ליבמאַן־הערש — זע הערש.
ליבער, מאַרק — 11, 109, 114, 116, 167, 170, 173, 209, 221, 237, 240, 263.
ליבקנעכט, קאַרל — 262.
ליטוואַק, אַ. — 11, 96, 212.
ליכטענשטיין, י. — 283, 286.
ליעסין א. (וואָלט, אברהם — 23, 194, 215.
ליפעץ, דוד (מאַקס גאָלדפאַרב) — 192.
ליפשיץ, אַנאַ — 72, 73.
ליפשיץ, עזאַ — 72, 73.
לעוויט, ראָזאַ („פרידאַ") — 45, 109, 192.
לעווין, שלום — 109.
לענין — 104, 107, 110, 111, 112, 113, 119, 121, 211.
לעסנעווסקי — 285.
לעקערט, הירש — 127.
מאַזאָווער, מאַקס — 45, 222.
מאַכלין, ד. — 11, 45, 222.
מאַסלאָוו — 43.
„מאַקסים" — זע קלעוואַנסקי, סעמיאָן.
מאַרגאָלין, סעמיאָן — 72, 192.
מאַרטאָוו — 99, 100, 102, 103, 107, 113, 114, 116, 121.
מאַרטינאָוו (פּיקער) — 100, 116.
מאַרכלעווסקי — 136, 163.
מאַצקין — 46.
מינוועז — 16.
מושקאַט — 271.
מוטניקאָוויטש, גלעב — 11, 81, 100, 109, 131.
מיטשניק („טשעך") — 192.
מיכאלעוויטש, בייניש — 11, 16, 18, 240, 273, 285, 286.
מילעראַן — 88, 89.
מילך — 194.
מייער, דוד — 235.
מעדעם, וולאַדימיר — 11, 116, 119, 167, 174, 175, 204, 205, 209, 237, 238, 240, 273,

נאַכאַמקעס — 99, 100, 101.
נאַוואָמייסקי, משה („אַלגין") — 95, 221.
נאַמבערג — 193.
נח — זע פּאַרטנאָי.
ניעמאַנסקי — זע זעלדאָוו, סערגעי.
נירענבערג, פאַניאַ — 192.
סאַווינקאָוו — 44.
סאַלוצקי — 216.
סוראַוויטש, פאַניאַ — 45.
סטרואַווע — 246.
סטרעלצאָוו — 44.
סינאַי — 66, 144, 145.
סירקין — 46.
סלעפּיאַן און פּרוי — 45.
סמיט — 163.
סעגאַל, שיינע רייזל — 16.
סערגעי (גראָספּירשט) — 125.
עזרא — זע ראָזן.
עפּשטיין, ליזע — 16.
עפראָס — 33, 72, 222.
ערליך, הענריך — 191, 235, 240, 281, 282, 286.
פאָזנאַנסקי, ת. — 273.
פאַרטנאָי, נח — 11, 81, 93, 98, 109, 116, 119, 183, 201, 227, 257, 263, 271, 273, 285, 286.
„פאַוועל פאַלסקי — זע קאַקטשינ־סקי, איגנאַץ.
פאַטרעסאָוו — 99.
פאָקראָווסקי — 43.
פואַנקאַרע — 256.
פּילסודסקי — 13, 230, 252.
פּינאַי — זע ראָזענטאַל, פאַוועל.
פּינסקי, דוד — 45.
פּיקער — זע מאַרטינאָוו.
פּייסאַכזאָן — 192, 222, 283.
פלאַכאַצקי־וואַסילעווסקי — 252.
פּלעווע — 130, 132.
פּלעכאַנאָוו — 25, 27, 28, 99, 100, 107, 121, 124, 160, 164, 228, 262.
פּעסקין, יעקב — 240.
פּעסקין, ישראל — 28, 100, 117.
פּערל — 252.
פּרץ — 193.
פּירסטענבערג („גאַניעצקי") — 144, 146.
פייגענבוים, ב. — 194.
פיינשטיין — 95.
פעלדמאַן — 246.
פראַנץ — זע קורסקי, פראַנץ.
פרומקין, אסתר — 11, 240, 263.
פרומקין, באָריס — 11, 109, 192, 222, 240.
צאַלעוויטש, ב. 235.
צביה די זעמשערקע — זע הור־וויטש, צביה.
צביון — זע האָפּמאַן, ב.
ציפּקינא — 109.
צעטערבוים, מאַקס — 80.
צעטקין, קלאַראַ — 163, 164.
קאַהאַן, אייב — 280.
קאַהאַן, ב. (ווירגילי) — 216.
קאַטיאַמאַ — 160.
קאַנטאַראָוויטש — 282.
קאַסוואַן, מאַרקוס — 155.
קאַסוואַן, סאַראַ — 155.
קאַפּלינסקי — 109, 199.
קאַץ, דוד („טאַראַס") — 5, 7, 11, 15, 16, 48, 50, 56, 66, 109.
קאַרפּאָוויטש — 44.
קאַגאַן, מ. גרינעוויטש — 43, 100.
קאַיגען, יונה — 11, 109, 173, 174, 209, 221, 235, 263, 368.
קאַוואַלסקי — 71.
קאַלצאָוו (גינסבורג) — 28, 100.
קאַסאָווסקי, וולאַדימיר — 1, 11, 14,

81, 100, 107, 114, 116, 162, 167, 178, 186, 188, 228, 237, 263, 264, 268, 276, 282, 286.
קאַפּעלזאָן, צמח („טימאַפּעי״) — 5, 6, 11, 18, 27, 28, 30, 35, 40, 45, 72, 100, 102, 109, 221.
קאַק — 27.
קאַקאַטשינסקי, איגנאַץ — 197, 200.
קאַראַבאַטשקין — 72.
קוועלטש — 167.
קאַוטסקי, קאַרל — 53, 133, 141, 163, 164.
קולטשיצקי — 144, 145.
קורנאַטאָווסקי — 28.
קונאָוו, פּראָפ. — 223.
קוסקאָוואַ — 26, 44.
קוראָקי, י. („ראַוורעבע״ —) 191, 216.
קורסקי, פראַנץ — 142, 182, 186, 195, 221, 222, 237, 263, 268, 276, 282, 286.
קייר־האַרדי — 167.
קלעוואַנסקי, סעמיאָן (מאַקסים) — 61.
קעמפּנער — 246.
קראַסילניקאָוו — 199.
קריטשעווסקי, באָריס — 100, 117.
קרעמער, אַרקאַדי — 1, 11, 14, 81, 100, 102, 109, 114, 167, 178, 188, 195, 201, 209, 221.
קרעמער, פּאַטי — 188.
ראבקין, איסר — 47, 109, 222.
ראַבינאָוויטש, מ. — 109.
„רבי קרוב״ — זע בלומשטיין.
ראַדטשענקאָ — 117.
ראַטשקאָווסקי — 77.
ראַפּאָפּאָרט, שאַרל — 163, 222.
ראַפּעס, מ. — 216, 237, 240, 263, 270, 281, 282.
ראָזען, עזרא — 11, 72.
ראָזענטאַל, אַננאַ — 64, 65, 97, 157, 240, 282.
ראָזענטאַל, פּאַוועל („פּינאָי״, אַנ־מאַן) — 11, 18, 63, 64, 65, 66, 94, 96, 97, 157, 222.
ראָטשטיין — 136, 194, 222.
ריסקינד, אסתר — 11, 192, 194.
רייזען, אברהם — 193.
רייכנשטיין, ראָזע — 45.
רייגוס, מ. — 11, 40, 45.
שאַליט, וואָלף — 45.
שארנבערג — 32, 42.
שולמאַן, וו. — 11, 57, 192, 216, 273.
שטרעבל — 223.
שפּרינגער — 52.